פראפ. א. שעלענגאווסקי

אלגעמיינע געשיכטע

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

יאטשקאָווסקיס
„פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק”

פּראָפ. א. שעלענגאָווסקי

אַלגעמיינע געשיכטע

און געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע

אויטאָראָזירטע איבערזעצונג
פון עלים בערנשטיין

א מתנה פון
אידישן ארבעטער קאמיטעט
JEWISH LABOR COMMITTEE
175 EAST BROADWAY
NEW YORK 2, N. Y.

וואַרשע - ניו־יאָרק 1930

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Printed in Poland

Dzieje powszechne i cywilizacyi
Prof. A. Szelęgowskiego

Popularna Bibljoteka Naukowa
Wyd. Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8

געזעצט ביי מ. ברוק, ווארשע, לעשנע 27

Druk. „Renoma", Warszawa, Karmelicka 17, tel. 243-78.

פראָפ. א. שעלענגאָװסקי
אלגעמיינע געשיכטע און געשיכטע
פון דער ציװיליזאציע.
I באנד.

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

הקדמה

דערדאָזיקער באַנד אַנטהאַלט די געשיכטע פון אַלטן מזרח, אויף ווי ווייט דערדאָזיקער טערמין נעמט אַרום דעם דעם געאָגראַפישן שטח, פון מיטללענדישן ים (עגיפטן) ביז צום פּאַציפיק צוזאַמען מיטן מערבדיקן בערגראַנד פון מיטל- און דרום-אַמעריקע; כראָנאָלאָגיש אָבער די תקופה פון די אָפּגע-שטאָרבענע קולטורן, איינשליסנדיק דערין אינדיע און כינע, פון וועמעס קולטור-סוף מיר זעמיר היינט עדות, ווי אויך די נייע וועלט (אַמעריקע), וועמעס קולטורן ס'זענען אָפּגעשטאָרבן צוזאַמען מיט דעם אָנקום פון די אייראָפּעער.

די אילוסטראַציעס זענען צוגעגעבן געוואָרן נישט מחמת באַצירונג אָדער שטילונג פון נייגעריקייט, נאָר זיי דאַרפן דינען פאַר זיך גופא אַלס דאָקומענט און לעבעדיק בילד פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. ס'איז אין זיי אַנטהאַלטן מער מאַטעריאַל, איידער אין טעקסט גופא. דאָס אויג פון לייענער דאַרף זיך אויף זיי אויסבילדן נישט בלויז קינסטלעריש, נאָר אויך פאָרשעריש; מחמת אלגעמיינע געשיכטע און געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע איז נישט קיין מנעמאָטעכניק פון דאַטן, נעמען און פאַקטן, נאָר אַ וויסנשאַפט, וועלכע אַנטוויקלט אַלע מענטש-לעכע חושים, נישט צום ווייניקסטן די אָבסערוואַציע-פעיקייט און די פעיקייט פון פראַקטישן דענקען. דער מחבר האָט אויף זיך גענומען די ראָלע נאָר פון אַ וועגווייזער און פאַרמיטלער צווישן דערדאָזיקער אָפּגעשטאָרבענער וועלט פון דענקמעלער און דעם לעבעדיקן מיטצייטיקער גייסט.

וואָס שייך מאַפּעס, האָב איך מיט זיי פאַרזען דאָס ווערק נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל מ'האָט געדאַרפט רע-קאָנסטרויִרן די אַלטערטימלעכע וועלט. עס איז בכן צוגעגעבן

איין מאַפּע פון עגיפּטן, אַ צווייטע פון נאָענטן מזרח אין VII י. ה. פאַר קר. אַלע אַנדערע געאָגראַפישע ידיעות וועט דער לייענער זיך קאָנען אַליין דערגאַנצן מיט דער הילף פון יעדער בעסערער מאַפּע.

די ביבליאָגראַפיע איז דאָ אָנגעגעבן, אויף וויפל כ׳האָב די אָנגעוויזענע נייערע ווערק געהאַט אונטער דער האַנט. וואָס איז ליידער, באַ דער כמעט פולשטענדיקער פאַרנאָכלאָזונג פון דער לערע פון אַלגעמיינער געשיכטע באַ אונז און דעם איר אַנאַלאָגישן מצב פון אונזערע עפנטלעכע ביבליאָטעקן, נישט תמיד געלונגען. כ׳מיין אָבער, אַז אַפילו באַ דידאָזיקע אָנווייזונגען וועט יעדער לייענער בכוח זיין צו פאַרברייטערן דעם ביבליאָגראַפישן טייל און אים דערגאַנצן ביז צו די געוווּנטשענע גרעניצן.

לסוף האָב איך אָנשטאָט טיטלען צו יעדער שטעל אָנגעווענדט דעם סיסטעם פון פּראַגעס, וועלכע פאַרטרעטן נישט, וואָס אַן אמת, די אָנווייזונגען און דערקלערונגען פונם לערער, זיי קאָנען אָבער דעם לייענער באַהילפיק זיין צום איבערחזרן און באַנעמען דעם סך-הכל פון מאַטעריאַל, בפרט באַ דער אַליינבילדונג.

כ׳האַלט פאַר מיין ליבן חוב צו דאַנקען דעם דר. משה שור, דאָצענט פון סעמיטאָלאָגיע און סעמיטישע שפּראַכן, פאַר די קאָלעגיאַלע הילף באַם איבערקוקן די בויגנס פון סעמיטישן מזרח.

אַרײַנפֿיר

§ 1 די לערע פֿון געשיכטע

געשיכטע הייסט די דערציילונג וועגן די געשעענישן און פּערזאָנען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. צווישן דער פֿאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט איז נישט פֿאַראַן קיין גענויע גרעניץ-ליניע. די געשעענישן רוקן זיך שנעל פֿאַרביי, און די פּערזאָנען ענדערן זיך. דידאָזיקע ענדערונג פֿון פּערזאָנען און געשעענישן אין דער געשיכטע רופֿן מיר אָן **אַנטוויקלונג**. דערפֿאַר לערנט די געשיכטע צו דערקענען די אַנטוויקלונג פֿון מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד. דער נוצן פֿון דער געשיכטס-לערע באַשטייט דערין, וואָס קענענדיק די פֿאַרגאַנגענהייט, קאָנען מיר בעסער פֿאַרשטיין די קעגנוואַרט, און פֿאָרויסזען די צוקונפֿט. דערפֿאַר האָבן די אַלטערטימלעכע אָנגערופֿן די געשיכטע „**די מײַסטערין פֿון לעבן**“.

§ 2 פּראַגמאַטיזם

די דאַטן וועגן פּערזאָנען און געשעענישן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט בילדן די היסטאָרישע פֿאַקטן. ס׳איז אָבער נישט גענוג צו קענען בלויז די פֿאַקטן. מען דאַרף נאָך וויסן וועגן דער צייט און אָרט פֿון יעדן געשעעניש. דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די געשעענישן אין דער צייט רופֿן מיר אָן

וואָס פֿאַררעכענען מיר צו דער פֿאַרגאַנגענהייט? סאַראַ צוזאַמענהאַנג איז פֿאַראַן צווישן דער פֿאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט? וואָס גייט אַרײַן אין גדר פֿון געשיכטע? סאַראַ נוצן איז פֿאַראַן פֿון דער געשיכטס-לערע? אויף וועלכערע פֿראַגעס ענטפֿערט די געשיכטע (וואָס און

כסדרדיקייט אָדער נאָכאַנאַנדקייט פון די געשעענישן. אָבער נישט אַלע געשעענישן, וועלכע פאָלגן נאָכאַנאַנד, זענען צווישן זיך אין אוממיטלבאַרן, נויטווענדיקן צוזאַמענהאַנג. דער היסטאָרישער צוזאַמענהאַנג פאַרלאַנגט, אַז צווישן די געשעענישן זאָל זיין אַזאַ פאַרהעלטעניש, וואָס קומט פאָר צווישן דער סיבה און פועל-יוצא. דאָס אויפזוכן פון דאָזיקן פאַרהעלטעניש, אָדער דעם סיבהדיקן קשר צווישן די פאַקטן, רופט זיך געשיכטס-פראַגמאַטיזם.

§ 3 הילפס-לערעס פון דער געשיכטע

כראָנאָלאָגיע און געאָגראַפיע. צום מעסטן די אַנטוויקלונג אין דער געשיכטע באַנוצן מיר די מאָס פון צייט. איר רעכן-איינצל איז אַ יאָר. אָבער די לענג פון יאָר איז אַ פאַרשידענע, אָפּהענגיק פון דעם אָבסערוואַציע-אופן (למשל, זון-יאָר און לבנה-יאָר). מיט דער באַצייכענונג פון די דאַטעס – טעג, חדשים און יאָר – פאַרנעמט זיך דער קאַלענדאַר. די דאַטע, פון וועלכער מיר הויבן אָן דעם חשבון פון דער צייט, רופט זיך ערע (יידישע, קריסטלעכע, מאַכמעדאַנישע ערע). מיט דער פאַרגלייכונג און פעסטשטעלונג פון היסטאָרישע דאַטעס מיט דער הילף פון אַסטראָנאָמיע פאַרנעמט זיך די כראָנאָלאָגיע. די געשיכטע פאַרלאַנגט אויך די באַשטימונג פון אָרט און די באַצייכענונג פון די פיזישע און נאַטורלעכע תּנאים פון דעם מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד. די דאָזיקע אויפגאַבע דערפילט די געאָגראַפיע. די כראָנאָלאָגיע און געאָגראַפיע, הגם איטלעכע בילדעט אַ באַזונדערן צווייג פון מענטשלעכן וויסן, זענען זיי צוגלייך הילפס-לערעס פאַר דער געשיכטע.

---

§ 4 דענקמעלער און היסטאָרישע מקורים.

אורגעשיכטע, ארכעאָלאָגיע און פאָלקלאָר. ידיעות וועגן די פאַקטן שעפּן מיר פון די דאָקומענטן. דידאָזיקע דאָקומענטן זענען: אָדער מאַטעריעלע רעשטן פון דער פאַרגאַנגענהייט ווי בנינים, מלבושים, מכשירים, געווער, קונסט-ווערק, טיילמאָל מטבעות; אָדער גייסטיקע איבערבלייבענישן סיי מינדלעכע, ווי מסורות, גלויבענישן, מנהגים א. א. וו. סיי שריפטלעכע—ד. ה. אַלצדינג, וואָס האָט זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט אויפגעהיטן אין שריפט. אי דעם ערשטן, אי דעם צווייטן מין דאָקומענטן רופן מיר אָן מקורים אָדער היסטאָרישע דענקמעלער. די געשיכטע הויבט זיך אָן דאָרט, וווּ מ׳קאָן גענוי פעסטשטעלן די צייט און דאָס אָרט פון אַ געוויסן געשעעניש. אַחוצדעם איז פאַראַן פיל דאָקומענטן וועגן מענטשלעכן לעבן פון אַזעלכע ווייטע צייטן, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר זיי נישט קיין גענויע דאַטע, און נישט קיין זיכערקייט בנוגע דעם אָרט פון זייער אָפּשטאַם. אַזעלכע פאַקטן רופן זיך פאָר-היסטאָרישע, און די לערע, וועלכע באַשרייבט זיי און פאָרשט, פרעהיסטאָריע. דער הויפּט-מאַטעריאַל פאַר איר איז פאַרבאָרגן אין דער ערד. און ווירקלעך פאַרנעמט זיך איינע פון די צווייגן פון דער אורגעשיכטע מיט די אויסגראָבונגען; דאָס איז די אַרכעאָלאָגיע. אָבער אַ טייל פון די פאָרהיסטאָרישע מאַטעריאַלן האָבן זיך אויפגעהיטן ביזן היינטיקן טאָג צווישן דעם פאָלק — אין זיינע גלויבענישן, פאָראורטיילן, זאַבאָבאָנעס, מסורות, לעגענדעס און שפּריכווערטער. מיט דער פאָרשונג פון דאָזיקן מאַטעריאַל פאַרנעמט זיך דער צווייג פון פרעהיסטאָריע, וואָס ווערט אָנגערופן פאָלקס-קענטעניש, אַנדערש פאָלקלאָר.

זענען פאַראַן אין דעם צייט-חשבון? פונוואַנען שעפּן מיר ידיעות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט? סאַראַ שפּורן האָט איבערגעלאָזט די פאַרגאַנגענהייט? וואָסערע זענען די היסטאָרישע רעשטן אָדער דענקמעלער? וואָס איז אַזוינס מקור? ווו דאַרף מען זוכן מקורים פאַר דער געשיכטע? סאַראַ נפקא-מינא איז צווישן אַ היסטאָרישן און פאָרהיסטאָרישן מקור? סאַראַ איז דער מאַטעריאַל פון דער אַרכעאָלאָגיע, פון פאָלקלאָר? וואָסער

§ 5. ציוויליזאַציע

אַלץ, וואָס דער מענטש האָט אויפגעטון אויף דער ערד, הן אויפן געביט פון מאַטעריעלן לעבן, הן אויפן געביט פון גייסטיקן לעבן רופט זיך ציוויליזאַציע. ציוויליזאַציע איז בכן דער פּועל־יוצא פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג. די געשיכטע פאָרשט ניִשט בלויז די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד, נאָר אויך דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציע. לגבי אונז גופא איז ציוויליזאַציע די ירושה נאָך די פעלקער, וועלכע האָבן ביז אונז געשאַפן געשיכטע.

§ 6 די איינטיילונג פון דער געשיכטע אויף תּקופות

אַלגעמיינע און באַזונדערע געשיכטע. דאָס יאָר איז נאָר אַ כּמותדיקע מאָס פון דער צייט. די איכותדיקע מאָס זענען די געשעענישן גופא. די איינאַרטיקע אָדער ענלעכע געשעענישן בינדן זיך אין איין תּקופה. די תּקופה איז אַ היסטאָרישע מאָס פון דער צייט. דער מאָמענט, ווען ס׳הויבט זיך אָן איין תּקופה און ס׳ענדיקט זיך אַ צווייטע, רופט זיך עפּאָכע. די עפּאָכע איז געוויינלעך אַ וויכטיקער געשיכטס־פאַקט. דער אונטערשיד צווישן דעם קאַלענדאַרישן און היסטאָרישן צייט־חשבון באַשטייט דערין, וואָס די קאַלענדאַרישע רעכן־איינצלען זענען תּמיד גלייך, די תּקופות אָבער זענען פאַרשידן בנוגע דער לענג פון דער צייט. טיילמאָל זענען די היסטאָרישע תּקופות צוגלייך כראָנאָלאָגישע און פאַרטרעטן דעם קאַלענדאַרישן צייט־חשבון, צ. ב. די הערשאַפט פון די מלכים אָדער דינאַסטיעס

איז דאָס איבערבלייבעניש פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג? וואָס איז אַזוינס ציוויליזאַציע? סאַ־אַ נפקא־מינא איז צווישן דער קאַלענדאַרישן און היסטאָרישן צייט־חשבון? וואָס איז אַזוינס אַ תּקופה? וואָס איז אַזוינס אַן עפּאָכע? סאַראַ איז דער איינטייל פון דער געשיכטע לויטן אָרט, לויט פעלקער? וואָס איז אַזוינס פּאַרטיקולאַרע געשיכטע? וואָס איז

אין מִזרח (ווי אין עגיפּטן). אַחוץ דער כראָנאָלאָגישער און היסטאָרישער איינטיילונג אויף תּקופות, איז נאָך פאַראַן אַן איינטיילונג פון דער געשיכטע לויט לענדער און פעלקער. אַזאַ מין איינטיילונג רופט זיך באַזונדערע אָדער פּאַרטיקולאַרע געשיכטע. דער סכום פון דער געשיכטע פון אַלע פעלקער און אַלע לענדער ביזן היינטיקן טאָג רופט זיך אַלגעמיינע געשיכטע.

§ 7 די תּקופות פון דער אַלגעמיינער געשיכטע

די אַלגעמיינע געשיכטע טיילט זיך אין דריי תּקופות: 1) די עלטסטע אָדער אַלטערטימלעכע תּקופה, פון וועלכער עס הויבט זיך אָן די געשיכטע; 2) די איבערגאַנגס-צייטן אָדער די מיטעלעלטערישע תּקופה און 3) די נייע תּקופה, וועלכע דויערט ביז אויפן היינטיקן טאָג. דער אונטערשיד צווישן דידאָזיקע תּקופות באַשטייט אין דעם אונטערשיד פון די געשעענישן. די הויפּט-געשעענישן אָדער תּקופות זענען: 1) די ירידה פון רוימישן קייזערטום (476!) אויף דער שוועל פון דער מיטלעלטערישער געשיכטע און 2) די אַנטדעקונג פון אַמעריקע (1492!) אויפן שיידוועג פון מיטלעלטער און נייער צייט. יעדע פון דידאָזיקע תּקופות האָט בכן אַ פאַרשידענע לענג פון דויער. אָבער אַחוץ די צייט-אונטערשידן זענען נאָך פאַראַן אָרט-אונטערשידן. די ארענע פון דער געשיכטע אין אַלטערטום זענען די לענדער, וועלכע ליגן אויפן דורכגאַנג צווישן אַזיע, אפריקע און אייראָפּע, דערעיקער די מיטל-ימיקע. דער מיטלעלטער נעמט אַרום, אַחוץ זיי, נאָך אייראָפּע אָדער מערב. אויף דער שוועל פון דער נייער געשיכטע נעמט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג אַרום אויך די נייע וועלט, ד. ה. אַמעריקע, און מיט דער צייט פאַרברייטערט זי זיך אויףביידע האַלבקוילן. ביסלעכווייז

אַלגעמיינע געשיכטע? וואָסערע זענען די אונטערשידן אין דער אַלגעמיינער געשיכטע בנוגע די געשעענישן, צייט און אָרט? וועלכע זענען די הויפּט-תּקופות? אויף וויפל תּקופות טיילט זיך די אַלגעמיינע געשיכטע און אויף וועלכע? וועלכע פעלקער זענען אָנערקענט אין דער געשיכטע

פאַרוואַנדלט זיך די מיטללענדישע און מערב-אייראָפּעישע געשיכטע אין אלוועלטלעכער געשיכטע.

§ 8 אַלטערטום

די אַלטערטימלעכע פעלקער זענען די, וועמעס געשיכטע ס'האָט זיך שוין געענדיקט, און נאָך וועלכע עס איז נאָר פאַרבליבן זייער ציוויליזאַציע. דידאָזיקע ציוויליזאַציע האָבן אָפּגעירשנט אַנדערע פעלקער, וועמעס געשיכטע בילדעט די מיטלעלטערישע און נייע תּקופה, וועלכע דויערט ביז אונזערע צייטן. אָבער נישט אַלע פעלקער, וועלכע זענען באַקאַנט געווען אין אַלטערטום, זענען היינט אָפּגעשטאָרבן. אייניקע פון זיי האָבן געענדערט זייער ציוויליזאַציע, און אַפילו זייער עטנישן בוי, ווי די גריכן און רוימער, אַנדערע האָבן אויפגעהיטן זייערע אייגנטימלעכקייטן ביז צו אונזערע צייטן, ווי די הינדוסן און כינעזער. אָבער די ציוויליזאַציע פון די לעצטע האָט נישט צושטייער געגעבן צו אונזער מאָדערנער ציוויליזאַציע. דידאָזיקע פעלקער האָבן זייער באַזונדערע געשיכטע.[1] דערפאַר שליסן מיר זיי איין אין דער אַלגעמיינער געשיכטע נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי קומען אין באַריר מיט דער מיטללענדישער אָדער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע.

§ 9 מזרח און מערב

אין געאָגראַפישער הינזיכט טיילן מיר די אַלטע וועלט אויף צוויי טיילן: מזרח און מערב. דעם אייגנטלעכן מערב בילדעט

---

[1] פאַר אויסגעשטאָרבענע, און וואָס איז נאָך זיי פאַרבליבן? וועלכער איז דער מקור פון דער אַלטערטימלעכער ציוויליזאַציע? וועלכע פעלקער האָבן זייער באַזונדערע געשיכטע? צי און אויף וויפל גייען זיי אַריין אין דער אַלגעמיינער געשיכטע? סאַראַ איז די געאָגראַפישע איינטיילונג פון די פעלקער און די איינטיילונג פון זייער ציוויליזאַציע? וואָס איז אַזוינס

נאָר די אייראָפּעישע יבשה, אָבּער זיין געשיכטע געפינט זיך אין אַן ענגן קשר מיט דער געשיכטע פון דער מזרח-טייל, וועלכע מיר רופן צוליב דעם נאָענטער מזרח. מיר פאַררעכענען צו אים פאָדעראַזיע און אַ טייל פון מיטלאַזיע ביז צום טייך אינדוס, די הימאַלאַישע בערג און די הויכעניש פון דעמזעלביקן מיטלאַזיע. אַלץ, וואָס געפינט זיך מחוץ דערדאָזיקער ליניע, רופן מיר אָן ווייטער מזרח. דעדדאָזיקער מזרח איז ערשט אין דער נייעסטער צייט אַריין אין גדר פון דער אַלגעמיינער גע-שיכטע, דערקעגן האָט דער נאָענטער מזרח אַנטהאַלטן אין זיך די התחלות פון דער אייראָפּעישער געשיכטע און איז דאָס וויגעלע פון אונזער ציוויליזאַציע. דערפאַר הויבן מיר אָן די אַלטערטימלעכע געשיכטע מיט דער געשיכטע פונם מזרח.

מזרח און מערב? סאַראַ אונטערשיד איז פאַראַן צווישן נאָענטן און ווייטן מזרח? וועלכער פון זיי האָט אַ באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון אייראָפּע?

עגיפטען צוזאמען מיט די שכנותדיקע לענדער פונם מזרח.

עגיפטן

§ 1 געאָגראַפישע לאַגע

עגיפטן ליגט אין דער צפון-מזרחדיקער טייל פון אפריקע. זי איז אַרומגערינגלט פון צוויי זייטן מיט מדבר — אויף מזרח מיט דעם אַראַבישן מדבר, וואָס פאַרייניקט זי מיט דער שכנות-דיקער אַזיאַטישער יבשה׳ אויף מערב מיט דעם ליבישן מדבר, וועלכער גייט איבער אין דעם גרויסן זאַמדיקן ים פון סאַהאַראַ. אַזוינאָך בילדעט עגיפטן אַ מין אָאַזיס. דעמזעלביקן פּאַס מדבריות שניידן דורך אַנדערע, קלענערע אָאַזיסן, פון וועלכע דער באַרימטסטער איז דער אָאַזיס סיווע, וואָס פאַרייניקט דעם פרוכטבאַרן ראַיאָן פון מיטל-עגיפטן, פאַיום, מיט דעם שכנותדיקן טריפּאָליטאַנישן ברעג. מחמת איר ים-התיכונדיקע לאַגע, האָט עגיפטן אַ וואַרימען מעסיקן קלימאַט, אָבער זי ליידט פון דוחק אין אַטמאָספערישע אָפּזעצונגען. אין עגיפטן פאַלן רעגנס בלויז אין חודש דעצעמבער, און דאָס גאָר אין דעם פּאַס, וואָס באַם ים. די גאַנצע פייכטקייט, וועלכע איז נויטווענדיק פאַר דעם פלאַנצן-און חיות-לעבן, פאַרדאַנקט עגיפטן דעם טייך נילוס.

§ 2 דער טייך נילוס

דער טייך נילוס פליסט אַדורך עגיפטן פון דרום צו צפון, פונאַנדערטיילנדיק זיך ערטערווייז אויף אָרעמס. פון זיי טראָגט

ווו ליגט עגיפטן? ווי איז איר געאָגראַפישע לאַגע? ווי איז די אומ:עב.ג.: פון עגיפטן און איר באַציונג צו אַנדערע לענדער? ווי איז

איצט דער מערבדיקער, טיילווייז קינסטלעכער אָרעם דעם אַראַבישן נאָמען באַר-יוסף. באַ דער סאַמע לעפצונג בילדעט דער נילוס אַ פרוכטבאַרע דעלטע פון שליים, וואָס איז אָנגעטראָגן אין משך פון פיל טויזנטער יאָרן. זינט פונדעסטוועגן עס הויבט זיך אָן די עלטסטע געשיכטע פון עגיפטן, באַזיצט שוין די דעלטע פונם נילוס איר היינטיקע געשטאַלט. אַזש ביז אַסואַן פליסט דער נילוס צווישן אַ ריי קרייד-בערגלעך; דאָס זענען היגלען, וועלכע פאַרמאַכן פון ביידע זייטן דעם טאָל פון נילוס. איר גרעסטע ברייט מאַכט אויס 20 קמ, אָבער ערטערווייז פאַרשמעלט זיך דער טאָל ביז עטלעכע קילאָמעטער. אין די געגנטן פון אַסואַן פאַרצוימען די פעלזנבענק דעם לויף פון נילוס, בילדנדיק דריי קאַטאַראַקטן; דאָ ענדיקט זיך די שיפעריי אויפן טייך, וואָס ציט זיך אויף אַ שטח פון 120 מייל פון ים. העכער פון די קאַטאַראַקטן ענדיקט זיך דאָס אייגנטלעכע עגיפטן, און עס הויבט זיך אָן אַ לאַנד, וואָס האָט זיך אַמאָל אָנגערופן נוביע (היינטיק סודאַן). דאָ איז אין אַלטערטום די נילוס-אינזל פילע (Phylae) געווען די גרעניץ-וואַך. דער גאַנצער שטח פון עגיפטן האָט אויסגעמאַכט בסך-הכל 554 קוו. מייל, און גלייכט בכן נישט מיט זיין היקף דעם היינטיקן בעלגיע; אָבער אויך דערדאָזיקער נישט גרויסער שטח ערד איז געווען אויסגעריסן דעם אָנברעגיקן מדבר.

§ 3 די אויספלייצונג פון טייך נילוס

דער נילוס פאַרדאַנקט זיינע וואַסערן דעם פעריאָדישן שטייגן פון די וואַסערן פון זיין אויבערשטן לויף. אין חודש פעברואַר פאַרשטאַרקן די טראָפּישע רעגנס מיט דער מאַסע

איר קלימאַט, אָפּזעצונגען ? פונוואַנען שעפּט עגיפּטן די נויטווענדיקע פייכטקייט ? וואָס פאַרדאַנקט עגיפטן איר פרוכפּערקייט ? ווי איז דער איינטייל פונם נילוס-לויף ? וווּ ענדיקט זיך די שיפעריי אין דער הויך פון נילוס ? וואָסער זענען די נילוס-קאַטאַראַקטן, וואָסער איז דער שטח (לענג און ברייט) פון דעם נילוס-קעסל ? וווּ ליגן די קוואַלן פון נילוס ?

פון וואַסער דעם ווייסן נילוס, וועלכער פליסט אַרויס פון דער אָזערע אַלבערט-ניאַנצא אָדער אוקערעווע. אָבער אין אונטערשטן לויף פון נילוס הויבט זיך דערדאָזיקער צופלייץ אָן ערשט אין אָנהויב יוני; צוליב דער פאַרב, וואָס דאָס וואַסער אין נילוס נעמט דעמאָלט אָן, רופט זיך דער טייך גרינער נילוס. דאָס איז די אומגעזונטסטע צייט אין עגיפּטן, מחמת דערדאָזיקער ערשטער צופלייץ איז אומגענוגנדיק, איז גורם אַ שטאַרקע פוילעכץ און פאַרסמט די לופט מיט די מיאַזמאַטן. נישט ווייניקער איז דאָס פאַר עגיפּטן אַ פריילעכער מאָמענט, מחמת די צייט פון גרינעם נילוס איז אַן אָנזאָג אויף דעם אייגנטלעכן צופלייץ פון וואַסער, וואָס דאַרף אינגיכן פאָרקומען. אינמיטן יוני שטייגט דער נילוס נאָכאַמאָל, פאַרשטאַרקט מיט די וואַסערן פון צווייטן קוואַל-אָרעם – פון בלאָען נילוס. די סיבה פון דאָזיקן צווייטן צופלייץ איז דאָס אויפטייען פון די שנייען און דאָס שטייגן פון די וואַסערן אין אביסיניע, וואָס פאַלט אויס אין אַפּריל. דעמאָלט נעמט דער נילוס אָן אַ בלוטיקע פאַרב, דערפאַר רופט זיך אָן דערדאָזיקער צווייטער, אייגנטלער צופלייץ רויטער נילוס. אין די געגנטן פון דער לעפצונג פון טייך פאַלט ער געוויינלעך אויס אין טאָג פון 17 יוני. פון דעם מאָמענט הויבן אָן די וואַסערן פון נילוס כסדר צו שטייגן. זייער העכסטער צושטאַנד פאַלט אויס דעם 15 יולי; דעמאָלט עפענען זיך די דאַמבעס פון נילוס און דער גאַנצער שטח פון עגיפּטן ווערט פאַרגאָסן: די וואַסערן גרייכן פון איין בערגפּאַס ביז צו דעם צווייטן. איבער דעמדאָזיקן וואַסער-פליין שטאַרצן אַרויס, ווי אָאַזיסן, שטעט און דערפער, איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון וואַלן און דאַמבעס. דאָס וואַסער קאָן דאַן דורך קאַנאַלן פונאַנדער-געפירט ווערן אין די ווייטסטע ווינקעלעך. אומגעפער אינדערצייט פון האַרבסטיקן אויסגלייכן זיך פון טאָג און נאַכט נעמען די וואַסערן אָפּטרעטן. דעמאָלט הויבט זיך אָן די וווּנדערלעכסטע צייט אין עגיפּטן – דער עגיפּטישער פרילינג. דעריבער רעכענען

ווען שטייגט דער נילוס? וויפל זענען די אויספלייצונגען פון נילוס און ווי רופן זיי זיך? ווען פאַלן אויס די צייטן פון דעם גרינעם נילוס און רויטן נילוס? די יאָר-תקופות און די פאַרטיילונג פון באַשעפטיקונגען

די עגיפטער דעם אָנהויב יאָר פון 15 סעפטעמבער. דער נילוס, אָפּפאַלנדיק, לאָזט נאָך זיך אַ פּרוכטבאַרן שליים, וועלכער מאַכט איבריק יעטוועדע ערד-באַאַרבעטונג. די קערנער גייען אויף, פשוט געוואָרפן אין די קרקע. צוליב דערדאָזיקער פּרוכטבאַרקייט איז עגיפּטן שוין אין אַלטערטום באַטראַכט געוואָרן פאַרן תבואה־שפּייכלער פון די ים-התיכונדיקע לענדער. די איינוווינער פון עגיפּטן זענען געווען און זענען עד היום קודם-כל ערדאַרבעטער. אין חודש יאַנואַר קערן זיך די נילוס-וואַסערן אום צו זייער נאַטירלעכן טייכבעט, פאַרבלייבנדיק אין אים ביז צו דער צייט, ווען עס קומט אָן אַ נייע יאָר-תּקופה. דאָס איז די תּקופה פון טרוקעניש. זי דויערט 50 טעג (פון מיטן אַפּריל ביזן אָנהויב יוני). דער טייך פאַרשמעלט זיך דעמאָלט ביז דער העלפט פון דער געוויינלעכער ברייט און פאַרלירט אַ צוואָנציקסט-חלק פון זיינע וואַסערן. דאָס איז די ערגסטע יאָר-תּקופה אין עגיפּטן. עס בלאָזט דאַן אַ הייסער מערב-ווינט פון דעם מדבר, דער א. ג. כאַמסון, וועלכער טרוקנט אויס יעטוועדע פייכטקייט, פאַרברענט יעטוועדן געוויקס און פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ מדבר. דאָס גאַנצע לעבן אין עגיפּטן שטאַרבט דאַן אָפּ. די גאַנצע נאַטור, און צוזאַמען מיט איר דער מענטש, וועגעטירט בלויז, אין דער דערוואַרטונג אויף אַ נייער שטייגונג פון נילוס.

§ 4 די נאַטור און באַפעלקערונג

די נאַטור האָט רייך באַשאָנקען דאָס לאַנד באַם נילוס. די רעגולערע אויספלייצונג פון טייך איז דער גורם צו דעם געראָטעניש פון אַלע תבואות. אין האָלץ איז עגיפּטן בכלל אָרעם. די אָפּטסטע בוימער זענען די טייטל-

---

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויספלייצונגען ? וועלכע איז די היפּש-באַשעפטיקונג פון די איינוווינער און וואָסערע זענען די רייכטימער פון לאַנד ? סאַראַ געוויקסן און סאַראַ חיות ? ווי איז דער איינפלוס פון דער נאַטור אויף די באַשעפטיקונגען פון דער באַפעלקערונג ? אוואָסער איז דער

פּאַלמע און אַקאַציע, ביידע אָרים אין בלעטער און שאָטן. רידאָזיקע אָרימקייט פאַרגיטיקט די צעצווייגטע סיקאָמאָרע, וועלכע פאַרבאָרגט טיילמאָל אַ גאַנץ דערפל אונטער איר שאָטן. די פּאַלמען-וועלדער און אקאַציעס — אָט וואָס עס בילדן די איינציקע פאַרשידנאַרטיקונג פון דער לאַנדשאַפט איבערן נילוס. דערקעגן איז די וועלט פון וואַסער-צמחים אומגעהויער רייך. דאָ וואַקסט דער ווונדערבאַרער לאָטאָס און דער שוין אין אַלטערטום באַקאַנטער פון געברויך צום שרייבן — פּאַפּירוס. פון די חיות איז דאָס פערד און קעמעל אַריינגעפירט געוואָרן קיין עגיפּטן ערשט אין די היסטאָרישע צייטן. פריער איז די פּאָפּולערסטע משא-חיה געווען דער אייזל. דעם אָקס האָבן די עגיפּטער, אַלס אַ בעיקר אַגראַר-פאָלק, אַרומגערינגלט מיט רעליגיעזער פאַרערונג. וואַסער-פייגל פון כל המינים, ווי איביסן, פלאַמינגען, באַדעקן כמאַרעסווייז די ברעגעס פון נילוס, און אין דער טיפעניש פון זיינע וואַסערן לעבט אַן אומגעהויערע מענגע פון שלאַנגען און שרצים, די צוויי גרעסטע עקזעמפּלאַרן פון זיי — דער קראָקאָדיל און היפּאָפּאָטאַם — האָבן זיך היינט פאַרבאָרגן פאַרן מענטשלעכן אויג און באַווייזן זיך לגמרי נישט נידריקער פון די קאַטאַראַקטן. די נאַטור פון עגיפּטן, הגם אַ רייכע, צווינגט פונדעסטוועגן דעם מענטש צו אַרבעט און זאָרגעוודיקייט. כדי אויסצונוצן די אויספלייצונג פון טייך, דאַרף מען אויסגראָבן און קאָנסערווירן די קאַנאַלן, וועלכע פירן פונאַנדער דאָס וואַסער איבערן גאַנצן לאַנד. כדי צו פאַרהיטן די מענטשלעכע ישובים פאַר דער פאַרפלייצונג האָט מען געמוזט אויפשטעלן דאַמבעס און איינאָרדענען באַסיינען מיט וואַסער. פונוואַנען מ׳האָט עס צוגעפירט טיילמאָל אויף זייער הויכע ערטער מיט דער הילף פון אַ גאַנצן ברונים-סיסטעם, מיט וועלכן מ׳האָט געשעפּט דאָס וואַסער און עס פונאַנדער-געגאָסן איבער די העכער ליגנדיקע פעלדער. אָט-דער גאַנצער

באַוואַסערונגס-סיסטעם אין עגיפּטן? וואָס איז אַזוינס שאַדוף? ווי איז די ראָליע פון דער אינזשעניר-קונסט אין דער עגיפּטישער פעלד-אַרבעט? וועלכע איז די נאָרמאַלע מאָס פון דעם נילוס-צופלייץ? ווער האָט אָנגעפירט מיט דער קאָלעקטיווער אַרבעט פון די איינוווינער?

באַוואָסערונגס-סיסטעם האָט זיך דערהאַלטן ביז אויפן הײנטיקן טאָג. נאָך עד היום באַנוצן די עגיפּטישע פּויערים, די א. ג. פעלאַכן, דעמזעלביקן ברונים (אויף אַראַביש שׁ אַ ד ו ף) צו דער באַוואָסערונג, ווי פאַר די צײַטן פון די פּרעהס. דאָס שטייגן פון וואַסער אין נילוס פלעגט מען תּמיד און נאָכאַנאַנד מעסטן. די אינזשעניר-קונסט האָט געמוזט צופּאַסן די מאָסן פון די אַנטשפּרעכנדיקע קאָנסטרוקציעס צו דער הויכקייט פון וואַסער אין דער צײַט פון דער שטייגונג, פאַר נאָרמאַל פלעגט באַטראַכט ווערן די שטייגונג, ווּעמעס הויך האָט אויסגעמאַכט 14 עגיפּטישע איילן (אַן אייל = 54 סמ.). נידריקער פון דערדאָזיקער הויך איז די שטייגונג געווען אומגענוגנדיק; דאָס וואַסער האָט דאַן נישט דערגרייכט די העכער ליגנדיקע פעלדער. אַקעגן-זשע האָט אַ שטאַרקערער וואַסער-צופלוס פאַרגאָסן די שטעט, פאַר-ניכטעט די דאַמבעס און אָנגעמאַכט באַדייטנדיקע שאָדנס.

§ 5 דער אָנהויב פון לעבן אין עגיפּטן און די איינטיילונג פון לאַנד אויף טיילן

כדי דורכצופירן דעמדאָזיקן גאַנצן באַוואָסערונגס-סיסטעם, האָט מען געדאַרפט די פאַרשטענדיקונג צווישן די אײַנוווינער. פרי האָט זיך דאָ בכן באַוויזן די אָרגאַניזאַציע פון דער געזעל-שאַפט — מתּחילת אונטער דער אָנפירונג פון פיל קרייזפירשטן, שפּעטער אונטער דער אָנפירונג פון איין מושל, אָדער פּרעה. אָבער דאָס לעבן אין עגיפּטן האָט זיך אַנטוויקלט נישט גלייכ-מעסיק. די נילוס-דעלטע האָט געמוזט פריער ווערן אויסגע-טרוקנט, כּדי זי זאָל קאָנען זיין טויגלעך פאַר דער באַאַרבע-טונג און פאַר מענטשלעכע ישובים. דאָס איז יענע טייל פון עגיפּטן, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער. דער אָנהויב פונם לעבן אין עגיפּטן האָט זיך אַנטוויקלט איבערן מיטעלן לויף

ווי איז געווען דער אָנהויב פון דער מענטשלעכער אָרגאַניזאַציע? ווו האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן אין עגיפּטן און ווי האָט עס זיך אַנט-וויקלט? ווי איז דער נאַטירלעכער איינטייל פון עגיפּטן? סאָרא באַגריף

ניִשט ווייט פון דער שטאָט אַבידאָס). שוין צוליב דער נאַטור גופא פון עגיפּטן טיילט זיך איין דאָס לאַנד אין צוויי טיילן: אויבער-עגיפּטן, וועלכע שפּרייט זיך אויס פון דער נילוס-דעלטע ביז צו די קאַטאַראַקטן, און נידער-עגיפּטן, וואָס נעמט אַרום די דעלטע — יענע טייל לאַנד, וואָס ליגט בײַם מיטללענדישן ים.

§ 6 די אַלטערטימלעכע עגיפּטער און די גאָטהייט פון נילוס

די איינוווינער פון עגיפּטן האָבן זייער באַציִונג צום נילוס-טײַך אָפּגעשפּיגלט אין די פאַרשידענע דערציילונגען וועגן אים און די אָפּהענגיקייט פון זייער עקזיסטענץ פון דאָזיקן טײַך האָבן זיי אויסגעדריקט אין דעם כבוד, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דעם נילוס אַלס גאָטהייט. די פאָרשטעלונג פון נילוס האָט זיך אָנגערופן דער גאָט האַפּי. מ׳האָט אים פאָרגעשטעלט אין געשטאַלט פון אַ שטאַרק געבויטן מאַנסביל, מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן בויך און פרויען-ברוסטן; אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ היטל, באַקרוינט מיט וואַסער-געוויקסן, אין האַנט האָט ער געהאַלטן די גאָבן, וואָס דער נילוס האָט געברענגט די עגיפּטער. אין אַלטערטום האָט מען זיך קיינמאָל ניִשט דערשלאָגן צום קוואַל פון נילוס, דערפאַר האָט מען ניִשט פאַרשטאַנען די סיבות פון זײַן צופלייץ און אויספלייץ. די עגיפּטער האָבן אַוועקגעשטעלט דעם קוואַל פון זייער טײַך אין הימל, פונוואַנען דער נילוס האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און דורכגעפלאָסן עגיפּטן; זײַן אויספלייץ ווידער האָט מען זיך דערקלערט דערמיט, אַז עס ברענגט אים די שוץ-געטין פון דער פרוכפּערדיקער ערד, איזידאַ, וועלכע פאַרגיסט טרערן נאָכן פאַרלוסט פון איר ברודער און מאַן, אָזיריס; איין טרער אירע איז גורם צום שטייגן פון וואַסער אין דער צײַט

האָבן די אַלטערטימלעכע מענטשן געהאַט וועגן נילוס? וואָסער איז געווען די גאָטהייט פון נילוס? סאַראַ באַגריף האָט מען געהאַט וועגן דער סיבה פון דער נילוס-אויספלייצונג? וועלכע זענען די אַנטיקע

פון 17 ביזן 18 יוני. די עגיפטער האָבן נערופן דעם נילוס „גרויסער טייך“, אָדער „ים“ (י אָ ט ר וּ, י א ו ר), צום אונ־טערשיידן אָבער זיינע וואַסערן פון דעם מיטללענדישן ים, האָבן זיי אָנגערופן דעמדאָזיקן ים „זייער גרינער“. זייער לאַנד האָבן די עגיפּטיאַנער גערופן „ק י מ י ט“, וואָס באַטייט „שוואַרצע ערד“. זיך גופא האָבן זיי גערופן „ר אָ מ ע ז“, אָדער „ר אָ מ ע“, אָדער פשוט מענטשן.

§ 7 דענקמעלער פון עגיפּטן און עגיפּטאָלאָגיע

די נאַטור פון עגיפטן האָט זיך נישט שטאַרק פאַרענדערט אין משך פון עטלעכע טויזנט יאָר. עס זענען אויך פאַרבליבן אין עגיפּטן צאָלרייכע דענקמעלער, וועלכע האָבן זיך אויפגע־היטן אַדאַנק דעם אומרעגנדיקן קלימאַט ווי אויך אַדאַנק דעם אויסגעצייכנטן מאַטעריאַל; דאָס זענען רעשטן פון בויקונסט, ווערק פון סקולפּטור־קונסט, און אַפילו וואַנט־געמעלן פון זייער לעבהאַפטיקע קאָלירן. פיל פון זיי באַדעקן די צייכנס, וועלכע ווערן אָנגערופן אויף גריכיש היעראָגליפן; דאָס איז אַן אַלטער־טימלעכע עגיפּטישע שריפט, וואָס איר קענטעניש איז אין משך פון טויזנטער יאָרן פאַרלוירן געגאַנגען. ערשט באַם סוף פון XVIII און אין אָנהויב פון XIX י. ה. האָט זיך איינגעגעבן צוויי געלערנטע: דעם פראַנצויז פראַנסואַ שאַמפּאָליאָן און דעם ענגלענדער טאָמאַס יאָנג – איבערצולייענען צום ערשטן מאָל די אַלטעגיפּטישע אויפשריפטן. דעם וועג פון דערדאָזיקער אַנטדעקונג האָט דורכגעבראָכן דער געפינס פון דעם באַרימטן דריישפּראַכיקן אויפשריפט אויף אַ שטיין, וואָס האָט געשטאַמט פון דער שטאָט ראָזעט; איינע פון די אויפשריפטן אויפן דאָ־ויקן שטיין איז געווען אין דער גריכישער שפּראַך, און די

נעמען פאַרן טייך נילוס, פאַר עגיפּטן און אירע איינוווינער? סאַראַ שינוים זענען פאָרגעקומען אין דער נאַטור פון עגיפּטן און אין איר געשיכ־טע? וואָס פאַרדאַנקען מיר די קענטעניש פון די קדמונית־דיקע צייטן פון עגיפּטן? סאַראַ דענקמעלער האָבן זיך אויפבאַהאַלטן נאָך די עגיפּטער?

צוויי איבריקע אין דער אַלטעגיפּטישער שפּראַך, די ווידער האָבן פאָרגעשטעלט צוויי פאַרשידענע מינים עגיפּטישע שריפט: איינע — אַמערסטן באַנוצט אויף דענקמעלער, אָדער היעראָגליפישע, די צווייטע — אַ מין שנעלשריפט, וועלכע ווערט באַנוצט אין טעגלעכן לעבן, א. ג. דעמאָטישע שריפט. דער געפינס פון דאָזיקן שטיין האָט געגעבן דעם יסוד צו אַ נייער לערע — עגיפּטאָלאָגיע. דידאָזיקע לערע פאָרשט די פאַרגאַנגענהייט פון עגיפּטן לויט די דענקמעלער, אַראָפּלייענענדיק זייערע אויפשריפטן, ווי אויך אַנדערע שריפטן, וועלכע זענען אויפבאַהאַלטן נאָך די אַלטערטימלעכע עגיפּטער.

§ 8 די עגיפּטישע שריפט

די עגיפּטער האָבן באַנוצט די בילדערשריפט. איר פּשוטסטע פאָרם באַשטייט דערין, וואָס יעדן באַגריף אַנטשפּרעכט זיין בילד, אָדער אידעאָגראַם. דער סימבאָל פון דער זון איז צ. ב. דער צייכן Θ, פון דער לבנה $\ni$. דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש, אָדער צ. ב. פון אַ לייב האָט זיין צייכן אין אַנטשפּרעכנדיקן, אָפּט פאַרקירצטן געמעל, וואָס שטעלט, למשל, פאָר דעם קאָפּ פון אַן אָקס, אָנשטאָט דער גאַנצער פאָרשטעלונג פון דערדאָזיקער חיה. צו דער באַצייכענונג פון אבסטראקטע באַגריפן האָט מען באַנוצט פאַרשידענע סימנים; אַזוי למשל האָט צו דער פאָרשטעלונג פון טעטיקייט געדינט דער צייכן פון געצייג, למשל, אַ שטעקעלע, אַ טינטער און אַ טאָוול זענען געווען דער סימבאָל פון שריפט. מיט דער צייט פאַרטרעטן די פאַרייניקטע טראָפּן-בילדער דאָס בילד פון גאַנצע אויסדריקן. אַזוי האָבן די עגיפּטער פאַר דער באַצייכענונג פון באַגריף „זיין" געהאַט אַן אויסדרוק, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט

וואָס איז אַזוינס ז״ר שטיין פון ראָזעטי? ווער האָט אים אַראָפּגעלייענט? וואָס איז אַזוינס עגיפּטאָלאָגיע? ווי רופט זיך די עגיפּטישע שריפט? וואָס איז אַזוינס בילדשריפט, און וואָס איז די נפקא מינא צווישן דער בילדשריפט און קלאַנגשריפט? ווי האָבן די עגיפּטער געבילדעט

פון דריי טראַפן: c h a u - p i r u. יעדע פון דידאַזיקע טראַפן האָט אַן אַנדערן באַטייט: c h a u -- זיפּ, p u אָדער p i – מאַטע און r a, r u – אַ מויל. דערפאַר איז דער אויסדרוק „זיין" צונויפגעשטעלט פון דריי בילדער אָדער אידעאָ־גראַמען: זיפּ, מאַטע און מויל. ביסלעכווייז זענען געוויסע בילדער פאַרקירצט געוואָרן צו דער מדרגה פון טראַפן אָדער אותיות. דידאַזיקע בילדער־שריפט האָט זיך דערנענטערט צום כאַראַקטער פון אונזער קלאַנגען־שריפט, די אידעאָגראַמען ווידער צו די אותיות פון אונזער אלף־בית. עס זענען אָבער געבליבן תּמיד, אַחוץ די קלאַנגען־צייכנס, אויך די טראַפן־ און אויסדרוק־צייכנס; דערפאַר דערמאָנט די עגיפּטישע שריפט תּמיד אָן צייכענישן און געמעלן. אין זייער פאַרבינדונג און צונויפשטעל בילדן דידאַזיקע שרייבצייכנס די באַצירונג פון די עגיפּטישע דענקמעלער, אויף וועלכע זיי האָבן זיך אויפגעהיטן ביזן היינטיקן טאָג, צוגעבנדיק זיי אַ מאָלערישן אָדער סקולפּ־טורישן כאַראַקטער. אין די שפּעטערדיקע צייטן, דערהויפּט אין די גריכישע און רוימישע, איז די בילדשריפט אַרונטערגעפאַלן אַ נאָך ווייטערדיקער פאַרקירצונג און פאַראייגפאַכונג. דידאַזיקע נייעסטע שריפט רופט זיך דעמאָטישע, פאָפולערע אָדער פאָלקס־שריפט, מחמת מ׳האָט זי באַנוצט אין וואָכעדיקן לעבן. עס האָבן געוויינלעך געדינט דערצו ליימענע אָדער קאַלך־טאָוועלעך, באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט קרייד. די אייגנטלעכע בילדשריפט, אָדער היעראָגליפן, האָט אויפגעהיטן, אַלס פייערלעכע שריפט צו דער פאַרעפנטלעכונג פון הייליקע טעקסטן, די קיניגלעכע אורטיילן; מיר געפינען זיי אויף די ווענט פון די דענקמעלער און אין די פאַפּירוס־מגלות. אָט־דער צווייטער מין שנעלשריפט רופט זיך היעראַטישע שריפט.

אויסדרוקן, טראַפן? וואָס איז אַזוינס היעראָגליפן און פון וואָס באַשטייען זיי? סאַראַ מינים זענען פאַראַן פון דער היעראָגליפן־שריפט, און ווי באַנוצט מען אויסלעכן פון זיי? ווען הויבט זיך אָן די עגיפּטישע

§ 9 די געשיכטע פון עגיפטן

דער אָנהויב פון דער עגיפּטישער געשיכטע גרייכט לכל-הפחות פינף טויזנט יאָר פאַר אונזער ערע. אַפילו פאַר די אַלטערטימלעכע עגיפּטער איז זייער אורשפּרינגליכע געשיכטע געווען פונלאַנג אַן אָפּגעשטאָרבענע פאַרגאַנגענהייט. דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעשריבן די געשיכטע פון עגיפּטן אויף גריכיש איז געווען דער כּוהן מאַנעטאָ פון דער שטאָט סעבעניטאָס, וועלכער האָט געלעבט אין III-טן י. ה. פאַר קר. אין דער צייט, ווען ס׳האָבן געהערשט אין עגיפּטן די גריכישע מלכים פון דער פּטאָלאָמעער-דינאַסטיע. מאַנעטאָ האָט צונויפ-געשטעלט די רשימה פון די עגיפּטישע מלכים, אָנהויבנדיק פון דעם עלטסטן, וועמעס נאָמען ס׳איז געווען מענעס (אויף עגיפּטיש מענאַ). די גאַנצע רשימה נעמט אַרום 31 דינאַסטיעס, פון וועלכע די צען ערשטע בילדן די תּקופה פון דער אַלטער-טימלעכער מאָנאַרכיע, די ווייטערדיקע 6 — 5 בילדן די מיטל-עלטערלעכע תּקופה, די איבריקע ווידער געהערן צו דער תּקופה פון דער נייצייטיקער מאָנאַרכיע, וועלכע גרייכט אַזש ביז דעם גריכישן איבערפאַל. די אַלטערטימלעכקייט פון דער עגיפּטישער געשיכטע באַשטעטיקן די דענקמעלער, וועלכע האָבן זיך אויפ-באַהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג. די באַרימטסטע פון זיי זענען די פּיראַמידעס. דריי פון זייער צאָל, וועלכע ליגן נישט ווייט פון היינטיקן קאַירע, אין שכנות פונם דאָרף גיזע, זענען געוואָרן אויפגעבויט דורך די פּרעהס פון דער IV דינאַסטיע: כופו (גר. כעאָפּס), חפרע (כעפרען) און מענקעורא (מיקערינאָס).

§ 10 די עלטסטע דענקמעלער. די פּיראַמידעס

די פּיראַמידעס באַקענען אונז מיט דער בויקונסט פון די אַלטערטימלעכע עגיפּטער. זיי האָבן באַנוצט צום בויען גרויסע אַרומגעהאַקטע שטיינער אָדער בלאָקן, זעלטענע ציגל, אויסגע-טרוקנטע אויף דער זון. די עלטסטע פּיראַמידעס זענען ריזיקע היגלען, אויפגעמויערט פון אַזעלכע ציגל אָדער פון בלאָקן; זיי האָבן

דאָס געשטאַלט פון כטויגן. זייערע ווענט זענען געווען אַמאָל פונאויסנווייניק באַדעקט מיט פאָלירטע שטיינערנע פליטן, וועלכע האָבן זיך מיטן לויף פון דער צייט, אונטער דער ווירקונג פון אַטמאָספערישע ענדערונגען, ס׳רוב שוין צעקרישלט און אַראָפּ־געפאַלן. צוליב דעם האָבן זיך אויף די פּיראַמידעס אָפּגעעפנט ריסן און שפּאַלטן, און אויך דער אומפאַנג פון פיל פון זיי

די פּיראַמידעס בעת דעם נילוס־אויספלייץ

האָט זיך פאַרקלענערט. די פיראַמידע כעאָפּס איז די גרעס־טע פון זיי; איר שפּיץ, היינט אַ פלאַכער, האַלט 137 מ., און אַמאָל האָט ער דערגרייכט די הויך פון 146 מעטער. איר פירעקיקער פונדאַמענט האָט אויך היינט קוים 227 מ. אָנשטאָט

געשיכטע? ווער האָט צונויפגעשטעלט די ערשטע כראָנאָלאָגיע פון עגיפּטן? ווי איז דער איינטייל פון דער עגיפּטישער געשיכטע? וועלכע זענען די עלטסטע דענקמעלער? ווי איז זייער געשטאַלט? אוּאָסער.ע

דער אורשפּרינגלעכער מאָס פון 233 מ. נישט געקוקט אויף די-
דאָזיקע באַשעדיקונגען, איז די פּיראַמידע כעאָפּס עד היום
איינע פון די העכסטע געביידעס אין דער וועלט (דער קעלנישער
טורעם האָט 160 מ, דער טורעם פון קלויסטער פון הייליקן סטעפאַן
אין ווין 135 מ, דער מאַריאַצקי-טורעם אין קראָקע 73 מ), און
זיכער שטייגט זי איבער אַלע געביידעס פון דער וועלט מיט
דער מאַסע פון מאַטעריאַל. די שטיינערנע בלאָקן, וועלכע
זענען באַנוצט געוואָרן צום בויען דעמדאָזיקן קבר, וואָלטן
באַדעקט אַ שטח פון איין קוואַדראַט-קילאָמעטער מיט אַ שיכט,
גראָב אויף 2½ מעטער. לויט דער גלויבנסווערדיקער מסורה,
האָבן זי געבויט הונדערט טויזנט אַרבעטער אין משך פון
צוואָנציק יאָר, אין דער דרייחדשימדיקער תקופה, וואָס איז
פריי פון פעלד־אַרבעטן. לעבן דער כעאָפּס-פּיראַמידע האָבן
אויך צוויי אַנדערע אין גיזע זייער ריזיקע גרייסן (איינע 136 מ,
די צווייטע 62 מ. די הויך). אַחוץ דידאָזיקע דריי בנינים באַ-
זיצט נאָך עגיפּטן פיל אַנדערע פון ענלעכע פאָרמען, הגם
קלענערע לויט די גרייסן. ביזן היינטיקן טאָג האָט מען אָפּגע-
ציילט ביז הונדערט פּיראַמידעס אין עגיפּטן; עס איז מיט זיי
באַזייט דער גאַנצער שטח פון אַבו-ראָאַש אַזש ביז מעדום,
קאַרגע 69 קמ. די לענג, אויפן לינקן פלאַכן ברעג פון
נילוס. עטלעכע פון זיי זענען עלטער פאַר די פּיראַמידעס אין
גיזע. אַזאַ איז די פּיראַמידע אין סאַקאַראַ אין דער פאָרם פון
טעראַסן, וועלכע באַשטייט פון זעקס ריזיקע שטיגן; עס האָט
זי אויפגעבויט דער פּרעה פון דער דריטער דינאַסטיע, מיטן נאָמען
זאָסירי. אַן ענלעכע פאָרם האָט אויך די פּיראַמידע אין מעדום
פון איינעם פון די פּרעהס פון דערזעלביקער סנאָפרו-דינאַסטיע.
זי איז. הגם אַ שפּעטערדיקע, אייגנטלעך די עלטסטע פּיראַמידע,
מחמת די פּיראַמידע אין סאַקאַראַ האָט די אורשפּרינגלעכע
פאָרם פון אַ פּירעק, אָבער נישט פון קיין סטויג.

זענען די אויסמעסטונגען פון דער כעאָפּס-פּיראַמידע? באַשרייבן די דאָ-
זיקע פּיראַמידע. וועלכע זענען די אַנדערע אַנאַלאָגישע בנינים אין עגיפּטן?
וועלכע פון די פּיראַמידעס איז די עלטסטע? באַשרייבן די פּיראַמידעס
אין מעדום, סאַקאַראַ. וואו אַנדערע בנינים געפינען זיך אין שכנות מיט

§ 11 די אַלטערטימלעכע עגיפּטישע קברים

די פּיראַמידע און מאַסטאַבע. במשך פון אַ לאַנגער צייט האָט מען זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, צו וואָס עס האָבן געניצט די פּיראַמידעס. מען האָט זיי צוגעשריבן אַ פאַרשידענע באַשטימונג אַפילו פון שוצטורעמס. גלייכצייטיק אָבער האָט מען לעבן די פּיראַמידעס געפונען אַ מענגע שטיינער, ריכטיקער: שטיינערנע בענק פון טראַפּעזאָידאַלער פאָרם, וועלכע די אָרטיקע אַראַבער רופן אָן **מאַסטאַבעס**, אָדער בענק. יעדע אַזאַ מאַסטאַבע איז אַ פּירעק, געבויט פון שטיינער אָדער ציגל, מיט משופּעדיקע ווענט. זיי זענען פון פאַרשידענע גרייסן, אָבער געוויינלעך פון דערזעלביקער הויך (8—9 מ). גאַנצע רייען פון זיי זענען גרופּירט אין די געגנטן פון דער אַלטערטימלעכער שטאָט מעמפיס, צופיסנס פון די ליבישע בערג, און בילדן צוזאַמען איין גרויסן בית-עלמין מיט צאָלרייכע, פונאַנדערגעצווייגטע גאַסן. זייער לאַגע אָדער די אַקס-ריכטונג איז תמיד פון צפון אויף דרום. איטלעכע מאַסטאַבע האָט אין דער מזרח-וואַנט אַ שמאָלע נישע, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ מצבה-שטיין. טייימאָל איז אויך דאָ פאַראַן אַ טיר, וועלכער פירט אין דעם אינעווייניקסטן חלל אַריין. דערדאָזיקער חלל האָט געדינט פאַר אַ קבר און איז באַשטאַנען געוויינלעך פון דריי טיילן: פון אַ קאַפּליצע, אָדער אַן אָרט, ווו מ'האָט געבערענגט קרבנות, פון אַ **סערדאַב**, אָדער קאָרידאָר צום אויפבאַהאַלטן די סטאַטועס פון געשטאָרבענעם, לסוף פון אַן אונטערערדישער מערה, אין וועלכער עס ליגט די מומיע. דידאָזיקע אונטערערדישע טייל פון קבר איז אויסגעהאַקט טיף אין פעלז באַ דעם גרונט פון דער מאַסטאַבע, אָבער אינעווייניק פאַרייניקט זי זיך מיט דעם דרויסנדיקן בנין. די שטיגן-

---

די פּיראַמידעס? סאַרא פאָרם האָט זי און וואָס אַנטהאַלט זי אינעווייניק? וועלכע זענען די הויפּטטיילן פון אַן עגיפּטישן קבר? צוואָס דינען די פּיראַמידעס? סאַרא אונטערשיד איז פאַראַן צווישן אַ פּיראַמידע און מאַסטאַבע? באַשרייבן די אינעווייניקסטע טייל פון דער כעאָפּס-פּיראַמידע. פאַרוואָס האָבן די עגיפּטער אויפגעשטעלט קברים און סאַרא געגנשטאַנדן

פּיראַמידע אין סאַקאַראַ איז טאַקע אַזאַ מאסטאבע. איר ענלעכקייט מיט די פּיראַמידעס האָט געלאָזט משער זיין, אַז אויך די אייגנטלעכע פּיראַמידעס האָבן געדינט פאַר קברים. די פּיראַמידעס בכן, אַלס גרויסע און הערלעכע קברים, תאָבן געהערט צו די מלכים, אינדערצייט ווען די גאַנצע מענטשן-מאַסע האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ קבר אין געשטאַלט פון אַ געוויינלעכער מאַסטאַבע. און אינדעראמתן אַנטהאַלט איטלעכע פּיראַמידע די אַלע באַשטאַנדטיילן, וועלכע געפינען זיך אין דער מאַסטאַבע, ובכן פונדרויסן אַ קאַפּליצע, אָדער קרבן-שטוב, אַ ס ע ר ד א ב׳ אָדער אַ באַהעלטעניש פאַר די סטאַטועןפון די געשטאָרבענע, און אינעווייניק אַ אין פעלז אויסגעוועלבטער אָדער אויסגע-האַקטער קבר באַ דעם גרונט פון דער פּיראַמידע. ·דערדאָזיקער גאַנצער סיסטעם פון בויען קברים באַ די אַלטערטימלעכע עגיפּטער האָט אַרויסגעשטאַמט פון זייער פאַרערונג פאַר די געשטאָרבענע און געשטאַנען אין ענגסטן צוזאַמענהאַנג מיט זייערע רעליגיעזע גלויבענישן.

§ 12 די רעליגיע און דער גלויבן איז אַ לעבן אויף יענער וועלט

די קברים פון די אַ ל ט ע עגיפּטער זאָגן עדות אויף זייער פאַרערונג פון די טויטע און אויף זייער גלויבן אין אַ לעבן אויף יענער וועלט. די עגיפּטער פלעגן אַוועקלייגן אין די קברים אַלס קרבן צו די געשטאָרבענע דאָס אַלץ, וואָס איז זיי געווען נויטיק באַם לעבן. מחמת די נשמה איז, לויט די גלויבענישן פון די עגיפּטער, געווען די צווייטע זייט אָדער דער שאָטן פונם מענטש און זיך נישט צעשיידט מיטן גוף אַפילו נאָכן טויט. מ׳האָט זי גערופן ב א י (אַ היעראָגליף אין געשטאַלט פון אַ פויגל), אָדער ק א ד. ה. ליכטפּולע. כּדי מציל

האָבן זיי אין זיי אָוועקגעלייגט? סאַראַ מיטלען האָבן באַנוצט די עגיפּ-טער צו באַוואָרענען דעם קערפּער? ווי אַזוי האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט די נשמה? ווי אַזוי האָבן זיי זי פאַראייביקט? סאַראַ צוזאַמענהאַנג איז

צו זיין די נשמה האָט מען בכן איינגעהיטן - אויך דעם גוף פון פאַרניכטונג, ד. ה. מ׳האָט אים באַלזאַמירט און אײַנגעוויקלט אין געוואַנטן. די אַזוי נאָך איינגעוויקלטע מומיע האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ הילצערנעם ארון פון דעמזעלביקן געשטאַלט, ווי זיין גוף; דערדאָזיקער ארון איז אויך געווען באַמאָלט, ווי אַ פאָרשטעלונג פון דעם בר-מינן. דעם אָרון האָט מען אויפ-באַהאַלטן אין סארקאָפאגן אָדער שטיינערנע קעסטלעך, אָפט שיין געשניצטע. כּדי צו פאַרזיכערן די שאָטנס אַ וואָס לענגער לעבן, האָט מען געדאַרפט די מומיע פאַרבאָרגן. דערצו האָבן טאַקע נעדינט יענע קברים - די מאַסטאַבעס און פיראַמידעס. זייער עצמדיקסטע טייל, ובכן דער קבר גופא, האָט געמוזט זיין באַהאַלטן און אומצוטריטלעך. צום קאָמוניקירן זיך פון די שאָטנס מיט די לעבעדיקע מענטשן האָט געדינט די קאַפּליצע, ווו מ׳האָט אַוועקגעלייגט קרבנות. אין דערדאָזיקער קאַפּליצע, טיילמאָל ווידער פונדרויסן, אין דער נישע, האָט מען אַוועק-געשטעלט אַ מצבה, אַ שטייענדיקער טאָוול מיט אויפשריפטן און שניצערייען. אין איר אויבערשטער טייל - אין דער וועלבונג - פלעגט זיך געווינלעך געפונען דאָס בילד פון געשטאָרבענעם אין דער סביבה פון זיין משפחה, וואָס ברענגט אַ קרבן צו אָזיריסן. דער אויפשריפט האָט אַנטהאַלטן אַ תּפילה צו אָזיריסן אָדער צו אַן אַנדער גאָטהייט, אַז עס זאָל זאָרגן פאַר די באַדערפענישן פון פאַרשטאָרבענעם. די לעבעדיקע פלעגן אַוועקלייגן די באַווייזן פון זייער געדעכעניש אויפן קרבן-טיש פאַר דער מצבה. דידאָזיקע קאַפּליצע איז געווען פאַרייניקט מיט דער פאַרבאָרגענער טייל פון דעם קבר אָדער סערדאַב, ווו עס האָבן זיך געפונען די בילדער פון פאַרשטאָר-בענעם. מחמת די נשמה האָט אַפילו דעמאָלט, ווען דער גוף איז פאַרניכטעט געוואָרן, געלעבט אַזוי לאַנג, כּל-זמן עס האָט

געווען צווישן נשמה און גוף? צו וואָס האָט געדינט די קאַפּליצע? ווי האָט אויסגעזען די מצבה? וואָס איז אַזוינס אַ סערדאַב? סאָראַ צוועק האָט געהאַט דאָס ברענגען קרבנות צו די פאַרשטאָרבענע, ווי אויך דאָס אַוועקשטעלן געמאָלטע בילדער און סטאַטועס פון דעם בר-מינן? וועלכע סטאַטועס האָבן זיך אמייסטן אויפבאַהאַלטן? סאָראַ געשטאַלטן פלעגט

זיך אויפבאַהאַלטן, זיין חומרדיק בילד. מען פלעגט בכן אויפ־באַהאַלטן אין קבר נישט איינס, נאָר פיל אַזעלכע בילדער, אָדער סטאַטוען. די וואַנט־געמעלן, ווי אויך סקולפטורן און צייכענישן מיט דער פאָרשטעלונג פון קרבנות האָבן געזאָלט באַרויקן די באַדערפעניש פון דער נשמה, פונקט ווי די מאַטער־יעלע קרבנות — די באַדערפעניש פון דעם גוף. אויף דעמ־דאָזיקן גלויבן אין דער נשמה — אין דער „ליכטיקער" — און אין איר עקזיסטענץ נאָכן טויט האָט זיך געשטיצט די רעליגיע פון די עגיפּטער און זייער גאַנצע ציוויליזאַציע.

§ 13 די גאָטהייטן פון עגיפּטן

אַחוץ די קברים איז אַמערסטן נאָך די עגיפּטער פאַר־בליבן רעליגיעזע סטאַטועןץ. מחמת מיטן גלויבן אין אַ לעבן אויף יענער וועלט האָט זיך באַ זיי פאַרייניקט דער גלויבן אין איבערנאַטירלעכע גייסטער אָדער גאָטהייטן. דערפאַר איז אויך עגיפּטן נאָך די קברים אַמערסטן צאָלרייך אין געטער־סטאַטועןץ. מען האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט פאַרשידן: אין מענטשלעכן אָדער חיהשן געשטאַלט. צום אָפטסטן אָבער האָט די פאַנטאַזיע פון פאָלק פאַרייניקט מיטאַנאַנד דידאָזיקע ביידע געשטאַלטן און די מענטשלעכע פיגורן האָט מען צוגעגעבן חיהשע פיגורן, און פאַרקערט. אַזוי האָט מען די געטין איזידא פאָרגעשטעלט מיט אַ קאָפּ פון אַ קו, אָדער מיט קיעשע הערנער אויפן שטערן. דער זשוק איז געווען די פאָרשטעלונג פון זונגאָט; דאָס איז געווען אַ הייליקער צייכן (סקאַראַבעאַ), וועלכן מ'האָט מיטגענו־מען מיט זיך אין קבר. אַמערסטן אָבער רעטענישפול און גע־היימנישפול זענען געבליבן די געטער־סטאַטועןץ מיט די חיהשע

מען געבן די עגיפּטישע גאָטהייטן ? וואָס זענען אזוינס ספינקסן, סקאראַ־בעען ? סארא געשטאַלט האָט דער ספינקס הארמאַכיס ? סאַרא באַטייט האָט געהאַט די חיות־פאַרערונג אין עגיפּטן ? וואָס איז אזוינס דער אָקס אַפּיס ? וויפל איז געווען גאָטהייטן, און סארא נעמען האָבן זיי געהאַט ! וועלכע זענען די גרופּעס פון די עגיפּטישע גאָטהייטן ? סארא זענען די

געשטאַלטן און מענטשלעכע קעפּ. דאָס זענען די אַזויגערופענע ספינקסן. גאַנצע רייען זייערע האָבן באַלאַגערט דעם איינגאַנג צו די טעמפּלען. איינער פון אַזעלכע גרויסע ספינקסן, גערופן האַרמאַכיס, היט עד היום די פּיראַמידעס אין גיזע: ער האָט דאָס געשטאַלט פון אַ רוענדיקן לייב מיט אַ מענטשלעכן קאָפּ, וועלכן עס באַדעקט אַ כאַראַקטעריסטישער עגיפּטישער פּאַרוק.

ספינקס און פּיראַמידעס

ער איז אויסגעהאַקט פון איין פעלז, און הגם ביז דער העלפט פאַרשאָטן מיט זאַמד, האָט ער אייגנטלעך 20 מעטער די הויך איבער דער ערד. נישט געקוקט אויף די ביזוויליקע באַשע-דיקונגען פון געוויסע טיילן פון זיין קאָפּ, ווי פון דער באָרד,

עלטסטע לעגענדעס-ציקלען? ווער האָט זיי צונויפגעשטעלט? און וואָסער איז דער אינהאַלט פון דעם זונען-מיטאָס? וועלכער מיטאָס באַשרייבט

אָז דורך פאַנאַטישע מאַכמעדאַנער, האָט דערדאָזיקער ספינקס אויפבאַהאַלטן דעם אויסדרוק פון קראַפט, חשיבות און געהיימ-נישפולקייט, געשטייגערט נאָך דורך דער שכנות פון די פּיראַ-מידעס. אַחוץ דער פאַרערונג פון די געטער, וועלכע זענען פאַרגעשטעלט געווען דורך די סטאַטועס, האָט אויך עקזיסטירט אַ פאַרערונג, וואָס מ׳האָט אָפּגעגעבן צו לעבעדיקע חיות. דעם גרעסטן כבוד האָט מען אָפּגעגעבן דעם אָקס, אונטערן נאָמען אַפּיס, אין וועמען עס האָט זיך פאַרקערפּערט די זון-גאָטהייט, פּטאַ. די כּוהנים אין דער שטאָט מעמפיס האָבן דער-קענט דידאָזיקע פאַרקערפּערונג לויט אַ געוויסער פאָרם פון ווייסע פלעקן אויף דער שוואַרצער פעל. צום דאָזיקן אָקס האָט מען געברענגט קרבנות און זיך געווענדט נאָך אַן אָראַקל-עצה. די עגיפּטער האָבן איבעריקנס געגלויבט, אַז יעדער געגנשטאַנד אויף דער ערד, איטלעכע געגנט, בוים, חיה, געוויקס, אויך יאָר-תּקופות, באַשעפטיקונגען, מדות – האָבן זייערע ספּעציעלע שוצגעטער. דערפאַר איז אויך די צאָל פון די געטער אין עגיפּטן געווען אומענדלעך גרויס. אין יעדער געגנט, וועלכע האָט געהאַט איר אָרטיקע גאָטהייט, האָט מען אויפגעשטעלט פון זיין כּבוד וועגן אַ נישט גרויסע קאַפּליצע. מיט דער צייט האָט מען דידאָזיקע גאָטהייטן דערנענטערט און פאַרענלעכט צואַנאַנד, עס זענען אָבער פאַרבליבן פאַר יעדן באַזונדערע נעמען. אַזוי איז דער זונגאָט געווען פאַרערט אונטערן נאָמען ראַ (אייגנטלעך אַטום) אין העליאָפּאָליס (פונדאַנען אַטום-ראַ), אַמאָן (אַמען) אין טעבן, טאָט אין הערמאָפּאָליס און פּטאַ אין מעמפיס. דערפאַר איז די זייער אין עגיפּטן פּאָפּולערע געטין איזידא געווען אָנגערופן אויף גריכיש מיריאָנאָמאָס, אָדער „טויזנטנאָמענדיקע“. דידאָזיקע גאָטהייטן זענען געווען פאַרבונדן צווישן זיך מיט מדרגות פון קרובהשאַפט. מ׳האָט פאַראייניקט די געטער אין דרייען (פּאָטער, מוטער און זון) אין א. נ. טריאַדן, אָדער אין ניין – אין ענעאַרן, אויף אַזאַ אופן, אַז צו יעדער גאָטהייט

דעם וועלט-באַשאַף? סאַראַ צוזאַמענהאַנג איז פאַראַן צווישן דער געשיכטע און מיטאָלאָגיע פון עגיפּטן? ווער איז געווען אָזירים? וואָס פאַרדאַנקט אים עגיפּטן? וואָס פערזאָניפיצירט דאָס געשטאַלט פון אָזיריסן? ווער

פון דער טריאַדע האָט מען צוגעגעבן צו צוויי אַנדערע געטער. דאָס לעבן פון דידאָזיקע געטער האָבן זיך די עגיפּטער פאָרגעשטעלט אויף אַ מענטשלעכן אופן. די מסורות וועגן זיי בילדן די עלטסטע געשיכטע פון עגיפּטן; באַאַרבעט דורך די כּוהנים, בילדן זיי די א. ג. מיטן, אָדער האַלב רעליגיעזע, האַלב היסטאָרישע לעגעגדעס. די פאַרשפּרייטסטע פון דידאָזיקע מיטן זענען צוויי: איינער וועגן דער וועלט-באַשאַפונג, אָדער דער א. ג. זון-מיטאָס; דער צווייטער וועגן דעם אָנהויב פון עגיפּטן, אָדער דער מיטאָס וועגן אָזיריסן.

§ 14 דער זון-מיטאָס

דעם עלטסטן ציקל מיטן וועגן דער וועלט-באַשאַפונג האָבן צונויפגעשטעלט די כּוהנים אין העליאָפּאָליס. די עגיפּטישע לעגענדע דערציילט, אַז אין אָנהויב פון דער וועלט איז געווען דער כאַאָס, אָדער דער פינצטערער אָקעאַן נון. עס האָט פאַרנומען זיין אָרט דער זונגאָט ראַ (זיין פאָרשטעלונג איז די סקאַראַבעאַ), דער באַזיגער פון דעם שרעקלעכן לינדוואָרם אַפּאָפּיס, וועלכער האָט זינט דעמאָלט געוועלטיקט איבער די געטער און מענטשן. זיין רעזידענץ איז געווען די שטאָט העליאָפּאָליס, און די אָרטיקע כּוהנים האָבן זיך באַטראַכט פאַר זיינע הויפּלייט. טאָג-טעגלעך פלעגט דער גאָט איינשטייגן אין רייטוואָגן און אין משך פון טאָג אַרומפאָרן איבער גאַנץ עגיפּטן, און אויפדערנאַכט פלעגט ער זיך אומקערן אין זיין רעזידענץ. ווען דער גאָט ראַ איז געקומען אויף דער עלטער און די מענטשן האָבן גענומען מורמלען אויף זיין רעגירן, האָט ער אויף זיי אַראָפּגעשיקט אַ שטראָף דורך זיין נוקם, דעם „געטלעכן אויג", וואָס איז געווען פאַרקערפּערט אין געשטאַלט פון דער געטין האַטאָר, וועלכע האָט אָנגעהויבן די פאַרניכטונגס-אַרבעט אין עגיפּטן. אָבער דער

איז געווען איזידאַ? ווער איז געווען סעט? זיין גריבישער נאָמען? ווער איז געווען האָרוס? ווער איז געווען דער קיניג פון דעם אונטערערדשן

גאָט ראַ האָט זיך דערבאַרימט איבער דער וועלט און באַשלאָסן צו פאַרהיטן דאָס מענטשלעכע מין פון פאַרטיליקונג. פאַרטאָגס, ווען די געטין האַטאָר האָט זיך געאָלט אומקערן צו איר גרויזאַמען ווערק, האָט זי געטראָפן עגיפּטן פאַרגאָסן שוין נישט מיט בלוט, נאָר מיט אַ וווּנדער־באַרן געטראַנק, וואָס האָט אינגאַנצן געזעטיקט איר נקמה־דורשט און איינגעשטילט איר צאָרן. פונדעסטוועגן האָט דער גאָט ראַ, וועמעס ביינער זענען געוואָרן ווי זילבער, דער גוף ווי גאָלד, און די האָר ווי לאַזוּליט (לאַפּיסלאַזולי), שוין באַקומען אַ ווידערווילן צו די מענטשן און איבערגעטראָגן זיין רעזידענץ אין הימל אַריין. עס האָט אים אַוועקגעטראָגן אויף איר רוקן די געטין נוט אָדער נויט, אָננעמענדיק דאָס געשטאַלט פון אַ קו; זי הענגט פון דעמאָלט אָן איבער דער ערד אַלס הימל, צעשיידט מיט איר מאַן, וועלכער איז די ערד, אָדער דער גאָט קעב (סעב). פון דערדאָזיקער געטער־פּאָר שטאַמען אַלע אַנדערע עגיפּטישע גאָטהייטן, און קודם־כל דער עלטסטער מושל פון עגיפּטן, דער גאָט אָזיריס.

§ 15 דער מיטאָס וועגן אָזיריס

די עגיפּטער האָבן זיך פאָרגעשטעלט די געטער אַלס די עלטסטע הערשער פון עגיפּטן. דערפאַר איז זייער מיטאָלאָגיע צוגלייך די לעגענדאַרישע געשיכטע פון עגיפּטן. אַזאַ לעגענדע טאַקע דערציילט וועגן די צוויי זין און צוויי טעכטער פון דעם ערד־גאָט קעב און דער הימל־געטין נוט. איינער פון זיי, אָזיריס, האָט געהערשט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער און פרוי איזידאַ. אים האָבן עס די עגיפּטער צוגעשריבן דעם פאַרדינסט פון ציוויליזירן עגיפּטן. אָזיריס האָט אויסגעלערנט די איינוווינער פון עגיפּטן פעלדאַרבעט און זיי געגעבן די ערשטע

מלכות? וווּהין האָבן זיך די עגיפּטער אַוועקגעלאָזט נאָכן טויט? ווי אַזוי איז פאָרגעקומען די נשמה־וואַנדערונג? וועמעס השגחה איז נויטיק

געזעצן. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקע גאָטהייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַלע וווילטאַטן פון דער נאַטור, פון וועלכע ס'האָבן גענאָסן די איינוווינער פון עגיפּטן. זיין פרוי איזידא — דאָס איז געווען דער פּרוכפּעריקער שליים, וואָס האָט געגעבן דער ערד פּרוכטבאַרקייט. ביידע האָבן געהאַט אַ שונא אין דעם ברודער זייערן, דעם גאָט סעט. פּונקט ווי אָזיריס אין עגיפּטן, אַזוי האָט סעט געהערשט אין ז'עט מדבר, זייענדיק די פאַרקערפּערונג פון ווינט, וואָס האָט אין דער טרוקענער און הייסער צייט, פון אַפּריל ביז יוני, פאַרניכטעט יעטוועדעס געוויקס און אָפּגעטויט דאָס לעבן אין עגיפּטן. זיין גריכישער נאָמען איז געווען טיפאָן. סעט האָט פאַררעטעריש אומגעבראַכט דעם ברודער זיינעם, אָזיריס. אָבער די פרוי פון דעם דערמאָרדעטן האָט, באַהאַלטנדיק זיך, געבוירן אַ זון, האָרוס, וועלכער האָט, שוין אַלס דערוואַקסענער, באַזיגט סעטן און געהערשט נאָכן פאָטער אויף דער ערד. ער האָט אויך געזאָלט זיין אַ גוטמוטיקער גאָט („גאָלדענער האָרוס“), און אַלע פּרעהס האָבן זיך באַטראַכט פאַר זיינע נאָכפאָלגער. אָזיריס אָבער איז נאָכן טויט געוואָרן דער גאָט פון אונטערערדישן קיניגרייך.

§ 16 דאָס לעבן אויף יענער וועלט

ד אָ ס ב וּ ך פ וּ ן ד י ט וי ט ע. דער אָזיריס, וועלכער האָט אויף דער ערד געטראָגן דעם נאָמען „גוטמוטיקער גאָט“ (אָנאָרפיס), האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אַזעלכער אויך אין לאַנד פון די שאָטנס. זיין ערשטע מלוכה נאָכן טויט האָט זיך געפונען אויף די זומפּיקע אינזעלעך פון דער דעלטע, דערפאַר האָט זי זיך גערופן „אַיערן-פעלד“, אָדער „רו-פעלד“. אָבער שפּעטער האָט אָזיריס איבערגעטראָגן זיין קיניגרייך אין הימל אַריין, אין דער צפון-מזרחדיקער זייט פונם מילכוועג.

געווען דער נשמה צום דורכמאַכן די וואַנדערונג? וואָס איז אַזוינס דאָס טויטן-בוך? ווי איז זיין כאַראַקטער, אינהאַלט? ווי אַזוי איז פאָרגעקומען דער משפּט איבער דעם פאַרשטאָרבענעם? וואָסער איז געווען דער

דאָרט אַהין האָבן געמוזט וואַנדערן די מענטשלעכע נשמות נאָכן טויט, כדי זיך אַריינצובאַקומען אין קיניגרייך פון אָזיריסן. אָבער דידאָזיקע וואַנדערונג איז געווען אַ זייער שווערע. זי האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם בערגפּאַס אויף מערב באַם איינגאַנג אין דעם מדבר. די נשמה איז אויף דערדאָזיקער וואַנדערונג אויסגעשטעלט געווען אויף אָן אַ שיעור עינויים און נסיונות. יאשטשערקעס, קראָקאָדילן און אַנדערע חיות אָדער פאַנטאַסטישע מחבלים האָבן איר פאַרצוימט דעם וועג. כדי דורכצומאַכן דעמדאָזיקן וועג, האָט מען זיך גערעדאַרפט פאַרזיכערן די הילף אָדער פון דער גוטמוטיקער געטין האַטאָר אין געשטאַלט פון אַ קו, אָדער פון דער געטין נוט, וועמעס געשטאַלט האָט זיך אַרויסגעבויגן ביז דער העלפט פון דעם סיקאָמאָרע-בוים. אָט-די לעצטע האָט דערלאַנגט דער נשמה שפּייז און געטראַנק, וזאָס נאָכן געניסן דערפון איז די נשמה געוואָרן איר גאַסט און האָט זיך שוין נישט געקאָנט אומקערן אויף דער ערד; די ערשטע ווידער האָט זי אויפגענומען אויף איר רוקן און זי איילִיק דורכגעטראָגן איבער דעם מדבר. כדי דער פאַרשטאָר־בענער זאָל נישט בלאָנדזשען אין דערדאָזיקער וואַנדערונג נאָכן טויט, האָט מען אים אַריינגעלייגט אין קבר אַ פּאַפּירוס-מגילה, וועלכע האָט אַנטהאַלטן די אַלע אָנווייזונגען אויפן וועג. דאָרט איז געווען אָנגעצייכנט דער מאַרשרוט, ווי אויך די תפלות און השבעות, וועלכע די נשמה האָט געמוזט אָפּריכטן, כדי זיך צו פאַרהיטן פון אומקום. דאָס איז דאָס א. ג. בוך פון די טויטע, דער עלטסטער דענקמאָל פון דער עגיפּטישער ליטעראַטור, און צוגלייך דאָס עלטסטע רעליגיעזע געזעץ. מחמת אין דאָזיקן בוך זענען אַנטהאַלטן נישט בלויז תפילות, נאָר אויך פאַרשריפטן און מאָראַלישע לערעס, וועלכע רעגולירן דאָס ערדישע לעבן פונם עגיפּטער. צוקומענדיק צום ראַנד פון דעם ווייטן צפון, האָט דער פאַרשטאָרבענער אָנגעטראָפן אויפן וועג די אָזערע באַ, פונוואַנען ער האָט געקאָנט זען פונווייטנס די אינזל פון

ווידזי פון עגיפּטער נאָכן טויט ? ווי אַזוי האָבן זיך די עגיפּטער פאָרגע-שטעלט דאָס לעבן אויף יענער וועלט ? וואָס איז אַזוינס אַלטערטימלעכע תקופה פון דער עגיפּטישער געשיכטע ? ווער הייבט אָן די רייע פון די

גליק. דאָ האָט אויף אים געוואַרט דער גאָט טאָט אין געשטאַלט פון אַן איביס, וועלכער האָט אויף זיינע פליגל אַריבערגעטראָגן דעם בר-מינן, אָדער ער האָט אויך דאָ אָנגעטראָפן אַן איינזאַם שיפל, וואָס האָט אים אַריבערגעפירט אויפן אַנדערן ברעג פון דער אָזערע. אין דעם מלכות פון אָזיריס האָט אים אָפּגעוואַרט דער גאַנצער קיניגלעכער הויף, וועלכער האָט אַהינגעפירט דעם וואַנדערער פאַרן קיניגס טראָן. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער משפט איבער דעם בר-מינן אין דער אָנוועזנהייט פון גאָט אָזיריס און 42 שופטים, דערביי האָט די גאָטהייט טאָט אַרויפגעלייגט אויף איין שאָל דאָס האַרץ פון פאַרשטאָרבענעם, און אויף דער צווייטער דעם אמת, און די גאָטהייט אַנוביס מיטן קאָפּ פון אַ שאַקאַל האָט געוויגן לויטן אמת דאָס האַרץ אָדער די מעשים פונם פאַרשטאָרבענעם. די נשמה האָט זיך געמוזט מתוודה זיין אויף אירע זינד. דערדאָזיקער ווידוי, געהאַלטן אין דער פאָרשריפטלעכער פאָרם, איז אַ מין עגיפּטיש געזעץ און זאָגט עדות אויף זייער הויכן מאָראַלישן געפיל. מ׳האָט נישט געטאָרט משקר זיין, נישט טויטן, נישט באַעוולהן קיינעם, נישט באַדריקן קיין שוואַכע. נאָך דעמדאָזיקן ווידוי האָט אָזיריס אַרויסגעגעבן אַן אורטייל. די נשמה, וועלכע איז צוגעלאָזט געוואָרן צו זיין קיניגרייך, האָט דאָ געפירט פונקט אַזאַ לעבן, ווי אויף דער ערד. דורך אַ טעותדיקער אויסטייטשונג פון דעם גלויבן אין אַ משפט נאָכן טויט האָט זיך שפּעטער אויסגעאַרבעט די מיינונג, אַז די עגיפּטער אַליין האָבן אָפּגעהאַלטן אַ משפט איבער זייערע טויטע.

§ 17 די מעמפישע מאָנאַרכיע

די אַלטערטימלעכע תקופה פון דער עגיפּטישער געשיכטע איז די צייט פון דער מעמפישער מאָנאַרכיע. די שפּעטערדיקע עגיפּטער, אָפּגערוקט פון דידאָזיקע צייטן אויף עטלעכע טויזנט יאָר, האָבן שוין פאַרלוירן דאָס געדעכעניש פון די פערזאָנען און געשעענישן. מען האָט נאָר געוווּסט, אַז די געשיכטע פון עגיפּטן האָט זיך אָנגעהויבן איבערן נידער-נילוס. דאָ האָט

עקזיסטירט די אַלטערטימלעכע שטאָט מעמפיס, וועלכע איז געלעגן צווישן נילוס און זיין לינקן אָרעם (איצט דאָס דאָרף מיט־ראַהינאַ); זי איז געווען די רעזידענץ פון די ערשטע צען דינאַסטיעס. דער גרינדער פון דערדאָזיקער שטאָט איז געווען דער קיניג מענאַ. ער האָט געהערט צו דער טינישער דינאַס־טיע, וואָס האָט געשטאַמט פון טהיס אָדער טיניס (אַ שטאָט אין אויבער־עגיפטן, נישט ווייט פון אַבידאָס). זיין ממשלה גרייכט דעם 48־טן י. ה. פאַר קר. ער האָט דער ערשטער פאַרייניקט אויבער־ און נידער־עגיפטן. שוין דעמאָלט איז עגיפטן געשטאַ־נען אויף אַ הויכער מדרגה פון ציוויליזאַציע: אַלע קולטור־דערגרייכונגען — ווי פעלד־אַרבעט, היעראָגליפישע שריפט — זענען דאָ געווען באַקאַנט, די רעליגיע איז שוין געווען אויס־געבילדעט, און צוזאַמען מיט איר האָבן שוין עקזיסטירט די ערשטע דענקמעלער פון דער ליטעראַטור (געוויסע טיילן פון דעם „טויטן־בוך”). די עלטסטע קברים דאַטירן זיך פון די פרעהס פון דער III־טער דינאַסטיע, און די IV־טע דינאַסטיע האָט איבערגעלאָזט די גרעסטע פּיראַמידעס. אָבער די אורשפּרינג־לעכע געשיכטע פון עגיפּטן איז גאַנץ פראַגמענטאַריש, ערשט פאַר דער ממשלה פון דער VI־טער דינאַסטיע, דהיינו פון דעם טיכטיקן און העלדישן פרעה פעפּי, הויבט זיך אָן די אומ־איבערייסלעכע אַנטוויקלונג פון דער מעמפישער מאָנאַרכיע. אַחוץ דער ממשלה אין נידער־ און אויבער־עגיפטן, שפּרייט זיך אויס די מאַכט פון די פרעהס אויך איבער די שכנותדיקע לענדער. אויף דעם האַלבאינזל סיני באַזיצן די עגיפּטער רייכע אַרץ־גרובנס, ווי קופער און אויך איידלשטיינער, דערעיקר טורקוסן, און פירן איבער זיי מלחמה מיט די שכנישע פאַסטוך־שבטים, די בעדווינער. דער איינפלוס פון עגיפּטן שטייגט די קאַטאַראַקטן אַריבער און דערגרייכט אויף דרום ביז צום לאַנד נוביע אָדער כוש, וואָס איז באַווינט דורך קריגערישע שבטים. אויף מזרח פון דאָזיקן לאַנד צווישן נילוס און דעם

פרעהס? ווו איז געלעגן מעמפיס? ווער איז געווען מענא און פונוואנען שטאמט ער? וועלכע זענען די אלטערטימלעכע דינאסטיעס? וואָסערע איז די אלטערטימלעכע עגיפטישע ציוויליזאציע? ווי איז די כראָנאָלאָגיע

דויטן ים איז געלעגן אַ לאַנד, וואָס האָט זיך גערופן פונט אָדער פּואַניט. פונדאָרטן איז געגאַנגען דער קאַראַוואַן-האַנדל, וועלכער האָט זיך געענדיקט אין דער גרעניץ-שטאָט סיענע, אָדער אויף דער אינזל פילע אין עלעפאַנטינע. ער האָט באַזאָרגט עגיפּטן מיט העבאַן און העלפאַנטביין, גאָלד און איידל-שטיינער, גומי און קאַוטשוק, ווי אויך מיט בשמים, וועלכע האָבן געשטאַמט פון דעם שכנישן לאַנד אַראַביע און זיכער פון די נאָך ווייטערליגנדיקע מזרח-לענדער, אינדיע אָדער צענטראַל-אַפריקע.

§ 18 די פּאָליטישע אָרדענונג פון עגיפּטן

אָנהויבנדיק שוין פון די עלטסטע צייטן איז די ערשטע פּערזאָן אין עגיפּטן געווען דער פּרעה — קיניג, שופט און כהן אין איין פּערזאָן. ער האָט זיך באַטראַכט פאַרן געזעצ-לעכן אָפּשטאַמלינג פון גאָט האָרוס אויף דער ערד. דערפאַר איז זיין אָפיציעלער טיטל געווען „גילדענער האָרוס“, אָדער „זון פון גאָט“. זיין נאָמען פלעגט מען תמיד אַרויסרעדן צו-זאַמען מיט די ברכות: „לעבן, געזונט און קראַפט“. רעדן צו אים האָט מען נישט געטאָרט אַנדערש, ווי נאָר אויף די קני, פאַרשטעלנדיק דאָס פּנים מיט די הענט. אַלס צייכן פון דער ממשלה זיינער איבערביידע עגיפּטנס, האָט געדינט די טאָפּעלע קרוין; די ווייסע — אַלס צייכן פון זיין הערשאַפט איבער אויבער-עגיפּטן, די רויטע — איבער נידער-עגיפּטן; צו-זאַמען פאַרייניקט בילדן זיי די קיניגליכע טיאַרע, דעם אַ. ג. פּשענט. נאָר דער פּרעה אַליין פלעגט אָפּריכטן תפילות צו גאָט און אים געבערענגט קרבנות. זיין פּריווילעגיע איז געווען דאָס אוממיטלבאַרע פאַרבערענגען מיט די געטער. ער האָט זיך מיט זיי אַן עצה געהאַלטן מכוח פּאָליטישע ענינים און וועגן די

פון דער מעמפּישער מאָנאַרכיע? ביז וואַנען גרייכט די מאַכט פון די פּרעהס? וועלכע לענדער זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער עגיפּטן? ווי איז געווען דער כאַראַקטער פון דער מאַכט פונם פּרעה? סאַרא טיטל

באַדערפעונישן פון פאָלק. ער האָט אַרויפגעלייגט שטייערן און געגומען צינז. צווישן דעם קיניג און די אונטערטאַנען האָט פאַרמיטלט אַ גאַנצע מענגע באַאַמטע, שטייערמאָנער, שרייבער א. אי וו., וועלכע האָבן געטראָגן גאָר געהויבענע טיטלען, ווי: „ביידע אויגן", אָדער „ביידע אויערן" פון פרעה, טיילמאָל ווידער „פאַרטרויטער", „פריינט", „ליבלינג פונם פרעה". דער פראָסטער עולם האָט געלעבט רויק און גליקלעך, כל-זמן עס האָבן זיך נישט באַוויזן די קיניגלעכע באַאַמטע, כדי פון אים אַרויסצוציען די שטייערן און צינז, צום אָפטסטן מיט דער הילף פון דער באַסטאָנאַדע. גאַנץ עגיפּטן איז געווען איינגעטיילט אויף קרייזן (אויף גריכיש נאָמאָס), וועמעס צאָל ס'איז דערגאַנגען אין די שפּעטערדיקע (גריכישע און רוימישע) צייטן ביז 42, ד. ה. 22 אין אויבער-עגיפּטן און 22 אין נידער-עגיפּטן. בראש פון איטלעכן קרייז זענען געשטאַנען יורשדיקע פירשטן, פון וועלכער איטלעכער האָט געהאַלטן אין האַנט די פּאָליטישע און רעליגיעזע מאַכט. איטלעכער האָט געהאַט אַן אייגענעם הויף, אייגן חייל, זיי האָבן אָבער געמוזט צאָלן מס דעם פרעה און אים געבן פּאַרשטאַרקונגען אין פאַל פון מלחמה. אַחוץ דערדאָזיקער שטאַם-אַריסטאָקראַטיע זענען נאָך פאַראַן געווען כּוהנישע און ריטערישע אַריסטאָקראַציעס. דער כּוהנישער שטאַנד איז געווען זייער מעכטיק, האָט באַזעסן צאָלרייכע מאַיאָנטקעס, וועלכע האָבן אַמערסטן געשטאַמט פון די גאָבן פון די פרעהס און מאַגנאַטן לטובת די טעמפּלען. די כּוהנים זענען געווען פריי פון שטייערן און פון מיליטער-דינסט און האָבן אויסגעאיבט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ממשלה פון די פרעהס. די זעלנער האָבן אויך באַקומען ערד אויף חיונה און זענען געווען פריי פון שטייערן; זיי האָבן געבילדעט אַ מין מיליטערישע אַריסטאָקראַציע און זיך געפונען אונטער די באַפעלן פון דעם קרייז-הויפּטמאַן, וועלכער האָט זיי געצאָלט געהאַלט.

האָבן געהאַט די מאַ:ארכן? סאַראַ איז געווען דער צייכן פון זייער מאַכט? ווי אַזוי האָבן רעגירט די פרעהס? אוואָסערע זענען געווען די-

§ 19 טעבאַנישע מאָנאַרכיע

באַם סוף פון IV-טן יאָרטויזנט האָט מעמפיס גענומען זינקען. די מאַכט טראָגט זיך איבער צו די פירשטן פון דער שכנותדיקער שטאָט העראַקלעאָפּאָליס. לעבן זיי וואַקסט אויס די מאַכט פון די דרומדיקע מושלים פון דער משפחה אַנטעף, וועמעס רעזידענץ ס'איז געווען טעבן, אַ שטאָט אין אויבער-עגיפּטן. זינט דעמאָלט הויבט זיך אָן די צייט פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע, וואָס טיילט זיך אויף צוויי תּקופות: פון מיטלעלטער און פון דער נייצייטיקער מלוכה. די ממשלה פון די פּאַסטוך-מלכים, א. ג. היקסן, בילדעט דעם גרעניץ-סלופּ צווישן די דאָזיקע צוויי תּקופות (אָנהויב פון II-טן יאָרטויזנט פאַר קר.).

§ 20 טעבן און אויבער-עגיפּטן

צוויי געשעענישן באַצייכענען די ענדערונג, וועלכע איז פּאָרגעקומען אין עגיפּטן אין אָנהויב פון איר מיטלעלטער: דאָס אַרויסרוקן זיך אויפן ערשטן פּלאַן פון דער אומאָפּהענגיקער פירשטן-דינאַסטיע פון דעם אַנטעף-שטאַם און דאָס איבערטראָגן די מלוכה-רעזידענץ פון מעמפיס קיין טעבן. איצט האָבן די אויבערעגיפּטישע פירשטן פאַרייניקט אין זייערע הענט די ממשלה איבער אויבער-און נידער-עגיפּטן, און גלייכצייטיק האָט די רעזידענץ-ענדערונג איבערגעטראָגן דעם שווערפּונקט פון דער עגיפּטישער געשיכטע פון דעם דעלטע-לאַנד אין דעם קעסל

קלאַסן פון דער באַפעלקערונג? וואָס איז אַזוינס געווען דער באַאַמטן-שטאַנד? ווי איז געווען די פאַרטיילונג פון עגיפּטן? אַוואָסערע איז געווען די מאַכט פון די הויפּטלייט און זייער באַציונג צו די פּרעהס? אַוואָסער איז געווען דער כּוהנישער און מיליטערישער שיכט? ווען פאַלט די מעמפּישע מאָנאַרכיע? וואָס איז אַזוינס טעבאַנישע מאָנאַרכיע, און ווי אַזוי טיילט זיך איר צייט? פאַרוואָס האָט זיך טעבן דערהויבן צו

פון נילוס-טייך. טעבן האָט פאַרדאַנקט איר ווּקס דער אויסגע-
צייכנטער לאַגע באַם נילוּס, פונוואַנען מ׳האָט געקאָנט הערשן
איבער דער גאַנצער שיפערייי אויפן דאָזיקן טייך. דאָסדאָזיקע
אָרט איז פאַרשטעלט פון צוויי זייטן מיט בערג, וועלכע גייען
זיך דאָ צונויף און פאַרמאַכן דעם קעסל פון נילוס, בילדנדיק
פון טעבן אַ מין טויער צווישן אויבער-און נידער-עגיפּטן. דאָס

אָבעליסק אין העליאָפּאָליס (XII דינ.).

איבערטראָגן די רעזידענץ קיין טעבן האָט געהאַט אַלס פּועל-
יוצא דאָס אַריינציען גאַנץ עגיפּטן אין דעם פּאָליטישן
לעבן, וועלכעס האָט זיך ביז דאַן כמעט אויסשליסלעך קאָנ-
צענטרירט אין נידער־עגיפּטן.

דעם ראַנג פון אַ הויפּטשטאָט? סאַראַ שינויים זע׳ען פאָרגעקומען אין דער
תקופה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע? וועלכע איז די באַרימטסטע

§ 21 די מיטלעלטערלעכע טעבאַנישע מאָנאַרכיע

די באַרימטסטע דינאַסטיע פון דערדאָזיקער תקופה איז די XII-טע, וועמעס אָנהויב פאַלט אויס אַרום דעם XXVIII-טן יאָרהונדערט פאַר קר. אירע פרעהס, ווי אוסירטאַזען I, האָבן איינגעפירט אין לאַנד אָרדענונג, וועלכע איז געווען דערשיטערט דורך דעם פאַלן פון דער מעמפישער מאָנאַרכיע. כדי צו באַוואָרענען עגיפּטן פון אַ בעדוינער-אינוואַזיע האָט מען אויפגעשטעלט מויערן אויפן סועץ-פּאַס, וועלכע היטן דעם צוטריט צו דער דעלטע. פון דרום-זייט האָט מען אונטערגענומען מלחמהצוגן אין לאַנד כוש, מיטן צוועק אונטערצודריקן די דאָרטיקע איבערפאַלער. אַלס רעזולטאַט דערפון האָט נוביע אָנגעהויבן ענלעך צו ווערן צו עגיפּטן. אוסירטאַזען III האָט אויפגעבויט צוויי פעסטונגען אויף דער הויכקייט פון צווייטן קאַטאַראַקט אין סעמנע און קומע, וווהין עס האָבן געגרייכט די פּאָליטישע גרעניצן פון עגיפּטן. דאָ זענען אויך די ברעג-פעלזן געוואָרן אַן אָבסערוואַטאָריע פון וואַסער-צושטייג אויפן נילוס; די הויך פונם שטייגן פלעגט מען יעדעסמאָל באַצייכענען צוזאַמען מיטן נאָמען און יאָר פון דער הערשאַפט פונם פרעה. מיט דער ענדערונג פון דער הויפּטשטאָט און דער דינאַסטיע איז אויך אַנטשטאַנען אַ ענדערונג פון דער געטער-פאַרערונג. דער גאָט פון טעבן איז געווען אַמאָן אָדער אַמען, וואָס פון אַ לאָקאַלן גאָט ווערט ער ביסלעכווייז דער גאָט פון גאַנץ עגיפּטן. זיינע אטריבוטן אין פאַרבינדונג מיט די אטריבוטן פונם זונגאָט ראַ האָבן געבילדעט די איינציקע גאָטהייט, וועלכע רופט זיך פון דעמאָלט אָן דער גאָט אַמאָן-ראַ. שוין פאַר דער 11-טער דינאַסטיע (מענטוהאָטעפּ) האָט מען געלייגט די פונדאַמענטן אונטער זיין טעמפּל אין דער נאָענטקייט פון טעבן (היינט אין דאָרף קאַרנאַק), און דערדאָזיקער טעמפּל ווערט זינט דאַן דער געגנשטאַנד פון באַזונדערער השגחה מצד די

מיטלעלטערלעכע דינאַסטיע? וואָסערע זענען געווען די גרעניצן פון עגיפּטן אין איר מיטלעלטער? סאָראַ פאַרזיכערונג קעגן אַן אָנפאַל?

טעבאַנישע מאָנאַרכן, פון וועלכע אַמענעמהאַט I (XII-טע דינאַסטיע) האָט אים אָנגעהויבן צו באַצירן. איבריקנס טרעפן מיר שפורן פון די בנינים, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך די פרעהס פון דערדאָזיקער דינאַסטיע, פון דער שטאָט טאַניס אין דער דעלטע אַזש ביז דער שטאָט קאָראָסקאָ אין אויבער-עגיפטן. אמענעמהאט III ווידער איז דער שעפער פון באַרימטן וואַסער-באסיין אין פאַיום, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען מעריס-אָזערע און איז געווען דער רעגולאַטאָר פון דער באַוואסערונג פון גאַנץ עגיפטן

§ 22 דער איבערפאַל פון די היקסן

די אַנטוויקלונג פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע איז געוואָרן פאַרהאַלטן דורך דעם איבערפאַל פון די היקסן. אויף מזרח פון עגיפטן, ד. ה. אויף דער האַלבאינזל סיני און אין אַראַביע, האָבן געוואָגלט פון דור-דורות פאַסטוך-שבטים, פאַרלאָקט דורך די רייכטימער און שפעס פון עגיפטן. אין אָנהויב פון II-טן יאָרטויזנט איז גאַנץ עגיפטן אַזש ביז סאַמע טעבן געוואָרן דורך זיי פאַרוויסט. שפעטער אָבער האָבן זיי אויפגעהערט די רויבערייען, אויסשפרייטנדיק זייער הערשאַפט איבער עגיפטן אויף אַ משך פון איבער פינף הונדערט יאָר. זייערע מלכים האָבן אָנגענומען די עגיפטישע ציוויליזאַציע און געהערשט אויפן שטייגער פון די פרעהס. אין דער געשיכטע פון עגיפטן בילדן זיי די 15-טע ביז דער 17-טער דינאַסטיע. די רעזידענץ פון די דאָזיקע מושלים איז געווען אַוואַריס, אַ שטאָט אויף מזרח פון דער דעלטע, נאָענט פון דעם פעלוזישן נילוס-אָרעם. זייער הערשאַפט אָבער, אַלס פרעמדע מלכים, איז געווען פאַרהאַסט

סאַראַ קולט? סאַרא געביידעס און סאַרא וויכטיקסטע אינזשינער-ארבעטן? ווי איז געווען די באַציונג פון די סטעפּן-פעלקער צו די עגיפטער? ווער זענען געווען די היקסן? פונוואַנען האָט געשטאַמט און וואָס באַטייט דערדאָזיקער נאָמען? וואָסער איז זייער כראָנאָלאָגיע? ווי איז זייער שייכות מיט דער געשיכטע פון יידן? ווער האָט ארויסגעטריבן די היקסן

באַ די עגיפּטער, וועלכע האָבן זיי געגעבן אַ פּאַראַכטנדיקן נאָמען היקסן (כקאַ-שאַסו), ד. ה. פּאַסטוכער רויבער. פאַר דער הערשאַפט פון איינעם פון די דאָזיקע מלכים, מיטן נאָמען אַפּאָפּיס, האָט זיך געזאָלט באַזעצן אין עגיפּטן דער יידישער שבט, בני ישראל, און איינער פון די אָנפירערס פון דאָזיקן שבט האָט געזאָלט זיין דער שטעלפאַרטרעטער פון דעם דערמאָנטן פּרעה.

§ 23 די נייצייטיקע תקופה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע

עס האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון די היקסן איבער עגיפּטן דיזעלביקע פירשטן, וועלכע האָבן פריער געגרינדעט די טעבאַנישע מלוכה. דאָס פאַרטרייבן די איבערפאַלער פאַלט אויס אויפן סוף פון דער 17-טער דינאַסטיע. די דריי נאָכקומענדיקע דינאַסטיעס בילדן די נייצייטיקע תקופה פון דער עגיפּטישער געשיכטע און צוגלייך די הערלעכסטע צייט פון דער טעבאַנישער דינאַסטיע. דער הויפּטשטריך פון דערדאָזיקער נייער תקופה אין פאַרגלייך מיטן מיטלעלטער באַשטייט דערין, וואָס עגיפּטן גייט אַרויס פון איר ביזאַהער איזאָלירטער פּאָליטישער לאַגע. אַלע דריי דינאַסטיעס זענען אויסערגעוויינלעך קריגעריש. צום ערשטן מאָל שרייטן די פּרעהס אַריבער די מזרחדיקע גרעניץ פון דעם האַלבאינזל סיני און לאָזן זיך אַוועק אין דער טיף פון פאָדעראַזיע, אַזש ביז דעם טייך אָראָנטעס און פּרת, ביז צום לאַנד נהרים, ווו ס'זענען געזעסן די מיטאַניער, וועלכע האָבן געהאַט פאַר שכנים דאָס מעכטיקע פאָלק אין קליינאַזיע — די חתים (כעטן). אונטער עגיפּטן פאַלן אין פאַרשידענע צייטן אַרונטער: סיריע, פעניציע, פּאַלעסטינע און אַפילו די אינזל קיפּראָס אויפן ים. אין די מלחמות מיט די אַזיאַטן האָבן די

פון עגיפּטן ? אוואָסערע איז די צווייטע תקופה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע ? סאַראַ אונטערשיד איז געווען צווישן דער מיטלעלטערלעכער און נייצייטיקער תקופה פון עגיפּטן ? וווהין האָט עגיפּטן אויסגעברייטערט אירע גרעניצן ? מיט וועלכע פעלקער האָבן די עגיפּטער געקעמפט אין

עגיפּטער פּאַרפּולקאָמט די אייגענע קריגס-קונסט. די עגיפּטישע אַרמיי פון דער נייצייטיקער תּקופה אונטערשיידט זיך גרינטלעך פון דער מיטלעלטערישער, מחמת זי באַזיצט שוין פערד און וועגנס; ובכן, לעבן די אָפּטיילונגען פון פוס-מיליטער. וואָס באַשטייט פון בויגנשיסער און שפּיזנוואַרפער, זעען מיר אויף די באַרעליעפן אויך קאַוואַלעריע, וועלכע קעמפט אויף צווייראָדיקע וואָגנס. אין אַזיע האָבן זיך די עגיפּטער צונויפגעשטויסן מיט אַן אַנדער ציוויליזאַציע, אַ נישט וויניקער הויכע און אַלטערטימלעכע, ווי די עגיפּטישע ציוויליזאַציע; זי האָט באַזעסן איר בילדשריפט, די א. ג. קלינעסשריפט, אויסגעקריצט אויף טעוועלעך פון געברענטן ליים. זינט דאַן באַווייזן זיך אויך אויף די דענקמעלער פון עגיפּטן רעשטן פון דערדאָזיקער שריפט, דערהויפּט אין דער צווישנפעלקישער און דיפּלאָמאַטישער קאָרעספּאָנדענץ. אַ גאַנצן אַרכיוו טאָוולען מיט קלינעסשריפט האָט מען געפונען אין אונזערע צייטן אין עגיפּטן, אין דער געגנט פון על-אַמאַרנאַ; זיי שטאַמען פון די צייטן פון אַמענהאַטעפּ IV. אַלץ אָפטער הויבן זיך אָן צו באַווייזן אויסלענדער אין הויף פונם פּרעה, צי אַלס הויפדינערשאַפט, אָדער אַלס געדונגענע חיל. די אַזיאַטישע פירשטן גיבן אויס זייערע טעכטער פאַר די פּרעהס. דערדאָזיקער פרעמדער איינפלוס הויבט אָן צו באַדראָען אַפילו דער עגיפּטישער רעליגיע, אויסדריקנדיק זיך אין דער אריינפירונג פון נייע געטער.

§ 24 די 18-טע דינאַסטיע

דידאָזיקע דינאַסטיע געהערט צו די אַמייסטן קריגערישע. טאַהוטמעס I האָט איינגעגלידערט נוביע אין עגיפּטן, מאַכנדיק פון איר אַ לאַנדקרייז, וואָס איז רעגירט געוואָרן דורכן וויצע-קיניג, וועלכער ס'איז על-פּי-רוב געוועזן דער עגיפּטישער טראַנ-

---

אַזיע? סאַראַ שנויים זענען פאָרגעקומען אין דעם קריגס-סיסטעם? כ...
איינפלוס האָט אויסגעאיבט די סירישע ציוויליזאַציע אויף עגיפּטן?
וועלכע נייצייטיקע דינאַסטיע איז געווען די אמייסטן קריגערישע?

פאָלגער. דערדאָזיקער מאָנאַרך איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט פאַרטראָגן זיין געווער קיין סיריע. די עגיפּטישע הערשאַפט אין דרום-סיריע האָט באַפעסטיקט טאַהוטמעס III דורך דער שלאַכט הינטער מגידו (נאָענט פון טייך קישון). פאַר דער ממשלה פון דערדאָזיקער דינאַסטיע איז עגיפּטן געוואַקסן אין רייכטום און חשיבות באַ די שכנים. אַמערסטן אָבער האָט זיך צעוואָקסן און פאַרשענערט טעבן. דער גאָט פון טעבן, אַמען, האָט אויך געוואָקסן אַמייסטן פון דער ברייטגעביקייט און זאָר-געוודיקייט פון די פּרעהס. אפשר מיטן צוועק אַקעגנצושטעלן זיך דער וואַקסנדיקער מאַכט און רייכקייט פון די אַמען-כּוהנים, האָט אַמענהאַטעפּ III געשטיצט דעם קולט פון דעם העליאָ-פּאָליטאַנישן גאָט אַטעם אָדער אַטום, דאָס איז געווען אַ גאָט-הייט פון דער זון, אָבער איז אַן אַנדער געשטאַלט ווי ראַ, ד. ה. אין געשטאַלט פון אַ צעגליטער זונשילד מיט פונאַנדער-געשאָסענע שטראַלן. אַנדערע באַטראַכטן זי פאַר דער סירישער גאָטהייט אַ ד ו ן. היות ווי אַמענהאָטעפּ III האָט געהאַט מאַר אַ פּרוי די טאָכטער פון דעם מיטאַניער-קיניג, די פּירשטין טיאי, האָט זיין זון און נאָכפאָלגער, אַמענהאָטעפּ IV, אונטערן איינפלוס פון דער מוטער זיינער געפּרוווט דורכפירן אַ פולשטענדיקע ענדערונג פון דער רעליגיע: ער האָט געהייסן אויסמעקן די נעמען פון אַלע געטער און פאַרערן בלויז דעם נאָמען פון גאָט אַטעם. אַליין האָט ער אויך געענדערט זיין נאָמען אין זעקסטן יאָר פון רעגירן אויף אַכענאַטען. נישט געקוקט אָבער אויף דעם קאַמף, וואָס ער האָט אונטערגענומען קעגן די עגיפּטישע געטער, איז ער נישט בכּוח געווען אָנצו-וואַרפן דעם פאָלק אַ נייעם גלויבן; שוין באַם סוף פון דער הערשאַפט פון דער 18-טער דינאַסטיע האָט זיך דער אַמען-קולט צוריקגעקערט אין זיין גאַנצער אַלטערטימלעכער געשטאַלט. נאָך די פּרעהס פון דערדאָזיקער דינאַסטיע זענען פאַרבליבן

וועלכ׳ר פון די פּרעהס האָט דער ערשטער ארייגמאַרשירט קיין אזיע?
וועלכער איז געווען דער וויכטיקסטער נצחון אין סיריע? ווי איז גע-וועז דער איינפלוס פון די נצחונות אויף דער אנטוויקלונג פון טעבן?
ווער איז געווען דער רעפאָרמאַטאָר פון דער עגיפּטישער רעליגיע?

צאָלרייכע דענקמעלער און טעמפלען. לכבוד דעם זונגאָט ראַ האָט מען אויפגעשטעלט אָבעליעסקן אָדער פּירקאַנטיקע סלופּעס, אויסגעהאַקט פון איין שטיינבלאָק, פון אויבן פאַרענדיקט מיט אַ פּיראַמידע און באַדעקט מיט אויפשריפטן. באַ די ווענט פון די טעמפלען האָט מען אַוועקגעשטעלט סטאַטועס, וועלכע האָבן באַרגעשטעלט די פרעהס אָדער זייערע פרויען אין זיצנדיקן געשטאַלט מיט אויף די קני אָנגעשפּאַרטע הענט אין דער א. ג. היעראַטישער פּאָזע. צוויי פון דידאָזיקע סטאַטועס, וועלכע האָבן זיך אויפבאַהאַלטן, זענען די באַרימטע מעמנאָן-קאָלאָסן, אויסגעהאַקט פון איין ראָזיקן שטיינבלאָק (א. ג. סיעניט) און האָט די הויך פון 16 מ. די גריכישע לעגענדע האָט פאַרבונדן מיט זיי דעם מיטאָס וועגן דעם עטיאָפּישן מעמנאָן, דעם זון פון טיטהאָן און אוי־אָראַ, וועלכער איז געטויט געוואָרן דורך אַכילעסן הינטער די מויערן פון טראָיאַ. דידאָזיקע סטאַטועס האָבן געזאָלט פאַרטאָגס אַרויסגעבן קלאַנגען

מומיע פון רעמסס II

ענלעכע צו האַרפן־שפּיל. זיי געהערן צו די צייטן פון דעם פּרעה׳ אַמענהאָטעפּ III.

§ 25 די 19־טע דינאַסטיע

זי בילדעט דאָס לויבווירדיקסטע בלעטל אין דער געשיכטע פון עגיפּטן. איר גרינדער איז רעמסס I (ראַמעסו). פונדאַנען שטאַמט דער נאָמען פון דערדאָזיקער דינאַסטיע ראַמעסידן: איר גרעסטער העלד איז רעמסס II, גערופן מיאַמון אָדער ליבלינג פון אַמען, זון פון סעטי I, און אייניקל פון רעמסס I (1234—1300). ער האָט פאָרגעזעצט די אָקופּאַציע־פּאָליטיק אין אַזיע, וועלכע ס׳האָט געפירט זיין פאָטער סעטי I, אָבער ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיין וועג די חתים־פעלקער, וועלכע האָבן געבילדעט אַ מעכטיקן מלוכה־בונד אין אַזיע. די שלאַכט הינטער קדש (איבערן טייך אָראָנטעס) האָט זיך פאַרענדיקט מיטן נצחון פון די עגיפּטער, אָבער רעמסס II איז געצווונגען געווען צו שליסן אַ שלום, אויפן סמך פון וועלכן ער האָט אָפּגעטרעטן די חתים די הערשאַפט איבער סיריע, פאַרהאַלטנדיק פאַר זיך דעם איינפלוס איבער פּאַלעסטינע. דערדאָזיקער נצחון איז באַשריבן אין דער פּרעכטיקער פּאָעמע, גערופן „פּענטאַאוּראַ״ נאָכן נאָמען פון דעם קאָפּיסט, וועמעס מאַנוסקריפּט האָט זיך אויפבאַהאַלטן. דער רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענשטויס איז געווען, וואָס אַן אמת, ווייניקער גלענצנדיק אויסערלעך, אָבער דערפאַר האָט רעמסס II געקאָנט מקדיש זיין די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט די אינערלעכע ענינים פון לאַנד, ווי אויך דעם אָפּשטויס פון די אויסערלעכע שונאים, וועלכע האָבן פון אַלע זייטן געלאָקערט אויף עגיפּטן, דערביי האָט ער זיך פאַרזיכערט די הילף און פריינטשאַפט פון די מעכטיקע

וואָס איז אַזוינס אַן אָבעליסק? וואָס זענען אַזוינס די מעמנאָן־קאָלאָסן? וועלכע איז די באַרימטסטע עגיפּטישע דינאַסטיע? ווער איז געווען רעמסס II? אַוואָסערע זענען געווען זיינע מלחמה־צוגן? סאַראַ טראַקטאַט איז געווען מיט די חתים? אַוואָסערע זענען געווען די סיבות פון דער

שכנים, די חתים. רעמסס II האָט איבערגעלאָזט די שפּורן פון זיין הערשאַפט אין די דענקמעלער, אין די לויב־אויפשריפטן אויף די פּעלזן און טעמפּל־ווענט, דערהויפּט אָבער אין די הערלעכע בנינים, וועמעס רעשטלעך האָבן זיך נאָך אויפבאַהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג. קיין חידוש נישט, וואָס דאָס געדעכעניש וועגן אים האָט זיך אַפילו נאָכן פאַרלויף פון טויזנט יאָר אויפגעהיטן אינם פאָלק. פאַרן לעבן איז ער געוועזן באַקאַנט אונטערן נאָמען פון פּרעה סעסוסו אָדער סעסוסטורי, וועלכן די גריכן האָבן פאַרביטן אויף סעסאָסטריס, און פון זינט יענער צייט פלעגן זיי, צי אין אַזיע, אָדער אין אייראָפּע אומעטום, ווי זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפן עפּעס אַ רעטענישפולן דענקמאָל אָדער אַן אומפאַרשטענדלעכן אויפשריפט, צושרייבן עס סעסאָסטריסן. די גריכישע לעגענדע האָט אים צוגעשריבן די באַצווינגונג פון סיריע, פּערסיע, מעדיע, באַקטריע און אינדיע, ווי אויך די אויסשפּרייטונג פון זיין ממשלה אַזש ביזן אָקעאַן, און הערא־דאָט, דער ערשטער גריכישער היסטאָריקער, האָט געפּרוּווט אויפזוכן די שפּורן פון זיינע באַצווינגונגען אַזש אין סקיטיע באַם שוואַרצן ים.

§ 26 די 20־טע דינאַסטיע און די ירידה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער הערלעכקייט פון דער ראַמעסידן־הערשאַפט, איז דער גורל פון דער טעבאַנישער מאָ־נאַרכיע געוועזן שוין אָפּגעחתמעט. כלפּי פּנים איז אויסגעוואָקסן אומגעהויער די חשיבות און מאַכט פון די כּוהנים, וועמעס רייכטום איז געוועזן גרעסער, איידער פון די פּרעהס גופא. פינדרויסן, פון מערב, באַווייזן זיך נייע שכנים, וועלכע באַ־דראָען דעם שלום און זיכערקייט פון עגיפּטן. דאָס זענען

ירידה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע ? ווער האָט געטיילט אין עגיפּטן די מאַכט מיט דעם פּרעה ? וועלכע זענען די נייע שכנים פון די עגיפּטער אויף מערב ? וואָס זענען עס די מאַשאַוואַשאַ ? ווי איז זייער געשטאַלט?

נעוועזן די ליבישע שבטים. די עגיפּטער האָבן זיי גערופן מאַשאַ-
אואַשאַ. פון הויכן וווקס, שטאַרק געבויט, מיט העלע האָר און
בלאָע אויגן, זענען זיי געווען אַן אומגעוויינלעך קריגעריש
פאָלק. די עגיפּטער שטעלן זיי פאָר אויף זייערע צייכענישן אַלס
מענטשן מיט געקרייזלטע האָר, וואָס פאַלן זיי אַרונטער אויף
די אָרעמס, און זייערע פירשטן — מיט אַ פעדער, אַריינגע-
שטעקט אין די האָר. דאָס ערשטע באַווייזן זיך פון דידאָזיקע
שבטים פאַר די צייטן פון דעם פרעה מערענפּטאַה האָט
אַרויסגערופן אַ גרויסע בהלה אין עגיפּטן. הגם תיכף אָפּגע-
שטויסן, באַדראָען זיי זינט דאַן כסדר עגיפּטן; דערווייל טרעטן
אַריין זייערע פירשטן אין מיליטער-דינסט צו די פרעהס, צו-
גלייך מיט אַנדערע פרעמדלענדער, ווי די חתים, ליביער און
שפּעטער די גריכן. אין אַלגעמיין איז נאָך דער אויסשפּרייטונגס-
תקופה דער מלחמה-ברען פון די עגיפּטן שטאַרק אָפּגעקילט
געוואָרן. דאָס עגיפּטישע פאָלק, זייענדיק פון געמיט. אַלס
אַגראַר-פאַלק, רויק און מילד, האָט געוואָלט זיין פאַרטרעטן
אין מיליטער-דינסט דורך געדונגענע זעלנער. די אָנפירער פון
דידאָזיקע געדונגענע האָבן מיט דער צייט פאַרכאַפּט די מאַכט
פון די פרעהס. פאַר דער הערשאַפט פון דעמזעלביקן פרעה
מערענפּטאַה איז פאָרגעקומען דער אַרויסגאַנג פון די בני
ישראל פון עגיפּטן. ראַמזעס III באַמיט זיך. וואָס אַן אמת,
אויפצולעבן די אַלטע טראַדיציעס פון דער ראַמעסידן-הערשאַפט,
אָבער נישט קוקנדיק אויף זיינע אָנשטרענגונגען גייט דער צע-
פאַל פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע אַלץ פאָרויס. דאָס חתים-
מלכות אויף מזרח ווערט הרוב אונטערן דרוק פון נייע פעל-
קער, וועלכע שפאַרן פון איראָפּע קיין אַזיע. דאָס איז די
ערשטע וואַנדערונג פון די איראָפּעישע פעלקער קיין אַזיע.
אונטער זייער דרוק שיטן זיך אַרויף אויף עגיפּטן די פעלקער
פון סיריע און די א. ג. פעלקער פון „מעבר לים״, ד. ה.

סאַראַ שטייגער לעבן ? סאַראַ שנוי איז פאָרגעקומען אין געמיט פון די
עגיפּטער ? ווי אַזוי אַנטשטייט די נייע אַריסטאָקראַטיע ? וואָס איז גורם
דעם צעפאַל פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע ? וואָס זענען אַזוינס די
„מעבר-לים-פעלקער״ ? אויף וויפל טיילן פאַלט זיך פונאַנדער עגיפּטן ?

וועלכע שטאַמען פון איבערן עגעישן ים (דערעיקר פון די אינזלען ראָדאָס און קרעטא). די נאָכפאָלגער פון רעמסס III מוזן אָנקומען צו דער הילף פון די ליבישע פירשטן, וועלכע באַזעצן זיך מיט דער צייט אין נידער-עגיפּטן און הויבן אָן זייערע נייע פרעה-דינאַסטיעס. גלייכצייטיק פאַלט עטיאָפּיע אָפּ פון עגיפּטן. עס אַנטשטייט דאָרט אַ כּוהנים-מלוכה, מיט דער רעזידענץ אין נאַפּאַטאַ (היינט געבעל-באַרקאַל), אָדער די א. ג. מעראָען-קיניגרייך. אין זיין שפּיץ שטייען די אַמען-כּוהנים, וועלכע אַנטשיידן אַלע פּאָליטישע ענינים מיט דער הילף פון אָראַקל פון דערדאָזיקער גאָטהייט. אויך אויבער-עגיפּטן הויבט זיך אָן אַפּערצורוקן פון אונטער דער הערשאַפט פון די פּרעהס, פון זינט די נויטווענדיקייט צו באַשיצן דאָס לאַנד פון די איבערפאַלן באַשעפטיקט זיי אין נידער-עגיפּטן. דער הויפּט-כּוהן פון אַמען, הערהאָר, פאַרכאַפּט דאָ אין זיינע הענט די קיניגלעכע מאַכט. פון אַ געוויילטן ווערט זיין אַמט אַ ירושהדיקער. ער אָנערקענט נאָר פאָרמעל די מאַכט פון דעם פּרעה, אין דער ווירקלעכקייט אָבער פירט ער אויס אַלע זיינע פונקציעס. דאָס אויסשטאַרבן פון דער ראַמעסידן-דינאַסטיע פאַרזיכערט די כּוהנים די ממשלה אין טעבן. מיטן סוף פון דער XX-טער דינאַסטיע זינקט עגיפּטן אַראָפּ אויף דערזעלביקער שטופע פון פונאַנדער-פאַל, אויף וועלכער זי האָט זיך געפונען אין אָנהויב פון די אַלטערטימלעכע דינאַסטיעס. עס הערט אויף אַפילו די נאָמינאַלע מאַכט פון די פּרעהס איבער ביידע עגיפּטנס, דערביי רעגירט זיך יעדע טייל זעלבשטענדיק, און אויבער-עגיפּטן צוזאַמען מיט עטיאָפּיע פאַרמאַכט זיך אַלס טעאָקראַציע אין די ענגע ראַמען פון דער אַפריקאַנישער מלוכה, און גלייכצייטיק ווענדט זיך נידער-עגיפּטן צום מיטללענדישן ים און קומט אין באַריר מיט נייע ים-התיכונדיקע קולטורן — מיט דער גריכישער און רוימישער.

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די כּוהנים-מלוכה אין עטיאָפּיע? ווי הייסט זי, וווּ איז איר הויפּטשטאָט? וואָס איז געשען מיט אויבערעגיפּטן? ווער הויבט אָן די נייע הערשאַפט אין טעבן? צו סאַרא צושטאַנד קערט זיך

§ 27 טעבאַנישע קברים (היפּאָגעען)

פון דער תקופה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע זענען פאַרבליבן נאָך צאָלרייכערע רעשטן, איידער נאָך דער מעמפישער מאָנאַרכיע. וואָס אַן אמת, האָט זיך די ציוויליזאַציע אין אויבער-עגיפּטן אַנטוויקלט אויף דיזעלביקע יסודות ווי אין נידער-עגיפּטן, אָבער די ענדערונג פון די תנאים, אַזוי גוט טאָפּאָגראַפישע, ווי פּאָליטישע, האָט געגעבן אַ נייעם אימפּולס צו איר אַנטוויקלונג. דער מיטלפּונקט פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע בלייבט איצט טעבן, הגם אויך די שטעט פון נידער-עגיפּטן, ווי אויך די פריש ציוויליזירטע און פאַרעגיפּטיזירטע, הגם נאָך האַלב באַרבאַרישע נוביע, האָט באַזעסן זייער פיל דענקמעלער נאָך די טעבאַנישע מלכים. די עגיפּטער האָבן אויפבאַהאַלטן אָן שנוי זייערע אַלטע רעליגיעזע גלויבענישן ווי אויך די אמונה אין אַ לעבן נאָכן טויט, דאָך האָט די לאַגע פון עגיפּטן אין דעם צונויפּגעדריקטן קעסל נישט דערלויבט נישט אויף צו פאַרלייגן גרויסע בית-עלמינס, ווי אין די געגנטן פון מעמפיס, און נישט אויף צו בויען פּיראַמידעס אויפן שטייגער פון די פּיראַמידעס אין גיזע. די קברים אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד זענען געוואָרן פאַרטרעטן דורך אונטערערדישע קברים, אויסגעהאַקט אין דעם פעלזיקן לינקן ברעג פון נילוס, אָדער די א. ג. היפּאָגעען. דאָ האָט מען שוין פאַר די צייטן פון דער XII דינאַסטיע אָנגעהויבן צו בויען אין ליבישן קאַלכשטיין אונטערערדישע חדרים, וועלכע זענען באַשטימט געווען צום אויפבאַהאַלטן די גופים פון די פאַרשטאָרבענע. דעם איינגאַנג צו זיי האָט געבילדעט געוויינלעך אַ נישע, געשטיצט אויף צוויי אָדער דריי זיילן, און געהאַט אַ טיר אין דער טיף, וועלכע האָט גלייכצייטיק געבילדעט אַ מין פאָדערהויז. דער

צוריק עגיפּטן? סאַראַ אונטערשיד איז פאַראַן צווישן דער אַנטוויקלונג פון אויבערשטן און אונטערשטן עגיפּטן? וויפל, וועלכע און ווי האָבן זיך אויפבאַהאַלטן די דענקמעלער נאָך דער טעבאַנישער תקופה? סאַראַ אונטערשיד איז פאַראַן צווישן די אַלטערטימלעכע רעשטן און דעם

קבר גופא האָט זיך געפונען נידריקער, אונטער די קאַפּליצע, אין אַ קעלער, צו וועלכן עס פירט אַן איינגאַנג פון דער קאַפּליצע. פון אַזאַ געשטאַלט זענען די אונטערערדישע קברים אין בעני-הצַסאַן. אין דער תּקופה פון דער נייצייטיקער מאָנאַרכיע ווערט דערדאָזיקער סטיל דער אַלגעמיין הערשנדיקער, און גאַנצע רייען פון אַזעלכע היפּאָגעען באַגעגנט מען אויף מזרח פון טעבן. דער גריכישער נאָמען פון אַזעלכע קברים איז speos (מערה) אָדער syrynga (פון דעם געשטאַלט פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט). דעם איינגאַנג צום קבר באַצייכנט טיילמאָל אַ געמויערטער טויער אין דער פאָרם פון אַ שפּיצזייל, מיט אַ פּיראַמידע אינדערהויך. דאָס זענען אַזוי גוט פּריוואַטע, ווי קיניגלעכע קברים. די קברים פון די מלכים אונטערשיידן זיך בלויז מיט דער צאָל חדרים, אויסגעהאַקטע אין די פעלזן, ווי אויך מיט דער לענג פון די קאָרידאָרן, וועלכע פאַרייניקן דידאָזיקע חדרים; אַזוי האָט, למשל, דער קבר פון סעסאָסטריסן 125 מ די לענג. אָנשטאָט אַן אונטערערדישע קאַפּליצע האָבן עטלעכע פּרעהס, ווי רעמסס II, אויפגעבויט גאַנצע טעמפּלען פונדרויסן. באַם איינגאַנג צו זיי האָט מען אַוועקגעשטעלט ריזיקע סטאַטועס פון די פּרעהס. אַזעלכע זענען באַקאַנט די מעמנאָן-קאָלאָסן באַם קבר פון אַמענעהאָטעפּ III.

§ 28 די טעמפּלען אין לוקסאָר און קאַרנאַק

די טעבאַנישע מאָנאַרכיע האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קברים פון אַזאַ פאַרנעם, ווי די פּיראַמידעס פון די מעמפישע מלכים. אַקעגן-זשע האָבן די טעבאַנישע פּרעהס קאָנצענטרירט דעם גאַנצן לוקסוס און פּראַכט אויף דער אויפבויונג פון די טעמפּלען, וועמעס חורבות האָבן זיך נאָך עד-היום אויפבאַהאַלטן אויפן רעכטן, פלאַכן ברעג פון נילוס, אין שכנות פון אַלטן

נייצייטיקן עגיפּטן? סאַראַ כאַראַקטער האָבן די טעבאַנישע קברים? ווי רופן זיך די אונטערערדישע קברים? ווי איז זייער געשטאַלט און איינריכטונג? וואָסערע איז די גרייס פון סעסאָסטריס קבר? וועלכע

טעבן, ד. ה. אין די היינטיקע דערפער לוקסאָר און קאַרנאַק. שוין די צייטן פון דער XI דינאַסטיע (מענטוהאָטעפּ) האָבן דאָ אָנגעטראָפן אַ טעמפּל, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרן לכבוד דעם גאָט אַמען. עס האָט אים אָנגעהויבן צו באַצירן אַמענעמהאַט I (XII), און איטלעכס שפּעטערדיקע דור האָט צוגעוואָרפן ביי'ע ציגל צום דאָזיקן בנין. אויף אַזאַ אופן איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פון געביידעס — טעמפּלען, זאַלן און פּאַלאַצן, וואָס די פּרעהס פון דער XIX דינאַסטיע האָבן דערהויבן צו אויסערגעוויינלעכער פּרעכטיקייט און חשיבות. דעם פּראָיעקט און ענדגילטיקע פּלענער האָט צוגעגרייט רעמסס I, און זיין זון סעטי I האָט פאַרענדיקט אינגאַנצן דעם בנין. דער עגיפּטישער טעמפּל באַשטייט פון ד ריי הויפּטטיילן: פון אַ הייליק אָרט (sekos), ווו עס האָט זיך געפונען דער אָרון און רעליקוויעס, פון אַ הויפּטזאַל, צום אָפּטסטן אַ זיילנאַרטיקער, (היפּאָסטיל), און פון אַ טויער, וועלכער איז געווען באַצירט מיט צוויי טורעמס אָדער פּילאָנען. צווישן דעם קאָלומנעס-זאַל און די פּילאָנען האָט זיך על-פּי-רוב געפונען דאָס פּאָדערהויז און פאָרהויף. עס האָט געפירט צום טעמפּל אַן אַלעע (dromos), באַצירט מיט ספינקסן. אין קאַרנאַק האָט די ספינקסן-אַלעע געהאַט די ברייט פון 23 מ און זיך געצויגן אין זיגזאַגן אויף אַ לענג פון 22 מ. פאַר די פּילאָנען האָבן זיך אויפגעהויבן אָבעליסקן, די ווענט ווידער פון די פּילאָנען זענען געווען באַצירט מיט גרויסע סטאַטוען. דער גאַנצער טעמפּל איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּלאַכער, עטוואָס אָנגעבויגענער מויער; דאָס אָרט פון איר דערהויכונג איז געווען אַ גלייכס, אָדער איז אַרונטערגעפאַלן אין טעראַסן. דערביי איז לויט דעם אַרכיטעקטור-סדר אויסגעקומען, אַז די פאָרנטיקע טיילן פון דעם טעמפּל (די פּילאָנען) זענען געווען די העכסטע, די אַנדערע ווידער, וועלכע זענען געלעגן הינטער זיי, האָבן זיך בהדרגהדיק אַראָפּגעלאָזט. דאָס הייליקע אָרט האָט זיך געפונען צום טיפסטן און

זענען די באַדייטנדיקסטע דענקמעלער פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע? ווי אַזוי זענען אַנטשטאַנען די טעמפּלען אין לוקסאָר און קאַרנאַק? פון וויפל טיילן און פון וואָסערע באַשטייט אַן עגיפּטישער טעמפּל? וואָס

קיינער האָט צו אים נישט געהאַט קיין צוטריט, אַחוץ דעם קיניג און כּוהן גדול. דער גאַנצער אינערלעכער לוקסוס אָבער האָט זיך קאָנצענטרירט אין דעם אַלגעמיינעם זאַל אָדער היפּאָסטיל. דער היפּאָסטיל פון דעם טעמפּל אין קאַרנאַק איז געווען אַ ריזיקער זאַל, געשטיצט אויף 134 קאָלומנעס, יעדע די גרייס פון 23 מ צעטיילט אין 16 רייען; אינמיטן איז געלאָפן אַ רייע זיילן, יעדער מיט אַ דורכמאָס פון 3,57 מ, און מיט אַן אומקרייז פון 10 מ. די מערהייט פון זיי, נישט געקוקט אויף דעם אָפּלויף פון פיל יאָרטויזנטער, שטייט ביזן היינטיקן טאָג אויפן אַמאָליקן אָרט, הגם די וואַסערן פון נילוס פאַרגיסן דעם היפּאָסטיל אין דער צייט פון צופלייץ און מאַכן אָן צאָלרייכע באַשעדיקונגען. דערדאָזיקער גאַנצער זאַל שטעלט מיט זיך פאָר, לויט דער טרעפלעכער באַצייכענונג פון שאמפּאָליאָן, „די אַרכיטעקטור פון די ריזן". רעמסס II האָט זיך נאָכגעמאַכט באַם אויפבוי פון דעם אייגענעם מויזאָלעום; זיין קבר איז געווען אויסגעהאַקט אין פעלז. אָבער די קאַפּליצע האָט זיך געפונען פונדרויסן און געבילדעט דעם טעמפּל. דאָס איז דער באַרימטער ראַמעסעום, אין וועלכן ס'האָט זיך לויט דער מסורה געפונען די גרויסע ביכער-זאַמלונג; דער ראַמעסעום איז בכן געווען דער מוסטער פון דער ערשטער און עלטסטער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין דער וועלט. און פאַרקערט, האָט רעמסס II אויפגעבויט אונטערערדישע טעמפּלען אין פעלז. אַזאַ איז דער באַרימטער speos אין איפּסאַמבול, לכּבוד דעם גאָט האָרוס. פונדרויסן באַצירן אים סטאַטועס פון ריזיקער גרייס, וועלכע שטעלן פאָר דעם קיניג און זיין פרוי אסט-נעפערט (איזיס נאָפריטאַרי). אַחוץ דידאָזיקע מאָנומענטאַלע טעמפּלען, האָבן עקזיסטירט קלענערע אין געשטאַלט פון אַ פּירעק, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט זיילן (אַ מין גריכישער פּעריפּטער), אַזאַ איז דער ביז נישט לאַנג אָפּגעראַטעוועטער באַרימטער טעמפּל,

---

איז אַזוינס סעקאָס, היפּאָסטיל? וואָס זענען אַזוינס פּילאָנען? ווי זעט אוים דער היפּאָסטיל אין קאַרנאַק? וואָס איז אַזוינס ראַמעסעום? צי וואָסערן צוועק האָט ער געדינט? אַוואָסערע זענען די אונטערערדישע טעמפּלען (speos)? וואָס איז אַזוינס עגיפּטישער פּעריפּטער? סאַראַ

פון איזידא אויף דער עלעפאַנטין-אינזל.—אַן עגיפּטישער זײַל מיט אַ פלאַנצאַרטיקן כאַראַקטער פון אַ לאָטאָס-אָדער פאַפּירוס-שטענגל— האָט אַ פאַרענדונג (קאָפּשטיק) אָדער קאַפּיטעל, צי אין געשטאַלט פון אַ קנאָספּ, אָדער פונאַנדערגעבליטן בעכער. אין זײַן שפּע־טערדיקער אַנטוויקלונג (פאַר דער צײַט פון די פּטאָלאָמעער) נעמט דערדאָזיקער קאָפּשטיק טײלמאָל אָן דאָס געשטאַלט פון אַ גאַנצן בלומען-בוקעט.

§ 29 די תּקופה פון פונאַנדערפאַל

די XXI ביז XXXI דינאַסטיעס בילדן די הערשאַפט פון די פרעמדע מלכים. די אַמאָליקע שטאַם-אַריסטאָקראַטיע איז טײלווײַז אויסגעלאָשן, טײלווײַז אַרויסגעשטויסן געוואָרן. עס פאַרטרעטן זי איינוואַנדערער—אַזיאַטן און אייראָפּעער, אָנפירער פון דעם געדונגענעם עגיפּטישן חיל, וועלכע טײלן זיך מיט דער ממשלה מיט די פרעהס. זיי רופן זיך „אור" (מאַגנאַטן) אָדער „מאַ" (פירשטן). וואָס אַמאָל באַווײַזן זיך נײַע דינאַסטיעס אין נידער-עגיפּטן, צושרײַבנדיק זײער אָפּשטאַם די רעכטלעכע פרעהס. זײער רעזידענץ איז אַלעמאָל אַן אַנדערע שטאָט: אַמאָל בובאַסטיס אין מערבדיקן טײל פון דער דעלטע (XXII דינאַסטיע) דאָ ווידער טאַניס אין מזרחדיקן טײל (XXIII דינאַסטיע). די לענגסטע און הערלעכסטע איז געווען די תּקופה פון די פרעהס, וועלכע האָבן געהערשט אין סאַיס (פון דער XXIV דינ.). דערפאַר רופט זיך אויך טײלמאָל יענע גאַנצע תּקופה אַן סאַיטישע. אירע התחלות זענען נישט געווען קײן גלענצנדיקע. עגיפּטן איז אַרונטערגעפאַלן אויף אַ געוויסער צײַט אונטער דער ממשלה פון די עטיאָפּישע מלכים (פאַנכי I), וואָס איינער פון זיי, מיטן נאָמען שאַבאַקאַ, האָט באַפעסטיקט דידאָזיקע הערשאַפט

דינאַסטיע-ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער תּקופה? וואָסערע איז געווען די נײַע אַריסטאָקראַטיע, און פונוואַנען האָט זי געשטאַמט? וועלכע שטעט האָבן געדינט פאַר דער רעזידענץ פון די פרעמדע די־נאַסטיעס? וועלכע פון זיי איז די באַרימטסטע? וואָסער איז געווען

אפילו איבער דער דעלטע. פאַר דער הערשאַפט פון דידאָזיקע מלכים, נעמלעך פאַרן קיניג טאהארקא, איז גאַנץ עגיפטן אַזש ביז איבער טעבן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם אשורישן קיניג, אסרחדון (670). איינער פון די דורך אים נאָמינירטע נציבים איז געווען נעקוי I (נכו), וועמעס זון און נאָכפאָלגער, פסאַמטעק (פסאַמעטיך I), האָט זיך באַפרייט פון אונטער דער ממשלה פון די עטיאָפיער און נאָכן אַוועקגאַנג פון די אשורים האָט ער אָנגעהויבן די ריי מלכים פון דער סאַיטישער דינאַסטיע.

§ 30 די סאַיטישע תקופה

די סאַיטישע דינאַסטיע, הגם פון אַ פרעמדן, ליבישן אָדער גאָר עטיאָפישן אָפשטאַם, איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער אַלטער עגיפטישער טראַדיציע. פסאַמעטיק I האָט אויפגעבויט אין מעמפיס אַ טעמפל פאַרן הייליקן אָקס אַפיס. פון דער העכסטער פאַרערונג אָבער, אַזוי גוט באַ די עגיפטער, ווי באַ די ליביער געניסט נעיט, די געטין פון הימל (איר היעראָגליפישער צייכן: אַ שפינדל) אָדער פון מלחמה (איר צייכן — אַ שילד מיט צוויי איבערגעקרייצטע פיילן, אָדער בלויז צוויי פיילן). די סאַיטישע דינאַסטיע האָט אָבער געמוזט עפענען די טויערן פאַר די פרעמדלענדער, דערהויפט פאַר די גריכן (די גריכישע קאָלאָניע נויקראַטיס). זי פאַרברייטערט אויך אירע האַנדלס-באַציונגען. דער נאָכפאָלגער פון פסאַמטעקן, נכו II, באַנייט דאָס ערשטע ווערק פון רעמסס II — דעם קאַנאַל, וואָס פאַרייניקט דעם מיטללענדישן ים מיטן רויטן (פון דעם מזרחדיקן אָרעם פון דער דעלטע דורך וואַדי-טומילאַט ביז צום ארט, ווו ס'איז היינט דער סועץ-קאַנאַל). אויף

דער אָנהויב פון דער סאַיטישער דינאַסטיע? ווען האָבן געהערשט די עגיפטער? ו.ע. איז פאָרגעקומען דער איבערפאַל פון אסר-חד.ן? סאַראַ כאַראַקטער האָט די סאַיטישע תקופה? וועלכע איז געווען די הויפט-גאָטהייט אין סאַיס? ביז וואַנען ציט זיך די עגיפטישע כראָנאָלאָגיע? סאַראַ כאַראַקטער האָבן די פרעמדע רעגירונגען?

זײַן באַפֿעל האָבן אויך די פֿעניציִשע שיפֿסלײַט געזעגלט צום ערשטן מאָל אַרומשווימען די אַפֿריקאַנישע יבשה.

§ 31 דער סוף פֿון עגיפּטנס זעלבשטענדיקייט

פּאַר פּסאַמעטיך III איז עגיפּטן אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די פּערסער (225), אָבער די עגיפּטישע דינאַסטיעס רעכענען זיך נאָך ביז אלכּסנדרן (אין י. 332), נאָך וועמעס טויט עגיפּטן איז צוזאַמען מיט איר נײַער רעזידענץ אַלעקסאַנדריע אַריבער צו די פּטאָלאָמעער און געוואָרן אײנס פֿון די נעסטן פֿון דער נײַער מזרח-העלענישער ציוויליזאַציע. דורך אָט-דער גאַנצער צײַט זענען די עגיפּטער איבעריקנס נישט געווען געדריקט דורך די פֿרעמדע איבערפֿאַלער. ס׳איז באַקאַנט די פֿאַרערונג פֿון דעם פּערסישן קיניג, קאַמביזעס, וועלכע ער האָט געהאַט פֿאַר דער סאַיטישער געטין נעיט, דערבײַ איז דער מאָרד פֿון הײליקן אָקס, אַפּיס, באַגאַנגען געוואָרן דורך אים אין צאָרן און האָט נישט געהאַט דעם כאַראַקטער פֿון באַדריקונג אָדער רעליגיעזע פֿאַר-פֿאָלגונג. דריוש אָבער, דער זון פֿון היסטאַספּ, האָט אַפֿילו אויפֿגעשטעלט אַ טעמפּל לכּבֿוד דעם גאָט אַמען אין דעם אָאַזיס באַרגע. אַן אַנדער טעמפּל פֿון ראָזיקן גאָט צוזאַמען מיט אַן אָראַקל איז געווען אין אָאַזיס סיוואַ. אַלכּסנדר דער גרויסער, לאָזנדיק זיך דאָ אַהער אויף אַ קריגסצוג, האָט זיך געהייסן פּראָקלאַמירן פֿאַרן זון פֿונם גאָט אַמען-ראַ און אויסגעשלאָגן לזכּר דעם קריגסצוג אַ מטבע מיט זײַן בילד, באַ-צירט מיט די הערנער פֿון דעם גאָט אַמען אויפֿן שטערן. אַפֿילו אין די שפּעטערדיקע צײַטן פֿון דער רוימישער הערשאַפֿט האָט די עגיפּטישע רעליגיע געהאַט אַן אומגעווײגלעכן אָנזען בײַ די אַלטערטימלעכע פֿעלקער, און די פֿאַרערונג פֿון אַמען-ראַ, אָזיר׳ס און איזידאַ האָט איבערגעלעבט דאָס פּאָליטישע בלעטל פֿון דער עגיפּטישער געשיכטע.

ביבליאָגראַפיע

Burgch H.: Die Aegyptologie. 1891.
Erman: Aegypten und aegyptisches Leben in Altertum. 2 B. 1885/7.
Flinders Petrie: A history of Egypt from the earliest kings to the XXX dynasty. 3 T, 1903/5. (צו דער כראָנאָלאָגיע).
La livre de morts des anciens égyptiens. Trad. compléte d'apres le papyrus de Turin et les manuscrits du Louvre par Paul Pierret. 1882.
Maspero G.: Historie ancienne des peuples de l'Orient classique 1.T.Les origines. Egypte et Chaldée. 1895. II. T. Les premières mêlées des peuples. 1897. T. III. Les empires. 1908.
" Les contes populaires de l'Egypte ancienne. 1882.
Max Müller: Asien und Europa nach altäegyptischen Denkmälern. 1893.
Meyer Ed.: Geschichte des alten Aegyptens. (Oncken, Allgemeine Geschichte) B I 1887.
" Geschichte des Altertums. B. I. Die ältesten geschichtlichen Völker und Kulturen bis zum XVI. Jahrhundert. 1909 II Aufl.

Perrot G. et Chipiez Ch.: Histoire de l'art dans l'antiquité. T. I. Egypte. 1882.

Tiele C. P.: Geschichte der Religion im Altertum fis aub Alexander den Grossen. T. I, 1896

Epos egipskie i Pentaur. ארויסגעגעבן א. לאַנגע, II ט. 1909.

Baedecker's: Aegypten. אַריינפיר אין אַלטערטימלעכן עגיפּטן דורך ג. שטיינדאָרף. VI אויפלאַגע. 1906.

בבל און אשור

§ 1 דאָס לאַנד פון די צוויי טייכן

אין דערזעלביקער געאָגראַפישער און קלימאַטישער ספערע, ווי עגיפטן, ליגט פאָדעראַזיע. פונקט אַזאַ מדבר-פּאַס, ווי אויפן צפונדיקן ברעג פון אַפריקע, ציט זיך אויך אויף מזרח פון נילוס, אָנהויבנדיק פון דער האַלבאינזל סיני דורך די טיפעניש פון אַזיע. דאָס איז די אין דער געאָגראַפיע באַקאַנטע סטרעפּע פון מיטל-אַזיאַטישע מדבריות, וועלכע שפּרייטן זיך אויס ביז צום געלן ים. די איינציקע פאַרשידנאַרטיקונג-אויפן דאָזיקן גאַנצן שטח בילדן די אָאַזיסן, וועלכע זענען פונאַנדערגעזייט איבער דער וויסטע, אָדער די טייך-קעסלען. אין פאָדעראַזיע זענען נאָר פאַראַן צוויי גרויסע טייכן, הגם זיי קאָנען זיך נישט גלייכן צום נילוס-טייך. דאָס זענען די טייכן פרת און חדקל. זיי האָבן טאַקע געגעבן די תּנאים צו דער פריער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד, וואָס רופט זיך נאָך זיי צווייטייכנלאַנד, אָדער אויף גריכיש מעסאָפּאָטאַמיע. אַדאַנק דידאָזיקע באַדינגונגען איז אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט די אַלטערטימלעכע בבליש-אשורישע ציווי-ליזאַציע, וועלכע איז אַנאַלאָגיש צו דער ציוויליזאַציע באַ די עגיפּטישע טייכן.

וואָס איז אַזוינס דער פּאַס פון מיטל-אַזיאַטישע מדבריות? ווו באַרירט זיך פאָדעראַזיע מיטן לאַנד באַם נילוס? וועלכע זענען דאָ

דער נאָענטער מזרח אין VII י. ה. פאר קר.

§ 2 די טייכן פרת און חדקל

צוליב זייער לויף ווערן זיי מיט רעכט באַטראַכט פאַר
צווילינגדיקע טייכן. ביידע נעמען דעם אָנהויב אויף דער
הויכעניש פון אַרמעניע, פונדאָרטן פאַלן זיי אַראָפּ איבער די
טרעפּ פון דערדאָזיקער הויכעניש אין דרום־מזרחדיקער
ריכטונג און פליסן דורך די נידערניש פון מעסאָפּאָטאַמיע. נישט
דערגייענדיק צום ים, פאַרייניקן זיך היינט זייערע, אַמאָל פו-
נאַנדערגעטיילטע געלעגערס, און ביידע טייכן פאַלן אַריין מיט
איין בשותּפישן שטראָם, גערופן אויף אַראַביש שאַט-על-אַראַב,
אין דעם פּערסישן איינגוס. הגם די לאַגע פון דער אויבערפלאַך
האָט אָנגעצייכנט פאַר ביידע טייכן דיזעלביקע ריכטונג און
בשותּפישן לויף, איז פונדעסטוועגן נישט אַלצאייניק דער כאַ-
ראַקטער פון דידאָזיקע צוויי טייכן און נישט אַלצאייניק איז
זייער אומגעבונג. דער טייך פרת ווענדט זיך אין זיין אויבערשטן
לויף מער צו מערב און, פאַרלויפנדיק אַ באַדייטנדיקן בויגן,
פליסט ער צווישן היגלען פון דעם הויכפליין פון
קליינאַזיע, איידער ער דרייט זיך אַראָפּ צו דרום-מזרח
און צעגיסט זיך ברייט איבער דער אלוּוויאַלער אָדער אָנגעטראָ-
גענער ערד פון מעסאָפּאָטאַמיע. זיין שטראָם איז אין אַלגעמיין
אַ פּאַמעלעכער; די קאָריטע ענדערט זיך אָפט. דער טייך צע-
גיסט זיך אויף צאָלרייכע אָרעמס, אָדער בילדעט אויך בלאָטעס
און זומפּן. גאַנץ אַנדערש פליסט דער חדקל. נאָכן אַרויסגאַנג
פון אַרמעניע פאַלט ער אַרונטער מיט געוואַלטיקעווירבלען
איבער די טעראַסן פון דער מעסאָפּאָטאַמיע-נידערניש, פאַר-
שטאַרקט דערהויפּט פון דער לינקער זייט מיט צאָלרייכע צו-
פלוסן פון די ראַנד-בערג פון דער איראַן-הויכעניש, די אַזויגערו-
פענע זאַגראָס-בערג, אָדער פון היינטיקן קורדיסטאַן. אין זייער
אונטערשטן לויף דערנענטערן זיך ביידע טייכן אַזוי שטאַרק צו
איינאַנד, אַז זיי פליסן אַ געוויסן משך צייט אויף אַ מרחק פון

די באַדייטנדיקערע טייכן? וואָס איז אַזוינס צווייטייכנלאַנד? ווי איז
דער לויף פון די טייכן פרת און חידקל? סאַרא פאַרהעלטעניש צוואַנאַנד

עטלעכע מייל. דאָ, אָנהויבנדיק פון 330 צונפדיקער ברייט, אומ־געפער אויף דער הויכקייט פון באַגדאַד, הויבט זיך אָן דער פּאַס פון פרישע אָנגעטראָגענע שיכטן ערד, וואָס בילדן אַן אומ־געוויינלעך פרוכפּעריקן און גערעטעניש־פולן פליין. דערדאָזיקער גאַנצער שטח איז מיט זיין כאַראַקטער פולשטענדיק אַנאַלאָגיש צו דער נילוס־דעלטע, הגם דער פּראָצעס פון זיין אַנטשטייונג איז אומפאַרגלייכלעך פרישער און דאַטירט זיך שוין כמעט פון די היסטאָרישע צייטן.

§ 3 דאָס לאַנד מעסאָפּאָטאַמיע. די דרומדיקע טייל

דער גאַנצער שטח פונם צווייטייכנלאַנד איז אַרונטערגעצויגן אונטער איין נאָמען מעסאָפּאָטאַמיע, הגם דערדאָזיקער נאָמען באַצייכנט נישט קיין שום איינהייטלעכקייט — נישט קיין גע־אָגראַפישע און נישט קיין היסטאָרישע. אין תּוך געגומען טיילט זיך מעסאָפּאָטאַמיע אויף עטלעכע באַדייטנדיקע גאַנצקייטן, פון וועלכע יעדע באַזיצט אַנדערע נאַטירלעכע (פיזיאָגראַפישע און קלימאַטאָלאָגישע) באַדינגונגען, און אָפּהענגיק פון זיי אויך איר געשיכטע. אַמייסטן דערנענטערט מיט דער נאַטור און לאַגע צום לאַנד באַם נילוס איז די דרומדיקע טייל פון מעסאָפּאָ־טאַמיע. דאָס איז די אַלטערטימלעכע כאַלדעאַ, אויף העברעיש שנער, פון וועלכער ס׳איז לכתּחילה נאָר אַ טייל אויף מערב פון טייך פּרת באַקאַנט געווען אונטערן דאָזיקן נאָמען; עס ליגט נאָענט צו איר די הויכעניש פון אַראַביע. בבל איז אַ לאַנד, וואָס ליגט צווישן פּרת און חדקל. די ערד בילדעט דאָ אַ גערעטעניש־פולער שליים. גלייך מיט איר אין דער הינזיכט פון פרוכפּערקייט איז דאָס לאַנד, וואָס ליגט אויף מזרח פון חדקל

איז פאַראַן צווישן דידאָזיקע ביידע טייכן ? וואָס איז אַזוינס אָנפלוס־שיכט אין מעסאָפּאָטאַמיע ? ווען און ווי אַזוי איז זי אַנטשטאַנען ? ווי איז דער־איינטייל פון לאַנד אין פיזיאָגראַפישער און קלימאַטישער הינזיכט ? וואָסערע איז די דרומדיקע טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע, ווי הייסט זי אין אויף וויפל לענדער טיילט זי זיך ? ווען גלייכט זיך דאָס לאַנד מיט דער

און באַ דעם פּערסישן איינגוס, א. ג. עילם (היינטיקע כו-זיסטאַן), באַוואַסערט דורך פאַרשידענע צופלוסן, וועלכע ברענגען אָן פּרוכפּעריקן שליים פון די שכנותדיקע פּערסישע אַפּענינען. דאָ איז דאָס לאַנד פון כלערליי תּבואות, ווי גערשטן, קאָרן; דאָ באַגעגנט מען ווייץ, וואָס וואַקסט נאָך עד היום אין ווילדן צושטאַנד; דאָ האָט אין אַלטערטום די זריעה אַרויסגעגעבן הונדערט-פאַכיקע קערנער, טיילמאָל אַפילו דרייהונדערטפאַכיקע; דאָ וואַקסן ווייִנטרויבן, איילבירטן- און פייגנבוימער, און שוין די טייטל-פאַלמע קאָן אַליין דערנערן דעם מענטש. דערפאַר האָט אויך די ערדאַרבעט אין דאָזיקן לאַנד געבילדעט זינט די עלטסטע צייטן די הויפּטבאַשעפטיקונג פון די איינוווינער. די טייכן פּרת און חדקל פלייצן אויס פּונקט אַזוי ווי דער נילוס, צונעמענדיק אין זייערע קאָריטעס די וואַסערן, וואָס אַנטשטייען פון דעם אויפטאַיען פון די שנייען אויף די הויכענישן פון אַרמעניע. הגם דערדאָזיקער צופלייץ קומט מיט קלענערער, איידער אין נילוס רעגלמעסיקייט (אין די חדשים יוני און יולי), האָט ער פונדעסטוועגן אַ נישט ווייניקער וויכטיקע באַדייטונג פאַר די איינוווינער, ווי דער אויספלייץ פון נילוס. מחמת דער קלימאַט פון דידאָזיקע לענדער איז אַ זייער הייסער. פון יאַנואַר ביז יוני, ובכן אין משך פון אַ האַלב יאָר, הערשן שרעקלעכע היצן. די רעגנס, הגם זיי זענען אָפטער, ווי אין עגיפּטן, (אין די חדשים נאָוועמבער און דעצעמבער) וואָלטן נישט געקלעקט אויף דער באַוואַסערונג פון דער ערד. די איינוווינער מוזן זיך דערפאַר באַנוצן מיט דיזעלביקע קינסטלעכע באַוואַסערונגס-מיטלען, ווי די פעלאַכן, בכן מוזן זיי אויפבאַהאַלטן וואַסער-באַסיינען, בויען קאַנאַלן, ווי אויך פונאַנדערפירן דאָס וואַסער איבער די אויבערשטע טייכשוועלן, מיט דער הילף פון דעמזעלביקן ברונים-סיסטעם, ווי דער עגיפּטישער שאַדוף.

פּרוכטבאַרקייט צו כאַלדעא? וואָסערע איז די פלאָרע אין דרום-מעסאָ-פּאָטאַמיע? וועלכע איז געווען די עיקר-באַשעפטיקונג פון די איינוווינער? סאַרא כאַראַקטער האָבן די אויספלייצונגען פון ביידע טייכן? וואָס איז די סיבה פון דידאָזיקע אויספלייצונגען? ווי איז דער קלימאַט פון די-דאָזיקע לענדער? סאַרא באַוואַסערונג? פון וואָס איז געווען אָפּהענגיק

און טאַקע דער פאַרנאָכלאָזונג פון דער באַוואַסערונג, דער צע־שטערונג פון די דאמבעס, דער פאַרוואָרלאָזונג פון די קאַנאַלן און דער פוילקייט פון דער באַפעלקערונג דאַרף מען צושרייבן די היינטיקע ירידה פון דער ערדאַרבעט און דער אַנטפעלקערונג פון דעמדאָזיקן אַמאָל פרוכפּעריקסטן לאַנד אין פאָדעראַזיע. פרי האָבן זיך אויך דאָ געמוזט אַנטוויקלען די יסודות פון סאָלידאַ־רישער צוזאַמענאַרבעט פון די מענטשן אין דער לאַנדווירט־שאַפט און אין אַרויסבאַקום פון די ערד־פרוכטן; דערפאַר זענען דאָ אויך די מלוכה־אָרגאַניזאַציעס זייער אַלטערטימלעך. דערקעגן האָט אָבער תמיד געפעלט געהילץ, אַלס בוי־מאַטעריאַל, ווי אויך געשטיין, אין וועלכן ס׳איז אַזוי רייך געווען דער נילוס־קעסל. דערדאָזיקער מאַנגל האָט זיך אַמייסטן אָפּגעשלאָגן אויפן כאַראַקטער פון די איבערגעבליבענע דענקמעלער פון דער ציוויליזאַציע.

§ 4 דאָס לאַנד מעסאָפּאָטאַמ. צפונדיקע טייל

אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער האָט געהאַט דאָס לאַנד, וואָס איז געלעגן באַם אויבערשטן און מיטלסטן לויף פון חדקל, דערהויפּט פון זיין לינקער זייט, צווישן די צופלוסן פון קליינעם און גרויסן זאַב. ליגנדיק העכער פון כאַלדעאַ אָדער פון בבל און עילם, אויף די שיפּועים פון די זאַגראָס־בערג, צופיסנס פון די צוויי הויכענישן פון איראַן און ארמעניע, האָט דאָס־דאָזיקע לאַנד געהאַט אַ פיל קילערן קלימאַט, איידער יענע. די לאַנדשאַפט, אָנשטאָט אַ טייכיקן פליין, שטעלט מיט זיך דאָ פאָר אַ היגלדיק לאַנד, פאַרוואָקסן מיט וועלדער און דורכ־געשניטן מיט לאָנקעס. אין די טאָלן באַגינציקט דער פרוכפּעריקער

די פרוכטבאַרקייט פון כאַלדעא? ווו איז דער היינטיקער מצב פון דרום־מעסאָפּאָטאַמיע? וואָס איז אַזוינס אשור? ווי איז איר כאַראַקטער אין הינזיכט פון קלימאַט, קרקע און באַוואַסערונג? וועלכע איז געווען די עיקר־באַשעפטיקונג פון די איינוווינער? ווו ליגט אשור? ווי איז דער כאַראַקטער פון דאָזיקן לאַנד, וואָסערע זענען די רייכטימער, די חיות?

ליים די פעלדאַרבעט, אויף די לאָנקעס פאַשן די איינוווינער די פי, די וועלדער ווידער זענען פול מיט ווילדע חיות, ווי טיגערן און ווילדע חזרים. געוויסע מינים זייערע, באַקאַנט אין אַלטערטום, ווי העלפאַנטן, זענען שוין היינט אויסגעראָט. דערפאַר זענען די איינוווינער פון מעסאָפּאָטאַמיע פאַרזען מיט האָלץ און שטיין, וועמעס גראָבנס האָבן דאָ געשמט, (דערהויפּט פון אַלאַבאַסטער). דאָסדאָזיקע לאַנד איז געווען אשור, וועמעס איינוווינער האָבן, להיפך צו די אגראַרישע כאַלדעער און בבלים, זיך אויסגעצייכנט מיט דער ליבשאַפט צו פאַסטוכעריי און יעגעריי, און צוליב דידאָזיקע באַשעפטיקונגען האָבן זיי אויסגעאַרבעט אין זיך אַ קריגערישן רויבגיריקן כאַראַקטער, לעבנדיק דערעיקר פון באַוואָפנטע מלחמהצוגן, וואָס זיי פלעגן איינאָרדענען יאָר-יערלעך — אויף די שכנותדיקע איינוווינער. אַמווייניקסטן אָבער אַנטשפּרעכט דעם אַלגעמיינעם אגראַר-כאַראַקטער און פרוכפּערקייט פון בבל — דאָס אויבערשטע לאַנד מעסאָפּאָטאַמיע-לאַנד. דאָ האָט די ערד אַפילו אין אַלטערטום, פונקט ווי היינט צוטאָג, פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מדבר, פאַרברענט פון דער זון, איבער וועלכן ס'האָבן זיך וואַנישט-ווי אַרומגעשלעפּט פאַסטוכער-חברותות, וועלכע האָבן געוואַנדערט מיט דער שאָף. אוממיטלבאַר דערצו איז געלעגן אַ לאַנד, אויף מערב פון פרת, פּאַראַפּאָטאַמיסיאַ ד. ה. לאַנד באַם טייך, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער ביבל אונטערן נאָמען ארם-נהרים. מחמת זיין געאָגראַפישער לאַגע, געהערט עס גיכער צו סיריע, איידער צו מעסאָפּאָטאַמיע. אויך דאָ איז פונדעסטוועגן דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון לאַנד אַ מדברדיקער, און דאָס היסטאָרישע לעבן האָט זיך אַנטוויקלט בלויז באַ די טייכן, ווי חלח און חבור, ווי ס'איז געלעגן די באַרימטע שטאָט חרון.

ווי איז דער לעבנסשטייגער פון די איינוווינער? סאַרא איז די נאַטור פון צפון-מעסאָפּאָטאַמיע? וואָס איז אַזוינס פּאַראַפּאָטאַמיסיאַ און ווי רופט זיך עס אויף העברעיש? וועלכע זענען די באַדייטנדיקסטע טייכן און שטעט? סאַרא געשטאַלט האָט די היינטיקע מעסאָפּאָטאַמיע? וועלכע זענען די

§ 5 בבלי־אשורישע דענקמעלער

דאָס היינטיקע מעסאָפּאָטאַמיע האָט אָנגעוווירן אויף זיין אויבערפלאַך אַלע שפּורן פון אַמאָליקן לעבן. ס׳זענען פאַרשוווּנדן די אַמאָליקע שטעט, פּאַלאַצן און טעמפּלען, און אַפילו דאָס געדעכעניש נאָך זיי אויפן אָרט איז אַזוי ווייט פאַרלוירן געגאַנגען, אַז אין דער עקזיסטענץ פון געוויסע שטעט, למשל פון נינווה, האָט מען אַ געוויסע צייט אַפילו געצווייפלט. ערשט נישטלאַנג, וואָרן אין דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איז דאָס אויפזוכן די רעשטן פון די אַשוריש-בבלישער ציוויליזאַציע אַרויף אויפן אייגנטלעכן וועג. דעם איינ-טאָניקן און אומעטיקן פליין פון מעסאָפּאָטאַמיע פאַרשידנאַר-טיקן גאַנץ באַדייטנדיקע היגלען, גלייך ווי אָנגעשאָטן דורך מענטשלעכע הענט. דידאָזיקע בערג, אויף אַראַביש אָנגערופן tell (תל), האָט מען אָנגעהויבן פונאַנדערגראָבן, הגם אויף פיל פון זיי זענען שוין געלעגן גאַנצע דערפער און ישובים, און מ׳האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי זענען אַנטשטאַנען פון די רעשטלעך פון אַמאָליקע מענטשלעכע ישובים, שטעט און פּאַ-לאַצן, וועלכע זענען אינגאַנצן חרוב געוואָרן און זיך באַדעקט מיט אַ שיכט ערד. דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעהויבן דידאָזיקע זוכענישן פון די איבערבלייבן פון אַמאָליקער גע-שיכטע אין דער אינערלעכקייט פון דער ערד, איז געווען באָטאַ, דער פראַנצויזישער קאָנסול אין מאָסול. ער האָט אַנטדעקט (י. 1842) רעשטלעך פון דעם אַלטערטימלעכן פּאַלאַץ פון אַשורישן קיניג סרגון אין דאָרף כאָרסאַבאַד (אַלטערטימלעכע דור-שאַרוקין) נישט ווייט פון מאָסול. לויט זיין ביישפּיל איז געגאַנגען דער ענגלענדער לעאַרד, וועלכער האָט אויפן לינקן ברעג פון חדקל, קעגנאיבער דעם היינטיקן מאָסול, אין דאָרף קויונדזשיק, אַנטדעקט די אַמאָליקע רעזידענץ פון אַשור נינווה, און מיט פיר מייל ווייטער אויף דרום, נישט ווייט פון דער

שפּוּ־ן פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט? וואָס איז אַזוינס תל? ווער האָט דער ערשטער דורכגעפירט די זוכענישן אין מעסאָפּאָטאַמיע? וועלכע זענען

לעפצונג פון אויבערשטן זאַב — די אַלטערטימלעכע שטאָט בלה (אין היינטיקן דאָרף נימרוד). ווייטערדיקע אויסגראָבונגען, וועלכע דויערן נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג, האָבן אָפּגעדעקט פון די חורבות, דערהויפּט אויף דרום פון מעסאָפּאָטאַמיע, אין דעם אַלטערטימלעכן כשדים, אַ גאַנצע ריי שטעט, וועמעס נעמען זענען געווען אומבאַקאַנט אין דער געשיכטע. ערשט איצט האָט זיך אונז בכן אָפּגעהילט צום ערשטן מאָל די אַלטערטימלעכע פאַרגאַנגענהייט פון דידאָזיקע לענדער, וועגן וועלכע מ׳האָט ביז איצט געוווסט נאָר מיטלבאַר, פון מויל פון אַלטערטימלעכע היסטאָריקער. מחמת דער איינציקער היסטאָריקער פון דידאָזיקע לענדער איז געווען בעראָסאָס, דער כוהן פונם טעמפּל בעל אין בבל, אַ בן-דור׳ פון אַלכּסנדר דעם גרויסן. ער האָט אָנגעשריבן די געשיכטע פון אַלטערטימלעכן כשדים אויף גריכיש און אָנגעגעבן אַ רשימה פון די מלכים. ער טיילט זיי איין אין 8 דינאַסטיעס און רעכנט אויף 36 טויזנט יאָר זייער הערשאַפט, פון מבול אָנגעהויבן ביז צו דער פּערסישער ממשלה.

§ 6 אַשוראָלאָגיע

די אויסגראָבונגען אין מעסאָפּאָטאַמיע האָבן געליפערט אַ מענגע סטאַטועס, סקולפּטן און אַנדערע געגנשטאַנדן פון געביט פון פּריוואַטן און עפנטלעכן לעבן. אַחוץ אָבער דידאָזיקע איבערבלייבן, האָט מען געפונען אומעטום טאָוולען פון געברענטן ליים, באַדעקט מיט כאַראַקטעריסטישע צייכנס, וועלכע דערמאָנען אָן דער היעראָגליפישער שריפט, אָבער נאָך ווייניקער פון זיי לייענבאַר און פאַרשטענדלעך. אויפשריפטן פון ענלעכן געשטאַלט און כאַראַקטער פון די אותיות האָט מען געפונען אויך פריער אויסגעקריצט אויף די פעלזן אין פאַרשידענע ערטער לעבן די סקולפּטן, וועלכע שטעלן פאָר די מעשים פון באַרימטע מלכים. איינער פון אַזעלכע אויפשריפטן איז געווען

די אַנטדעקונגען פון באָטאַ, לעאַ־ד? סאַראַ זענען די אויסגראָבונגען אין אַלטן כשדים? ווער האָט דער ערשטער אָנגעשריבן די געשיכטע פון

באַקאַנט אין אייראָפּע שוין פון דער העלפט פון XVII י. ה. עס האָט אים געבראַכט פון פערסיע און רעפּראָדוצירט דער איטאַליענישער רייזנדער פּיעטראָ דעלאַ וואַלע. דאָס איז געווען אַן אויפשריפט אויף די חורבות פון פּאַלאַץ פון די אַלטע פערסישע מלכים אין פּערסעפּאָליס. צום ערשטן מאָל האָט אים בערגעלייענט אויף אים די נעמען פון היסטאַספּ, דריוש און קסערקסעס דער דייטשישער געלערנטער גראָטעפענד. (1802). אַן ענלעכן אויפשריפט, פאַרפאַסט לכבוד דריושן, האָט געפונען (י. 1835) דער ענגלענדער ראָלינסאָן, אויף אַ פעלז אין בעהיס- טון. דערדאָזיקער אויפשריפט, הגם אינגאַנצן געהאַלטן אין דעמזעלביקן שריפט-כאַראַקטער, איז געווען אַ דרייישפּראַכיקער, ד. ה. צונויפגעשטעלט אין דריי דיאַלעקטן. דאָס איבערלייענען אים האָט געדויערט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, און ס'האָבן געאַרבעט איבער אים פיל געלערנטע (פון די ענגלענדער דער עיקר ראָלינסאָן, דער אירלענדער הינקס, פון די פראַנצויזן אָפּפּערט, אין די לעצטע צייט אויך דער ענגלענדער סעיס). ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון די דריי אויפשריפטן איז איינער גע- ווען אין דער פּערסישער שפּראַך, די צוויי איבריקע ווידער אין דעם אַשורישן און אנזאַנישן דיאַלעקטן. זינט מען האָט דערקענט דעם כאַראַקטער און באַטייט פון דידאָזיקע צייכנס אין די פעלזן-אויפשריפטן און אויף די ליימענע טאָוועלעך, האָט מען אָנגעהויבן צו אַנטדעקן די אָפּגעשטאָרבענע פאַרגאַנגענהייט פון יענע לענדער דירעקט פון די דענקמעלער. אַזוי איז אַנט- שטאַנען אַ נייע וויסנשאַפט, גערופן אַשוראָלאָגיע – נאָכן לאַנד, אין וועלכן מ'האָט צום ערשטן אַנטדעקט יענעם היסטאָרישן מקור. היות ווי דידאָזיקע וויסנשאַפט פאָרשט דערעיקר די אויסגראָבונגען, און די שריפט, וועלכע זיי אַנטהאַלטן, איז דער- עיקר קלינעסשריפט, איז בכן אויך די אַשוראָלאָגיע דער- הויפּט די אַרכעאָלאָגיע פון קלינעס-אויפשריפטן.

בבל, און וואָס אַנטהאַלט זי? סאַראַ דענקמעלער האָט מען געפונען אין מעסאָפּאָטאַמיע? וואָס איז אַזוינס ליימענע טאָוועלעך? און וואָס געפינט זיך אויף זיי? וועלכע זענען די באַקאַנטע עלטסטע בבליש-אשורישע אויפשריפטן אָדער אינסקריפּציעס? וואָס איז אַזוינס דער פעלז-אויפשריפט

76 קלינעסשריפט

די אַלטערטימלעכע אַשוריש-בבלישע שריפט רופט זיך קלינעסשריפט צוליב איר ענלעכקייט צו קלינעלעך אָדער טשוועקעלעך. דער גאַנצער אויפשריפט אויף דעם טאָוועלע שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון אויף אים אויסגעקריצטע טשוועקעלעך, אומרעגלמעסיק פונאַנדערגעשאָטן אויף זיין אויבערפלאַך. הגם דידאָזיקע שריפט שטעלט נישט פאָר קיין שום בילדער, איז זי דאָך אַנטשטאַנען פון דער בילדשריפט. אָבער דאָס אורשפרינגלעכע געמעל, אָדער אידעאָגראַם, האָט זיך דאָ פאַרבאָרגן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צייכן, וועלכער באַטייט אָדער אַ גאַנצן אויסדרוק, אָדער אַ טראַף, קיינמאָל אָבער דריקט עס נישט אויס קיין קלאַנג, ווי דאָס טרעפט זיך אין דער פאַראייינפאַכטער עגיפטישער שריפט. אַזוי צ. ב. ווערט אַ האַנט אין דער קלינעסשריפט באַצייכנט מיט דעם פאַראייינפאַכטן צייכן פון אַ דלאָניע מיט פינף פינגער; דער אידעאָגראַם פון אַ שטערן האָט זיך מיט דער צייט פאַראייינפאַכט צום צייכן *, שפּעטער +, לסוף +−∋, ווו דער ערשטער קרייז און זיין שטראַל זענען רעדוצירט געוואָרן צו איין ווייזערל, דורכגעשניטן מיט אַ שטריך. איר קלינעס-כאַראַקטער פאַרדאַנקט דידאָזיקע שריפט די אייגנשאַפטן פון מאַטעריאַל און שרייבגעצייג, וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן דורך די איינוווינער פון אַלטערטימלעכן כשדים. דאָסדאָזיקע מאַטעריאַל איז געווען ליים, אויף וועלכן מ׳האָט געשריבן מיט אַ האַרטן פלעקל. די טאָוועלעך צום שרייבן האָבן געהאַט מתחילת אַן אָוואַלע, שפּעטער אַ פירקאַנטיקע געשטאַלט. דאָס ליים האָט, פאַרשטייט זיך, נישט דערלויבט צוצוגעבן דער שריפט אַזאַ צייכנערישע געשטאַלט, ווי דער עגיפּטישער פּאַפּירוס; דערפאַר אָבער האָט דאָס טאָוועלע אויסגעטרוקנטערהייט

איז בעהיסטון? ווי הייסט די קונסט פון איבערלייענען די קלינעס-אויפשריפטן? וואָס איז אַזוינס אשוראָלאָגיע? וואָס איז אַזוינס קלינעס-שריפט און ווי איז איר געשטאַלט? צו וואָסער מין שריפט געהערט זי? ווי איז געווען דער אָנהויב פון דערדאָזיקער שריפט און סאַראַ זענען אירע

פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסערגעוויינלעך פעסטן און דויער־האַפטן מאַטעריאַל. דערפאַר טאַקע האָט ער איבערגעלעבט נישט בלויז צייטן און מענטשן, נאָר איז ניצול געוואָרן און זיך אויפ־באַהאַלטן אַפילו אונטער די חורבות. אַדאַנק דעם באַזיצן מיר היינט הונדערטער טויזנטער אַזעלכע טאָוועלעך. ס׳זענען אַפילו ניצול געוואָרן גאַנצע ביבליאָטעקן, ווי צ. ב. נאָכן אַשורישן קיניג אַשורבניפל (ביבלישער סרדנפול), וואָס באַטאַ האָט אָפּגע־גראָבן אין סרגונס פּאַלאַץ, און וועלכע אַנטהאַלט קאַרגע 20 טויזנט אַזעלכע טאָוועלעך.

§ 8 באַפעלקערונג און שפּראַך

פון די פאָרשונגען איבער דער שפּראַך פון די קלינעס־אויפשריפטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַפעלקערונג פון די צווייטייכנלענדער האָט גערעדט אויף איינער פון די סעמיטישע שפּראַכן. אָבער אַחוץ די איבערבלייבן פון דערדאָזיקער שפּראַך באַגעגענען מיר אויף די טאָוועלעך מיטן זעלביקן שריפט־כאַ־ראַקטער רעשטלעך פון נאָך אַן אַנדער שפּראַך, וועלכע געהערט נישט נישט צו דער משפחה פון די סעמיטישע לשונות, און נישט צו די אַשורישע. דאָס איז אַ לגמרי אומבאַקאַנטע שפּראַך, וועלכע דערנענטערט זיך לויט איר בוי אַמייסטן צו די מיטל־אַזיאַטישע, אָדער טוראַנישע לשונות. זי רופט זיך סומערישע שפּראַך. די סומערער (שומער) זענען געווען וואַרשיינלעך די עלטסטע איינוווינער פון דאָזיקן לאַנד. די סעמיטן ווידער איינ־וואַנדערער. פאַר דעם וויגעלע פון די סעמיטן ווערט באַטראַכט דער האַלבאינזל אַראַביע, פונוואַנען די כוואַליעס פון דאָזיקן פאָלק האָבן אויסגעפלייצט עטלעכע מאָל אין צווייטייכנלאַנד. אָבער שוין אין די עלטסטע צייטן, פון זינט מיר האָבן די

פאַרוואַנדלונגען? אַ וואָסער איז געווען דער שרייב־מאַטעריאַל און אַ וואָסערע געצייג צום שרייבן? ווו האָט מען אַמייסטן געפונען דידאָזיקע רעשטן? וויאַם זענען אַזיינס אשוריש־בבלישע ביבליאָטעקן? פון וואָסערע שפּראַכן זענען פאַראַן שפּורן אין צווייטייכנלאַנד? אַוואָסערע

געשיכטע פון דאָזיקן לאַנד, באַגעגענען מיר דאָ די סעמיטן, די מערבדיקע טייל ווידער פון מעסאָפּאָטאַמיע איז תּמיד, ווי עס שיינט, געווען דער זיץ פון די בעדויִנישע וואַנדער-פעלקער. דערקעגן האָבן אין דער דרומדיקער טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע, דערהויפּט באַם ים, זיך אויפבאַהאַלטן די שפּורן פון די סומערער; אַזוי אויך אין עילם, ווּ די שפּראַך פון די דאָרטיקע איינוווינער, אַנזאַניטן (אנשאן), די א. ג. נייסוּזאַנישע (נאָך דער שטאָט סוזא, דער רעזידענץ פון עילם), זאָל אָפּשטאַמען פון דער אַלטערטימלעכער סומערישער שפּראַך.

§ 9 סומערער

די באַרימטסטע שטאָט אין צווייטייכנלאַנד איז געווען בבל. זי איז געלעגן טאַקע דאָרט, ווּ פּרת און חדקל דערנעטערן זיך אין זייער לויף אַמייסטן צו איינאַנדער. אָבער דאָס היסטאָרישע לעבן אין דאָזיקן לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פריער, איידער עס איז אַנטשטאַנען און עקזיסטירט בבל. די אַרכעאָלאָגיע האָט אַנטדעקט עלטערע שטעט אויף דרום פון בבל, וועלכע זענען געלעגן באַם פּרת און חידקל, ווי אויך באַ דער לעפצונג פון דידאָזיקע טייכן צום ים. די געשיכטע פון בבל אַליין איז די געשיכטע פון די סעמיטן, די התחלות ווידער פון דעם היסטאָרישן לעבן פון צווייטייכנלאַנד דאַטירן זיך פון די סומערער. זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט פון די סעמיטן אַזוי גוט מיט זייערע פיזישע שטריכן, ווי אויך מיטן לשון און מדות. אַפילו זייער הלבשה איז געווען אַן אַנדערע פון דער הלבשה פון די סעמיטן; די סומערער צ. ב. האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ אַ מין טורבאַן — אַ טראַכט, וועלכע האָט זיך איינגעהיטן ביז אויפן היינטיקן טאָג אין מזרח. זיי

זענען געווען זיינע איינוווינער? וועלכע איז די שפּראַך פון די סומערער? ווּ זענען זייערע עלטסטע ישובֿים און ווּ האָט זיך אויפגעהיטן זייער דיאַלעקט? סאַראַ אַ נטערשיד איז פאַראַן צווישן די סומערער און סעמיטן? פון וועמען שטאַמט די עלטסטע ציוויליזאַציע פון צווייטייכנלאַנד? סאַראַ

האָבן נישט געהאַט די אַרויסשטאַרצנדיקע ליפּן, נישט דאָס געשטאַלט פון דער נאָז, וואָס יענע; זייערע שאַרבנס זענען ס׳רוב קיילעכיק, אָבער נישט לענגלעך, ווי בײַ די סעמיטן. אָטאָ-די סומערער זענען געווען די ערשטע ציוויליזאַטאָרן אין צוויי-טייכנלאַנד. זיי ווערט צוגעשריבן די דערפינדונג פון קלינעס-שריפט, וואָס ס׳האָבן פון זיי איבערגענומען די סעמיטן.

סומערישע טיפּן. אויסגראָבונגען פון טעלאָ

צוזאַמען מיט דער שריפט האָבן זיי זיך פאַראייגנט פאַרשידענע רעליגיעזע גלויבענישן פון די סומערער, און געוויס האָבן זיי זיך אויך פון זיי אויסגעלערנט פעלדאַרבעט, בויען הייזער, פּאַלאַצן, טעמפּלען, ווי אויך גרינדן שטעט. אָבער מיט דער צייט האָט זיך די סומערישע באַפעלקערונג צונויפגעגאָסן מיט די איינוואַנדערער און אָנגענומען זייער לשון. ס׳איז אָבער געבליבן

די סומערישע שפּראַך אַלס שפּראַך פון רעליגיעזע צערעמאָניעס, תּפילות, כּישוף־השבעות און מעדיצינישע פּאָרשריפטן. עס האָבן זי שפּעטער באַנוצט די סעמיטן פּונקט אַזוי, ווי מיר באַנוצן היינט די לאַטיינישע שפּראַך אין גאָטסדינסט, און אַמאָל אין דער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. מ׳האָט זיך אָבער אויך גענומען איבערזעצן שאַפונגען פון דער סומערישער ליטעראַטור אויף דער סעמיטישער שפּראַך, דערביי האָט מען פיל אידעאָגראַמען אָנגענומען אין דער סעמיטישער שריפט, לייענדיק זיי לויטן אַקצענט פון זייער שפּראַך. דערפאַר קאָן מען געוויסע אידעאָגראַמען איבערלייענען אויף סומעריש און סעמיטיש. די סומערישע שריפט האָט דערפאַר באַקומען דעם כאַראַקטער פון הייליקער, געהיימער שריפט.

§ 10 בבלישע רעליגיע

קיין טעמפּלען און סטאַטועס פון געטער זענען נישט פאַרבליבן נאָך די אַלטערטימלעכע בבלער. דאָס הייסט כּלל נישט, אַז ס׳זענען אַזעלכע נישט געווען — נאָר, אַז זיי זענען פאַרניכטעט געוואָרן. מיר האָבן דערקענגן צייכנישן וועגן די רעליגיעזע באַגריפן פון די אַמאָליקע איינוווינער פון צווייטייכנ-לאַנד אין יענע לוימענע טאָוועלעך מיט די קלינעס־אויפשריפטן. די מערהייט פון זיי אַנטהאַלט רעליגיעזע מסורות אָדער מיטן, ווי אויך תּפילות און כּישוף־השבעות. אָבער אויך דאָ, פּונקט ווי אין עגיפּטן, זענען דידאָזיקע מסורות שוין איינגעפּאַסט אין אַ געלערנטן אינהאַלט פון די מיטן, וועלכע זענען אַמאָל אַנטשטאַנען אין פאָלק, און וועלכע די כּוהנים האָבן איינגעסדרט און אויפגעשריבן. די עלטסטע מסורה גרופּירט זיך אַרום דעם טעמפּל בעל־מאַרדוק אין בבל, געראָפן ע־סאַגילאַ, אָדער אויך

מיט דע־פינדונגען ווערט צוגעשריבן די סומערער? וואָס איז געוואָרן מיט דער סומערישער שפּראַך? סאַרא איז געווען דער געברויך פון דער סומערישער שפּראַך? וועלכע זענען די רעליגיעזע בבלישע דענקמעלער? וואָס זענען אזוינס מיתן? ווער האָט זיי פאַרפאַסט? וועלכע זענען געווען

אַרום דעם מיטלעלטערישן טעמפּל פון זיין זון, דעם גאָט נבו, גערופן ע-זידאַ אין דער שטאָט באָרסיפּאַ. דאָס הייסט נישט, אַז אין די דאָזיקע שטעט זענען יענע מיטן אַנטשטאַנען, נאָר אַז דאָ האָבן זיי באַקומען די ענדגילטיקע רעדאַקציע זייערע, און אַז דאָ האָט זיך די רעליגיע פון די בבלער אינגאַנצן אויסגע-בילדעט. דער גאָט פון דער שטאָט בבל, בעל-מאַרדוק, איז געוואָרן מיט דער צייט די העכסטע גאָטהייט, אַדאַנק וועלכן די שפּעטערדיקע כאַלדעישע כּוהנים האָבן געקאָנט זייער טעאָלאָגיע דערנענטערן צום מאָנאָטעיזם. איבעריקנס, האָט יעדע שטאָט געהאַט איר טעמפּל און איר אָרטיקע גאָטהייט. די עלטסטע בבלישע גאָטהייטן שטאַמען פון די דרומדיקע שטעט, זיי זענען בכן וואַרשיינלעך פאַרערט געוואָרן נאָך דורך די סומערער. די הויפּט-גאָטהייט פון די סומערער איז געווען אליל (אויף סעמיטיש בעל), דער באַרג-גאָט, וואָס הערשט איבער דער ערד און איבערן שטורם, וועמעס הויפּט-רעזידענץ איז געווען די עלטסטע שטאָט ניפּור. זיין פאָטער, אַנו, איז, ווייזט אויס, אויך געווען אַ באַרג-גאָט, אָבער וואָס האָט געהערשט איבערן הימל. דערקעגן אין ערידו, אַ ים-שטאָט, האָט מען פאַרערט דעם ים-גאָט, ענקי אָדער עאַ (אויף גריכיש אָאַנעס), וועלכער איז געווען דער געבער פון אַלעם, וואָס מאַכט דאָס ערדישע לעבן אָנגענעם, דער לערער און באַשיצער פון די מענטשן, ווי אויך דער פאָר-אויסזאָגער פון דער צוקונפט. אים האָבן די בבלער צוגעשריבן זייער ציוויליזאַציע. אַנדערע גאָטהייטן זענען שפּעטערדיקע אָנקומער, וועלכע זענען געמיינזאַם אַלע סעמיטישע פעלקער, ווי, למשל, דער אַראַמישער גאָט הדד, אָדער דער צפון-סירישער גאָט פון בליץ טעשוב, און געוויס אויך די שפּעטער אַלגעמיין פאַרערטע: דער לבנה-גאָט סין און דער גאָט נבו, וועמען מ'האָט צוגעשריבן די דערפינדונג פון קלינעסשריפט.

די עלטסטע כּהנים-שולן? וועלכער גאָט איז געוואָרן דער העכסטער גאָט אין בבל? וועלכע זענען די עלטסטע גאָטהייטן? סאַראַ זענען די אייגנשאַפטן פון אליל, אַנו, עאַ? זייערע רעזידענצן? וועלכער גאָט איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן שעפער פון דער ציוויליזאַציע? סאַראַ

§ 11 בבליש־אַשורישע טעמפּלען

קיין שום בנין אין אַלטערטימלעכן מעסאָפּאָטאַמיע האָט זיך אַזוי נישט אויפגעהיטן ביז אויף די היינטיקע צייטן, ווי די עגיפּטישע טעמפּלען. דערקעגן האָבן זיך אין די אויסגראָבונגען אויפגעהיטן ביז איצט די שפּורן פון פונדאַמענטן, און אויף די דענקמעלער און קלינעסטאָוועלעך די פּלענער פון געביידעס, ווי אויך זייערע אויפשריפטן. פּונקט ווי די גאָטהייטן פון די אַלטערטימלעכע איינוווינער האָבן געהערשט אויף די בערג, אַזוי האָבן אויך די טעמפּלען זייערע געהאַט דאָס געשטאַלט פון טורעמס, מ׳פלעגט זיי אויפשטעלן אויף אַן אויפשיט, וואָס האָט געבילדעט אַ מין קינסטלעכע היכעניש, און מ׳האָט זיי געגעבן פאַרשידענע גאָרנס, וואָס הויבן זיך אויף איינער איבערן אַנדערן. דער גאַנצער בנין האָט געהאַט אַ פּירעקיקע אָדער עליפּטישע פאָרם. דידאָזיקע טורעמס האָבן דערמאָנט מיט זייער געשטאַלט די היינטיקע



כאַלדעישער טעמפּל

בבלישע געטער זענען געווען געמיינזאַם די סעמיטן? און וואָסער געשטאַלט האָבן די אַלטערטימלעכע מענטשן געבויט זייערע טעמפּלען?

פאַגאָדעס (אינדישע אָדער כינעזישע טעמפּלען). פון זעלביקן געשטאַלט האָט אויך געזאָלט זיין דער ביבלישער טורעם פון בבל. אויפן שפּיץ פון טורעם האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ סטאַטוע, שפּעטער אָבער איז דאָ געווען די אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע. אַזאַ טורעם רופט זיך "zikkurat" די טורעמס פון מאַרדוק-טעמפּל אין בבל האָט מען גערופן „ווינקלהויז פון הימל און ערד", אָדער הויז פון די זיבן „הימלישע און ערדישע ספערעס" און עס האָט באמת געהאַט זיבן גאָרנס. וועגן דער בבלישער עסאַגילאַ זאָגט מען, אַז זי האָט געהאַט 185 מעטער די הויך. דידאָזיקע ריזיקע טורעמס האָבן דאָמינירט איבער דער שטאָט און מיט זייער אָנבליק האַרמאָניזירט מיט דעם פלאַכן, פלייביקן כאַראַקטער פון לאַנד.

§ 12 בבלישע מיטן

מיטאָס וועגן דער וועלט-באַשאַפונג (ענומא עליש). די בבלישע כוהנים האָבן די ערשטע אָנגעגעבן אַ געניויע לערע וועגן די געטער און וועגן דעם אָנהויב פון דער וועלט. זייער עיקרדיקער אינהאַלט איז אַנטהאַלטן אין דער פּאָעמע, וואָס האָט זיך אויפגעהיטן ביזן היינטיקן טאָג אויף די ליימענע טאָוועלעך, די א. ג. „ענומא עליש", נאָך די צוויי ערשטע אויסדריקן פון דערדאָזיקער שאַפונג. זי רעכנט אויס די גאָטהייטן, וועלכע האָבן אויפגעטויכט נאָכאַנאַנד פון דעם כאַאָס אָדער אורטימלעכן אוקינוס. דערדאָזיקער כאַאָס, טיאַמאַט (תהום), האָט עקזיסטירט, איידער הימל און ערד האָבן געהאַט זייער נאָמען, איידער ס'האָבן זיך באַוויזן די געטער. נאָך די עלטערע געטער (לומו און לאקאנו, אנשאר און קישאר) איז געקומען די ריי אויף די ייִנגערע געטער, די מושלים פון דער היינטיקער וועלט, וועלכע זענען: אַנו, בעל און עאַ. בעלן האָט שפּעטער פאַרטונקלט און פאַרווישט מאַרדוק, דער גאָט פון

וואָס איז אַזוינס זיקוראַט, וואָסערע זענען זיינע פאָרמען און גרייסן? וואָסער איז דער מיטאָס וועגן וועלט-באַשאַפונג? וואָס איז אַזוינס

בבל. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס ער איינער, ווי ס׳זאָגט דער בבלישער מיטאָס, איז אויפגעטרעטן אין קאַמף מיט דעם כאַאָס טיאַמאַט און אים באַזיגט. זינט דעמאָלט האָבן די אַנדע־רע געטער אים אָנערקענט די ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט. מאַרדוק האָט פונאַנדערגעטיילט דעם כאַאָס אין צוויי טיילן, שאַפנדיק פון זיי דעם הימל און די ערד. אים ווערט אויך צוגעשריבן די באַשאַפונג פון לעבעדיקע בריאים, ובכן אויך פון חיות און מענטשן. מיט דעם הימן צו מאַרדוקן, דעם גאָט פון ליכט, ענדיקט זיך די פּאָעמע „ענומאַ עליש״.

§ 13 אסטראַלע גאָטהייטן

לעבן דעם הויפּט־דריילינג פון די געטער — אַנו, בעל און עאַ, קען די בבלישע מיטאָלאָגיע נאָך ווייבלעכע גאָטהייטן, געשאַפן ס׳רוב פון די נעמען פון געטער; דאָס זענען די גע־טינס: אַנאַט (אַנוניט), בעלית (מעליטאַ) און דאַמקיאַ. דעם דריי־לינג פון די העכסטע געטער אַנטשפּרעכן די געטער פון דער הימל־ספערע: סין — לבנה, שמש — זון און די געטין אישטאַר (סעמיטישע עשתרת) — אָוונט־ אָדער מאָרגנשטערן. דידאָזיקע לעצטע איז די געטין פון פרוכטבאַרקייט — (סומערישע נאַנאַי) דיזעלביקע, וואָס אַנוניט. אין דעם דריילינג פון די הימלישע קערפּער האָט איר שפּעטער פּאַרטראָטן ראַמאַן (דער גאָט פון דונער, כמאַרעס און שטורעם). דער ערשטער דריילינג האָט רע־גירט מיט דער וועלט, אָפּהאַלטנדיק טאָג־טעגלעכע באַראַטונגען. דער קלוגער עאַ האָט געשריבן זיינע אורטיילן אויף ליימענע טאָוועלעך. מאַרדוק און שמש האָבן זיי פונאַנדערגעטראָגן איבער דער וועלט. ווער עס האָט באַזעסן דעם סוד פון איינס פון דידאָזיקע טאָוועלעך, איז געוואָרן האַר פון דער וועלט. מחמת דאָס, וואָס געשעט אויף דער ערד, איז לויט די אַלטערטימלע־כע בבלישע פּאָרשטעלונגען דער אויספּאַל פון די אורטיילן,

---

ענומאַ עליש? ווער איז דער גאָט מאַרדוק? וועלכע זענען געווען די איבריקע בבלישע גאָטהייטן? ווי איז געווען דער איינטייל פון זייער

וועלכע זענען אָנגעשריבן אין הימל. די אויסטייטשער פון די־דאָזיקע אורטיילן זענען געווען די זון, לבנה און שטערן, דערעיקר די פּלאַנעטן אין דער צאָל פון פינף, וועלכע טראָגן די נעמען פון די גאָטהייטן: נערגאַל (רוימישער מאַרס), נאבו (־מערקורי), מארדוק (־יאָוויש), אישטאַר (ווענוס), ניניב (־סאַטורן). פון זיי קומען אַרויס די נעמען פון די זיבן טעג אין דער וואָך. די בבלער האָבן אויך די ערשטע איינגעפירט דעם איינטייל פון יאָר אויף טעג (360) און חדשים (12). דאָס אָבסערווירן דעם לויף פון די שטערן איז געווען די באַשעפטיקונג פון די כוהנים, אויף זיי איז אויך געלעגן די פליכט פון צונויפשטעלן דעם לוח. זיי האָבן פאַרשריבן זייערע באַאָבאַכטונגען איבער דער באַוועגונג פון די הימלישע קערפּערס, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון דער שפּעטערדיקער אַסטראָנאָמיע. דידאָזיקע לערע פאַרדאַנקט פיל די בבלער. זיי האָבן די ערשטע איינגעשטעלט דעם צאָדיאַק, האָבן געקענט די עקליפּטיק און דעם וועג פון דעם לבנה־קרייזגאַנג, די אָבסערוואַציעס פון די הימלישע קער־פּערס האָבן געדינט די כוהנים אַלס יסוד פאַר די טרעפונגען אין ערדישע ענינים, אָדער פאַר דער קונסט פון לייענען אין די שטערן (אַסטראָלאָגיע).

§ 14 בבליש־אסורישע רעליגיעזע קונסט

זייערע גאָטהייטן פלעגן די אַלטערטימלעכע איינוווינער פון מעסאָפּאָטאַמיע פאָרשטעלן ס׳רוב אין מענטשלעכע געשטאַלטן. אַזוי האָט בכן מארדוק דאָס געשטאַלט פון אַ מאַן מיט צוגע־קלעפּטע האָר און באָרד, מיט אַ טיאַרע אויפן קאָפּ און אין אַ לאַנגן שלעפּאַרטיקן מלבוש; דעם גאָט עאַ זעען מיר מיט אַ פיש אויף די פּלייצעס, די געטין אישטאַר ווידער מיט אַ פאַרהילטן פּנים, אָדער אַלס סימבאָל פון מוטערשאַפט. געוויסע גייסטער אָבער פלעגט מען פאָרשטעלן, ווי בײַ די עגיפּטער,

---

ממשלה איבער דער וועלט? וואָס איז אזוינס אסטראָלעע רעליגיע? מיט וואָס האָבן זיך פאַרנומען די בבלישע כּהנים? וועלכע זענען זייערע

אין האַלב־מענטשלעכע, האַלב־חיהשע געשטאַלטן, אַלס פּאַרזעעניש און גריפן. זיי האָבן זיך געטיילט אויף ערדישע גייסטער — „אַנונאַקי" און הימלישע — „איגיגי". אייניקע פון זיי האָט מען געהאַלטן פאַר ווילטועריש, אַנדערע פאַר בייזוויליקע. אַזוי האָט, למשל, דער דרום־מערבדיקער ווינט, וואָס בלאָזט פון אַראַביע, ובכן דער פיינלעכסטער, געהאַט אַ הינטישן גוף, לאַפּעס מיט אָדלער־קרעלן, אַ מענטשלעכן קאָפּ מיט פּיס פון אַ באָק און צוויי פליגל: די ערשטע — אויפגעהויבן אינדער־הויך, די צווייטע — אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד. דערקעגן ווידער די „לאַמוסי", געשטאַלטן מיט פּרעכטיקן גוף פון אַן אָקס, מיט מענטשלעכן בערדיקן קאָפּ, באַקריינטער טיאַרע און מיט אַ פּאָר פליגל. וואָס האָבן אַרויסגעוואָקסן פון די פּלייצעס — דאָס זענען געווען די שוצגעטער פון דעם מענטש און דערפאַר האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט אַלס שומרים אויףביידע זייטן פון איינגאַנג אין די טעמפּלען און פּאַלאַצן.

§ 15 די עלטסטע היסטאָרישע לעגענדעס

א) די לעגענדע וועגן ערשטן מענטש. פון דאָרטן, ווו ס׳הויבט זיך אָן דאָס פּריסטע לעבן פון בבל, קומען אויך אַרויס די עלטסטע כאַלדעישע לעגענדעס. דאָס זענען די שטעט פון דרום־בבל. איינס פון אַזעלכע שטעט איז געווען ערידו, וועלכע איז אַמאָל געלעגן איבער דעם פּערסישן איינגוס, היינט אָפּגערוקט מיט הונדערט און עטלעכע צענטליק מעטער פון ים (אונטערן נאָמען אַבו־שאַהראַין). לויט דער לעגענדע האָט דאָ געוווינט איינער פון די ערשטע מענטשן אויף דער וועלט, מיטן נאָמען אַדאַמו אָדער אַדאַפּו, פון לעבנסשטייגער אַ פישער. איינמאָל, ווען ער איז געווען באַשעפטיקט מיט פישפאַנג, האָט אים דער בייזוויליקער דרום־מערבדיקער ווינט אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. אַדאַמו, אַ

פּאַרדינסטן אין דער אַסטראָנאָמיע ? וואָסער איז געווען דער רעליגיע־זער ציל פון זייער אָבסערוואַציע ? סאַרא געשטאַלטן האָבן די בבלער

דערצאָרנטער, האָט אים צעבראָכן די פליגל, און צוליב דעם האָט דער ווינט נישט געבלאָזן במשך פון זיבן טעג. באַאומ־רויקט דערפון האָט דער גאָט אַנו זיך דערוווּסט וועגן דער האַנדלונג פון דעם מענטש און אים גערופן צו זיין משפט. אָבער דער גאָט עאַ האָט אים אויסגעלערנט, ווי אַזוי ער זאָל זיך פאַרהאַלטן. כּדי צו דערווערבן די גינציקייט פון די צוויי שומרים באַ די הימלישע טויערן: טאַמוז און גישיד. אַנו, וועלכער איז געווען דורך זיי גוט געשטימט לגבי דעם מענטש, האָט אים מוחל געווען, אָבער אַדאַמו, פאָלגנדיק די עצה פון גאָט עאַ, האָט נישט אָנגענומען נישט קיין שפייז און נישט קיין וואַסער פון לעבן, וואָס מ׳האָט אים געשאָנקען אין הימל. דערפאַר איז ער נישט געוואָרן קיין גאָט, ד. ה. אומשטערבלעך, און האָט זיך צוריקגעקערט אַלס מענטש אויף דער ערד.

§ 16 ב) לעגענדע וועגן מבול

איבערן פרת, נישט ווייט פון זיין לעמצונג, איז געלעגן די שטאָט שוריפאַק אָדער שורופּאַק, וועמעס אַלטערטימלעכקייט עס באַשטעטיקן די אויסגראָבונגען, וועלכע גרייכן 3 טויזנט יאָר פאַר קר. אין דערדאָזיקער שטאָט האָט אַמאָל געלעבט אַ מענטש מיטן נאָמען שמש־נאַפּישתּים אָדער האַסיסאַטראַ (אויף גריכיש קסיסוטראָס). ווען די געטער פון דער וועלט האָבן באַשלאָסן צו פאַרטיליקן דעם מענטשלעכן מין, האָט דער גאָט עאַ, דער־באַרמענדיק זיך איבער אים, מיט אַ שטים, וואָס איז אַרויס־געגאַנגען פון וואַסערגראָז, אים געוואָרנט פאַרן מבול, וועלכער דאַרף אָנקומען. דאַן האָט שמש־נאַפּישתּים אויפגעבויט אַ שיף, הויך אויף 120 איילן און אַזוי פיל איילן האָבנדיק אויך אין דעם אומפאַנג. ער האָט אַריינגענומען אין איר די משפּחה און די זאָמען פון אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד. און ווען דער האַר פון דער פינצטערניש האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פלייצרעגן, האָט די

געגעבן זייערע געטער? ווי איז די לעגענדע וועגן ערידו? ווער איז געווען אדאמו (אדאפּסו)? וואָסער איז די לעגענדע וועגן שוריפּאַקן? ווער

שיף אַוועקגעטראָגן אויף די כוואַליעס דעם מענטש און יעדן לעבעדיקן מין און נאָך זיבן טעג זיך פאַרהאַלטן אויפן באַרג ניסיר (צווישן חדקל און דעם טייך זאב). דאַן האָט שמש-נאַפשתים אַרויסגעלאָזט אַ טויב, אָבער די טויב האָט זיך אומגעקערט, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שוואַלב, אָבער זי איז אויך צוריקגעקומען, ענדלעך האָט דער אַרויסגעלאָזענער ראָב זיך שוין מער נישט געוויזן. דערפון האָט שמש-נאפישתים אַרויסגעדרונגען, אַז די וואַסערן זענען שוין אָפּגעפאַלן, איז ער בכן אויסגעשטיגן פון דער שיף און געברענגט צו די געטער אַ קרבן, וועלכער איז דורך זיי ליב אויפגענומען געוואָרן. בלויז בעל אַליין איז דערצאָרנט געוואָרן צוליב דעם ניצול ווערן פונם מענטש, אָבער עאַ האָט געמילדערט זיין צאָרן. דאַן האָט בעל געמאַכט דעם מענטש און זיין פרוי פאַר געטער און זיי באַזעצט באַ דער לעפצונג פון די טייכן, ד. ה. אין גן-עדן.

§ 17 די לעגענדעס וועגן גילגאַמעשן

פון אַלע בבלישע לעגענדעס איז די אויספירלעכסטע די לעגענדע וועגן גילגאַמעשן, דעם פּאָפּולערסטן העלד פון קדמונית-דיקן אַלטערטום. גילגאַמעש, אויף אשוריש איזדובאַר, איז דער שפּעטערדיקער גריכישער העראַקלעס. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ טיפּ, פון אַ לעגענדאַרישן העלד (העראָס) מיט האַלב-געטלעכע, האַלב-מענטשלעכע שטריכן. ער איז געווען פאַרערט אין דער שטאָט אורוך (ביבלישער ארך), וועלכע איז אַמאָל געווען זיין רעזידענץ און וועלכע ער האָט געזאָלט אַרומרינגלען מיט מויערן. זיין פריינט און חבר איז געווען דער העלד עאַ-באַני, אַ יעגער און פאַסטוך. בשותפות האָבן זיי באַזיגט דעם קיניג פון באַרג-לאַנד עילם הומבאבא אין צעדער-וואַלד. ס'האָבן זיך

איז דער העלד פון דעם מיטאָס וועגן מבול? ווער איז געווען דער פּאָפּולערסטער העלד פון די בבלישע לעגענדעס? וועלכע איז זיין הויפּט-רעזידענץ? זיינע מעשים? ווי האָבן זיך בבלער פאָרגעשטעלט דאָס

פאַרפלאָכטן אין דערדאָזיקער לעגענדע היסטאָרישע דערציילונגען וועגן די שפּעטערדיקע בבלישע קאַמפן מיט די עלאַמיטן, וועמעס הויפּט־גאָטהייט האָט זיך גערופן הומבאַ אָדער אומבאַן, מיט די מיטישע לעגענדעס וועגן דער געטין אישטאַר, וועלכע איז אויך געווען געערט אין אורוק. דאָס איז געווען די געטין פון זינלעכער ליבע און אויסגעלאַסנקייט. פאַראַכטעט דורך גילגאַמעשן, לאָזט זי אַרויס אויף די צוויי פריינט דעם שרעקלעכן אָקס. וועלכן ס׳האָט איר געשיקט צוהילף דער פאָטער, דער גאָט אַנו. אָבער ביידע פריינט האָבן באַוויזן צו טויטן דעם אָקס. דערנאָך שטאַרבט עאַ-באַני, און גילגאַמעש, וועלנדיק אים אַרויסרייסן פון טויט, לאָזט ער זיך אין וועג אַריין אויפן ווייטן מערב נאָך דעם וואַסער פון ל ע ב ן. דאָרט באַגעגנט ער דעם גאָט-מענטש, שמש - נפשתים, וועלכער פאַרטרויט אים דעם סוד פון אַ געוויסער פלאַנץ: איר שטאָךווירקט ווי דער גיפט פון אַ שלאַנג, אָבער דאָס באַזיצן זי פאַרזיכערט דעם מענטש אייביקע יוגנט. גילגאַמעש

די פאַרשלייערטע געטין אישטאַר (עשתרת). אויסגעגראָבענע סטאַטוע און טעל-האלאף אין מעסאָפּאָטאַמיע

טראָגט אַוועק מיט זיך יענע וווּנדערבאַרע פלאַנץ, נאָר אויף צוריקוועגס רייסט זיך אים די שלאַנג אויס. גילגאַמעש בלייבט בכן שטערבלעך, פּונקט אַזוי ווי זיין פריינט, עאַ-באַני. אויף דער בקשה פון גילגאַמעשן, דערלויבט אים דער גאָט פון טויט,

---

לעבן נאָכן טויט? וועלכער איז דער גאָט פון טויט? וועלכער פון ליבע? סאַרא איז די לעגענדע וועגן פרילינג? וועלכע זענען געווען די עלטסטע

נערגאַל, צו זען זיך מיטן פריינט, דער אָבער וויל אים נישט אויפדעקן דעם סוד פון טויט. אַפילו די געטער פאַלן אַרונטער די געזעצן פון נערגאַלס מלוכה, מחמת פון דאָרטן קומט שוין קיינער נישט צוריק. וועגן דאָזיקן אונטערערדישן קיניגרייך דער-ציילט די לעגענדע אין שייכות מיט דעם אַראָפּנידערן פון דער געטין אישטאַר אין גיהנום צו זוכן איר געליבטן. דאָס איז דאַמוזי (תמוז), דער גאָט פון פרילינג, וועלכער וואַכט אויף יאָר-יערלעך און שלאָפט איין יאָר-יערלעך, ובכן דערזעלביקער, וואָס דער גריכישער אַדאָניס. די דאָזיקע לעגענדע פאַרקערפּערט די ענדערונג פון די יאָר-סעזאָנען.

§ 18 די פירשטן-כּוהנים אין כּשׂדים

יענע וויגעלעך פון די מיטן, שטעט, ווי אור, אורוק, ערידו, שוריפּאַק, זענען צוגלייך די עלטסטע שטעט פון כּשׂדים. זייער פאַרגאַנגענהייט גרייכט צום ווייניקסטן דריי טויזנט יאָר פאַר קר. די פירשטן, וואָס האָבן רעגירט אין זיי, זענען געווען צוגלייך כּוהנים. מ'האָט זיי גערופן „פּאַטעסי" און דער דאָזיקער טיטל האָט שפּעטער באַטייט וויצע-קיניג און נציב פון דער פּראָווינץ. אַזאַ „פּאַטעסי" אין דער שטאָט לאַגאַש (אַנדערש שיפּוראַ) וועמעס חורבות זענען היינט פאַראַן אין דעם דאָרף טעלאָ, איז געווען דער פירשט-כּוהן גודעאַ (לערך 2340 י. פאַר קר.). ער רופט זיך אַליין אָן וואַסאַל פון קיניג אָדער פון גאָט נינגירסו, „וועלכער האָט אים באַשטימט פאַרן געזעצלעכן פּאַס-טוך פון לאַנד". נאָכן פירשט גודעאַ איז פאַרבליבן אַכט גרויסע סטאַטועס פון האַרטן שוואַרצן שטיין, א. ג. דיאָריט. פאַר זיין ממשלה זענען די שטעט אין כּשׂדים שוין געווען באַפעלקערט און מעכטיק און געהאַט ברייט פאַרצווייגטע האַנדלס-באַציונגען. אַזוי האָט מען געהאַקט שטיין געבראַכט פון דרום-אַראַביע, קופּער פון קימאַש, מיטל-אַראַביע, און צעדער-האָלץ פון די אַמאַנאָס-בערג (אין סיריע). די כּאַלדעישע קונסט איז אויך גע-ווען הויך פאַרפולקאָמט.

§ 19 דאָס קיניגרייך סומער און אַכּד.

די עלטסטע סעמיטישע מושלים אין כּאַלדעאָ (כּשדים) האָבן געטראָגן דעם טיטל „מלכים פון סומער און אַקאַד (אכּד)“. די סומערער, דאָס איז געווען אַ באַצוווּנגענע באַפעלקערונג, די אַקאַדיער ווידער האָבן אָפּגעשטאַמט פון די סעמיטן. ווי ווייט צוריק עס זאָלן נישט גרייכן די היסטאָרישע מקורים, געפינען מיר תּמיד אין כּשדים לעבן דעם סומערישן עלעמענט אויך דעם יידישן עלעמענט. די שטאָט אַכּד (אגאדע) איז געלעגן איבערן פּרת, אין אַן אָרט, וווּ דער דאָזיקער טייך גיסט זיך פונאַנדער אין אַ פּרוכט-באַרע **נידערונג**. בשכנות מיט אים האָט זיך געפונען די אַלטער-טימלעכע סיפּאַראַ, די רעזידענץ פון סעמיטישן גאָט שמש, נידריקער ווידער צו דרום איז געלעגן באָרסיפּא מיט דעם טעמפּל פון סעמיטישן אָראַקל-גאָט נבו (נאַבו) און די שטאָט באַביל אָדער בבל. דער דאָזיקער לעצטער נאָמען באַטייט דאָס „טויער פון גאָט“ און איז שפּעטער געוואָרן אי-

גילגאַמעש, וואָרגנדיק דעם לייב.
סטאַטוע פון נימרוד. לוּווער-מוזעום

בערגעטראָגן אויפן גאַנצן לאַנד. דידאָזיקע גאַנצע מערבדיקע טייל פון בבל איז פון די היסטאָרישע צייטן אָן באַוווינט געווען דורך אַ סעמיטישן שבט, די עלטסטע איינוואַנדערער אין צוויי-טייכנלאַנד. די מאַכט פון דאָזיקן שבט האָבן באַפעסטיקט די מושלים: סרגון, גערופן דער עלטערער, און זיין זון, נאַראַם-סין (אַרום 2500 יאָר פאַר קר.). וועגן סרגונס יוגנט דערציילט די לעגענדע, אַז די מוטער זיינע, פון קיניגלעכן שטאַם, האָט אים געמוזט נאָך אין וויגל ראַטעווען פאַר דער פאַרביסנקייט פון דעם פעטער. זי האָט בכן אַראָפּגעלאָזט דאָס זויגקינד אין אַ קוישל אויפן טייך פרת, וווּ ס'האָבן אים געפונען און אויפ-געהאָדעוועט פאַסטוכער, און די געטין אישטאַר, ליב קריגנדיק דאָס יינגל, האָט אים באַשטימט די קרוין. סרגון איז געווען אַ האַלב-לעגענדאַרישע פיגור און צוליב דעם איז ער געוואָרן דער מוסטער און ביישפּיל פאַר פיל שפּעטערדיקע מאָנאַרכן. אָבער זיינע קריגס-מעשים זענען היסטאָרישע, אַזוי, למשל, האָט ער באַצווינגען גאַנץ שנער, צעשלאָגן די עלאַמיטן, פאַריייניקט צו בבל דאָס לאַנד סובאַרי באַם אויבערשטן חידקל, האָט באַצווינגען די שבטים מאַרטו אָדער אמורים, וועלכע זענען געזעסן אויף די ברייטע שטחים, וועלכע ציען זיך פון די סטעפּ-פּעס פון צפון-מעסאָפּאָטאַמיע אַזש ביז סיריע, פעניציע און פּאַלעסטינע. דערפאַר האָט ער אָנגענומען דעם טיטל „קיניג פון פיר וועלט-זייטן". זיינע מלחמהצוגן האָבן דערגרייכט דעם „ים פון דער אונטערגייענדיקער זון", ד. ה. דעם מיטללענדישן ים, ווי אויך דאָס „ים-לאַנד", ד. ה. סיריע. קריגעריש איז אויך געווען זיין זון נאַראַם-סין. אַ זיינערצייטיקער דענקמאָל שטעלט אים פאָר, ווי אַזוי ער רייסט זיך אַרויף אין אַ העלם מיט הערנער אויפן קאָפּ, אין אַ לאַנגער טוניק, איינגעהילט אין אַ שאַל מיט פרענזלען, באַוואָפנט מיט אַ שפּיז, אויף די זאַגראָס-בערג. דידאָזיקע ערשטע סעמיטישע מלוכה האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. אויף איר אָרט הויבן זיך אויף די פירשטן באַם אונטערשטן פרת. די רעזידענץ פון דער נייער מלוכה

שטעט אין כשדים ? ווי האָבן געהייסן זייערע ערשטע מושלים ? וועד איז געווען קיניג גודעא ? ס'אַרא דענקמעלער זענען נאָך אים פאַרבליבן ?

„סומער און אַקאַד“ איז געווען די שטאָט אור אויף איינעם פון די מערבדיקע אָרעמס פון פרת, נישט ווייט פון דער לעפצונג, מיטן אַלטערטימלעכן טעמפל פון לבנה-גאָט סין. איר גרינדער איז געווען אור-ענגור, זיין זון ווידער, דונגי, האָט אויסגערויבט און חרוב געמאַכט דעם טעמפל פון מאַרדוק, ע-סאַגילאַ, און זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות אויפצוהויבן דעם אַלטערטימלעכן טעמפל פון גאָט עאַ אין ערידו. אַ נייער איבערפאַל אָבער פון סעמיטישע שבטים, א. ג. אַמאָריטן, פון מערב, בשותּפות מיט דעם דרוק פון עילם פון מזרח האָט געמאַכט א סוף צו דער הערשאַפט פון די דרומדיקע מושלים, און מעגלעך אויך צום קיניגרייך אור.

§ 20 די בבלישע אַלטערטימלעכע מאָנאַרכיע

דער אייגנטלעכער גרינדער פון דער בבלישער מאָנאַרכיע איז געווען סומואַבו אָדער סואַבו, וואָס האָט געשטאַמט פון די אמורישע שבטים; פונדאַנען הייסט אויך די ערשטע בבלישע מאָנאַרכיע די אמורישע. זי האָט געהערשט 21 יאָרהונדערטער פאַר קר. דער זון און נאָכפאָלגער פון ערשטן קיניג, סומולאילו, האָט געלייגט די יסודות פאַרן פונאַנדערבלי פון בבל: ער האָט זי אַרומגערינגלט מיט מויערן, די סטאַטוע פון מאַרדוקן האָט ער באַצירט מיט גאָלד און זילבער, האָט אויפגעבויט אַ קאַנאַל און אויפגעשטעלט אַ טעמפל לכּבוד דעם גאָט פון הימל אַנו, אָבער צו דער גרעסטער חשיבות און מאַכט האָט בבל דערלאַנגט פאַר דער הערשאַפט פון דעם קיניג האַמוראַבי (1916 — 1958). ער האָט דאָס אויפגעהויבן דעם כּבוד פון מאַרדוקן איבער די אַנדערע געטער און דערהויבן בבל איבער די אַנדערע שטעט; ער האָט באַצווינגען אויף דרום כּשׂדים און אַרויסגעשטויסן פון איר די עלאַמיטן. פון זינט דעמאָלט האָבן די בבלישע מאַכט-האָבער אומגעקערט זייער אַמאָליקן טיטל „מלכים פון סומער

ווועלכעס איז געווען דאָס עלטסטע סעמיטישע קיניגרייך? וואָס באַטייט דער טיטל: „מושל פון סומער און אכּד“? וועלכע זענען געווען די צוויי עלטסטע באַקאַנטע סעמיטישע מלכים? סאַראַ זענען די קריגס

און אכד", ווי אויך „מלכים פון די פיר וועלט-זייטן". ער האָט געבויט טעמפּלען און דורכגעפירט אַ נייעם קאַנאַל, וועלכער האָט זיך צעגאָפּלט פון דער שטאָט סיפּארא איבערן פּרת און געליפערט וואַסער די דרום-שטעט, ווי אורוק און אַנדערע. אָבער דאָס וויכטיקסטע ווערק פון האמוראבי איז געווען זיין קאָדעקס אָדער געזעצן-זאַמלונג, וועלכע איז געוואָרן אויסגעקריצט אויף שוואַרצן שטיין (דיאָריט) און אַרויסגעשטעלט צום עפנטלעכן אָנבליק אין דעם טעמפּל פון מאַרדוק. ער האָט אַנטהאַלטן געזעצן, וועלכע זענען אַנטפּלעקט געוואָרן דעם קיניג דורכן גאָט שמש. דער קאָדעקס פון האַמוראבי רעכנט אויס זייער האַרבע שטראָפן פאַר געוויסע פאַרברעכנס, צ. ב. גנבה באַשטראָפט ער מיט טויט; אין די באַציונגען צווישן מענטשן האַלט ער זיך אָן כּלל: „אויג פאַר אויג, צאָן פאַר צאָן, טויט פאַר טויט". אָבער גלייכצייטיק שיצט ער אייגנטום, באַשירמט די שוואַכע און נעמט זיך אָן פאַר די באַעוולטע, דערהויפּט פאַר אלמנות און יתומים. דער קאָדעקס פון האמוראַבי, נישטלאַנג אָפּגעגראָבן אין דער אַלטערטימלעכער שטאָט סוזא, איז דאָס עלטסטע געשריבענע געזעץ, וואָס מיר קענען ביז איצט אין דער געשיכטע. אָבער די הערלעכקייט פון דער אַלטערטימלעכער בבלישער מאָנאַרכיע איז געווען קורצדויערנדיק. באַלד נאָכן טויט פון האמוראבי שוואַכן זי אָפּ די איבערפאַלן פון מזרח פון די קריגערישע שבטים קאַשיטן, וועלכע האָבן געוווינט אין די בערג איבער עילם, ווי אויך פון מערב די איבערפאַלן פון די חתּים (חת), וועלכע האָבן דעמאָלט געשאַפן אַ מעכטיקע מלוכה אין פּאָדעראזיע. די חתּים האָבן צעשטערט בבל און מיטגענומען מיט זיך די סטאַטוע פון מארדוקן. נאָך זיי האָבן באַהערשט דאָס לאַנד די קאשיטן, וועלכע הויבן אָן די תּקופה פון דער צווייטער בבלישער דינאַסטיע, די אַ. ג. קאַשיטישע. זייערע מלכים טראָגן לעבן דעם אַמאָליקן טיטל פון בבלישע מאָנאַרכן: „קיניג פון סומער און אכּד", אויך דעם טיטל „קיניג

מעשים פון די מלכים פון סומער און אכד? וועלכע זענען די גרעניצן פון זייער קיניגרייך? וועמעס איז דאָס קיניגרייך אור? ווער איז געווען דער גרינדער פון דער בבלשער מאָנאַרכיע? סאַרא איז געווען די

פון קארדוניאַש״, ווארשיינלעך פון דער גאָטהייט דוניאַש און דער שטאָט, וואָס איז געווען זייער רעזידענץ („די פעסטונג פון גאָט דוניאַש״). פאַר זייער הערשאַפט טאַקע גיסט זיך דער סעמיטישער עלעמענט צונויף מיט דעם איינגעזעסענעם סומערישן עלעמענט און בילדעט איין פאָלק. אָבער די חשיבות און באַדייטונג פון בבל כלפּי חוץ פאַלט אויף אַ משך פון כמעט 500 יאָר, ביז ערשט מיט די נייע איינוואַנדערער רוקט זיך בבל ווידער אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן פון דער געשיכטע פון מעסאָפּאָטאַמיע (אין VIII יאָרהונדערט פאַר קר.). ביז צו דער־דאָזיקער צייט שפּילט די הויפּט-ראָליע אשור. אָבער בבל גילט תּמיד פאַרן וויגעלע פון דער מאַכט, אַלס די הייליקע שטאָט פון מארדוק, פון וועמעס הענט די מלכים האָבן גענומען די באַשטעטיקונג פון זייער מאַכט. דאָס איז געווען אַ רעליגיעזע צערעמאָניע, יעדעס יאָר פייערלעך באַנייט. אַפילו די אשורישע מלכים האָבן נישט געוואַגט צו פאַרמעסטן זיך אויף דער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון בבל, העכסטנס האָבן זיי אַליין אין איר געהערשט, אָבער אונטער באַזונדערע בבלישע נעמען.

§ 21 די התחלות פון אשור

דער קיניג פון אשור האָט גענומען דעם נאָמען פון דער גאָטהייט און פון דעם שבט אשור. דאָס איז געווען צוגלייך דער נאָמען פון דער שטאָט און ערשטער רעזידענץ פון די אשורישע מלכים אויפן לינקן ברעג פון חידקל. די אורערשטע איינוווינער פון אשור זענען געווען סעמיטן; אָבער אַזוי גוט די רעליגיע זייערע ווי די ציוויליזאַציע האָבן זיי איבערגענומען פון צפון-בבל. אַזוי זענען די אַשורישע גאָטהייטן דיזעלביקע, וואָס די

ערשטע דינאַסטיע אין בבל? ווער איז דער באַרימטסטער פון די מלכים פון דער אַמורישער־ דינאַסטיע? זייַנע טיטלען? סאַראַ בנינים האָט ער אויפגעשטעלט? כאַראַ איז דער עלטסטער קאָדעקס? וואָס אַנטהאַלט ער? סאַראַ שבטים זענען באַפאַלן דאָס בבלישע קיניגרייך? ווער איז געווען דער גרינדער פון דער צווייטער בבלישער דינאַסטיע? פון ווען

בבלישע, ובכן אַנו און בעלי אשור (אורטימלעך אשיר) איז געווען אַ לאָקאַלע גאָטהייט. מ'האָט זי פאָרגעשטעלט אין געשטאַלט פון אַ מאַן, וואָס לאָזט אַרויס אַ פייל פון בויגן; דידאָזיקע געשטאַלט, באַצירט מיט צוויי פליגל, האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף אַ זון-שילד. דאָס איז געווען דער גאָט פון געיעג און מלחמה. ענלעך האָט מען פאַרערט די געטין אישטאַר, אַלס געטין פון מלחמה, אָבער אונטער אַן אַנדערן, סומערישן נאָמען – נינאַ. פון דאָזיקן וואָרט האָט גענומען דעם נאָמען די שפּעטערדיקע רעזידענץ פון די אשורישע מלכים נינוה. דער הויפּט-טעמפּל פון דער געטין נינאַ האָט זיך געפונען אין דער שטאָט אַרבעלאַ, צופּיסנס פון די זאַגראָס-בערג. דאָס איז געווען אַן אָרט, באַרימט דורך די טרעפונגען פון דערדאָזיקער גאָטהייט. לעבן דידאָזיקע אַלטע סומערישע געטער האָט מען געערט שפּעטער אויך די ריין סעמיטישע גאָטהייטן. צו זיי האָט געהערט הדד אָדער אדד (שפּעטער ראַמאַן), וועלכער אַנטפּלעקט זיך צווישן דונער און שטורעם און שליידערט בליצן אָדער קעמפט מיט אַ האַמער; ווי אויך די געטער נבו און דגון. אין אשור טרעפן מיר אורשפּרינגלעך דיזעלביקע פירשטן-כּוהנים, וואָס אין דרום-בבל; זיי טראָגן דאָ דעם טיטל „איסאַקו" און באַטראַכטן זיך פאַר די פאַרטרעטער פון גאָט אַשור אויף דער ערד. דער אָנהויב פון דערדאָזיקער כּוהנישער מאַכט פון די פירשטן האָט זיך אַפילו אויסגעדרוקט שפּעטער, פאַר די אַשורישע מלכים, אין דעם מנהג פון דער צייט-רעכענונג נישט לויט דעם נאָמען פונם מושל, נאָר לויטן נאָמען פון דעם שר, דעם א. ג. „לימּמו". די רשימות פון דידאָזיקע מאַכטהאָבער בילדן אויך איינעם פון די וויכטיקסטע יסודות פון דער כראָנאָלאָגיע פון אַשור.

דאַטירט זיך דער אונטערגאַנג פון דער אַלטערטימלעכער בבלישער מאָנאַרכיע? ווער האָט איבערגענומען איר ראָלע? פונוואַנען האָט גענומען איר נאָמען אשור? וועלכע זענען די וויכטיקסטע גאָטהייטן פון אשור? סאַראַ טעמפּלען? אַ וואָסער איז די עלטסטע פירשטלעכע מאַכט אין אשור?

§ 22 דער איינטייל פון דער היסטאָריע פון אַשור

די געשיכטע פון אַשור טיילט זיך אויף דריי פעריאָדן, און דאָס לויט דער רעזידענץ פון די מלכים ווי אויך לויטן כאַראַקטער און צייט פון זייער הערשאַפט. דער ערשטער פע-ריאָד, דער אַלטערטימלעכער, ווען די רעזידענץ איז געווען די שטאָט אַשור (היינט חורבות אין קילעה-שערגאַט איבערן חידקל), דאַטירט זיך פון די עלטסטע צייטן ביז צום יאָר 900 פאַר קר. אין צווייטן פעריאָד, דעם מיטלאַלטערישן (900—921), איז די רעזידענץ געווען די שטאָט כלח באַ דער לעפצונג פון גרויסן זאַב. לסוף אין דעם לעצטן פעריאָד, דעם א. ג. סאַרגאָנישן פון נאָמען פון ערשטן קיניג סרגון (625—721), איז די רעזידענץ געווען נינוה, באַם חידקל, העכער פון דער זאב-לעפצונג פונקט אַנטקעגן דער היינטיקער שטאָט מאָסול.

§ 23 די אורערשטע אשורישע מאָנאַרכיע

דער היסטאָרישער קיניג פון אשור איז געווען אילוסומא, וועלכער האָט געפירט אַ מלחמה מיט דעם גרינדער פון דער בבלישער מאָנאַרכיע, דעם אַמורישן קיניג סומואַבו. די שפּעטערדיקע מושלים פון אשור זענען געווען די וואַסאַלן פון די בבלישע מלכים, ווי סאַמסיאַבאַד I, דער וואַסאַל פון האמוראבי, וועמען עס זענען אַרונטערגעפאַלן די שטעט אשור און נינוה. סאַמסיאַבאַד III (1600 :) איז שוין געווען אַ מעכטיקער מושל און זיך גערופן „קיניג פון דער גאַנצער וועלט”. דערדאָזיקער טיטל כאַראַקטע-ריזירט בולט די אַמביציע און באַצייכנט צוגלייך דעם פּאָליטישן פּראָגראַם פון די מלכים פון אשור. די אשורישע באַצווינגונג

לויט וואָס רעכענען מיר די אשורישע כראָנאָלאָגיע ? אויף וויפל פעריאָדן טיילט זיך די היסטאָריע פון אשור און לויט וואָס ? ווער איז געווען דער עלטסטער אשורישער קיניג ? סארא איז געווען די באַציונג פון אשור צו בבל פאַר די צייטן פון האמוראבי ? וועלכער איז דער גרעסטער פון די אשורישע מלכים פון דער אלטערטימלעכער תקופה ?

און קאָלאָניזאַציע האָבן שוין דאַן געגרייכט ביז קליינאַזיע. דעמדאָזיקן אוראַלטן פונאַנדערוווקס פון אַשור האָבן אָפּגע־האַלטן צוויי נייע מלוכות: פון די חתים אין קליינאַזיע און פון די מיטאַניער אין לאַנד נהרים. ערשט דער קיניג האדאדניראַרי I (ראממאניראַרי) און זיין נאָכפאָלגער שלמנאסר I (שולמאַנו-אַשאַרידו) פאַרברייטערן די אשורישע מלוכה אויף מזרח אין די מלחמות מיט די בערג-פעלקער קוטי אָדער גו; אויף מערב אין לאַנד מוסרי (ארמעניע). שלמנאסר I האָט פאַרייניקט דעם גאַנצן צפונדיקן שטח פון מעסאָפּאָטאַמיע. פון דעמאָלט אָן טראָגן די מלכים פון אשור דעם טיטל „שאַר קישאטי" אָדער „מושלים פון די פיר וועלט־זייטן". שלמנאסר האָט אָפּגעבויט דעם טעמפּל פון אישטאר אין נינוה און געלייגט די פונדאַמענטן אונטער דער נייער רעזידענץ אין כלח. גלייכצייטיק מיטן וווקס פון אשור גייט אויך די אָפּשוואַכונג פון בבל. שוין שלמנאסר I האָט געפירט אָנגריפן קעגן דער קאַשיטישער דינאַסטיע, און זיין זון טוקלאַטי-ניניב האָט באַצווינגען בבל, אַוועקגעפירט די סטאַטוע פון מארדוק קיין אשור און אַוועקגעזעצט זיינע נציבים אין אכד אָדער צפון-בבל און אין קאַרדוניאַש, דער רעזידענץ פון דרום-בבל. זינט דעמאָלט גיבן זיך די מלכים פון אשור צו צו זייערע אַנדערע טיטלען אויך דעם טיטל פון מלכים פון סומער און אַכד. נאָך איינמאָל האָט זיך בבל אַ הויב געטון פאַר די מלכים פון דער סעמיטישער דינאַסטיע פאַשי, וועלכע האָט געשטאַמט פון דער שטאָט ניסיבים (נאַסיבינאַ), דערהויפּט פאַר נבוכדנצר I (נאַבוקודרוסור). אָבער דער אים מיטצייטיקער אשורישער קיניג, אשור-ריש-אישי, און דערהויפּט דער זון זיינער און נאָכפאָלגער, תגלת-פלאסר I (טוקולטי־פּאַלסאַר) האָבן פאַרזיכערט אשורן אַן ערשטראַנגיקע גרויסמאַכטיקע שטעלונג אין גאַנץ פאָדעראַזיע. דערהויפּט איז

ווער פון זיי האָט דער ערשטער איינגענומען בבל? סאַראַ טיטל האָבן געטראָגן די אשורישע מלכים? סאַראַ זענען געווען די באַצווינגונגען פון תגלת-פלסר? וואָס האָבן די אשורישע מלכים פאַרדאַנקט זייערע באַצווינגונגען? סאַראַ איז געווען דער מצב פון דער קריגס־קונסט בא די אשורים? סאַ'אַ איז געווען די באַציונג פון גאָט אשור צו אַנדערע

תּגלת פּלסר I (אין XII י. ה.) געווען אַ גרויסער **זיגער** און אָרגאַניזיר־טאַלאַנט. ער האָט דורכגעפירט אַ ריי באַצווינגונגען אין סיריע, פעניציע און פּאַלעסטינע, און דידאָזיקע דערגרייכונגע האָבן זיינע נאָכפאָלגער באַפעסטיקט מיט נייע מלחמהצוגן. דער לויב־אויפשריפט אויף אַ פעלז באַם קוואַל פון חדקל רופט אים אָן „באַצווינגער פון די לענדער פון גרויסן ים פון דער אונטערגייענדיקער זון (ד. ה. מיטלענדישער) ביז צום ים פון נאַירי־לאַנד" (אָדער ביז צו דער אָזערע וואַן אין ארמעניע).

§ 24 אָרגאַניזאַציע און קריגס־קונסט באַ די אַשורים

זייערע באַצווינגונגען האָבן די אַשורישע מלכים פאַר־דאַנקט קודם־כל דער הויך פאַרפולקאָמטער קריגס־קונסט. דאָס חייל איז באַשטאַנען פון פוסגייער און קאַוואַלעריע אויף וועגנס. די פוסגייער זענען געווען באַוואָפנט מיט בויגנס, שטיינשליי־דערס, שפּיזן און שווערדן. די שווער באַוואָפנטע זעלנער האָבן געהאַט אויף זיך פּאַנצערס, קנישיצערס און העלמען, ווי אויך קיילעכדיקע שילדן. אויף די מלחמהצוגן האָט מען זיך באַנוצט מיט אַן אינזשענירן־קאָרפּוס. דערהויפּט איז די קונסט פון שטאָט־באַלאַגערונג געשטאַנען באַ די אַשורים אומגעווייניך הויך: זיי פלעגן באַנוצן די אַלע שפּעטער באַקאַנטע באַלאַגע־רונגס־אופנים, ווי: באַראַנעס, באַוועגלעכע טורעמס, אויך קאַטאַ־פּולטן, ד. ה. מאַשינען צום אַרויסשליידערן קוילן. דאָס גאַנצע לעבן פון די אַשורישע מלכים איז אַוועק אויף די קריגסעקס־פּעדיציעס, אָדער אויך אויף יאַגד־באַשעפטיקונגען. מחמת יאַגד איז דעם גאָט אַשור געווען פּונקט אַזוי ליב, ווי מלחמה. פון דער געטויטער חיה האָט מען אים געבּרענגט אַ קרבן. דערפאַר טאַקע רעכנט תּגלת־פּלסר I אויס אין זיין לויב־אויפשריפט לעבן די קריגס־מעשים אויך די יאַגדצוגן, ווי דאָס גייעג אויף

פעלקער? סאַראַ איז געווען דער אַשורישער רעגירונגס־סיסטעם, קאָלאָ־ניזאַציע־סיסטעם? סאַראַ כאַראַקטער האָט דער מיטלאַטערישער פעריאָד וועמ האָט איבערגעטראָגן די רעזידענץ קיין כּלח? וואָס איז אַזוינס

לייבן איבערן חבור און די יאַגד אויף חיות צופיסנס פון די לבנון-בערג. דער מאָטיוו און אימפולס צו די קריגסצוגן איז אויך געווען דער קולט פון גאָט אַשור. ער האָט געהייסן פאַר־טיליקן אומברחמנותדיק זיינע פיינט, ד. ה. די-יעניקע, וועלכע האָבן נישט אָנערקענט זיין קולט, און פאַרלאַנגט פאַר זיך די אומבאַדינגטע געהאָרכיקייט. דערפאַר איז אויך די ממשלה פון די אַשורישע מלכים געווען דעספאָטיש און אַכזריותדיק. די באַ־צווינגענע שטעט האָט מען אויסגעגלייכט מיט דער ערד, און די באַפעלקערונג האָט מען אויסגעשחטן אָדער אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט, אויף איר אָרט ווידער האָט מען אַראָפּגעבראַכט און באַזעצט אָדער אַשורים, אָדער די באַצווינגענע באַפעלקע־רונג פון אַנדערע לענדער. דערין איז באַשטאַנען דער אַשורי־שער קאָלאָניזאַציע-סיסטעם, וועלכער איז געווען שטאַרק פאַר־האַסט, פונקט אַזוי ווי זייער גאַנצע הערשאַפט. די אַשורים האָבן געבילדעט אַ מעכטיקע מיליטער-דעספאָטישע אָרגאַניזאַציע, אָבער זייער ממשלה איז נישט געווען קיין לאַנגדויערנדיקע. גאַנץ אָפּט פלעגט אויך דער מאָמענטאַנער פעריאָד פון פונאַנ־דערבלי זיך ענדיקן פאַר זיי מיט אַ געוואַלטיקער מפּלה און קאַטאַסטראָפע.

§ 25 די מיטלאַלטערישע מלוכה.

אין דעם מיטלאַלטערישן פעריאָד פון אשור טרעט אויף אַ גאַנצער ריי קריגערישע און זיגערישע מאָנאַרכן. עס הויבט זי אָן אַשור-נאַנסירפּאַל III, וועלכער האָט אויפגעריכט פון די חורבות די שטאָט כלח און איבערגעטראָגן דאָ אַהער זיין רעזידענץ. אין דער נאָענט פון די בערג האָט ער אויפגעבויט פאַר זיך אַ זומערדיקע רעזידענץ (היינט באַלאַוואַט). ער האָט זיך גענומען פאַר אַ מוסטער שלמנאסרן, נאָך וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן זיין זון. אַ לויב-אויפשריפט זאָגט וועגן אים:

דאָס קיניגרייך וואַן אין אַרמעניע? סאַרא זענען די מעשים פון תגלת-פלסר III? ווער האָט באַלאַגערט שומרון און ווער האָט זי איינגענומען?

„דער באַצווינגער פון די לענדער פון יענער זייט חדקל ביז צו די בערג פון לבנון און גרויסן ים; די אַלע לענדער פונם אויפגאַנג ביזן אונטערגאַנג פון דער זון האָט ער פונאַנדער־געשפרייט באַ זיינע פיס". שלמנאסר II (אָדער III), זיין זון און נאָכפאָלגער, (824 — 858) האָט באַפעסטיקט דיראָזיקע באַ־צווינגונגען. אין ארמעניע האָט ער באַזיגט דעם קיניג פון דער מעכטיקער אוראַרטו־(אלאראָדיער־) מלוכה איבער דער אָזערע וואַן, וועלכער איז געווען פאַר די אשורישע מלכים אַ געפערלעכער קאָנקורענט. אָבער די הויפט־באַצווינגונגען פון שלמנאסר II זענען געגאַנגען אויף מערב; אין קליינאזיע האָט ער דערלאַנגט ביז צו דער שטאָט תרשיש אין קיליקיע. אַלס דענקמאָל פון זיין ממשלה איז געבליבן אַ שוואַרצער אָבעליסק פון מירמל־שטיין, וועלכער איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין נימרוד. די אויף אים אויסגעקריצטע בארעליעפן שטעלן פאָר סצענעס פון אָפגעבן צינז דורך די באַצווינגענע פעלקער. אַ באריכותדיקער אויפשריפט דערציילט די מעשים פון שלמנאסר II אין משך פון די 30 יאָר פון זיין הערשאַפט: נצחונות איבער דמשק, בבל, אוראַרטו, באַצווינגונג פון צפון־סיריע, קיליקיע און די לענדער צופיסנס פון די זאַגראָס־בערג. דער זאָזיקער אָבעליסק איז צוגלייך די עלטסטע כראָניק פון דער געשיכטע פון אשור. פאַר דער הערשאַפט פון די שפּעטערדיקע מלכים פאַרלירט אשור אַלץ מער נחלאות לטובת דער אויפוואַקסנדיקער מלוכה אוראַרטו (אין אַרמעניע). עס האָט זי דערהויבן צו דעם אַמאָליקן מצב ערשט תגלת פלסר III, אַן אוזורפאַטאר, אַ פשוטער זעלנער, וועלכער האָט כלל נישט אַרויסגעשטאַמט פון קיניגלעכן יחוס. ער איז דורכגעגאַנגען אין דער ברייט מעדיע, האָט אומגעוואָרפן די מאַכט פון אוראַרטו און פאַראייניקט צו זיינע נחלאות דאָס נאירי־לאַנד, וואָס ליגט צווישן אַרמעניע און צפון־מעסאָפּאָטאַמיע; אויף מערב האָט ער צעשטערט דאָס קיניגרייך דמשק און זיך אָוועקגעלאָזט אַנטקעגן פאַלעסטינע, וועמעס מלכים זענען נאָכאַנאַנד אַרונטערגעפאַלן דאָ אונטער די מושלים פון אשור, באַלד פון

ווער איז געווען דער גרינדער פון דער סרגונישער דינאַסטיע? סאַראַ איז געווען דער כאַראַקטער פון לעצטן פעריאָד פון דער אַשורישער געשיכטע?

עגיפטן. ער האָט לסוף איינגענומען בבל און זיך געקרוינט פאַר איר קיניג (729 י.). זיין בבלישער נאָמען איז געווען פולו (ביבלישער פול). פונדאַנען איז ער באַ די גריכן באַקאַנט געווען אַלס פּאָראָס. פאַר דער הערשאַפט פון זיין נאָכפאָלגער שלמנאסר IV, איז געווען באַלאַגערט שומרון, אָבער דאָס איינ־גענומען זי און דער סוף פון דער יידישער מלוכה פאַלט אויס ערשט אויפן פעריאָד פון דער הערשאַפט פון נאָכפאָלגנדיקן קיניג, סרגון II.

§ 26 סרגונישע מלוכה

דער לעצטער פעריאָד פון דער אשורישער מאָנאַרכיע איז צוגלייך דער פעריאָד פון איר העכסטער אַנטוויקלונג. נאָך דעם גרינדער פון דער נייער דינאַסטיע, סרגון II, טראָגט די מאָנאַרכיע דעם נאָמען סרגונישע. די מלכים פון דערדאָזיקער דינאַסטיע זענען געווען נישט בלויז טיכטיקע קריגסלייט, נאָר האָבן אויך געזאָרגט וועגן דעם אינערלעכן פונאַנדערבלי פון זייערע לענדער און וועגן דעם ווילשטאַנד פון די איינוווינער. פאַר זייערע צייטן האָט טאַקע די אשורישע קונסט און ליטע־ראַטור דערגרייכט איר העכסטן פונאַנדערבלי, און נינוה, די קיניגלעכע רעזידענץ, האָט קאָנקורירט אין דער בילדונג און ציוויליזאַציע מיט בבל. דער ערשטער פון די מלכים פון דער־דאָזיקער דינאַסטיע, סרגון II, איז געווען פונקט אַזוי, ווי תגלת פלסר III, אַן אוזורפּאַטאָר. באַלד אין ערשטן יאָר פון זיין הערשאַפט איז געפאַלן שומרון, און אירע איינוווינער, אין דער צאָל פון איבער 27 טויזנט, זענען געוואָרן אַוועקגעפירט אין געפאַנגנשאַפט און באַזעצט איבער חלח און חבור, אין דער פּראָווינץ גוזן, ווי אויך אין מדי; אויף זייער אָרט ווידער האָט מען אַראָפּגעבראַכט די באַפעלקערונג פון בבל און אַנדערע אַשורישע פּראָווינצן. סרגון איז געווען אַ טיכטיקער

סאַראַ ראָלע שפּילט נינוה? סאַראַ איז געווען דער כאַראַקטער פון דער הערשאַפט פון סרגון II? זיינע באַצווינגונגען? זיינע בנינים? וואָס האָט

קריגסמאַן. די אַרענע פון זיינע מלחמות זענען געווען כמעט תמיד אַרמעניע, סיריע און פּאַלעסטינע. ער האָט עס איינגענו־מען די שטאָט קאַרכעמיש (כּרכּמיש), די רעזידענץ פון דער מלוכה פון די חתּים (717 י.), און געמאַכט אַ סוף צו זייער הערשאַפט אין פּאָדעראַזיע. זינט דעמאָלט פאַרשווינדט צומאָל דער נאָמען חת אין דער געשיכטע פון מזרח. איבער בבל קאָנקורירט אַשור מיט די כאַלדעער, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אויף דרום אין „ים־לאַנד" (איבער דעם פּערסישן איינגוס), דערהויפּט זינט דער מעכטיקער פירשט פון בית־יעקן האָט זיך דערקלערט פאַר זיין קיניג, אונטערן נאָמען מראדך בלאדן (מארדוק באַלידין) און זיך פאַרבונדן מיט דעם מעכטיקן מושל פון עילם. ערשט באַם סוף פון זיין רעגירן האָט אים סרגון II באַזיגט און זיך אַליין דערקלערט פאַר קיניג פון בבל. נישט נאָר אַלס קריגס־מאַן האָט געשמט סרגון II, ער איז אויך געווען אַ קלוגער מושל און אָרגאַניזאַטאָר אין דער צייט פון שלום. זיין צונאָמען איז געווען „גערעכטער קיניג" אָדער „קיניג פון גערעכטיקייט"; ער האָט געבויט שפּייכלערס, דורכגעפירט קאַנאַלן. באַזונדערס האָט דעם זכר פון זיין הערשאַפט פאַרפעסטיקט דער פּאַלאַץ, וועלכן ער האָט אויפגעבויט אויף צפון פון נינוה, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן נאָך אים דור־שאַרוקין אָדער סרגונס שלאָס און איז אָפּגעגראָבן געוואָרן דורך באָטאַ אין דאָרף כאָרסאַבאַד. געבויט אויף אַן אונטערמויערונג פון ציגל, די הויך פון 14 מ, האָט ער פאַרנומען אַ שטח פון 10 האַ און אַנטהאַלטן דריי טעמ־פּלען צוזאַמען מיט אַ טורעם (זיקוראַט), אַחוץ דעם אייגנטלעכן פּאַלאַץ, שפּייכלערס, מאַגאַזינען און אַרסענאַל. אין זיין ביבליאָ־טעק, געגרינדעט דורך סרגון II, האָבן זיך אויפבאַהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג די ווערטפּולסטע אוצרות פון דער אַשורישער ליטעראַטור, און אין די חורבות פון דאָזיקן פּאַלאַץ האָט מען אַנטדעקט די באַרימטסטע איבערבלייבן פון דער אַשורישער קונסט. סנחרב (סין־אחי־ערבא), דער זון פון סרגון II, האָט גע־וואָלט נאָך מער פאַרפעסטיקן אינעווייניק און אויסנווייניק זיין

אַנטהאַלטן דור־שאַרוקין ? ווער פון די אַשירישע מלכים האָט צעשטערט בבל ? ווער איז דער גרעסטער פון די מלכים פון דער סרגונישער

מלוכה. אויפן ערשטן פּלאַן האָט ער געהאַט צו באַקעמפן דאָס קיניגרייך יהודה, הינטער וועלכן ס׳איז געשטאַנען עגיפּטן; צוויי מאָל האָט ער באַלאַגערט ירושלים, אָבער יעדעס מאָל האָט ער אָפּגעטרעטן, איינמאָל פאַר אויסקויף, דאָס אַנדערע מאָל צוליב אַ מגפה אין מיליטער. ער האָט אויך געוואָלט ענדגילטיק ענדיקן מיט בבל, וועמעס פירשטן פלעגן מורד זיין אומאויפהערלעך, פילנדיק הינטער זיך די שטיצע פון די מלכים פון עילם. סנחרב האָט בכן איינגענומען בבל און פאַרטיליקט די שטאָט ביזן גרונט (י. 689), אָבער דערדאָזיקער אומרעליגיעזער טאט איז געווען אויך שטאַרק אומפּאָליטיש. סנחרב איז אומגעקומען, דערמאָרדעט דורך צוויי צעבונטעוועטע זין. דער דריטער זון זיינער און נאָכפאָלגער האָט זיך באַמיט אויסצובעסערן דעם פעלער פון פאָטער. די הערשאַפט פון אסרחדון (אשור-אהי-אידיננא) פאַררעכנט זיך צו די גליקלעכסטע אין סרגונישן פעריאָד. ער האָט אויסגעמאָסטן מיט די מלחמהצוגן נישט בלויז פּאָדעראַזיע, נאָר אויך גאַנץ עגיפּטן און זיך דערשלאָגן אַזש קיין סיענע. די מלכים פון דער סאַיטישער דינאַסטיע האָבן נישט בלויז אָנערקענט די אויבערמאַכט פון אַשור, נאָר האָבן אַפילו אָנגענומען אַשורישע נעמען. נישט אויף לאַנג, וואָס אַן אמת, מחמת שוין פּסאַמעטיך I האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אַשורישן יאָך (י. 660). לגבי בבל האָט די פּאָליטיק פון אַסרחדון אָנגענומען אַ פשרהדיקן כאַראַקטער. דעם חורבן פון בבל האָט ער באַטראַכט פאַרן צאָרן פון גאָט מאַרדוך און האָט אויפגעבויט אַ נייע שטאָט, וועלכע האָט זיך דערהויבן פון די חורבות נאָך פיל שענער, איידער די פריערדיקע. די פאַרנומענע אָבער געטער-סטאַטוען האָבן זיך אומגעקערט אין עסאַגילאַ ערשט פאַר דער נאָכקומענדיקער הערשאַפט. אויך נינוה האָט ער באַצירט מיט דענקמעלער. אין דער דרום-מערבדיקער טייל פון דער שטאָט האָט אסרחדון אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ ריי הערלעכע בנינים, וועלכע ער האָט אָנגערופן „פּאַלאַצן פון דער הערשאַפט איבער דער וועלט”. אינגיכן אָבער האָט נינוה גע־

דינאַסטיע ? סאַראַ זענען געווען די קריגסצוגן פון אַסרחדון ? סאַראַ איז
די פּאָליטיק לגבי בבל ? וועלכע שטאָט האָט פאַרטונקלט בבל ? נאָך

דאַרפט אָפּטרעטן די בכורה איר ריוואַל – בבל. אשורבניפל (גריכישער אַסאַרדאַנאַפּאַל), איז נישט געווען, וואָס אַן אמת, קיין טיפּ פון אַ פּאַרווייבערישטן קיניג, ווי עס שטעלט אים פאָר די ביבל, אָבער קיין מלחמות האָט ער אַליין נישט געפירט, נאָר האָט אָנגעטרויט זייער פירונג זיינע הויפלייט. פאַר דער צייט פון זיין הערשאַפט האָבן די אַשורים צעבראָכן די מאַכט פון עילם און פולשטענדיק פאַרטיליקט איר רעזידענץ סוזאַ, דערביי האָבן זיך אומגעקערט קיין נינוה פיל אַלטערטימלעכע אוצרות, וועלכע זענען אויסגערויבט געוואָרן אין בבל דורך די אנזאַניטן פאַר די קאַשיטישע צייטן. נישט געקוקט דערויף האָט זיך דער אונ-טערגאַנג פון אַשור שוין שנעל דערנענטערט. אין די באַצווינ-גענע פּראָווינצן האָט אויסגעבראָכן אויפשטאַנד נאָך אויפשטאַנד. בבל האָט פאַרכאַפּט אין זיינע הענט דער כאַלדעישער פירשט נבופלסר, וואַרשיינלעך באַלד נאָכן טויט פון אסורבניפל. אָט-דער לעצטער האָט געווידמעט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט די לי-טעראַטור- און קונסט-ענינים. זיינע באַמיונגען האָבן מיר צו פאַר-דאַנקען די ריזיקע ביבליאָטעק, (20 טויזנט ליימענע טאָוועלעך), וואָס מ׳האָט אָפּגעפונען אין סרגונס אָפּגעגראָבענעם פּאַלאַץ. דאָרט זענען געווען קאָפּיעס פון די עלטסטע איבערבלייבענישן פון דער בבליש-אַשורישער ליטעראַטור, וועלכע מ׳האָט אויפן באַפעל פון קיניג צונויפגעשטעלט פאַר זיין ביבליאָטעק. ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, און איז נישט אומגעקומען, ווי טייל מיינען, אין די פלאַמען פון נינוה. דידאָזיקע לעגענדע איז אָבער וואַרשיינלעך נוגע דעם נאָכפאָלגער זיינעם, פאַר ווע-מעס הערשאַפט ס׳האָבן נינוה איינגענומען די מעדיער צוזאַמען מיט נבופלסר (י. 606). זי איז געוואָרן פאַרטיליקט אַזוי ביז צום גרונט, אַז נאָר דער נאָמען אירער איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע, מחמת די שפּעטערדיקע פעלקער האָבן אַפילו נישט געקאָנט באַצייכענען דאָס אָרט פון דער אַלטער רעזידענץ פון די אַשורישע מלכים. אויך די געשיכטע פון אַשור האָט מען גענצלעך אויסגעפילט מיט לעגענדעס. מען האָט דערציילט וועגן

וועלכן קיניג איז פאַרבליבן אַ ביבליאָטעק פון ליימענע טאָוועלעך?
סאַראַ איז געווען דער סוף פון אשור? סאַראַ זענען די לעגענדעס וועגן

אַ קיניג נינוס, דעם גרינדער פון נינוה, און וועגן דער פרוי זיי-נער סעמיראַמיד, וועלכע האָט אויפגעבויט בבל. אין דערדאָזיקער לעגענדע האָט מען דעם נאָמען פון איינער פון די אַשורישע פירשטינס סאמוראַ-מאַט, (וואַרשיינלעך די פרוי פון האדאדניראַ-רי III), צונויפגעמישט מיט די מיטן וועגן דער געטין אישטאַר, פונקט אַזוי ווי אין די לעגענדעס וועגן קיניג נינוס, דעם ביבּ-לישן נימרוד, האָט מען געשאַפן דעם טיפּ פון העלד איזדובאַר, דעם מיטישן גילגאמעש.

§ 27 די אַשוריש־בבלישע קונסט

אַשור און בבל האָבן אונז איבערגעלאָזט פיל ווייניקער דענקמעלער איידער עגיפּטן. די סיבה דערפון איז געווען דער מאַנגל אין דויערהאַפטן מאַטעריאַל פאַר בנינים אָדער אויך פאַר סטאַטועס, וועלכע ס׳האָט פאַרמאָגט אין אַזאַ גרויסער שפע דאָס לאַנד באַם נילוס. אָנשטאָט שטיין פלעגן די בבלער באַנוצן ציגל אין פאַרשידענע געשטאַלטן פון געטרוקנטן, גע-ברענטן אָדער געגאָסענעם ליים (מאַיאָליק). דידאָזיקע ציגל, די לענג פון 40 סמ, די גרעב פון 10—5 סמ זענען אומגעהויער דויערהאַפטיק, דערפאַר האָבן זיי זיך אויך געלאָזט באַנוצן צו די שפּעטערדיקע בנינים. נאָך עד-היום קאָן מען אין די בנינים איבער פרת און חדקל אָפּט באַמערקן ציגל, וועלכע זענען גע-צייכנט מיטן נאָמען פון די אַמאָליקע אַשוריש-בבלישע מלכים. דעם בנין פלעגט מען געוויינלעך אויפשטעלן אויף נאַטירלעכע היגלען אָדער אויף קינסטלעכע טעראַסן — אויף אַן אונטערמוי-ערונג. די עיקרדיקע אַרכיטעקטאָנישע ליניעס זענען דיזעלביקע, וואָס אין עגיפּטן — ובכן גראָדע, האָריזאָנטאַלע אָדער ווערטי-קאַלע. אָנשטאָט אָבער דעם בעליק, וואָס שפּאַרט אונטער דעם סופיט (אַרכיטראַוואַ), טרעפט מען אָפט אַן אָוואַלן אָדער שאַרפן בויגן (אַרכיוואָלטאַ). די בבלער האָבן אויך די ערשטע, אויף

נינוס און סעמיראַמיד? סאַרא זענען די אשוריש-בבלישע דענקמעלער?
סאַרא איז געוועזן דער ביימאַטעריאַל, סאַרא אַרכיטעקטאָנישע ליניעס

וויפל ס׳איז באַוווסט, דערפונדן, און פון זיי האָבן די אַשורים איבערגענומען די קאָפּול, וועלכע איז ביז אויפן היינטיקן טאָג געבליבן אויף מזרח דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך נישט בלויז פון עפנטלעכע בנינים, נאָר אויך פון פּריוואַטע. באַזונדערס באַצירט זענען געווען די טויערן אַלס ערטער פון מאַרקן און אַמטן — אַ מנהג, וועלכער האָט זיך ביזן היינטיקן טאָג אויפבאַהאַלטן אויפן מזרח. געהיטן דורך אָקסן און באַפליגלטע לייבן פונדרויסן — האָבן זיי אינעווייניק געהאַט פּרעכטיקע קאָלומנע־זאַלן, ווענט באַצירט מיט באַרעליעפן, וועלכע שטעלן פאָר יאַגד־ און מלחמה־סצענעס. אינדערהייך זענען זיי געווען באַקריינט מיט געציינדלטע טורעמס. אין די טעמפּלען האָט מען די אָוואַלע און בויגנאַרטיקע געוועלבן געווײַנלעך אָנגעווענדט באַם בויען הויכע טורעמס, (זיקוראַט), וועלכע מ׳האָט פונדרויסן באַצירט מיט באַלקאָנען, נישעס און לאָדזשיעס. דידאָזיקע לעצטע פאָרם פון געביידעס האָט זיך אויפבאַהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג אין מזרח אין דער געשטאַלט פון מוסולמענישן מינאַרעט. די פּאַלאַצן אויף דער אונטערמויערונג זענען באַשטאַנען פון צאָלרייכע בנינים, זענען אויך געווען באַצירט מיט טרעפּ, מיט טעראַסן און הענגנדיקע גערטנער, די ווענט אינעווייניק האָבן באַצירט באַרעליעפן און פיגורן, די טירן ווידער — סטאַטועס פון אָקסן, (lamuzzi), די אַשורישע סקולפּטור איז דערגאַנגען צו אַ הויכער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, דערהויפּט אין דעם פאַרשטעלן יאַגד־און מלחמה־סצענעס. געוואַלדיק פאַרשפּרייט איז אויך געווען די גליפּטיק, אָדער די קונסט פון אויסקריצן אַ חתימה אויף שטיינער. דיאָזיקע חתימות מיט צילינדרישע פאָרמען זענען געווען אין אַלגעמיינעם געברויך. יעדער געזעצלעכער אַקט האָט געטראָגן אויף זיך אַן אָפּגעדריקטן שטעמפּל פון דער געגעבענער פּערזאָן. מיט דעם בילד פון דער שוצגאָטהייט. צו די זייער פּאָפּולערע האָבן געהערט די חתימות מיטן בילד פון לעגענדאַרישן העלד גילגאַמעש, פון וועלכע ס׳האָבן זיך נאָך עד־היום פיל אויפבאַהאַלטן.

אין צוזאַמענשטעל ? וואָס איז אַזוינס אַרכיוואָלטא און קאָפּול ? סאַראַ געברויך האָט עס אויף מזרח? ווי איז דער אויסזען פון אַזיקוראַט ווי אַזוי

§ 28 דאָס נײַ־בבלישע אָדער כאַלדעישע קיניגרײַך

זײַנע גרינדער זענען געווען די פירשטן פון דרום־בבל – כאַלדו אָדער כאַלדעער, ווי דער אויבנדערמאָנטער פירשט פון בית־יעקן מראודך בלאַדן – נאָך וועלכע אויך דער גאַנצער פּע־ריאָד אין דער געשיכטע פון בבל רופט זיך כאַלדעישער. אָבער דער אייגנטלעכער שעפער זײַנער איז ערשט געווען נבופּלסר, דער וואַסאַל פון אַשור, וועלכער האָט מורד געווען און צוזאַ־מען מיט די מעדיער חרוב געמאַכט נינוה. אין תּוך גענומען האָט מיטן אונטערגאַנג פון אַשור דאָס צווייטייכנלאַנד געענדערט נאָר די מושלים, מחמת די שפּראַך ווי אויך די ציוויליזאַציע זענען פאַרבליבן דיזעלביקע. נבופּלסר האָט אַרײַנגעטרעטן אין די שפּורן פון די אַמאָליקע מלכים פון אַשור: ער האָט אָפּ־געשטויסן דעם איבערפאַל פון עגיפּטישן פּרעה נכו II, וועלכער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן סיריע און פּאַלעסטינע. ער האָט אַרויס־געשיקט אַנטקעגן אים זײַן זון נבוכדנצר, וועלכער האָט אים באַזיגט אין דער מלחמה הינטער כרכמיש (605 י.). דאָס איז דער סוף פון דעם פאַרברייטערן זיך פון עגיפּטן אין פאָדער־אַזיע. דער זון און נאָכפאָלגער פון נבופּלאסר, נבוכדנצר, האָט אײַנגענומען ירושלים און פאַרייניקט דאָס מלכות יהודה צו אַשור (י. 586). ער האָט דאָס אויפגעהויבן פון די חורבות דאָס אַלטע בבל און עס איבערגעבויט אין געשטאַלט פון אַ גראָדעק, דורכגעשניטן פון רעגלמעסיקע גאַסן; ער האָט עס אַרומגערינגלט מיט אַ דרייפאַכיקן מויער, האָט אַרומגערעמט מיט ציגל־טעראַסן די ברעגעס פון טײַך; האָט געבויט נײַע קאַנאַלן, האָט אויפגע־שטעלט פּרעכטיקע פּאַלאַצן. פאַר זײַן הערשאַפט, איז בבל גע־וואָרן די רעזידענץ פון דער דעמאָלטיקער וועלט. זינט דאַן האָט ער, ווי אויך זײַנע נאָכפאָלגער, פאַרלאָזט די אַלטע טיט־לען פון די אַשוריש־בבלישע מלכים, באַנוגנדיק זיך מיטן בלויזן טיטל פון „מלכים פון בבל“. די ממשלה אָבער פון זײַנע נאָכ־

פון די אשורישע פּאַלאַצן? סאַראַ איז די אשורישע סקולפּטור? וואָס זענען אזוינס בבליש־אשורישע צילינדערן? סאַראַ לערע פאַרנעמט זיך

פאָלגער איז געווען זייער אומבאַהאָלפן. דער לעצטער פון די כאַלדעישע מלכים נאבונאַהיד, האַלב-משוגע, האָט זיך געהאַלטן פונווייטנס פון דעם רעגירן און געוווינט אין דער אַראַבישער שטאָט טאַימאַ, אָדער גאָר אין איינער פון די פאָר-שטעט פון בבל. די ממשלה אָבער האָט געפירט זיין זון בעל-שאַר-אוסור — דער ביבלישער בלשצר. פאַר זיינע צייטן איז פאָרגעקומען דער איבערפאַל פון די פערסער. כדי צו פאַרטיידיקן די שטאָט האָט מען צונויפגעבראַכט אַהין אויפן באַפעל פון נאַבונאַהיד די סטאַטועז פון אַלע געטער. די איינוווינער אָבער זענען שוין געווען אַזוי ווייט גלייכגילטיק דערצו, ווען זיי האָבן פאַר אַ האַר, אַז בעת דאָס פערסישע חייל האָט זיך דער-נענטערט צו דער שטאָט, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ בונט און זיך אונטערגעגעבן דעם קיניג כורש. זינט דעמאָלט הויבט זיך אָן אין בבל די הערשאַפט פון די פערסער.

מיט חתימות? סאַרא איז דער לעצטער פעריאָד פון דער בבלישער מאָ-נאַרכיע? סאַרא זענען די באַצווינגונגען פון נבוכדנצר? ווער האָט באַ-צווונגען בבל?

ביבליאָגראפיע

Maspero G.: L'histoire ancienne des peuples de l'Orient classique. T. I—III.

Meyer Eduard: Geschichte des Altertums. B. I. אויפל. פון 1909.

„ Sumerier und Semiten in Babylonien. (Abhd. d. kg. preuss. Akad. in Berlin 1906).

L. W. King: Chronicles, concerning early Babylonian kings. (studies in eastern history). 2 T. 1907 אויפל.

A. H. Sayce: The archeology of the cuneiform inscriptions. 1907.

G. Smith: Chaldäische Genesis. איבערזעצונג פון ה. דעליטש 1876.

C. P. Tiele: Babylonisch-assyrische Geschichte. Perthes. Handbücher der alten Geschichte (I סעריע, IV אָפט.)

„ Geschichte der Religion in Altertum. T. I.

Hommel Fritz: Geschichte des alten Morgenlandes. (Sammlung Göschen. 1904).

„ Die Semiten und ihre Bedeutung für die Kultur-geschichte. Leipzig 1888.

Hugo Winckler: Geschichte Babyloniens und Assyriens. Leipzig 1892. (Völker und Staaten des alten Orients I).

Delitzsch Fr.: Mehr Licht. 1907.

St. Boscawen: The first of empires. 1905.

Der alter Orient. אַרט. פון ה. ווינקלער, פר. דעליטש, א.
יערעמיאַס, ל. מעסערשמידט, א. בילערבעק, ה. צימ־
מערן, א. אונגנאַד, ר. צענפפונד, מ. אָפּענהיים, אָ.
וועבער, ב. מייסנער, פ. אולמער, ג. היזינג, ה.
ווייסבאַך, אַרויסג. 1900—1910.

Lange A.: Epos babilonski, Enuma elisz. (Przekład. Epos T. I).

D. H. Müller: Ustawy Hammurabiego. Przekład 1905.

Perrot et Chipiez: Histoire de l'art dans l'antiquité. T. II Chaldée et Assyrie. 1884.

Schor M.: Ważniejsze kwestye z historyi semickiego wschodu. Lwów. 1907.

„ Państwo i społeczeństwo babilońskie w okresie t. zw. dynastyi Hammurabiego. 1906

סיריע און פּאַלעסטינע

§ 1 אַלגעמיינער כאַראַקטער פון לאַנד

דער שטח לאַנד, וואָס ליגט צווישן עגיפּטן און מעסאָפּאָטאַמיע, האָט אַ מדבּרדיקן כאַראַקטער; ער בּילדעט די סיריש-פּאַלעסטינישע הויכעניש, וועלכע פאַרייניקט זיך אויף דרום מיט דעם אַראַבּישן הויכלאַנד, נאָר איז באַדייטנדיק קלענער פון אים. מחמת דער גאַנצער שטח פון דעם סיריש-פּאַלעסטינישן הויכלאַנד מאַכט נישט אויס מער ווי הונדערט מייל די לענג און 20 – 15 די בּרייט. דער מערבדיקער ראַנד פון דערדאָזיקער הויכעניש פאַלט שיף אַראָפּ צום מיטללענדישן ים, ווו עס דערהויבּן זיך צוויי פּאַסן ראַנד-בּערג. איינעם פון זיי בּילדן די בּערג פון לבנון, און זיי ציען זיך פון דער לעמצונג פון טייך נהר-על-קאַבּיר (סט. עלעיטעראָס) בּיז צו דער קני פון טייך ליטאַני (סט. לעאָנטעס), וועלכער בּרעכט זיך דאָ אָפּ אויף מערב און פאַלט אַריין אין ים. פּאַראַלעל מיט די בּערג פון לבנון ציט זיך פון מזרח אַ פּאַס פון עטוואָס נידריקערע בּערג, דער א. ג. אנטילבנון, וועלכער הויבּט זיך וואָס אַמאָל העכער צו דרום אין אַ בּאַזונדער שטייענדיקער גרופּע פון חרמון-בּערג. דער טאָל פון טייך קישון טיילט פונאַנדער אויף דרום דעם בּערג-פּאַס, וועלכער פאַרענדיקט זיך מיט אַ שטיילן קאָפּ, וואָס דרינגט אַריין אין ים צו דעם אקרא-איינגוס דאָס איז דער א. ג. כּרמל-בּאַרג. די לבנון-בּערג בּילדן די גרעסטע הויכעניש פון סיריע, און זייער נאָמען האָט זיכער גענומען

וואָס געפינען מיר אויף דער מאַפּע צווישן עגיפּטן און מעסאָפּאָטאַמיע? וואָס האָט בּאַקומען דעם נאָמען סיריש-פּאַלעסטינישע הויכעניש?

דעם אָנהויב פון די דורכבליקנדיקע ווייסע פעלזן (אויף העברעיש לבן – ווייס). אַזוי זענען די בערג פון לבנון, ווי די פון אנטילבנון, קאַלכיקע, פון אויבן נאָר באַדעקט מיט רויטן ליים; ווייער דורכשניטלעכע הויך שטייגט נישט איבער די הויך פון אונזערע טאַטרעס: אין אַלטערטום זענען זייערע שפּיצן געווען באַדעקט מיט הערלעכע צעדער-וועלדער, היינט אויסגעראָטע; די

ביירוט מיט אַן אויסבליק אויף די לבנון-בערג

ברעגרוקנס דערקעגן גרינען זיך אויך היינט מיט ווייגערטענער, פּרוכטביימער און רייכע דרומדיקע געוויקסן. דעם צפון-

---

וואָסערע זענען אירע באַדייטנדיקערע דערהויבונגען? סאַראַ איז איר מערב-ראַנד? וואָסער איז דער כאַראַקטער פון די בערג פון לבנון און אַנטילבנון? וואָס בילדט דעם דורכגאַנג פון סיריע קיין קליינאַזיע.

מערבדיקן ראַנד פון סיריע בילדעט דאָס באַרגלאַנד אַמאַנאָס, וואָס האָט אויך געשמט אַמאָל מיט דער שפּע פון צעדערביימער. זי בילדעט דעם דורכגאַנג פון סיריע ביז קיליקיע און קליינאַזיע. רוקנדיק זיך ביסלעכווייז אין דער טיף, באַמערקט מען, אַז די הויכעניש נידערט באַדייטנדיק אַראָפּ און שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַנד מיט אַ פלאַכן כאַראַקטער, וואָס גייט דורך איבער דעם טייך פרת אין דעם צווייטייכנלאַנד. דאָס איז די א. ג. טייך-מדינה (פאַראַפּאָטאַמיע), אויף העברעיש נהרים, (פון איר טייטש איז, קאָן זיין, אַנטשטאַנען דער שפּעטערדיקער גריכישער נאָמען צווייטייכנלאַנד — מעסאָפּאָטאַמיע).

די באַדייטנדיקסטע טייכן פון סיריע זענען: אָראָנטעס (נהר-על-אַסי) און לעאָנטעס (ליטאני); ביידע האָבן זייער מקור אין דעם טאָל צווישן לבנון און אנטילבנון און ביידע פליסן אינמיטן דעמדראָזיקן טאָל, אָבער אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג, איינער צו צפון, דער צווייטער צו דרום, כדי נאָכן דורכשלאָגן זיך צו מערב דורך דעם בערג-פּאַס זיך צו וואַרפן אין ים. דער שטח פון פרוכטבאַרער ערד, וועלכער געפינט זיך צווישן די-דאָזיקע צוויי בערג-פּאַסן, האָט געטראָגן אין אַלטערטום דעם נאָמען צעלעסיריע אָדער אויסגעהוילטע סיריע, וועלכער איז שפּעטער אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף דעם מזרחדיקן געביט פון דאָזיקן פּאַס. דאָס איז די פרוכטבאַרסטע טייל פון דער גאַנצער הויכעניש, וועלכע האָט אין אַלטערטום געטראָגן דעם נאָמען „שפּייכלער פון סיריע". דאָ איבער דעם אָראָנטעס האָט זיך אַנטוויקלט און געבליט די ערדאַרבעט, איבער לעאָנטעס ווידער צו דרום צו האָט מען קולטיווירט וויין, איילבירטן ווי אויך צאָלרייכע פרוכטביימער. אין קעגנזאַץ צום ים-ברעג איז סיריע אין איר רוב אַן אומפרוכטבאַרער מדבר; די איינציקע אויס-נאַמען בילדן אין איר די אָאַזיסן. איינער פון זיי איז דער דורך זיין פרוכטבאַרקייט באַרימטער אָאַזיס דמשק, אויף מזרח

(קיליקיע) און קיין מעסאָפּאָטאַמיע? וואָס האָט. געטראָגן דעם נאָמען
און נהרים? וועלכע זענען די באַדייטנדיקע טייכן פון סיריע און אין
כאַראַ ריכטונג לויפן זיי? אוואָסערע זענען אין סיריע די אָאַזיסן? וועלכע
זענען די פרוכטבאַרסטע טיילן פון סיריע, און פון וואָס איז אָפּהענגיק

פון די חרמון-בערג, ווען עס ליפערט וואַסער דער טייך באַראַדאַ, וואָס פאַרלירט זיך לסוף אין די געזאַלצענע מדבר-אָזערעס. די קינסטלעכע באַוואַסערונג איז אויך נויטווענדיק אין דאָזיקן קלימאַט און זי האָט אונטערגעהאַלטן דעם אַקערבוי-ווערעס שטח איז אַמאָל געווען פיל ברייטער, איידער היינט.

דער המשך פון צעלעסיריע צו דרום איז פאַלעסטינע, אַ לאַנד איבערן טייך ירדן. דער ירדן-טאָל בילדעט אַ שפּאַלט אָדער טעקטאָנישע פלאַצונג פון דער ערדשאָל; ער ווערט פאַר-מאַכט דורך דעם איינגוס אקאבא, וואָס טיילט אָפּ דעם האַלבּ-אינזל סיני פון אַראַביע. די וואַסערן פון ירדן נעמען זייערע קוואַלן אין די חרמון-בערג. אין ווייטערדיקן לויף צו דרום פאַלט דער ירדן אַריין אין דער אָזערע כנרת, וועלכע ליגט הונדערט מעטער נידריקער פון ים-שפּיגל, דערנאָך ווידער אין טויטן ים, וועלכער איז די נידריקסטע וואַסער-פאַרטיפונג אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערדקויל (400 מ' נידריקער פאַרן שפּיגל פון מיטללענדישן ים). להיפּך צום נילוס און אַנדערע טייכן, פאַרייניקט נישט דער ירדן זיין גאַנצן בערג-שטח אין איין לאַנד, נאָר צעטיילט אים אויף צוויי גענצלעך אָפּגעזונדערטע טיילן, הן אין געאָגראַפישער, ווי עטנאָגראַפישער הינזיכט, און ממילא אויך אין פּאָליטישער הינזיכט. דער טייל לאַנד אויף מערב ביז אַהין צו דעם ים-ברעג איז אַ הויכעניש, וועלכע איז דורכגעוואָרפן מיט לייכטע היגלען און טאָלן. ער בילדעט די פון איר פרוכטבאַרקייט באַרימטע ערד פון כנען, דאָס לאַנד, וואָס „פליסט מיט מילך און האָניק". דער מזרחדיקער ברעג פון ירדן דערלאַנגט גלייך צו דער הויך פון קאַרגע טויזנט מעטער און בילדעט דעם ראַנד, וואָס טיילט אָפּ פאַלעסטינע פון שכנותדיקן אַראַבישן הויכלאַנד; דאָ הויבט זיך אָן אַ שטייניקער און וואַסערלאָזער מדבר. פונקט אַזאַ מדבר שפּרייט זיך אויס אויך אויף דרום פון פאַלעסטינע אַזש ביז

די פרוכטבאַרקייט פון די אָאַזיסן? ווי איז די פאָרמירונג פון דעם טאָל פון ירדן-טייך? סאַרא כאַראַקטער האָט דער טאָל פון דאָזיקן טייך? סאַרא איז דער פונאַנדערטייל פון פאַלעסטינע? וואָס בילדעט איר מזרחדיקן ראַנד? סאַרא צוזאַמענהאַנג האָט פאַלעסטינע מיט דער האַלבּ-

עגיפטן. דאָס איז דער האַלבאינזל סיני, וואָס פאַרענדיקט זין מיט בערג פון זעלביקן נאָמען. זיין געשיכטע בינדט זיך מיט דער היסטאָריע פין פאַלעסטינע, אָבער אייגנטלעך געהערט ער שוין מיט איר געאָגראַפישן כאַראַקטער צום האַלבאינזל אַראַביע, פון וועלכן עס טיילט נאָר אָפּ יענער טעקטאָנישער שפּאַלט, וואָס ענדיקט זיך אין איינגוס אַקאַבאַ.

§ 2 די פעלקערשאַפטן

אַנטשפּרעכנדיק דעם כאַראַקטער פון לאַנד איז די באַפעלקערונג פון סיריע און פאַלעסטינע גאַנץ זעלטן אַן איינגעזעסענע, ס׳רוב אָבער פירט זי אַ פאַסטוכישן, וואַנדערנדיקן לעבן. לויט דער שפּראַך געהערט זי צו דער גרופּע סעמיטישע פעלקער. עס באַשטעטיקן דאָס אויך געוויסע פיזישע שטריכן, ווי, למשל, גראָבע ליפּן, אויסגעבויגענע נאָז, שפּיציקער שאַרבן און אַהינטערגעבויגענעם שטערן מיט שוואַרצע אָדער געלע האָר, וועלכע כאַראַקטעריזירן עד היום די יידן. די עגיפּטער האָבן פון קדמונים גערופן דידאָזיקע פעלקער אמו (עם) אָדער אימו (אומה) און זיי באַצייכנט אויף זייערע געמעלן מיט געלער הויט-פאַרב. אויך זייער הלבשה אויף די אַלטערטימלעכע צייכענונגען אונטערשיידט זיך פון דער הלבשה פון די עגיפּטער: די סעמיטן האָבן געטראָגן אַ גאַרטל אויף די לענדן אָדער אַ אַ העמד (כיטאָן — כתונת), אָבער נישט פון ווייסן קאָליר, ווי מיר געפינען באַ די עגיפּטער, אַפילו באַ דעם פּראָסטן פאָלק, נאָר אַ פאַרביק געבלימטס און פון דיקער וואָל אויפן שטייגער פון די בבלישע פעלקער. דעם קאָפּ האָבן זיי איינגעהילט מיט אַ ווייך היטל (אַ מין טורבאַן), איבערגעבונדן מיט אַ באַנד; אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן שטיוול פון סאַפּיאַן. באָרד און האָר האָבן זיי געהאַט רייכע, וועלכע זיי האָבן מייסטנטיילס געקרייזלט.

אינזל סיני אין געאָגראַפישער און היסטאָרישע הינזיכט? סאַרא לעבנס-תנאים האָט דער כאַראַקטער פון לאַנד אויסגעבילדעט באַ די סעמיטן? ווי אַזוי האָבן די עגיפּטער פאָרגעשטעלט אויף די צייכענונגען די סעמיטן?

§ 3 סעמיטישע קולטור

נאָך די סעמיטן אין סיריע און פּאַלעסטינע איז נישט פאַרבליבן אַזויפיל שפּורן פון קולטור, ווי פון אַנדערע אַלטער-טימלעכע פעלקער, אַפילו נאָך די בבלער. די עלטסטע איבערגעבליבן פון זייער לעבן אין דעם מדבר זענען די ברונימס, וואָס וועגן זייער דערהאַלטונג זאָרגן זיך אַזוי גוט די פּאַסטוכער, ווי די וואַנדערער. דערקענען האָט זיך דער לעבנס-אופן פון די קדמוניתדיקע סעמיטן אויפגעהיטן נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג צווישן די פעלקער אין דעם מדבר — בעדויגער אָדער אַראַבער. (אַראַב איז דער טייטש אויף אַראַביש אַ סטעפּ, מדבר). צוליבן דאָזיקן טעם באַטראַכטן אויך געוויסע געלערנטע, ווי שפּרענגער, שראַדער, דעם האַלבאינזל אַראַביע פאַרן וויגעלע פון די סעמיטן. דערדאָזיקער נאָמען פאַר דער גאַנצער שפּראַך-גרופּע דערנעמט זיך נאָר פון אַ מנהג און שטאַמט פון דעם ביבלישן נאָמען שם, דעם זון פון נח. די געשיכטע ליפערט ווירקלעך פיל ביישפּילן פון באַזעצן זיך פון די וואַנדערער און פון זייער איבערגאַנג פון פּאַסטוכישן לעבנסשטייגער צום פעלדאַקערישן. אָבער נאָר אַלס רעזולטאַט פון דער ענדערונג פון די ישובים און סביבה-תּנאים. די היינטיקע אַראַבער פונדעסטוועגן פירן אַ לעבנסשטייגער, וועלכער איז נישט קיין סך פאַרשידן פון דעם, וועלכן זיי האָבן געפירט אין אַלטערטום. זיי לעבן אין נישט קיין גרויסע גרופּעס אָדער משפּחות; פאַרייניקנדיק זיך אויפן יסוד פון בלוט-פאַרבאַנדן אונטער דער אָנפירונג פון זייערע עלטסטע — ביבלישע פּאַטריאַרכן, אָדער היינטיקע שייכן, וועלכע דערהאַלטן די אָרדענונג און פּילן אויס די מאַכט איבער אַלע. כלפּי חוץ עקזיסטירט נישט צווישן די גרופּעס קיין שום מאַכט. יעדער איז מחויב אויסצואיבן גערעכטיקייט אויף אייגענער

מיט וואָס אונטערשיידן זיך די סעמיטן אויסערלעך פון אַנדערע פעלקער? סאַראַ איז די טעאָריע וועגן דעם אָפּשטאַם פון די סעמיטן, און פון וואַנען האָט זיך גענומען זייער נאָמען? וועלכעס פון די סעמיטישע פעלקער האָט צום לענגסטן אויפגעהיטן זיינע זיטן? וואָס באַטייט אַראַב?

האַנט. זיי ריכטן זיך מיטן געזעץ פון פאַרגעלטונג, ד. ה. זיי נעמען נקמה פאַר דער קעגן זיי אָדער זייערע קרובים באַגאַנגענער עוולה. דערפון נעמט זיך, וואָס די משפחות פאַרטיליקן זיך טיילמאָל קעגנזייטיק. אָפט קומען אויך פאָר קאַמפן צוליב אַ פאַשעאָרט פאַר די טשערעדעס. ךידאָזיקע קאַמפן אָדער בונדן זענען אויך געווײנלעכע צונויפלעב-פאָרמען פון די שבטים אין דעם מדבר. טיילמאָל שאַפט דער לאַנגדויערנדיקער קאַמף דאָס באַדערפעניש נאָך אַן אָנפירער (עמיר), וועלכער שטרעקט די האַנט נישט זעלטן אויס נאָך דער קיניגלעכער מאַכט (מלך). דער בעדוין האָט ליב זיין פרייען, פאַסטוכישן, וואָגלערישן לעבנס-שטייגער און פילט אַ פאַראַכטונג פאַר די איינגעזעסענע מענטשן, ובכן פעלדאַרבעטער. פון פאַך איז ער נאָר פאַסטוך און האָרעוועער, די קאַרגע מיטלען צום לעבן צווינגען אים אָבער טיילמאָל צו זוכן רויב מיט דער הילף פון גזלה. די רייכטימער פון די איינגעזעסענע פעלקער פאַרלאָקן די וואַנדערער און זענען גורם זייערע איבערפאַלן, וועלכע זענען אַ באַשטענדיקע דערשיינונג אין דער געשיכטע. מחמת ס'איז באַקאַנט, אַז אָפט פאַלן ציוויליזירטע פעלקער אַרונטער אונטער דער מאַכט פון די וואַנ-דערער, וועלכע באַזעצן זיך אין זיי. אַזוי איז אויך געווען אין אַלטערטום. דערפאַר ברענגען זיי אין דעם מדבר וויכטיקע נוצן די ציוויליזירטע פעלקער, שיצנדיק די זיכערקייט פון די וועגן און פירנדיק די קאַראַוואַנען. דערפון נעמט זיך אויך דאָס, וואָס דער מסחר אַנטשפרעכט צום בעסטן דעם כאַראַקטער פון די סעמיטן. ס'האָט גורם געווען צו דער אויסבילדונג פון זייער דאָזיקן כאַראַקטער אויך די לאַגע פון זייערע ישובים אויפן איבערגאַנג פון די טיטל-ימיקע לענדער און איבער דעם רויטן ים ביז צו דער געגנט פון צווייטייכנלאַנד און פערסישן איינגוס. דאָס איז די באַקאַנטע אויך היינט עיקרדיקע קאָמוניקאַציע-ליניע צווישן מזרח און מערב. דערפאַר שפילן אויך פונלאַנג די דאָ

סאַרא איז דער לעבנסשטייגער פון די בעדוינער? כאַרא מאַכט איז באַ זיי? סאַרא געזעץ? אויף וואָס זענען געשטיצט די סאָציאַלע פאַרבאַנדן? וואָסער זענען די באַשעפטיקונגען פון די איינוווינער? ווי איז דער לעבנסשטייגער אין דעם מדבר? פונוואַנען האָט זיך גענומען די פאָר-

וווינענדיקע פעלקער די ראָלע פון פאַרמיטלער אין וועלט-האַנדל. אַזוי איז פון עגיפּטן דאָ אַרומעט געגאַנגען דער הויפּט-וועג קיין סיריע אויף מגדו, וואָס ליגט אין טאָל פון טייך קישון, פונדאָרטן ווידער דורך פּאַלעסטינע אויף קדש און חמת ביז אַלעפּאָ (אחלב). פון אַלעפּאָ ביז כרכמיש איבערן פּרת

וזיקאַנט,. פאָלקסטיפּ אין סיריע

האָט זיך דער וועג געקירעוועט צום צווייטייכנלאַנד. דאָ בכן אין לאַנד נהרים זענען זיך צונויפגעלאָפן די עיקרדיקע יבשה-

---

ליבּ׳ן פון די סעמיטן צום מסחר? סאַראַ שרותן גיבן אָפּ די מדבר-איינוווינער צו די איינגעזעסענע פעלקער? סאַראַ איז די באַציונג פון די וואַנד׳ערע׳ צו דער ציוויליזאַציע? סאַראַ איז די האַנדלס-לאַגע פון סיריע און פּאַלעסטינע צווישן דער אַלטערטימלעכער ציוויליזאַציע פון

וועגן, וועלכע גייען פון צפון פון קליינאַזיע, פון מערב פון קיליקיע און מיטללענדישן ים, ווי אויך פון דרום פון עגיפּטן אין דער ריכטונג אויף מזרח צו די צענטערן פון בבלישער ציוויליזאַציע. די עיקרדיקע קנופּן פון דידאָזיקע וועגן, אַזעלכע שטעט, ווי מגדו, קדש, כּרכמיש, זענען אויך געווען די פּונקטן פון די גרעסטע קאַמפּן און שלאַכטן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אין אַלטערטום פאַר דער הערשאַפט איבער אַזיע. דידאָזיקע קאַמפּן זענען געפירט געוואָרן צוגלייך וועגן דעם באַזיץ פון סיריע, ד. ה. וועגן דעם מקור פון די רייכטימער, וועלכע ס'האָט געליפערט דער אַלטערטימלעכער האַנדל צווישן מזרח און מערב.

§ 4. די רעליגיע פון די סעמיטן

די וואַנדערער גיבן ס'רוב אָפּ כּבוד דעם אַלעם, וואָס וועקט זייער בייגעריקייט אָדער פּשוט זייער אויפמערקזאַמקייט אין דעם מדבר. דערפאַר האָבן די סעמיטן אורשפּרינגלעך פאַרערט די איינצל-שטייענדיקע בוימער, וועמעס צווייגן זיי באַהענגען נאָך עד-היום מיט פאַרשידענע קמיעות אָדער קרבּנות, ברונימס, פון וועלכע זיי האָבן געשעפּט וואַסער פאַר זיך און פאַר זייערע טשערעדעס, שטיינער, דערהויפּט מעטעאָריטן, אַראָפּגעפאַלענע פון הימל, טיילמאָל פּשוט עפּעס אַ קוסטע אָדער אַ באַרג. דידאָזיקע טויטע געגנשטאַנדן זענען לויט זייער באַגריף ראוי געווען צו רעליגיעזער פאַרערונג צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געזאָלט זיין די ערטער, ווו עס הויזן די גייסטער. און ביז אויפן היינטיקן טאָג ערן די אַראַבער הייליקע שטיינער, וועלכע זיי רופן בעטילן. (אויף אַראַביש בעט-על [בית-אל] באַטייט גאָטס הויז). אויך אין מענטשן זענען – לויט זייער

מזרח און מערב? פונוואַנען נעמט זיך דער גלויבן אין טויטע געגנשטאַנד? סאָרא דערשיינונגען ווערן פאַרערט אין דער וויסטע? ווו זענען די ערטער פונם קולט? אַזאָסערע זענען געווען די באַגריפן און נעמען פאַר דער באַצייכענונג פון דער מענלעכער און ווייבלעכער גאָטהייט? אין וואָס

מיינונג – פאַראַן גייסטער, וועלכע לעבן נאָכן טויט פון מענטש ווייטער אין קבר, דערפאַר האָט מען די מצבה אָנגערופן פונקט אַזוי ווי די נשמה (נפש), אָדער זיי גייען אַרויס פון גוף און דאַן שרעקן זיי און פאַרפאָלגן די לעבעדיקע. אַזוי זענען אַנטשטאַנען די לעגענדעס וועגן די געשפּענסטער, דעמאָנען מיט מאָנסטרועלע געשטאַלטן, רוחות וועלכע טרינקען מענטשלעך בלוט (אויף העברעיש כּרובים, שרפים). אָפט איז דער באַגריף פון דער גאָטהייט באַ די סעמיטישע פעלקער פאַרבונדן מיט די הימלישע קערפּערס, ווי די זון (שמש), לבנה (סין), שטערן (אסטראַלע רעליגיע), הגם זיי פאַרערן אויך די ערד. די גאָטהייט באַ די סעמיטן האָט געטראָגן אַן אַלגעמיינעם העברעישן נאָמען אלה אָדער אל. צו אים האָט מען צוגעמאַכט אַ ווייבלעכן מין. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער נאָמען פון דער געטין אילת (באַ די בבלער אישטאַר, באַ די כּנענים אַשטאַרט, באַ די פּעניציער אַשטאָרעט (עשתּרת). זעלטענער האָט מען גערופן דעם גאָט באַאל אָדער בעל (מין נקבה באליט, בעלית). אַחוצדעם האָט מען אים אויך גערופן האַר (רב, אדון, אדונית), אָדער קיניג (מלך, מ. נ. מלכּת), דאָס זענען געוועזן אַלגעמיינע נעמען אויפן באַגריף גאָט, קיינמאָל אָבער נישט דער אייגננאָמען פון איינציקן גאָט. מחמת קיין באַגריף פון איינגאָטהייט איז באַ די סעמיטן אור-שפּרינגלעך לגמרי נישט געווען. אַקעגן-זשע איז באַ זיי געווען שטאַרק איינגעפלאַנצט דער באַגריף פון אַ שוצגאָט פאַר איין משפּחה אָדער שבט. איטלעכער שבט האָט געהאַט זיין אייגענעם גאָט, וועלכער האָט זיך באַצויגן פיינטלעך צו די געטער פון אַנדערע שבטים. די ציוויליזאַציע האָט געמילדערט דידאָזיקע קעגנזאַצן און פאַרייניקט מיט דער צייט פאַרשידענע געטער פון פיל שבטים אין בשותּפותדיקע גאָטהייטן. בלויז די יידן האָבן דערהאַלטן זייער איינציקן גאָט און דידאָזיקע אויסשליסלעכקייט האָט זיי געהאָלפן מיט דער צייט צו דער אויסבילדונג פון גלויבן אין אַן איינציקן גאָט, אָדער צו דער אַנטשטייונג פון מאָנאָטעיזם. בכלל האָבן

באַשטייט די אסטראַלע רעליגיע? סאַראַ איז דער אָנהויב פונם מאָנאָ-טעיזם? סאַראַ איז געווען די באַציונג פון דער גאָטהייט צו דעם שבט? סאַראַ באַטייט האָט געהאַט דער קרבן? וואָס איז אַזוינס אָפּמאַך אָדער

זיך די סעמיטן פאַרגעשטעלט די געטער אין געשטאַלט פון גרויליקע, אומצוטריטלעכע, אַפילו אכזריותדיקע מושלים, אַזוי ווייט, אַז איין בליק פון גאָט האָט געקאָנט דערהרגענען די שטערבלעכע. איז כּדי צופרידנצושטעלן זייער גאָט, אָדער כּדי צו שטילן זיין צאָרן פלעגט מען אים ברענגען קרבנות, און דערין טאַקע איז באַשטאַנען די גוטע באַציונג צווישן דעם שבט מיטן אייגענעם גאָט. וואָס גרעסער ס'זענען געווען די קרבנות, אַלץ געוווּנטשענער האָט זיי גאָט געזען, דערפאַר פלעגט מען זיך אויך אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן נישט אָפּהאַלטן פון טויטן אַפילו קינדער אויף אַ קרבן. אין דער צייט פון קרבן זיצט די גאָטהייט אויפן מזבח און טרינקט דאָס בלוט, מיטן זעלביקן בלוט האָבן די גלוביקע געשמירט זייער קערפּער. און אויף אַזאַ אופן האָט דער שבט געשלאָסן זיין אָפּמאַך אָדער בונד מיטן אייגענעם גאָט. כּדי זיך צו זיכערן די הילף פון דער גאָטהייט, האָט מען אים נעדאַרפט האָבן תּמיד באַ זיך אָדער טראָגן מיט זיך טיילמאָל אין אַ קאַסטן, טיילמאָל אויף אַ דרענגל אין געשטאַלט פון אַ פאָן. מיטן דאָזיקן קאַסטן, ווי דער ארון הברית פון די בני־ישראל, אָדער מיט דער פאָן, ווי די פלאַגע פון מאַהאָמעד, האָט דער שבט פאַרבונדן צום ענגסטן זיין גורל און צוגלייך דעם גורל פון זיין גאָט. זיין ציל איז געווען דער קאַמף און די פאַרטיליקונג פון אַנדערע געטער. די קריגסצוגן זיינע פלעגן זיך דערפאַר באַמיען אונטערטעניק צו מאַכן אַנדערע פעלקער און זיי אונטערוואַרפן אונטער דעם יאָך פון זייער גאָט. דערפאַר האָט די רעליגיע אונטערגעהאַלטן די קריגערישע שטימונג באַ די סעמיטישע פעלקער, און פאַרקערט דער קאַמף אין נאָמען פון גאָט האָט אין זיי צעפלאַקערט די התלהבות און צוגעבונדנקייט צו זייער רעליגיע. די דאָזיקע אורסעמיטישע רעליגיע האָט זיך שפּעטער אויסגעמישט מיט די בבלישע מיטן ווי אויך מיט די גלויבענישן פון די עגיפּטער; ס'האָט זיך אָבער דאָך אויפבאַהאַלטן באַ די סעמיטן אַ נטיה צו

ברית מיט גאָט? סאַראַ איז געווען דער כאַראַקטער פון די געטער? וואָסערע זענען די קולט־סימבאָלן? אויף וואָס האָט זיך געשטיצט די זייער פּראַקטישער באַטייט? סאַראַ איינפלוס האָט געהאַט די רעליגיע

רעליגיעזער אויסשליסלעכקייט, וועלכע איז אורשפּרינגלעך געווען בלויז אַ שבטישע אויסשליסלעכקייט, און איז מיט דער צייט געוואָרן דער יסוד פון דער אויסבילדונג פון גלויבן אין איין גאָט, וועלכער איז געמיינזאַם פאַר אַלע מענטשן. דערפאַר פאַרנעמען די סעמיטישע פעלקער איינס פון די וויכטיקסטע ערטער אין דער געשיכטע פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

§ 5 פעניציע און פעניציאַנער

דער שמאָלער ברעגפּאַס, וואָס ליגט אויף די שיפּועים פון לבנון און ציט זיך פון דרום ביז דעם קאָפּ פון טייך קישון, טראָגט דעם נאָמען פעניציע. זיין לענג מאַכט אויס קאַרגע 60 קמ, און די גרעסטע ברייט נאָר עטלעכע קילאָמעטער. די בערג פון לבנון זענען דאָ הויכע און פאַלן שיף אַראָפּ אין ים, די יבשה־קאָמוניקאַציע איז דערפאַר זייער באַשווערט, טיילמאָל רייסט זי זיך אינגאַנצן איבער, עס פאַרטרעט זי די וואַסער־קאָמוניקאַציע. דער וויכטיקסטער יבשה־דורכגאַנג איז דער וועג, וואָס איז דורכגעוואָרפן אויף די פעלזן איבערן ים אויף דרום פון דער לעפצונג צו אים פון טייך נהר־על־קעלב (סט. ליקאָס). דאָ טאַקע אויף די פעלזן האָבן פאַראייביקט זייערע בילדער די גרעסטע באַצווינגער פון אַזיע, ווי רעמסס II, שלמנאסר III און נבוכדנצר. צום בעסטן האָט זיך אויפגעהיט דאָס בילד און פעלז־אויפשריפט פון אסרחדון. דער ים־ברעג איז אויך אַ פעלזיקער און ווייניק צוטריטלעכער; דערפאַר זענען די האַפנס דאָ זעלטענע און אומבאַקוועמע, ס׳רוב קינסטלעך אויפגעבויטע אויף די שכנותדיקע אינזעלעך. דעם פולשטענדיקן מאַנגל פון טייך פאַרטרעטן צאָלרייכע שטראָמען, וואָס פאַלן אין קאַסקאַדעס

אויפן כאַראַקטער פון די סעמיטן? סאַראַ איז דער אָנטייל פון די סעמיטן אין דער אַנטוויקלונג פון די רעליגיעזע גלויבענישן פון דער מענטשהייט?
ווו ליגט פעניציע? סאַראַ מין לאַנד איז דאָס, און וואָסער אומפאַנג האָט עס? ווער באַוווינט עס? סאַראַ איז די שפּראַך פון די פעניציער?

אַראָפּ גלייך פון די בערג אין ים אַריין. די איינוווינער פון דאָזיקן לאַנד זענען געווען סעמיטן, זייער לשון געהערט צו דערזעלביקער גרופּע, וואָס די העברעישע שפּראַך. זייער אייגע־נער נאָמען כנענים ווייזט אָן אויף דער קרובֿ־שאַפט מיט די איינוווינער פון לאַנד כנען אויף דרום פון סיריע; ס׳האָט אַפילו עקזיסטירט אַ מסורה, וועלכע גיט אָן זייערע אורשפּרינג־לעכע ישובֿים אַלס באַם טויטן ים געלעגענע (Syrium Stagnum), פון וואַנען ס׳האָט זיי געזאָלט אַרויסטרייבן אַ גרויסע ערדציטערניש, צוליב וואָס זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום ים, ווו זיי האָבן געגרינדעט די שטאָט צידון. דידאָזיקע מסורה איז אַנאַלאָגיש צו דער אויסוואַנדערונג פון לוטן פון פּאַלעסטינע. די דערציילונג פון די גריכן וועגן דעם אורשפּרינג־לעכן ישובֿ פון די פעניציער איבערן פּערסישן איינגוס שטאַמט פון די שפּעטערדיקע פּאַר די אלכּסנדרישע צייטן אַנטשטאַנענע קאָמבינאַציעס פון די נעמען פון פעניצישע שטעט מיט די נע־מען פון די שטעט באַ דעמזעלביקן איינגוס, וועלכע ווערן באַגעגנט אויף די פּערלאינזלען. דער נאָמען פון לאַנד פעניציע איז אַ גריכישער. באַ די רוימער האָט עקזיסטירט אַן אַנדער נאָמען פּאַר די מיטשבֿטים פעניציער, נעמלעך קאַרטאגעזער. מ׳האָט זיי גערופן פּונער, אין וועמעס נאָמען די היינטצייטיקע פּאָרשער דערבליקן די פּאַרוואַנדלונג פון נאָמען פּונט אָדער פּואַניט. מחמת מיט אַזאַ ביינאָמען האָבן די עגיפּטער באַשאָנקען די פעלקער, וועלכע האָבן געוווינט אויף די ברעגעס פון רויטן ים און אין אַראַביע, און אַפילו נאָך ווייטער אויף דרום (דאָס היינטיקע סאָמאַלי־לאַנד). צווייפלהאַפט איז אָבער דער עגיפּטישער אָפּשטאַם פון דאָזיקן נאָמען. זיכער איז דערקעגן, אַז די עגיפּ־טער האָבן זיי פאַררעכנט צו דערזעלביקער ראַסע, וואָס זיך גופא, ד. ה. צו דער חמישער, און אויף די געמעלן פלעגן זיי זיי אויסטיילן מיט אַ רויטער הויטפאַרב. דידאָזיקע ראַסע בילדעט

זייער אָפּשטאַם? סאַרא זענען די מסורות וועגן זייערע וואַנדערונגען און באַזעצ־נגען. פונוואַנען האָט זיך גענומען דער נאָמען פון לאַנד? וואָס ווייסן מיר וועגן דער חמישער ראַסע? ווו האָבן געוווינט די מענטשן פון דערדאָזיקער ראַסע? פונוואַנען שטאַמט דער מאַנגל אין היסטאָרישע

די קאָמפּאַקטע עלטסטע גרופּע ווייסע, וועלכע וווינט אַמוויייטסטן אויף צפון פון די היינטיקע נעגער־שבטים פון אַפריקע. דעם גריכישן נאָמען פעניציע טייטשן זיי אויך אויס פון דער הויט־פאַרב פון די איינוווינער (foinos = רויט). שפּעטער האָט מען אַריבערגעטראָגן דעמדאָזיקן אויך אויפן פאַלמען־בוים (foiniks), אָבער קיין דאַקטילפּאַלמע וואַקסט אין פעניציע לגמרי נישט. און אַזוי ווי ס'איז בכלל נישט אויפגעקלערט דער אָפּשטאַם פון נאָמען פעניציע, אַזוי איז אויך טונקל די אוראַלטע געשיכטע פון דאָזיקן פאָלק. דער עלטסטער היסטאָריקער פון פעניציע האָט געזאָלט זיין דער כּוהן פון בעריט סאַנכוניאַטאָן, וואָס האָט געלעבט אין XIII יאָרהונדערט פאַר קר.; די געשיכטע אָבער, וואָס ווערט אָנגעגעבן לויט אים דורכן געלערנטן מאַן פון דער צעזאַרן־עפּאָכע, פילאָן פון ביבלאָס (אין II, י. ה. נאָך קר.) זענען בלויז מיטן און אָרטיקע רעליגיעזע מסורות, באַאַרבעט דורכן זעלביקן פילאָן, אין וועלכע ס'איז צונויפגעמישט די שפּעטערדיקע העלענישע געלערנטקייט מיט דער אָריגינעלער אָרטיקער טראַדיציע.

§ 6 פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער סדר

די פעניציער האָבן קיינמאָל נישט געבילדעט נישט קיין פּאָליטישע גאַנצקייט און נישט קיין איינהייטלעך פאָלק. זייער היסטאָריע איז ס'רוב געשיכטע פון שטעט, אָדער פון איינצלנע מלוכות, וועלכע אַנטשטייען אויף אַ קורצער צייט און גייען אונטער, כּדי נאָך אַ שטיקל צייט זיך ווידער אויפצוהויבן. די מאַכט אין זיי האָבן געוויינלעך געהאַלטן די מלכים; היינט קאָנען מיר די נעמען פון 16 מלכים פון ביבלאָס, 10 פון צידון און 8 פון ערד (אַראַד). די ערשטע פּערזאָן נאָכן קיניג איז געווען געוויינלעך דער כּוהן, למשל אין צור. לעבן די מלכים האָט

ידיעות וועגן די פעניצער. ווי אַזוי האָבן די גריכן און רוימער אָנגערופן די פעניצער? צו וואָסער ראַסע האָבן זיי פאַררעכנט די עגיפּטער? ווו איז געלעגן דאָס לאַנד פּונט? וואָס בילדעט דעם מאַנגל אין דער היס־

אָפּט קעגן זייער ווילן רעגירט אַ ראַט פון זקנים — פּאַטריאַרכן, אָדער ראשים פון די משפּחות. די צען ערשטע צווישן זיי האָבן געהאַט אַ העכערע שטעלונג; אַחוצדעם האָט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ממשלה געהאַט דאָס פּאָלק, וואָס האָט ווידער געהאַט די מאַכט איבער די שקלאַוון, וועלכע זענען געווען זייער צאָלרייך אין די שטעט פון פעניציע. מחמת די פעניצישע פאַרהעלטענישן האָבן דערלאָזט אַ גרעסערע פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פון דעם יחיד, איידער דאָס איז מעגלעך געווען אין די מלוכות, וועלכע זענען אָרגאַניזירט לויטן מאָנאַר־כיסטישן סדר. גינסטיק איז אויך געווען פאַר דעם די באַשעפטיקונג פון די איינוווינער, וועלכע זענען געווען אין אַ קליינער טייל פעלדאַרבעטער אָדער קריגסלייט, דערפאַר דערעיקר סוחרים און אינדוסטריעלער. אַלס פּועל־יוצא פון דער לאַגע פון לאַנד האָבן די פעניציע אויסגעאַרבעט אין זיך אַ שיפעריי־און האַנדלס־חוש. דערעיקר האָבן זיי פאַרברייטערט זייערע נחלאות אין די לענדער הינטערן ים. די וועלדער פון לבנון האָבן זיי געליפערט דאָס באַרימטע שיפן־בויהאָלץ. דער פעלדאַרבעט האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מעסיק אויף די ים־ברעגעס און אין די טייך־טאָלן; אַקעגן־זשע האָבן זיי די אַקעריי דערפירט צו אַ באַדייטנ־דיקער פּאָלקאָמענהייט, בפרט האָט די באוואסערונגס־קונסט דערגרייכט באַ זיי אַ הויכע אַנטוויקלונגס־שטופע. אָבער די פעלדאַרבעט האָט נישט געקאָנט שפּייזן די גאַנצע באַפעל־קערונג, און דערפאַר האָבן זיך די פעניציער פאַרנומען מיט פּראָדוצירנדיקער אינדוסטריע. פון פעניציע האָט מען פונאַנדער־געפירט סחורות איבער דער גאַנצער וועלט. אַדאַנק די פעניציער, האָבן די אַלטערטימלעכע פעלקער, וועלכע האָבן געוווינט אויף די ברעגעס פון מיטללענדישן ים, זיך באַקענט צום ערשטן מאָל מיט פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען נישט בלויז פון פעניציע גופא, נאָר אויך פון די שכנותדיקע לענדער, ווי עגיפּטן, אשור און

מאָרישער אַנטוויקלונג פון די פעניציער? אין וואָס זענען באַשטאַנען די חסרונות פון זייער פּאָליטישער אָרדענונג? אין וואָס ליגט די איינזייטי־קייט פון זייער אַנטוויקלונג? מיט וואָס האָבן זיי עס פאַרגעלטיקט? ווי איז געווען דער מצב פון דער אַקעריי און אינדוסטריע אין פעניציע?

בבל. מ׳האָט זיי אויך צוגעשריבן פאַרשידענע דערפינדונגען, ווי גלאָז, געוועבן, מאָסן, צאָלן, וואָגשאָלן א. א. וו. אין תוך גענומען, זענען די פעניציער אַליין נישט געווען קיין דערפינדער, זיי האָבן נאָר איבערגענומען די דערפינדונגען פון אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען געשטאַנען העכער אין הינזיכט פון ציוויליזאַציע, ווי צ. ב. פון די עגיפטער און בבלער, און זיי טיילמאָל פאַרפולקאָמט. אַזוי למשל איז גלאָז באַקאַנט אומפאַר-גלייכלעך פריער אין עגיפטן, אָבער נאָר אין צושטאַנד פון רוי׳ען גלאָז-מאַטעריאַל. די פעניציער האָבן נישט בלויז די ערשטע אויסגעאַרבעט וויים גלאָז, נאָר האָבן אים אויך געגעבן די דורכזיכטיקייט, וועלכע פאַרגלייכט זיך מיט קריסטאָל. די געוועבן און די פאַרבונג זייערע (פורפור) זענען געווען פונלאַנג באַקאַנט אין בבל. אָבער די פאַבריקן פון צור און צידון האָבן דערפירט דידאָזיקע אויסאַרבעטונגען צו דער אומגעהויערער פולקאָמענהייט, און דער פעניצישער פורפור האָט געשמט דערפון, וואָס ער האָט זיך נישט געלאָשן אין דער ליכט, נאָר די ליכט האָט געשטייגערט די פרעכטיקייט פון זיין פאַרב. דער צאָל-און מאָס-סיסטעם פון די פעניציער שטאַמט אויך פון בבל, הגם זיי זענען אָנגעגאַנגען פאַר זייערע דער-פינדער. אויך אין דעם אייגענעם לאַנד האָבן די פעניציער געשעפט אין אַלע הינזיכטן פון פרעמדער שאַפונג. אַזוי למשל שטיצט זיך זייער ארכיטעקטור אָדער אויף עגיפּטישע, אָדער אויף בבלשע מוסטערן. די עלטסטע בנינים זייערע האָבן די פעניציער אויפגעשטעלט ס׳רוב פון לעבעדיקן שטיין, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין פליטקעס און זיך געהאַלטן מיטן כוח פון דער אייגענער משא, צוליב וואָס די אַלטערטימלעכע פעניצישע מויערן האָבן אַ שווערן און מאַסיוון כאַראַקטער. זייערע קברים דערמאָנען מיט דעם געשטאַלט אָן די עגיפּטישע מאַסטאַבעס; זיי זענען פאַרענדיקט מיט אַ סטויגאַרטיקער פיראַמידע פון אויבן, אָדער באַצירט מיט אַ קיילעכיקן טורם אויפן שטייגער

וואָסער איז דער אָנטייל פון די פעניציער אין די דערפינדונגען ? פונ-וואַנען שטאַמט עס, וואָס מ׳שרייבט צו די פעניציער די דערפינדונגען פון אַנדערע פעלקער ? סאַרא כאַראַקטער האָבן געהאַט די פעניצישע בנינים ?

פון די בבלישע זיקוראַטן. אינעווייניק שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ חדר אָדער אַ ריי אונטערערדישע חדרים, אָפט אויסגעהאַקטע אין אַ פעלז. זיי אַנטהאַלטן סאַרקאָפאַגן, אויפן שטייגער פון די עגיפּטישע, אויס שטיין, וועמעס דעק שטעלט פאָר אַ מענטשלעך געשטאַלט.

§ 7 די מיטאָלאָגישע געשיכטע פון פעניציע

צו די עלטסטע שטעט פון פעניציע פאַררעכנט זיך געבעל (אויף עג. גובלו) אָדער ביבלאָס, וועמעס גרינדער ס'האָט געזאָלט זיין דער גאָט — אל אַליין. זי איז געלעגן אויפן ברעג פון ים, צופיסנס פון אַ היגל, אויף וועמעס שפּיץ ס'האָט זיך אויפגעהויבן דער טעמפּל פון גאָט אל. דאָס געשטאַלט פון דאָזיקן טעמפּל קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן לויטן אַנאַלאָגישן בוי פון טעמפּל פון דער פעניצישער געטין עשתורת אין דער שטאָט פאַפאָס אויף קיפּראָס. אויף די אַלטערטימלעכע מטבעות איז ער פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ קאָלומנאַדע אָדער פאָרטיקוס וואָס רינגלט אַרום אַ סטויגאַרטיקן שטיין (בעטיל). באַם איינגאַנג צו אים הויבן זיך אויף צוויי מעכטיקע פילאָנען אָדער טורעמס, וועלכע בילדן דאָס טויער, אין דער טיף פון וועלכן מען זעט יענעם אוודאי מעטעאָריט-שטיין — דער געגנשטאַנד פון העכסטער פאַרערונג. צוויי מנורות אויף ביידע זייטן פון בעטיל, ווי אויך יענע קאָלומאַנדע, דערמאָנען אָן דעם סטיל פון יידישן בית-מקדש אין ירושלים. פון די היינטיקע האָט אפשר בלויז דער מאַכמעדאַנישער טעמפּל אַליין אין מעקאַ אויפגעהיטן דעמזעלביקן טיפּ, וואָס די אַמאָליקע פעניצישע טעמפּלען. לעבן דעמדאָזיקן הויפּטגאָט האָט מען געערט אין בילאָס אויך די געטין בעלית אָדער אסטארטע, וועלכע מ'האָט פאָרגעשטעלט אויפן שטייגער

וואָס איז אונז פאַרבליבן פון די רעשטן פון דער פעניצישער אַרכיטעקטור? וועלכע שטאָט בײַ די פעניציער ווערט פאַררעכנט צו די עלטסטע? ווער איז דער גאָט פון דער שטאָט ביבלאָס? סאַראַ איז דער אויסזען פון דעם אל-טעמפּל אויף די מטבעות? סאַראַ זענען די

פון דער עגיפּטישער געטין איזידא אָדער האַטאָר מיט הערנער אויפן קאָפּ, אָדער אויך מיט אַסטראַלן עמבלעם (האַלבע לבנה איבערן קאָפּ). דאָס איז געווען די געטין פון קאַלטער און ריינער, טיילמאָל ווידער זינלעכער און אויסגעלאַסענער ליבע. איר ליבע צום יונגנמאַן פון אומגעוויינלעכן געשטאַלט – האַלב־גאָט און האַלב-מענטש – צו אַדאָניסן, איז די איבערחזרונג פון דער בבלישער לעגענדע וועגן אישטאַר און תמוז. די געטער האָבן געזאָלט אַראָפּשיקן פאַר אַ שטראָף אַ ווילד חזיר, וועלכער האָט דערהרגעט יענעם אַדאָניסן. באַאלאַט-געבעליט (אישטאר), באַוויינענדיק אים, גייט אַראָפּ נאָך אים אין קבר און מיט אירע בקשות פּועלט זי אויס דעם צוריקקער פון געליבטן אויף די ערד. אין שכנות פון ביבלאָס האָט זיך געפונען דער קבר פון אַדאָניסן, (ביזן היינטיקן טאָג דער מקור פון דאָזיקן נאָמען), און לכבוד דעמדאָזיקן גאָט זענען פאָרגעקומען צוויימאָל אין יאָר זומערצייט און ווינטערצייט רעליגיעזע פייערלעכקייטן אָדער מיסטעריעס. דידאָזיקע צוגעפּאַסטקייט פון די יום-טובים צו דעם קרייזגאַנג פון דער זון (ווינטערצייט – חתונה-פייער-לעכקייט, זומערצייט – טרויער-פייערלעכקייט) ווייזט אָן דערויף, אַז יענער מיטאָס איז אַן אויסטייטשונג פון דער נאַטור-דער-שיינונג, וועלכע שלאָפט איין אויף ווינטער און דערוואַכט מיטן אָנקום פון זומער. אויך דער מיטאָס וועגן אַדאָניסן שטעלט פאָר די ענדערונג פון די יאָר-סעזאָנען. די שטאָט ביבלאָס איז אָנ-געגאַנגען פאַר אַ הייליקע אַפילו בײַ די עגיפּטער, מחמת דאָ האָבן, לויט זייער מיינונג, די ים-כוואַליעס אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג דאָס קעסטל מיטן קערפּער פון אָזיריסן און דאָ האָט אויך אויפגעהאָדעוועט די געטין איזידא איר זון האָרוס.

אטריבוטן פון דער אסטארטע-געטין (סימבאָלן)? וואָס איז אזוינס דער מיטאָס וועגן אדאָניס? סארא דענקמעלער זענען פארבליבן פון אדאָניס-קולט? סארא שייכות האָט דערדאָזיקער קולט מיט עגיפּטן? (אָזירים אן איזידא)? וואָסערע איז געווען די עלטסטע פעניצישע

§ 8 דאָס קיניגרייך צידון

דאָס נידריקער פון ביבלאָס אויף דרום ליגנדיקע צידון ווייזט אָן מיטן בלויזן נאָמען אירן דעם מקור פון איר אַנט־שטייונג (צידון איז דער טייטש פישפאַנגעריי). אורשפּרינגלעך איז זי געלעגן אויף אַן אינזל, פונוואַנען זי האָט זיך שפּעטער ערשט איבערגעטראָגן אויפן ברעג. וועגן צידון הערן מיר אַלס



פעסטונג צידון

וועגן דעם ערשטן מעכטיקן קיניגרייך אין פעניציע. דערפאַר רופט זיך צידון אין די הייליקע שריפטן „מוטער פון פעניציע", און די בני־ישראל האָבן פונקט אַזוי איבריקנס, ווי די גריכן פון דער האָמער־תּקופה, אָנגערופן די פעניציער צידונער. די קאָנקורענטן פון צידון זענען געווען די שכנותדיקע שטעט:

ערד, וואָס ליגט אויף צפון פון צידון, און צור אויף דרום. דידאָזיקעביידע שטעט זענען געלעגן אויף אינזלען. ערד (אַראַד) איז געגרינדעט געוואָרן דורך די אַנטרינענע און אויסוואַנדערער פון צידון. די באַציונג פון צור צו צידון איז אומקלאָר. ס׳קאָן זיין, אַז צור און צידון האָבן געהאַט אַמאָל אַ בשותּפישן קיניג, ווען עס זיך ס׳איז אורשפּרינגלעך געווען אין צידון, שפּעטער אָבער איבערגעטראָגן געוואָרן קיין צור. אַלנפאַלס, אין די גריכישע פּאָעמעס פון האָמערן, טרעטן די צורער אויף אונטערן נאָמען צידונער. צידון איז געווען באַקאַנט שוין אין מיטן פון צווייטן יאָרהונדערט. אין XII י. ה. האָבן זי אויסגערויבט די פּלשתּים. אין דער צייט פון אַשורס איבערגעוויכט האָט צידון געמוזט אָפּקויפן איר אומאָפּהענגיקייט נישט איינמאָל מיט מס און שטייער. אסרחדון האָט זי צעשטערט (אַרום 678 י.) און אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט די איינוווינער, און אויף זייער אָרט האָט ער אַהערגעבראַכט קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן געגרינדעט אַ נייע שטאָט מיטן זעלביקן נאָמען שוין אויפן ברעג. צידון איז געוואָרן אַן אונטערטעניקע שטאָט צו די אַשורישע און בבלישע מלכים. ערשט כּורש האָט איר אומגעקערט די אומאָפּהענגיקייט. פאַר דער ממשלה פון די פּערסער ווערט צידון ווידער די הויפּטשטאָט פון פעניציע און די צידונער נעמען איבער דעם רודער פון דעם פאַרבאַנדישן פלאָט אין דער צאָל פון 300 טריערן, וואָס ווערן צוגעשטעלט דורך די פעניצישע שטעט די פּערסישע מלכים.

§ 9 די הערשאַפט פון צור

באַ צידון האָט מיט דער צייט אָפּגענומען די בכורה צור. אויף דער תּקופה פון צידונס ירידה פאַלט אויך אויס צורס

מ וכה ? וו איז געלעגן דאָס אַלטערטימלעכע צידון ? וואָס באַטייט דער נאָמען פון צידון ? אוואָסער־ע איז איר פּאָליטישע ראָלע אין דער אַלטערטימלעכער געשיכטע פון פעניציע ? וועלכע שטאָט האָט גענומען רושה נאָך צידון ? סאַראַ איז געווען דער טיטל פון די צור־מלכים ?

ממשלה. אָבער די צורישע מלכים טראָגן תמיד דעם נאָמען פון צידון. דער אייגנטלעכער נאָמען צור (היינטיקע אַראַבישע סור) באַטייט אַ פעלז. מחמת צור איז געלעגן אַמאָל אויף צוויי פעלזיקע אינזלען אויף אַ מרחק פון 600 מ פון ים-ברעג און דער דאָזיקער לאַגע אירער האָט זי פאַרדאַנקט איר באַפעסטיקטע פּאָזיציע, וועלכע ס'האָט לאַנג נישט געקאָנט בייקומען קיין שום שונא ביז אַלכסנדר דעם גרויסן. דערקעגן האָט צור גערן געצאָלט מס די אַשורישע און בבלישע מלכים, כדי זיך צו פאַרזיכערן האַנדלס-פרייהייט אין זייערע מדינות. היינט צו טאָג זענען די אַמאָליקע אינזלען פון צור פאַרייניקט מיט דער יבשה דורך אַ גרעבליע. אויף איינער פון זיי איז געווען אַמאָל דער טעמפּל פונם גאָט בעל-שמים. אויף דער צווייטער האָט זיך געפונען דער טעמפּל פון גאָט מעלקאַרט. דאָס איז געווען אַ זון-גאָטהייט, אויף וואָס ס'זאָגט עדות דער הויפּט-יום-טוב לכבוד איר אין דער צייט נאָך דעם ווינטערדיקן קרייזגאַנג פון דער זון. איר סימבאָל זענען געווען צוויי זיילן (איינער פון גאָלד, דער צווייטער פון שמאַראַגד), ענלעך צו די זיילן, וועלכע זענען געשטאַנען אין יידישן בית-המקדש. די דאָזיקע גאָטהייט באַ די גריכן טרעט-אויף אין געשטאַלט פון הערקולעס. (די הערקולעס-זיילן אויף מערב פון מיטללענדישן ים). זיין מוטער אַסטאַרטאַ איז געווען פאַרערט אין צור אונטערן געשטאַלט פון אַ שטערן. באַ פילאָנען איז די צורישע מיטאָלאָגיע פאַרבונדן מיט דער עלטסטער געשיכטע. לויט איר האָבן אויפן ברעג פון פעניציע געוווינט פאַרצייטנס צוויי ברידער: איינער סאַמעמנום, (בעל-שמים), וועלכער האָט אויסגעלערנט די מענטשן בויען הייזלעך און איז דער העלד פון לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבן; דער צווייטער אוזאָאָס, (ביבלישער עשיו — דער וואַנדערער) איז געווען אַ יעגער און געבלאָנקעט איבער די וועלדער. סאַמעמנום, וועלנדיק פון אים פטור ווערן, האָט אַראָפּגעשיקט אַ פייער און אַ

וואָס באַטייט דער נאָמען צור? וויאַזוי האָט זיך אומגעביטן איר לאַגע? ווו איז דער אָנהייב פון אַלטן צור און אַרום וואָס? סאַראַ כאַראַקטער האָט די הויפּט-גאָטהייט מעלקאַרט? וויאַזוי האָט מען פאַרערט אַסטאַרטע אין צור? סאַראַ היסטאָרישע לעגענדעס זענען פאַרבונדן מיט דער אַנט-

ווייכער, וועלכער האָט פונאַנדערגעטריבן די שרפה איבערן וואַלד. אוסאָאָס האָט זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן און איז אַריינגעשפרונגען אין ים אַריין. דאָ האָט ער צופעליק אָנגעטראָפן אַ שווימענדיקע בעלקע, ער האָט זיך אָן איר אָנגעכאַפּט און צוגעשווימען אויף איר צו אַ קליין אינזעלע, אויף וועלכער ער האָט זיך באַזעצט. ער איז דאָס געווען דער גרינדער פון צור. ער האָט אויך אויסגעלערנט די מענטשן בויען שיפן און אָנגעוויזן די איינוווינער פון צור זייער צוקונפט אויפן ים. די איינוווינער פון צור זענען טאַקע אויך געווען די באַרימטסטע שיפסלייט פון יענע צייטן, און זייער שיפעריי האָט געהאַט אַ באַשיצער אין מעלקאַרטן, וועמען מ׳האָט צוגעשריבן די דערפינדונג פון דער וועסלע.

אין ענלעכע מיטן האָט מען אויך באַקליידט די אַנטשטייאונג פון פאַרשידענע צווייגן פון מענטשלעכע באַשעפטיקונגען אין אַלטערטום. אַזוי האָבן די ערשטע שיף געזאָלט בויען קאַבירן (גנאָמען אָדער אונטערערדישע גייסטער) פאַר קהוסאָס, דעם גאָט פון דער רודעריי (דעם פעניצישן העפייסטאָס). הגם צור איז געווען אַ זייער אַלטערטימלעכע שטאָט (זכרונות וועגן איר געפינען מיר שוין אין עגיפּטישע מקורים פון XIV י. ה.), די צייטן אָבער פון איר הערלעכקייט פאַלן זיך ערשט צונויף מיט דער תּקופה פון מלכות ישראל. איינער פון די אַמייסטן באַקאַנטע צורישע מלכים אביבעל האָט געלעבט אין דער צייט פון דוד (X י. ה.), זיין זון ווידער חירום I, איז געווען אַ פריינט פון שלמה. ער האָט דאָס נישט בלויז פאַרגרעסערט, נאָר אויך באַצירט די שטאָט צור; ער האָט פאַרייניקט דאָס אינזעלע מיטן טעמפּל בעל-שמים מיט דער הויפּט-אינזל, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען די שטאָט, אַחוצדעם האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ גילדענעם זייל אין זעלביקן טעמפּל, אַלס סימבאָל פון סעמיטישן גאָט, און האָט אויפגעפרישט דעם טעמפּל פון הערקולעסן און עשתּרת. אין לעצטן יאָרטויזנט ביז צו די צייטן

שטייונג פון דער שטאָט? וואָס ווייסן מיר וועגן די אָנהויבן פון דער שיפעריי? ווען הויבט זיך אָן די געשיכטע פון צור, און זינט ווען דאַטירט זיך איר הערלעכקייט? ווי אַזוי האָט אויסגעזען צור אין דער צייט

פון אַלכּסנדרן איז צור געווען די ערשטע האַנדלס־שטאָט אויף די מזרחדיקע וואַסערן פון מיטללענדישן ים. דער צורישער פּלאָט האָט געהאַט פאַר זיין האַלטפּלאַץ צוויי האַפנס: איינעם אַ צפוני־דיקן, דעם א. ג. צידונער, און דעם צווייטן אַ דרומדיקן — עגיפּטישן.

די פאַרפולקאָמטע אינזשינערישע קונסט האָט דערלויבט איינצוריכטן קינסטלעכע וואַסערלייטונג, מיט דער הילף פון וועלכער מ׳האָט צוגעפירט פריש וואַסער אויף די אינזלען פון דער יבשה. די הערשאַפט פון צור האָט זיך דעמאָלט אויסגע־ברייטערט אויף דער באַשטענדיקער יבשה ביז צום טאָל פון אָראָנ־טעס. נאָר די שטייגנדיקע מאַכט פון אַשור מיט דער סרגונישער דינאַסטיע אין דער שפּיץ האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אויס־ברייטערונג פון צור און געהאַמעוועט די ווייטערדיקע אַנט־וויקלונג פון דער ערשטער פעניצישער שטאָט אויפן ים. פון דעם סוף VIII י. ה. הויבט צור אָן צו פאַרלירן אירע מעבר־לימיקע נחלאות אויפן עגעישן ים, ווו עס הויבט אָן צו וואַקסן דער גריכישער עלעמענט (דאָריער), אויף מערב ווידער גייען די פעניצישע קאָלאָניעס ביסלעכווייז איבער אונטער דער ממשלה פון קאַרטאַגינע, ביז צור זינקט לסוף אַראָפּ צום ראַנג פון אַ בלויזער פעניצישער האַנדלס־שטאָט. אין דער געשיכטע אָבער פון פעניציע גופא פאַרנעמט זי דאָס הויפּטאָרט נישט אַזויפיל צוליב פּאָליטישער אַנטוויקלונג, ווי צוליב דער ראָלע, וועלכע זי האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע אויף די ברעגעס פון מיטללענדישן ים דורך דער פאַרמיטלונג פון אירע קאָלאָניעס.

פון חירומען און סארא באַדייטונג האָט זי געהאַט? וואָס האָט אונטער־געגראָבן די הערלעכקייט פון פעניציע, בפרט פון צור? סארא כאַראַק־טער און ריכטונג האָט געהאַט די קאָלאָניזאַציע־תקופה פון די פעניציער? ווו האָבן זיך געפונען די עלטסטע פעניצישע קאָלאָניעס? סארא פאָלק האָט געטראָגן דעם נאָמען כותים? וועלכע זענען געווען די פעניצישע

§ 10 פעניצישע קאָלאָניעס

אויף דער תּקופה פון צורס הערשאַפט, ד. ה. פון XI ביז סוף פון VIII י. ה, פאַלט אויך אויס די אַנטוויקלונגס-תּקופה פון די פעניצישע קאָלאָניעס, הגם די ערשטע עמיגראַציע פון די פעניציער און זייער באַזישובונג אויף די ברעגעס פון מיטל-לענדישן ים האָט זיך אָנגעהויבן פיל פריער. די עלטסטע פעניצישע קאָלאָניעס זענען אַנטשטאַנען אויף קיפּראָס. דידאָזיקע באַזונדערס פּרוכפּעריקע אינזל, וועלכע איז רייך אין האָלץ און מעטאַל, דערהויפּט אין שיכטעס פון קופּער-אַרץ (פונדאַנען דער לאַטיינישער נאָמען פון קופּער – cuprum – און בּאַ פיל אַנדערע דעמאָלטיקע פעלקער), האָט געהאַט אַלס אירע אַלטער-טימלעכע איינוווינער דאָס פאָלק כּותּים, וואָס האָט זיך אויס-געבּרייט אויך אויף די שכנותדיקע בּרעגעס פון קליינאַזיע. מיט איר לאַגע אויפן דורכגאַנג פון די מזרחדיקע יבשה-לענדער צו די ים-לענדער פון מערב שטעלט קיפּראָס מיט זיך פאָר אַן אומ-געוויינלעך אינטערעסאַנטע קולטור, אין וועלכער עס מישן זיך צונויף די אַלטערטימלעכע מזרחדיקע השפּעות מיט די נייע גריכישע און מיט די נאָך עלטערע פון די גריכן אויף מערב. אויף קיפּראָס האָבן די שטאָט קיטיאָן געגרינדעט ווארשיינלעך נאָך די עמיגראַנטן פון בּיבּלאָס. דאָ האָט געבּליט דער קולט פון קיניראַס, דעם זון פון אַדאָניס. דאָ האָבן זיך אויפגעהיטן נאָך די פעניציער די אינטערעסאַנטסטע רעשטן פון דער קונסט, וועלכע איז אויסגעמישט מיט דער גריכיש-אַרכאַישער. די פעני-צישע קאָלאָניעס אויפן בּרעג פון קליינאַזיע האָבן זיך פונאַנ-דערגעצווייגן אַזש בּיזן אינזל ראָדאָס, פון דאָרטן האָבן זיך די פעניציער אַריבּערגעקריגן אויך אויף דער שכנותדיקער גרויסער אינזל קרעטאַ. דער גריכישער מיטאָס וועגן איירָאפּע, וועמען

ישובים אין קיליקיע און אויף קיפּראָס? ווען האָבּן זיך די פעניציער דערקריגן צום ארכיפּעלאַג? סאַראַ גריכישער מיטאָס רעדט וועגן דעם ערשטן אָנקום פון די פעניציער אויף מערב? פון ווען דאַטירט זיך די היסטאָרישע קאָלאָניזאַציע-תּקופה פון די פעניציער אויפן ארכיפּעלאַג?

ס'האָט אויפגעכאַפּט צעוס אין געשטאַלט פון אַן אָקס און באַהאַלטן אויף דערדאָזיקער אינזל, רופט זי אָן טאָכטער פון קיניג פון צידון. די פעניציער האָבן אויך דערציילט וועגן עפּעס אַ קאַדמוס, וועלכער איז געוואָרן אַרויסגעשיקט דורכן קיניג פון צידון אויפצוזוכן זיין טאָכטער; ער האָט באַזוכט ראָדאָס, קרעטאַ, קיקלאַדן, גריכנלאַנד און איז געשטאָרבן אין אילירייע. יענער קאַדמוס האָט געזאָלט זיין דער גרינדער פון דער בעאָטישער פעסטונג קאַדמעאַ. דערדאָזיקער מיטאָס פירט אונדז שוין אַרויף אויף די התחלות פון דער מערב-גריכישער ציוויליזאַציע, וועלכע ווערט אגב אומריכטיק אַרויסגעפירט פון פעניציע. פאַקטיש האָבן זיך די פעניציער באַוויזן אויף די אינזלען פון אַרכיפּעלאַג ערשט אין די אָנהויבן פון ערשטן יאָרטויזנט, דער שטח אָבער פון זייער קאָלאָניזאַציע האָט אַרומגענומען מתחילת נאָר די קיקלאַדן (די אַמווייטסטן אויף צפון אַרויסגערוקטע אינזל אָליאַראָס). די שפּורן פון זייער לעבן אויף די קיקלאדן זענען עד היום די שטויסן שאָלן פון די אינפוזאָריען-מושלען (murex), וועלכע האָבן געליפערט די פורפור-פאַרב. די עיקרדיקע אָבער פעניצישע קאָלאָניעס האָבן זיך געפונען אויף די אינזלען טהערא, קיטהערא און קרעטאַ, וואָס אירע אורשפּרינגלעכע איינוווינער עטעאָקרעטן אָדער מנאָיטן (Mnoitae) האָבן זיך געפונען פול-שטענדיק אונטער דער השפּעה פון די פעניציער. דער פעניצישער ישוב איז דאָ געווען די שטאָט איטאַנוס אויפן מזרחדיקן ראַנד פון דער אינזל. איצט האָט מען אויך געפונען אויף קרעטא אַ מאַסע פעניצישע טעפּעריי-אויסאַרבעטונגען (צעראמיק); אויך דער קולט פון דער ליבעס-געטין (אַפראָדיטע אוראַניאַ), וועלכער איז געפּראַוועט געוואָרן אויף קיפּראָס, איז געווען איבערגעטראָגן דורך די פעניציער. בכלל זענען זייערע קולטן אריינגעדרונגען אויך אין גריכנלאַנד. אַזוי למשל איז דער אויף איסטמא פאַרערטער גאָט מעליקערטאָס געווען דער פעניצישער גאָט מעלקאַרט.

ווער איז אַרונטערגעפּאַלן זייערע איינפלוסן? סאַראַ שפּורן פון דעם פעניציישן לעבן האָבן מיר אויף די אינזלען, און ווי ווייט האָט געגרייכט זייער השפּעה? וווהין האָט דערגרייכט די עקספּאַנסיע פון די פעניציער? וואָסער זענען זייערע ווייטבכטע נסיעות אויפן צפון? סאַראַ ראָלע האָבן

שפּעטער האָבּן זיך די פעניצער דערשלאָגן אויך צו דער מערבדיקער טייל פון עגעישן ים: זיי האָבּן אַרויסבּאַקומען זילבּער אויף דער אינזל טאַסאָס און גאָלד אויף דעם קעגנ־איבּערדיקן טראַקישן בּרעג (דער אָנהויבּ פון די פּאַנגעישע גראָבּנס). קיין שפּורן פון זייער לעבּן ווייטער אויף מזרח האָט מען זיך נישט דערזוכט. גרעסער דערקעגן איז געווען דער אומפאַנג־שטח פון די פעניציער אין דער מערבדיקער טייל פון מיטללענדישן ים. פון סיציליע, וווּהין זיי האָבּן זיך צוערשט אַריינבּאַקומען, האָבּן זיי זיך איבּערגעטראָגן אויפן קעגנאיבּערדיקן בּרעג פון אפריקע, ווו זיי האָבּן געגרינדעט קאַרטאַגינע (קרת־חדשת אָדער נייע שטאָט 814). דערנאָך האָבּן זיי פאַרנומען דעם בּרעג פון דרום־שפּאַניע, ווו זיי האָבּן אַרויסגעגראָבּן זילבּער אין די בּערג אויף דרום פון טייך גוואַדאַלקוויווער. לסוף זענען זיי אַרויסגעשווימען הינטער די הערקולעס־זיילן (גיבּראַלטאַר־דורכגוס) און זיך דערקריגן צו דער אינזל פון גרויס־בּריטאַניע, פונוואַנען זיי האָבּן געבּראַכט צין, וואָס האָט זיך געפונען אין די קאַסיטערידן־בּערג (קאָרנוואַליע). אומעטום, ווו נאָר ס'האָבּן זיך בּאַוויזן פעניציער, האָבּן זיי אויסגעבּיטן זייערע סחורות אויף די פּראָדוקטן אָדער אויסאַרבּעטונגען פון אָרטיקן רייכטום. זייער דערשיינען האָט אויך פאַר פיל פעלקער געגאָלטן אַלס אָנהויבּ פון דער ציוויליזאַציע. און אויך די גריכן האָבּן בּלי־ספק גענומען פון זיי דעם אלף־בּית (אין IX י. ה.), דעם אורמוסטער פאַר די שפּעטערדיקע צאָלרייכע אלף־בּיתן פון די מערבּ־פעלקער. דעמזעלבּיקן אלף־בּית האָבּן די גריכן אָנגערופן פעניצישן און צוגעשריבּן זיין דערפינדונג קאַדמוסן. דער עלטסטער אויפשריפט אין דאָזיקן אלף־בּית האָט זיך געפונען אינדעראמתן דאָרט, ווו די פעניצישע השפעה איז געווען זייער שטאַרק, נעמלעך אויף דער אינזל טהעראַ. שוין דאָס אַלטערטום האָט אָפּגעשאַצט די הויכע בּאַדייטונג פון פּראָדוקטן־

זיי אין דער ציוויליזאַציע־געשיכטע פון אייראָפּע? אוואָסער אָנטייל האָבּן זיי געהאַט אין דעם סחורות־אויסטויש פון מז״ח און מערבּ? וועלכע זענען געווען אין אַלטערטום די הויפּטוועגן אויף מזרח? וועלכע מלוכות פאַרדאַנקען דעם פינאַנדערבּלי דעם האַנדל מיט מזרח? וואָס ווייסן מיר

אויסטויש צווישן מזרח און מערב; דערדאָזיקע אויסטויש איז געווען אַ לאַנגע צייט אויסשליסלעך אין די הענט פון די פעניציער. אין די הייליקע שריפטן ווערט געזאָגט וועגן די פעניציער, אַז זיי האָבן געביטן זילבער פון תּרשיש (דרום-שפּאַניע) אויף גאָלד פון אופיר (אינדיע). דער האַנדל פון די פעניציער מיטן מזרח איז געווען ס׳רוב אַ קאַראוואַנישער, און וועלכן ס׳האָבן פאַרמיטלט אויך די אראַבער. אָטאָ-דעם האַנדל האָבן פאַרדאַנקט זייער פונאַנדערבלי די מלוכות, ווי די מינעיש-סאָבעישע (אויף דרום פון אראַביע), דאָס קיניגרייך פון דמשק, און אין אַ גרויסער מאָס אויך דאָס יידישע קיניגרייך. מיט דער פאַרשטענדיקונג פון מלך שלמה, פאַר דער הערשאַפט פון חירומען אין פעניציע, האָבן די פעניצישע שיפערס אונטערגענומען אויך אַ דרייייאָריקע ים-נסיעה אויף מזרח. דער ציל פון דערדאָזיקער נסיעה איז געווען די גאָלדרייכע מדינה אופיר, וועמעס געאָגראַפישע לאַגע ס׳איז איצט אומבאַקאַנט (השערהדיקע אינדיע). פונדאַנען האָט מען צום ערשטן מאָל אַהערגעבראַכט עקזאָטישע חיות, ווי מאַלפּעס, פּאַווען. דאָס לאַנד אָבער, וווהין ס׳האָט זיך אוממיטלבאַר דערקריגן דער פעניצישער האַנדל, איז נישט געווען אינדיע גופא, נאָר די ברעגעס פון אַראַביע איבער דעם פּערסישן איינגוס אַנטקעגן עילם, פונוואַנען ס׳האָט געפירט אוממיטלבאַר אַ ים-קאָמוניקאַציע מיט פּענדזשאבל און מיטן מאַלאַבארישן ברעג.

§ 11 פעניצישע שריפט

הגם די פעניציער האָבן געבראַכט די ציוויליזאַציע אין די לענדער, וועלכע זענען געלעגן אויף מערב פון דער אַלטער-טימלעכער ציוויליזירטער וועלט, אַזיע און אַפריקע, זענען זיי נישט געווען אַליין אירע שעפער, מחמת אין דער האַנדווער-

---

וועגן די ערשטע ים-קאָמפּאַניעס קיין אינדיע? פון וועמען האָבן זיך די פעניציער אראָפּגענומען אַ מוסטער? ווי אַזוי איז אַנשטאַנען זייער אלף-בית? אין וואָס באַשטייט די קלאַנגשריפט? וווּ איז איר אָנהויב? און

קעריי, ווי אין די קונסטן, האָבן זיי נאָכגעמאַכט זייערע רבים, די עגיפּטער און כאַלדעער. אין צווייטן יאָרטויזנט האָט דאָמינירט אין סיריע און פּאַלעסטינע די בבלישע ציוויליזאַציע. אפילו אין שריפט האָט מען זיך באַנוצט מיט די קלינצייכנס. באַם סוף אָבער פון צווייטן יאָרטויזנט האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן די סעמיטישע פעלקער אַן אַנדער מין שריפט, די קלאַנגשריפט. מיט איר כאַראַקטער איז זי געווען נאָענט צו דער דעמאָטישער עגיפּטישער שריפט, אָבער אַן אָנהויב האָט זי, דוכט זיך, א פון איר גאַנץ אומאָפּהענגיקן. איר יתרון איבער די אויבנדערמאָנטע שרייב-אופנים באַשטייט דערין, וואָס אָנשטאָט עטלעכע הונדערט צייכנס, האָט זי פאַרמאָגט אַזעלכע נאָר אַ קנאַפּע צאָל, יעדער פאַר די באַדייטונג פון איין טראַף אָדער קלאַנג. און אַזוי האָט זיי דער פעניצישער אלף-בית נאָר 22, ענלעך בכן צום היינטיקן העברעישן, און הויבט זיך אויך אַזוי אָן מיט די אותיות אלף און בית, (פונדאַנען דער נאָמען אלפאַבעט). קיין צייכנס ווידער פאַר די וואָקאַלישע קלאַנגען באַזיצט זי לגמרי נישט. הגם מ'האָט דעמדאָזיקן אַלפאַבעט גערופן פעניצישער, איז פונדעסטוועגן זיכער, אַז ס'האָבן אים נישט דערפינדן די פעניציער. דעם עלטסטן אויפשריפט מיטן דאָזיקן צייכנס-כאַראַקטער האָט מען געפונען אין דהיבאַן אויף אַן אָנדענק-שטיין פון מישע, דעם קיניג פון מואב, אין וועלכן ער רימט זיין באַפרייונג נאָכן טויט פון אחאב פון אונטער דער מאַכט פון ישראל. דערדאָזיקער אויפשריפט שטאַמט פון י. 891, און זיין שפּראַך אונטערשיידט זיך נאָר מיטן דיאַלעקט פון דער העברעישער שפּראַך. די ערשטע פעניצישע אינסקריפּציעס, וועלכע מיר באַזיצן, זענען, דוכט זיך, מיט אַ גאַנצן יאָר-הונדערט שפּעטערדיקע.

וועלכער איז דער עלטסטער איבערבלייב פון דערדאָזיקער שריפט? ווו ליגט דאָס לאַנד כנען? וואָס ווייסן מיר וועגן די כנענים? סארא

§ 12 דאָס לאַנד כּנען און זײַנע אײַנוווינער

דאָס לאַנד, וואָס איז געלעגן אויף דרום פון פעניציע, האָט זיך גערופן כּנען און האָט באַזעסן פונלאַנג אַ ציוויליזאַציע, און דערהויפּט אַזעלכע שטעט, ווי לאַגיש, גזר און אַנדערע. די אײַנוווינער פון דאָזיקן לאַנד, די כּנענים, זענען געווען סעמיטן (פון אמורישער גזע) און האָבן דערהאַלטן תּמיד גוטע באַציונגען מיט די קריבישע שבטים, וועלכע האָבן געוווינט אויף צפון פון מעסאָפּאָטאַמיע אין לאַנד נהרים (די שטאָט חרן איבערן בעליך), ווי אויך אין בבל (אויף העברעיש לאַנד שנער). די ערשטע דינאַסטיע פון בבל איז געווען פון זעלביקן אָפּשטאַם. אין אַלגעמיין איז די באַפעלקערונג אין לאַנד כּנען געווען אַן אַגראַרישע, אַרבעטזאַמע, מיט אַ באַשטימטער קולטור; זי האָט געוווינט בעיקר אין די שטעט און געהאַט אירע פירשטן — כּוהנים (פאַטעסי). די כּנענים זענען אַרונטערגעפאַלן די השפּעות פון בבל, פון וועמען זיי האָבן איבערגענומען די קלינעס-שריפט; אָבער אין פּאָליטישער הינזיכט האָבן געשפּאַרט אויף זיי פון צפון די חתּישע פעלקער פון קליינאַזיע, פון דרום ווידער די עגיפּטישע פרעהס, וועלכע האָבן זיך נאָכאַנאַנד געפּלייסט אָנצוואַרפן זיי זייער הערשאַפט. פון עגיפּטן האָבן אָפּגעטיילט די כּנענים די וואַנדער-פעלקער, צו וועלכע ס'האָבן געהערט די היקסן, אין דער צײַט ווידער פון דער הערשאַפט פון דידאָזיקע לעצטע האָט דאָס לאַנד כּנען וואַרשײַנלעך געבילדעט מיט דעמדאָזיקן קיניגרײַך איין גאַנצקייט. שפּעטער באַגעגענען מיר דאָ נאָכאַנאַנד סעמיטישע און חתּישע דינאַסטיעס, אומאָפּהענגיקע אָדער באַשטימטע מצד עגיפּטן, ווי למשל אין XV י. ה. אראדכיבא, דעם פירשט פון אורוב, דער שפּעטער-דיקער אורשלם, וועלכער איז דערנאָך געווען וואַסאַל פון פרעה.

באַציונגען האָבן זי פאַרייניקט מיט בבל און עגיפּטן? וואָס פאַר איז געווען דער עלטסטער מצב פון לאַנד איז דער הינזיכט פון ציוויליזאַציע

§ 13 דער שבט בּני־ישראל

צו די וואַנדערנדיקע פעלקער אין דער נאָענט פון לאַנד כּנען פאַררעכנט זיך אויך דער שבט בּני-ישראל, וועלכער ווערט אַרויסגעפירט פון זיין פאַטריאַרך אברהם. דערדאָזיקער אברהם האָט געזאָלט שטאַמען פון לאַנד שנער, פון דער שטאָט אורי

אַן אראַבּער צוזאַמען מיט זיין טאָכטער

פונוואַנען ער האָט אַרויסגעוואַנדערט צוזאַמען מיט זיין בּרודער לוט קיין חרן, און שפּעטער קיין פּאַלעסטינע. פון אים הייבּט זיך עס אָן די לעגענדאַרישע געשיכטע פון ישראל, לויט וועלכער דער דעמאָלטיקער קיניג פון עילם, כּדרלעמר, איז אָנגעפאַלן אויף די שטעט סדום און עמורה און אַוועקגעפירט אברהמס בּרודער, לוטן, אין געפאַנגנשאַפט ; אברהם אָבער האָט זיך געזאָלט מיט

זיינע דינער לאָזן אין גײעג און אָפּשלאָגן זיין ברודער נאָענט פון דמשק. דער דערמאָנטער קיניג פון עילם האָט געקאָנט זיין קודור-מאבוק, דער האַר פון מארטו (אָדער פון די אמורים, די איינוואוינער פון כּנען), וועלכער האָט געהערשט אין בבל ביז צו דער צייט, ווען זיין זון רימסין איז געוואָרן צעקלאַפּט און אַרויסגעטריבן דורך האַמוראַבּי. לויט דידאָזיקע היסטאָרישע אויס-פירן וואָלט די יידישע מסורה געווען פאַרבונדן מיט דער גע-שיכטע פון XX י. ה. אברהמען, ווי מיר דערוויסן זיך ווייטער, האָט געבענטשט מלכּי-צדק, דער פירשט און כּוהן פון דער שטאָט שלם, וואָס דאַרף אויך באַטייטן ירושלים (אורשלם). ערלעך גערעדט, איז אָט-די גאַנצע אורשפּרינגלעכע געשיכטע פון די בני-ישראל לעגענדאַריש, מחמת די נעמען פון די פּאַט-ריאַרכן זענען אידענטיש מיט די נעמען פון געוויסע שבטים, ווי ס׳פלעגט געוויינלעך געשען באַ די סעמיטישע פעלקער. אין דעם שפּעטערדיקן נאָמען פון גאַנצן פאָלק ישראל איז אַנטהאַלטן דער נאָמען פון סעמיטישן גאָט אל, מחמת ישראל איז דער טייטש „אל קעמפט". אַלס קעמפערישער און וואַנדערנדיקער שבט טרעטן טאַקע די בני-ישראל מתּחילת אַרויס אין דער געשיכטע. אַחוץ דעמדאָזיקן אַלגעמיינעם נאָמען פון דער גאָטהייט (אל, אלהים), האָבן די ישראלים געהאַט נאָך אַן אַנדערן גאָט יהוה. וועלכער איז אורשפּרינגלעך געוויס נישט עפּעס אַנדערש, ווי זייערס אַ קריגערישער אויסגעשריי.

§ 14 די היסטאָרישע התחלות פון ישראל

די אייגנטלעכע געשיכטע פון ישראל הויבט זיך ערשט אָן אין עגיפּטן, ווו זיי זענען געווען באַזעצט אין לאַנד גושן אויף מזרח פון דער נילוס-דעלטע. זייער אויפהאַלט דאָרט פאַלט אויס אויף די צייטן פון די היקסן; זיי זענען צוזאַמען

און אין פּאָליטישער הינזיכט? פון וועמען זענען די כּנענים געווען אָפּהענגיק? וועלכעס פאָלק פאַרבינדט זיין מסורה מיטן לאַנד כּנען? און וואָס דערמאָנט די ערשטע געשיכטע וועגן אברהם? סאַרא באַדייטונג

מיט זיי, קאָן זיין, אָנגעקומען און זיך באַזעצט אין עגיפּטן. דער שטאַטהאַלטער אָדער נציב פון איינעם פון די פּרעהס פון דערזעלביקער דינאַסטיע האָט געזאָלט זיין יוסף, אַן אָפּשטאַמלינג פון אברהם, יצחק און יעקב. די גליקלעכע אַנטוויקלונג פון ישראל פאַלט אויס אויף די צייטן פון דער פּאַסטוכער-הערשאַפט אין עגיפּטן, דער אומקער ווידער צו דער היימלאַנדישער טעבאַנישער דינאַסטיע ווערט באַצייכנט דורך זייער אונטערדריקונג; איינער פון די פּרעהס (רעמסס II) האָט זיי געזאָלט אַפילו באַנוצן צום אויפבוי פון זיינע פעסטונגען פּיתום און רעמסס. פאַר דער הערשאַפט פון פּרעה מערענפּטא III האָבן די ישראלים פאַרלאָזט עגיפּטן, (מער ווייניקער אין מיטן פון XIII יאָרהונדערט). די געשיכטע פון ישראל איז אונז איבערגעגעבן אין דער ביבל, וועלכע באַשטייט פון פיל טיילן, אין פאַרשידענע צייטן אָנגעשריבענע. די וויסנשאַפטלעכע קריטיק האָט אויסגעטיילט אין איר צוויי עיקרדיקע אָפּטיילן: אַ ייִנגערע טייל, די שריפטן, וועלכע זענען אָנגעשריבן געוואָרן נאָכן אומקער פון גלות-בבל דורך די כּוהנים (אלהיסטישע שריפטן), ווי אויך אַן עלטערע טייל, וועלכע נעמט אַרום די פריערדיקע מסורה, וואָס דאַטירט זיך נאָך פון די קיניגרייך-צייטן (יאוויסטישע שריפטן).

§ 15 געזעצגעבונג און דת־משה

דער נאָמען משה איז פון עגיפּטישן אָפּשטאַם און באַטייט אַ קינד, מען באַגעגנט אים גאַנץ אָפט צווישן די נעמען פון די עגיפּטישע מושלים (טוטמאָזיס = דער זון פון גאָט טאָט, אַמאָס-אַמאַזיס = זון פון לבנה). משה האָט געזאָלט אַלס זויגקינד אַרויסגעראַטעוועט ווערן פון וואַסער דורך דער טאָכטער

האָבן געהאַט די נעמען פון די פּאַטריאַרכן? וואָס באַטייט דער נאָמען פון שבט ישראל? ווען באַגעגענען מיר זיך אין דער געשיכטע מיט ישראל? סאַראַ איז דער אָנהויב פון זיין געשיכטע? אויף וועלכער תּקופה פון דער עגיפּטישער געשיכטע פאַלט אויס דער אויפהאַלט פון די

פון פּרעה (רעמסס II), וועלכע האָט לויט דער לעגענדע גע-
הייסן „מעררי”. אויפגעהאָדעוועט אויפן קיניגלעכן הויף, האָט
ער זיך אויסגעבילדעט לויט דער דעמאָלטיקער כּוהנישער וויסנ-
שאַפט, (די מופתים, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן פאַר פּרעה),
אָבער טויטנדיק איין מצרי, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פאַר
דער מאַכט אין דעם מדבר. ער האָט געפונען אַ מקלט באַם
שבט מדין, וועלכע האָבן געוואַנדערט אויף מזרח פון באַרג סיני,
נישט ווייט פון דעם איינגוס אַקאבא. דאָ האָבן געפּראַוועט די
מאַכט די כּוהנים אָדער לווים. משה האָט חתונה געהאַט מיט
דער טאָכטער פון כּוהן יתרו, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט
קיין עגיפּטן און מיטן הסכּם פון פּרעה אַרויסגעפירט די יידן
אין דעם מדבר. דאָ, אויפן באַרג סיני, האָט זיך גאָט באַוויזן
צו משה און אים געגעבן צוויי לוחות, אויף וועלכע ס'איז גע-
ווען אָנגעשריבן די תּורה (עשרת-הדברות). זינט דעמאָלט האָבן
די יידן אויפבאַהאַלטן און געטראָגן מיט זיך דידאָזיקע לוחות
אין אַ קאַסטן, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן ארון הברית, אַלס
צייכן פון בונד, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן גאָט און
זייער שבט. דערדאָזיקער ארון און לוחות זענען געווען דער
איינציקער קולט, וואָס איז געוואָרן איינגעפירט דורך משה.
לויטןביישפּיל פון אַנדערע פעלקער, האָבן די יידן אויך געערט
גאָט אונטערן געשטאַלט פון אַ קאַלב, בעל („לעבעדיקער גאָט”,
טום אין פּיתום), מחמת מתחילת זענען זיי נישט געווען קיין
מאָנאָטעאיסטן. זייער גלויבן אין אַן איינציקן אומגעזעענעם גאָט
האָט זיך אויסגעבילדעט ערשט אונטערן איינפלוס פון די
שפּעטערדיקע קאַמפן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן דורך
זייערע נביאים מיט די פרעמדע געטער. די מסורה האָט אויך צוגע-
שריבן משהן די גרינדונג פון דעם בירושה איבערגייענדיקן כּוהנישן
קלאַס, אָדער לווים (ווי באַ די מדינים). אין זייער שפּיץ האָט
משה געזאָלט אַוועקשטעלן זיין ברודער אהרן, זיין שוועסטער
ווידער מרים האָט אָפּגעגעבן כּבוד צו גאָט אויף צימבלען.

ידן? ווו איז געלעגן דאָס לאַנד גושן? סאַראַ אָנטייל האָבן געהאַט
־י יידן אין לעבן פון די עגיפּטער? וואָס איז געוואָרן מיט די יידן נאָך
ייער אַרויסגאַנג פון עגיפּטן? ווען און ווו געפינען מיר זייער אָנגע-

אָבער אייגנטלעך איז משהס געזעצגעבונג, ווי אויך דער כּוהנים־קלאַס, ערשט אַ לעצטער פּועל־יוצא פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג פון די יידן, אָבער נישט איר אויסגאַנגס־פּונקט, ווי עס באַהויפּט די מסורה.

§ 16 די יידן אין לאַנד כּנען

דער שבט בני־ישראל האָט געוואַנדערט אין דעם מדבר צווישן דעם רויטן ים און דעם לאַנד כּנען, נאָענט פון דער שטאָט קדש־ברנע. די כּנענים האָבן גערופן די יידן עברים, דאָס הייסט מענטשן „פון יענער זייט טייך" (ירדן). אויף זייער רייכער און ציוויליזירטער מדינה זענען אָנגעפאַלן די יידן, אָבער זייער באַצווינגונג איז נישט געווען קיין איינמאָליק ווערק, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון איין מענטש (יהושע), ווי מ׳האָט עס אים שפּעטער צוגעשריבן. די יידן האָבן זיך אַריינגעשטופּט שטופנווייז, און טיילווייז מיט כּוח, טיילווייז ווידער אויפן סמך פון אָפּמאַכן האָבן זיי זיך באַזעצט אין דאָזיקן לאַנד. די פּרוכפּעריקסטע געגנטן אינמיטן פון לאַנד כּנען לעבן דער שטאָט סיחון האָט פאַרנומען דער קיניגלעכער שבט — די אָפּשטאַמלינגער פון יוספן — אפרים און מנשה; דאָ איז אויך און שטאָט שילו אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער ארון הברית. אַנדערע צוויי שבטים האָבן זיך באַזעצט אופן סאַמע דרומדיקן ראַנד פון לאַנד כּנען, אין די בערג אויף מערב פון טויטן ים. דאָס זענען געווען די שבטים פון יהודה און שמעון. אַנדערע שבטים ווידער האָבן זיך באַזעצט ווייט אויף צפון, אַזש אין שכנות פון די צידונער. דאָס איז געווען דער שבט דן, וועלכער האָט צעשטערט די שטאָט לאַגיש בײַ די קוואַלן פון ירדן און געגרינדעט אויפן דאָזיקן אָרט אַן אַנדערע,

---

שריבענע מסורה? וואָסערע זענען די צוויי מיני מסורות, וועלכע זענען פאַרפיקסירט געוואָרן שריפטלעך? וואָס זאָגט די מסורה וועגן משה? פון סאַראַ אָפּשטאַם איז זיין נאָמען? וואָס ווייסן מיר וועגן דת מ״ה? פון וואָס איז משה געווען דער שעפער? סאַראַ פאַרדינסטן שרייבט אים

וועלכע איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען דן. אַ טייל פון די שבטים האָט זיך דערהאַלטן אויפן לינקן ברעג פון ירדן (ראובן, גד און מנשה). די כנענים זענען אָבער געבליבן די באַלעבאַטים פון געוויסע שטעט אינמיטן לאַנד. זיי האָבן באַוויזן צו פאַרהאַלטן אין זייערע הענט דעם דורכגאַנג פונם ים אויף מזרח, דעם טאָל פון טייך קישון מיט די שטעט, ווי תענך, מגדו און בית-שאָן, האָבן בכן פונאַנדעריגעטיילט די צפונדיקע שבטים פון די מיטלדיקע. פון דרום-זייט איז אויך געווען אַן אומבאַצווינגענער ערדפאַס, ווו עס האָט זיך געפונען די פעסטונג ציון, אין באַזיץ פון די איינהיימישע יבוסים. זינט דער באַזעצונג פון די יידן אין כנען בילדעט זיך אויך אויס צווישן זיי דער פונאַנדערטייל אויף דרומדיקע שבטים פון יהודה (צוזאַמען מיט שמעון) און צפונדיקע, וועלכע טראָגן דעם בשותּפישן נאָמען ישראל. דעמדאָזיקן פונאַנדערטייל האָט אפשר גורם געווען דאָס פריערדיקע באַזעצן זיך פון די שבטים אויף דרום, נאָך וועלכן ס'איז ערשט שפּעטער פאָרגעקומען דאָס פאַרנעמען די מיטלדיקע און מערבדיקע טיילן פון לאַנד כנען.

§ 17 די תקופה פון די שופטים — די העלדישע

די ערשטע יאָרהונדערטער נאָך דער באַזעצונג פאַלן אויס אויף שווערע קאַמפן, וועלכע ס'האָבן געמוזט פירן די עברים מיט די כנענים און אַנדערע שכנותדיקע פעלקער, וועלכע זענען געווען באַזעצט אויף דרום און אויף צפון פון פאַלעסטינע און וועלכע האָבן געפירט אַ וואָגלער-לעבן, ווי די מדינים, מואבים, עמונים. די ביבל פירט זיי אַרויס פון עשון, יעקבס ברודער, וועלכער איז געווען אַ יעגער און פאַסטוך (דער נאָמען עשו איז דער

צו די כוהנישע מסודה? ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דער מאָנאָטעיִ'ס באַ די יידן? פון ווען דאַטירט זיך באַ זיי דער כוהנים-שטאַנד? אויף סאַרא אופן האָבן די יידן פאַרנומען דאָס לאַנד כנען? ווי אַזוי האָבן זיי זיך איינלאָקירט? ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די טיילונג אויף די שבטים יהודה און ישראל? וועלכע טיילן לאַנד זענען פאַרבליבן אין די הענט

טייטש אויף העברעיש באַוואַקסענער מענטש). פון צפון אין צעלעסיריע אַזש ביז מעסאָפּאָטאַמיע האָבן געוווינט אַרמים, וועלכע האָבן זיך אין דמשק אָנבאַגעגנט און צונייפגעשטויסן מיט די יידן. דורך אומגעוויינלעכע אָנשטרענגונג פון זייערע העלדן האָט זיך איינגעגעבן די יידן צו צעברעכן הן די שונאים פון אינעווייניק, הן די שונאים מחוץ פּאַלעסטינע. די דערציילונג וועגן דידאָזיקע מלחמות האָט זיך אויפבאַהאַלטן אין די פּאָלקסלידער פון די יידן. די העלדן פון איינער פון זיי איז דבורה, וועלכע האָט זיי דערוואַרימט צום קאַמף מיט די כּנענים אונטער דער אָנפירונג פון זייער קיניג סיסרא, וועלכער איז געווען, דוכט זיך, פון חתּישן אָפּשטאַם. דאָסדאָזיקע ליד פון דבורה איז צוגלייך דער עלטסטער דענקמאָל פון דער העברעישער ליטעראַטור. אין דידאָזיקע צייטן זענען די יידן נאָך געווען צעברעקלט און זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון זייערע משפּחה-ראשים — די שופטים אָדער שייכן. די אָקופּאַציע-אינטערעסן, ווי אויך דער קריגס-לאָזונג פון יהוה, האָט זיי פאַרייניקט פון צייט צו צייט צום געמיינזאַמען קאַמף אַנטקעגן די שונאים. אין דער צייט פון דידאָזיקע קאַמפן איז אַנטשטאַנען דאָס ערשטע קיניגרייך פון די יידן אין דעם שבט מנשה, וועמעס ערשטער קיניג איז געווען אבימלך, דער זון פון גדעון אָדער ירובעל, דער באַזיגער פון די מדינים. אָבער דאָסדאָזיקע קיניגרייך איז געווען קורצדויערנדיק. די כּנענים האָבן זיך מיט דער צייט צונויפגעלעבט סוף-כּל-סוף מיט די יידן. ערשט אַ נייע אויסערלעכע סכּנה האָט אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט פון אַ קיניגלעכער הויפּטמאַכט כּדי צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיי-דיקונג. דאָס איז געווען דאָס שכנות פון די פּלשתּים.

פון די כּנענים? מיט וועמען האָבן זיך די בני ישׂראל געפונען אין שכנות? סאַרא וואָגלערישע שבטים האָבן אַרומגערינגלט פּאַלעסטינע? סאַרא סעמיטן-צווייג האָט געוווינט אין סיריע? וואָס ווייסן מיר וועגן די ארמים? פון וואַנען האָבן זיי געשפּאַרט אויף די בני ישׂראל? וואָסערע איז די געשיכטס-תּקופה נאָך דער ערשטער באַזעצונג פון די

§ 18 די פּלשתּים און זייערע מלחמות מיט די יידן

די פּלשתּים זענען געווען אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך אויף דרום-מזרח געפֿונען בשכנות מיט די יידן. זיי האָבן פֿאַרנומען דעם יבשה-שטח לעבן דער פֿעסטונג עזה און דעם לעבן ים געלעגענעם לאַנד מיט די שטעט יפו און אשקלון. זיי זענען געווען איינוואַנדערער פֿון מערב און האָבן אַרויסגעשטאַמט אַליין פֿון דער אינזל קרעטא (כפתור לויט דעם תּנך). זיי האָבן געבילדעט אַ מין מיליטערישע קאָלאָניע אויפֿן מזרחדיקן ברעג פֿון מיטללענדישן ים, וועלכע האָט זיך געפֿונען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פֿינף ראשים, און האָבן געזאָלט זיין אַראָפּגעבראַכט דורך די עגיפּטישע פּרעהס. זיכער איז בלויז דאָס, אַז זיי האָבן באַזעסן אין אַ הויכער מאָס די גאַנצע דעמאָלטיקע קריגסקונסט. זיי זענען געווען באַוואָפֿנט מיט העלמען, פּאַנצערס פֿון בראָנז און אייזן; אין דער קריגס-אָרדנונג האָבן זיי זיך געטיילט אויף אָפּטיילונגען פֿון שפּיזנטרעגער, בויגנשיסער און קאַוואַלעריע אויף רייטוועגן; אַחוצדעם האָבן זיי געהאַט אַן אייגענעם פֿלאָט, וועלכער האָט פֿון פּאָרט אַשקלון אונטערגענומען ים-קאַמפּאַניעס. טיילמאָל זענען זיי אויך אָנגעפֿאַלן אויף פֿעניצישע שטעט; און בשעת איינער פֿון אַזעלכע קאַמפּאַניעס האָבן זיי פֿאַרכאַפּט צידון (אין XII י. ה.). אויף די צייטן פֿון די קאַמפֿן פֿון די יידן מיט די פּלשתּים פֿאַלן אויס די געשטאַלטן פֿון עטלעכע מיטישע העלדן זייערע, ווי שמשון (שמש-הערקולעס — זון-העלד). זינט דער צייט, ווען די יידן האָבן דערפֿילט די שכנות פֿון אַזאַ מעכטיקן שונא, האָבן זיי זיך געמוזט פֿאַראייניקן. דער לאָזונג צו דערדאָזיקער פֿאַראייניקונג איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שבט בנימין. דערדאָזיקער שבט האָט אויך געגעבן די יידן זייער

בני ישראל אין פּאַלעסטינע? סאָראַ ליטעראַ-ישער דענקמאָל איז פֿאַראַן פֿון יענע צייטן? אונטער וועמעס ממשלה זענען געווען די יידן? וואָס האָט פֿאַראייניקט די בני ישראל אין דער שופֿטים-תּקופֿה? וועלכע איז געווען די עלטסטע מלוכה פֿון די בני ישראל? וועמען דאַרף מען צושרייבן איר אונטערגאַנג און די ערשטע פֿאַראייניקונג אין דער פּערזאָן פֿון

קיניג אין דער פּערזאָן פון שאול. געזאַלבט פאַר אַ קיניג אין גילגל, אינם אַלטן לאַגער פון יהושע, ער האָט פאַרטיידיקט דאָס לאַנד נישט בלויז פאַר די פלשתים נאָר אויך פאַר די עמלקים, דעם וואָגלערישן פאָלק, וועלכעס האָט אַרויסגעשטאָמט פון דעם האַלבאינזל סיני, און וועלכעס האָט שוין פונלאַנג גע-פּרוּווט זיינע רויבאָנפאַלן אויף פּאַלעסטינע. אָבער די מעשים פון שאולן און דעם רום זיינעם האָט פאַרטונקלט דער נאָכ-קומענדיקער קיניג, אויסגעוויילט פון שבט יהודה – דוד, וועל-כער האָט אינדעראמתן דער ערשטער דורכגעפירט די נאַציאָנאַ-לע פאַרייניקונג פון די יידן אין איין יידיש קיניגרייך.

§ 19 דאָס יידישע קיניגרייך. דוד

די צייטן פונם קיניגרייך פאַלן אויס אופן XI און X י. ה. פאַר קר.; דאָס איז די הערלעכסטע תקופה פון דער יידישער געשיכטע. ערשט דעמאָלט האָבן זיך די יידן ציוויליזירט און פאַרייניקט אין איין פאָלק. דאָס איז געווען בלויז דער פאַר-דינסט פון קיניג דוד, וועמען די לעגענדע האָט געמאַכט פאַר אַ פאַסטוך, האַרפע-שפּילער און פאָלקס-זינגער. דערעיקר אָבער און קודם כל איז דאָס געווען אַ גרויסער קריגסמאַן. ער האָט באַזיגט דעם מעכטיקסטן שונא פון די יידן – די פלשתים. ער האָט באַצווינגען אונטער זיין הערשאַפט די מואבים און עמונים אויף מזרח און די עמלקים אויף דרום, דורך וועלכן ער האָט זיך געעפנט אַ צוטריט צום רויטן ים; אַחוצדעם האָט ער, אָפּ-שטויסנדיק די ארמים, וועלכע האָבן געאיילט צו דער פאַרטיי-דיקונג פון דער עמונישער פעסטונג רבת-עמון (וואָס ליגט אויף מזרח פון ירדן), געצווּנגען צו אונטערטעניקייט דמשק. אין

קיניג? וואָסער איז געווען דאָס שכנות פון די בני ישראל פון רער ים-זייט? ווער זענען געווען די פּלשתים? פון וואַנען האָבן זיי ארויכגע-שטאמט? מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרנומען? מיט סאַרא קריגס-קונסט האָבן זיי זיך באַנוצט? וועלכע זענען די העלדן פון די יידישע קאמפן מיט די פלשתים? כאַרא איינפלוס האָבן געהאַט דידאָזיקע קאַמפן אויף

איינער פון די צאָלרייכע מלחמות האָט ער איינגענומען די פעסטונג פון די יבוסים ציון און איבערגעטראָגן אַהער זיין רעזידענץ פון דער שטאָט חברון, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט ביזאַהער די ישובים פון דעם שבט יהודה. כדי אויפצוהויבן דעם גלאַנץ און חשיבות פון זיין נייער רע-זידענץ האָט ער באַפוילן איבערצוטראָגן אַהער דעם ארון הברית, וועלכער האָט זיך ביז דעמאָלט אויפ-באַהאַלטן באַם שבט אפרים אין דער שטאָט שילו. דאָ אויפן באַרג ציון האָבן געזאָלט שטיין דער קי-ניגלעכער פּאַלאַץ און דער טעמפּל פון יהוה. די אויספירונג פון דאָזיקן פּלאַן איז ערשט באַשערט געווען דודס יינגערן זון שלמה. דער עלטסטער זון אבשלום איז אומגע-קומען אין דעם הויז-בונט, וועלכן ער האָט געהאַט אויפגעהויבן קעגן דעם פאָטער. אָבער מיט זיין גאַנצער טעטיקייט האָט דוד געלייגט די פונ-דאַמענטן פאַר דער שפּע-טערדיקער גרויסקייט פון ירושלים.



מויער פון חברון,
דעם לעגענדארישן קבר פון אברהם

דער בילדונג פון דער מלוכה? סארא באדייטונג האָט די מלכים-תקופה אין דער געשיכטע פון די בני ישראל? ווער איז געווען דער ערשטער קיניג? מיט וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט דוד אַלס מאָנאַרך? סארא רעניצן האָט ער געגעבן זיין לאנד? וואָס איז געווען דער יסוד פון דער

20 דער קיניג שלמה

דאָס קיניגרייך פון דוד האָט געגרייכט פון די לבנון-בערג ביז צום רויטן ים. זיין זון און נאָכפאָלגער שלמה (950 י. פאַר קר.) האָט נישט פאַרמערט די שטחים פונם קיניגרייך, ער האָט עס אָבער ארומגערינגלט מיט גלאַנץ און הערלעכקייט. שלמה האָט רעגירט אויפן שטייגער פון די אָריענטאַלישע מושלים, וועמעס לוקסוס ער האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן. כלפי חוץ האָט ער אין די באַציונגען מיט די שכנים געפירט די פּאָליטיק פון זיין פאָטער און זיך פאַרייניקט מיט די מלכים פון צור — דערהויפּט מיט חירומען — אַנטקעגן די בשותפישע שונאים. די פעניציער זענען מיטן הסכם פון שלמה אָפּגעשווי־מען איבערן רויטן ים אין לאַנד אופיר. אַדאַנק זיין לאַגע אויפן וועג קיין עגיפּטן, וועלכעס איז געווען פאַרזען מיט פערד פון אַרמעניע און קיליקיע, ווי אויך אויף מזרח פון אינדיע, איז דאָס יידישע קיניגרייך געוואָקסן אין רייכטימער, הגם אין דער קונסט, אינדוסטריע און מסחר האָבן דאָמינירט די פעניציער. די יידן זענען דאַן נאָך געווען אַן אויסשליסלעך לאַנדווירטשאַפט־לעך פאָלק. די פעניציער האָבן אויך געבויט פאַר שלמהן דעם בית-המקדש און דעם פּאַלאַץ אין ירושלים: דאָס הויז פון יהוה און דאָס קיניגלעכע הויז. דער בית-המקדש איז געוואָרן פון דע־מאָלט אָן אַ בולטער סימן פון דער פאַרייניקונג פון אַלע יידן, און די רעליגיע האָט זיי באַפוילן צו באַזוכן אים דריימאָל אין יאָר.

§ 21 דער בית־המקדש אין ירושלים

די יידן האָבן נישט געשאַפן קיין אייגענע קונסט ווי אויך קיין אייגענע אַרכיטעקטור; ס'איז אויך נישט געבליבן קיין

מלוכה-רעזידענץ ירושלים? ווי אזוי האָט געהייסן די אלטערטימלעכע בעסטונג? ווער איז געווען דער אויסדריקער פון העכסטן רום פון יידישן קיניגרייך? סארא כאראקטער האָט געהאט די הערשאפט פון שלמה?

שום שפורן פון זייער בויקונסט, אַחוץ די רעשטלעך פון די מויערן, וועלכע רינגלען אַרום דעם אַמאָליקן טעמפּל און די פונדאַמענטן, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָך זיין חורבן. די מויערן פון זייערע בנינים און הייזער האָבן די יידן געבויט אויפן פעניצישן שטייגער, ד. ה. זיי האָבן זיי אויסגעלייגט פון דיקע



דער אינעווייניקסטער חצר און דער פאָרנטיקער פילאָן פון מקדש שלמה. רעסטיטוציע

געהאַקטע שטיינער, וועלכע זענען געווען נישט צונויפגעקלעבט מיט איינאַנדער און דערהאַלטן זייער גלייכגעוויכט בלויז מיטן כּוח פון דער שווערקייט. אַזעלכע זענען אויך די רעשטלעך

איצט מען האָט זיי אַדאַנק ; מויערן פון זייער בית-המקדש געקאָנט פעסטשטעלן זיין אָרט, אויפן באַרג, הינטערן שטאָט, אין מוסולמענישן קוואַרטאַל (האראם), ווו עס געפינט זיך היינט דער אָמאַר-מעטשעט (גערופן קובבאַט-עס-סאקרא אָדער פעלזן-קאָפּול). דערפאַר אָבער זענען פאַרבליבן פאַרשידענע אויפשריפטן ; פון זיי ווערן מיר געוווּיר, אַז דער בית-המקדש איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן, פון אַ פעדערהויז און היילִיקן אָרט (דביר). אין פעדערהויז האָבן זיך געפונען די קרבנות-טישן ; אין היילִיקן אָרט — דער ארון הברית, איבער וועלכן ס'האָבן פונאַנדערגע-שפרייט זייערע פליגל אין געשטאַלט פון אַ חופה צוויי כּרובים, אויסגעשניצטע פון איילבערטהאָלץ ; באַם איינגאַנג ווידער צום טעמפל זענען געשטאַנען צוויי בראָנזענע זיילן (אויף העברעיש יכין און בועז). די פאָרנטיקע גרוימיקסטע טייל פונם טעמפל איז געווען צוטריטלעך פאַר אַלע גלויביקע, אַקעגן-זשע צום אָרט מיט דעם ארון הברית האָט געהאַט צוטריט שפּעטער בלויז דער כּוהן גדול. אין דעם חצר פאַרן בית-מקדש האָט זיך אויפ-געהויבן אַ קרבן-עולה-מזבח. דאָ איז אויך געשטאַנען דער א. ג. קופערנער ים, אַ גרויסע בראָנזענע כּלי אין געשטאַלט פון אַ טוליפּאַן-בעכער, וועלכע ס'האָבן אונטערגעהאַלטן אויף זייערע רוקנס 12 אָקסן. פונדאַנען האָט מען געשעפּט וואַסער צו די ריטועלע אַרומ-וואַשונגען. אַחוץ דעמדאָזיקן א. ג. כּוהנישן חצר, איז נאָך געווען אַ חצר פאַר יידן, אַ חצר פאַר קינדער און אַ געצנדינערישער חצר, צו וועלכן ס'האָבן געהאַט אַ צוטריט אַלע, אפילו אומגלויביקע. דער דאָזיקער גאַנצער קאָמפּלעקס חצרים ווי אויך דערבייאיקע זאַלן, שאָטנדיקע ערטער צוזאַמען מיט די צו זיי פירנדיקע טויערן און שטיגן האָבן זיך געפונען אויף דעם מזרחדיקן באַרג, דעם היינ-טיקן מוריה, וועמעס מזרחדיקן ראַנד האָט טאַקע געבילדעט דער באַרג ציון, וועלכער איז צוליב דעם געוואָרן אויסגעגלייכט און

---

* װאָס האָט פּאַלעסטינע פאַרדאַנקט איר ציימווייליקן פונאַנדערבלי? ווער־האָט זיך פאַרנומען מיטן האַנדל אין פּאַלעסטינע? סאַראַ איז געווען די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די יידן? ווער האָט געפלעגט און קולטיווי־ט אין פּאַלעכט נע קונסט, אינדוסטריע און האַנדל? סאַראַ אויסזען האָבן די אַלטע מויערן פון ירושלים? אין סאַראַ סטיל איז געווען דער יידישע־

אונטערגעמויערט. דאָ איז געווען דער מקור פון יידישן קיניג־רייך. אויפן קעגנאיבערדיקן מערבדיקן באַרג, היינט אומריכטיק אָנגערופן צ י ו ן, האָט זיך אַנטוויקלט די שפּעטערדיקע שטאָט ירושלים. דער מערבדיקער רעשט פון דידאָזיקע אונטערמויערונ־גען איז דאָס טאַקע יענע „כותל מערבי", ווו יידן קלויבן זיך



דער א. ג. קבר פון אבשלום, נאָענט פון ירושלים

עד־היום צונויף, כדי צו באַוויינען דעם חורבן ירושלים און דערוואַרטן משיחן. דער בית־המקדש אין ירושלים איז חרוב געוואָרן צוויי מאָל, איינמאָל דורך נבוכדנצרן (586), און נאָכן

אָפּבויען איז ער ווידער פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן דורך טיטוסן (70 י. נאָך קר.), וועמעס טריומפאַל-בויגן אויפן פאָרום אין רוים האָבן באַצירט באַרעליעפן פון פאַרנומענעם רויב, ווי די זיבנרעריקע מנורה, דער איינציקער כמעט עקזעמפּלאַר פון עכטער יידישער קונסט.

§ 22 די פּאָגן פון שלמהס הערשאַפט

די הערשאַפט פון שלמה איז פאַרבליבן צוליב די שפּעטערדיקע מפלות אין זכרון פון די יידן אַלס תקופה פון דער הערלעכקייט פון יידישן קיניגרייך. פאַקטיש אָבער האָט שלמה רויגירט די מלוכה צוליב זיין לוקסוס אַזוי, אַז ער האָט אַפילו עטלעכע שטעט אַוועקגעגעבן חירומען. צוליב דעם באַלעסטיקן די אונטערטאַנען מיט צו גרויסע שטייערן איז שוין פאַר שלמהס לעבן אויסגעבראָכן אַ בונט פון די יידן, וועלכע האָבן מיט שווערקייט פאַרטראָגן די הערשאַפט פון שבט יהודה. שלמה אָבער האָט דעם בונט איינגעשטילט, און זיין אָנפירער ירבעם, דער משגיח איבער די עפנטלעכע אַרבעטן, האָט געמוזט אַנטלויפן קיין מצרים. דאָס האָט גורם געווען נאָך שלמהס טויט דעם איבערפאַל אויף דעם יידישן קיניגרייך פון פרעה שישק, דעם גרינדער פון XXIII דינאַסטיע, וועלכער האָט אויסגערויבט דעם בית-המקדש פון ירושלים.

§ 23 די ירידה פון יידישן קיניגרייך

נאָכן טויט פון שלמה זענען נאָר צוויי שבטים, יהודה און שמעון, פאַרבליבן טריי דעם זון זיינעם רחבעם, די איבריקע אָבער האָבן פּראָקלאַמירט פאַר זייער קיניג ירבעמען. זינט

בית-המקדש? פון וויפל טיילן איז ער באַשטאַנען? וואָס איז אַזוינס געווען דאָס הייליקע אָרט? אַוואָסערע זענען געווען די סימבאָלן פון דער גאָטהייט? וואָס וויסן מיר וועגן דער געשיכטע פון בית-המקדש

דעמאָלט האָבן זיך די יידן פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי מלוכות: מלכות יהודה מיט דער רעזידענץ ירושלים, וועלכעס האָט זיך געהאַלטן ביזן יאָר 586, און מלכות ישראל מיט דער הויפּט-שטאָט שומרון, וועלכעס איז געפאַלן שוין אין יאָר 721. דאָס מלכות יהודה, הגם פון קלענערן אומפאַנג, האָט דערגרייכט אַ פּיל גרעסערע אַנטוויקלונג אין יעדער הינזיכט. עס האָט דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם גרעסערן אינערלעכן סדר און דער ירושהדיקער הערשאַפט פון זיינע מלכים. אַקעגן-זשע האָבן אין מלכות ישראל די אָפטע רעוואָלוציעס און פּאַלאַץ-מרידות גע-ענדערט נאָכאַנאַנד הן די מלכים, הן די דינאַסטיעס. יהודה האָט דערהאַלטן זיין טעמפּל אין ירושלים, אינדערצייט ווען אין מלכות ישראל האָט ירבעם, כדי אָפּצוציען זיינע אונטערטאַנען פון ירושלימער בית-מקדש, באַנייט די אַמאָליקע טעמפּלען אין בית-אל און אין דן, ווו מ׳האָט פאַרערט יהוה אונטערן געשטאַלט פון אַן אָפּגאָט. צוליב דער צעשפּאָלטנקייט האָט דאָס יידישע פאָלק אָנגעוווירן זיין אינערלעכן כוח און ווידערשטאַנדס-פעיקייט כלפּי חוץ; ס׳האָבן דאָס אויסגענוצט די שכנים, ווי די מואבים, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון אונטער זייער אָפּהענגיקייט. אין דמשק אַנטשטייט דאָס מעכטיקע אַרמישע קיניגרייך, און זיין קיניג בן-הדד, פירט כסדרדיקע מלחמות מיט דעם מלכות ישראל (אין IX י. ד.).

§ 24 די מלחמות פון אשור און עגיפּטן וועגן דער הערשאַפט איבער סיריע און פּאַלעסטינע

דעם פונאַנדערבלי ווי אויך די דערפּאָלגרייכקייט זייערע האָבן סיריע און פּאַלעסטינע געהאַט צו פאַרדאַנקען דער מאָמענטאַלער אָפּגעשוואַכקייט פון די שכנים: אין דער ערשטער ריי פון

אין ירושלים? סאַראַ זכר האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך די הערשאַפט פון שלמה? סאַראַ זענען געווען זיינע דעפּעקטיווע זייטן? ווען און צוליב וואָס איז אַנטשטאַנען דער ערשטער בונט פון די יידן? ווער האָט דער ערשטער אויסגערויבט דעם בית-המקדש אין ירושלים? וואָס איז געווען

עגיפּטן, וועלכע איז זיך צעפאַלן אויף צוויי מאָנאַרכיעס, אין פון אַשור, ווו אויף דער גאַנצער תּקופה, אָנהויבנדיק פון תּגלת־פּלאסר I ביז אשורנסירפּל, פאַלן אויס די סאַמע אומבאַ־האָלפענע מלכים. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מיטל־עלטערישער מאָנאַרכיע הויבן די אַשורים אָן צו שפּאַרן אויף סיריע. אשורנסירפּל (IX י. ה.) פּלייסט זיך צו עפענען אַ צו־טריט צום מיטללענדישן ים; די באַצווינגענע פעניצישע שטעט זענען נכנע געוואָרן צו אים און אָפּגעקויפט זייער פריי־הייט מיט אויסלייזגעלט. צידון האָט פאַרלוירן איר אומאָפּהענ־גיקייט פאַר די צייטן פון אסרחדון (678) צור, ווי געוויינלעך, קויפט זיך אויס, אָבער די אַשורים הערשן אַפילו אויף קיפּראָס, און די שטאָט קיטיאָן אָנערקענט זיך פאַרן וואַסאַל פון די אַשורישע מלכים. דער וועג אין דער טיף פון אַראַביע האָט פאַרצוימט אַשורן דמשק, אין וועמעס אָפּהענגיקייט ס׳האָט זיך געפונען די שטאָט חמת איבערן אָראָנטעס, דערפאַר טאַקע האָט תּגלת־פּלאסר זי באַצוואונגען און איינגעגלידערט אין דער אַשורי־שער מלוכה. דעמאָלט ענדיקט זיך דער אומאָפּהענגיקער גורל פון דמשק, איר אָרט פאַרנעמט מיט דער צייט אַנטיאָכיע, וואָס איז געלעגן איבערן אָראָנטעס, אויפן וועג פון מעסאָפּאָטאַמיע צום מיטללענדישן ים.

§ 25 מלכות ישראל

דער ערשטער צוזאַמענשטויס פון די יידן מיט די אַשורים פאַלט אויס אויף די צייטן פון דער הערשאַפט פון זייער קי־ניג עמרי; זינט דעמאָלט רופן די אַשורים כּסדר אָן דאָס יידי־שע קיניגרייך דאָס מלכות פון עמרי. עמרי איז געווען דער גרינדער פון דער ערשטער אייגנטלעכער ישראל־דינאַסטיע. ער

די סיבה פון דעם פונאַנדערפאַל פון יידישן קיניגרייך? וויפל מלוכות זענען געווען אין פּאַלעסטינע און מיט וואָס האָבן זיי זיך אונטערגעשיידט אין רעליגיעזער און פּאָליטישער הינזיכט? סאַראַ נייע מלוכות האָבן זיך פאַרשטאַרקט אויפן חשבון פון דעם יידישן קיניגרייך? וואָסער איז

האָט אויסגעברייטערט דאָס מלכות ישראל אַזוי, אַז ער האָט געמאַכט פאַר זיין וואַסאַל דאָס קיניגרייך פון מואב. עס זאָגט עדות דערויף דער אויפשריפט פון קיניג מישע, וועמען ס'איז ערשט געלונגען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון די יידן. עמרי האָט דער ערשטער איבערגעטראָגן דעם זיץ פון דער שטאָט תרצה אין דער ניי אויסגעבויטער רעזידענץ שומרון. זיין זון אחאב איז געווען אַן איידעם פון צורישן יתבעל (אויף גריכיש איטאָבאַלאָס), און ער האָט דאָס פאַר זיין פרוי איזבל איינגעפירט דעם קולט פון פעניצישן בעל, נישט באַזייטיקנדיק איבריקנס די פאַרערונג פון יהוה, וועלכער איז פאַרבליבן אויך אויף ווייטער דער גאָט פון דער מלוכה-רעליגיע. די איינפירונג פונם בעל-קולט האָט אַרויסגערופן צום ערשטן מאָל אַ רעאַקציע צווישן די יידן, וועלכע זענען געווען אויפגעבראַכט קעגן די פרעמדע געטער און דער געצנדינעריי. דער פּראָטעסט איז אַרויסגעגאַנגען פון אַן איינצלנער פערזאָן, אליהו, געבוירן פון דער משפחה תשבי אין גלעד, מיט דער צייט אָבער האָט ער נאָכגעצויגן נאָך זיך מער נאָכפאָלגער, אַזוי אַז דידאָזיקע באַ-וועגונג איז געוואָרן אַ מעכטיקער רעפאָרמאַטאָרישער שטראָם. זיינע אויסדריקער זענען די נביאים, וועלכע זענען אויך די אייגנטלעכע שעפער פון מאָנאָטעיזם, דער שפּעטערדיקער יידי-שער רעליגיע.

§ 26 דער נביא עמוס און דער יידישער דת

ער כלל יידן איז נאָך דעמאָלט אַרונטערגעפאַלן דער השפעה פון די כוהנים, וועלכע האָבן אינם קיניג נאָר געהאַט זייער ראש. זיי זענען געווען די איינציקע אָנפירער פון פאָלק אין מאָראַלישער און רעליגיעזער הינזיכט. אומאָפּהענגיק פון זיי

געווען דער מצב פון זייערע מאַכטן פאַר דער בליצייט פון דעם יידיש[ן] קיניגרייך? ווער האָט ריוואַליזירט וועגן דער הערשאַפט איבער אזיע, און ווי האָט זיך דאָס אָפּגעשלאָגן אויפן גורל פון סיריע און פּאַלעסטינע? ווי ווייט האָט געגרייכט די מאַכט פון די אשורישע מלכים? וועלכע

זענען געווען די נביאים, וועלכע האָבן געהאַט צווישן פאָלק זייערע פאַרערער און נאָכפאָלגער. איינער פון אַזעלכע נביאים איז געווען אין די צייטן ביז דעם קיניגרייך דער נביא שמואל, וועלכער האָט אָנגעוויזן פאַר אַ קיניג די פערזאָן פון שאול. און דערנאָך האָט אויך דער נביא אלישע נאָכגעטון דעם ביישפיל פון אליהו און פאַראורזאַכט די ענדערונג פון דער דינאַסטיע, דערביי איז דער דעמאָלט הערשנדיקער קיניג יורם געטויט געוואָרן, און אויף זיין אָרט האָט מען אויסגעקליבן יהוא, איינעם פון די אָנפירער פון דער קיניגלעכער אַרמעע. דאָס פאָלק האָט צעשטערט דעם טעמפל פון בעל, און צוזאַמען מיט דער נייער דינאַסטיע האָט דער קולט פון יהוה גענומען הערשן אין זיין גאַנצער פראַכט. נאָכן באַזייטיקן די אויסערלעכע סיבות צום קאַמף פאַר די רעליגיע זענען פאַרבליבן די אינערלעכע, אָדער ריכטיקער, די אומוואַנדלונג פון די רעליגיעזע באַגריפן, און דערדאָזיקער שנוי האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אַרויסטריט פון נביא עמוס. פאַר דער הערשאַפט פון ירבעם II האָט דאָס מלכות-ישראל געגאָסן פון ווילשטאַנד און מאַטעריעלער דערפאָלגרייכקייט; פון מזרח אָבער האָט זיך אָנגערוקט אַ שטורם אין געשטאַלט פון אַ מוראדיקער קריגס-מאַכט פון די אַשורים און אָנגעזאָגט דעם סוף פון מלכות ישראל. ס׳האָבן נישט געוווסט דערפון אַפילו די מקורבים פון קיניג, ס׳האָט אויך נישט געוווסט דאָס פאָלק, פאַרגלויבט אין זיין יהוה. אָבער ס׳האָט זיך איינגעשטעלט צו זאָגן אים דעם אמת דער נביא עמוס, וועלכער האָט פאָרויסגעזען, אַז ס׳דערנענטערט זיך דער סוף פון דעם קיניגרייך. אָבער ניי און אומדערוואַרט אין זיין התגלות איז געווען דאָס, וואָס לויט אים וועט דער גורם פון דעם אומקום זיין נישט אַשור, אַ שטאַרקערער גאָט פון יהוה, וועלכער וועט אים באַזיגן, נאָר אַז דער, וואָס האָט

שטעט אין סיריע האָבן באַצוווּנגען די אשורים? ווען האָבן זיי זיך צונויפגעשטויסן מיט די יידן, און אונטער סאַרא נאָמען טרעטן אויף די יידן אין דער געשיכטע פון אשור? אַוואָסער איז געווען די ערשטע איינגנטלעכע ישראל-דינאַסטיע? מיט וואָסער טאַט האָט זיך אויסגעצייכנט איר ערשטע גרינדער עמרי? ווו איז אנטשטאַנען די ערשטע רעזידענץ

אויף זיי אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל איז יהוה אַליין, וועלכער איז דער גאָט נישט בלויז פון די יידן, נאָר אויך פון זייערע פיינט, און אַז דער אופן פון מפיס זיין אים באַשטייט נישט אין ברענגען קרבנות, נאָר אין יושרדיקן לעבן, פאַר וועלכן ס׳וועט, נישט געקוקט אויף די מפלות און פורעניותן, קומען מיט דער צייט פאַר די יידן אַלס באַלוינונג אַ טאָג פון אויס־לייזונג. דידאָזיקע נייע תורה, געפּרעדיקט דורך עמוסן און שפּע־טער אויך דורך אַנדערע נביאים, איז געווען שוין נישט קיין אומקער צום אַלטן גלויבן, נאָר אַ לגמרי נייע רעליגיע, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם קולט פון יהוה, דעם אומגעזעענעם און מעכטיקערן איבער אַלע אַנדערע געטער, וועלכער וווינט נישט אויף דער ערד אין מאַטעריעלע געגנשטאַנדן, אַפילו ווען זיי זאָלן זיך געפינען אין טעמפּל, נאָר אין די הערצער גופא. זינט דעמאָלט הויבט זיך אָן אויסבילדן דער אייגנטלעכער ייִדי־שער דת, וועלכער איז געוואָרן נישט קוקנדיק אויף דער פּאָ־ליטישער ירידה, און טייל־ווייז צוליב איר, די סיבה פון דעם ווידערגעבורט פון ישראל.

§ 27 דער סוף פון מלכות ישראל

כּן פאַלן פון דמשק האָט די מלוכה פון ישראל זיך שוין נישט געקאָנט דערהאַלטן. איר בונד מיט זיין לעצטן קיניג רזון האָט זי אָפּגעקויפט מיטן קאָפּ פון איר לעצטן קיניג פקח און מיט באַדייטנדיקן מס. ווען זיין נאָכפאָלגער הושע האָט נאָכן טויט פון תגלת־פלסר III זיך געלאָזט מיטרייסן פון דער אַלגעמיינער פּאַטריאָטישער שטימונג און נע־שלאָסן אַ בונד מיט דעם פּרעה פון דער עטיאָפּישער דינאַסטיע

פון קיניג־רייך? סאַראַ איינפלוס האָט דער פעניציישער קולט אויף ישראל? וואָס האָט דערוועקט אַ רעאַקציע? ווער האָט געגעבן דעם לאָזונג צו איר? זינט ווען באַגעגענען מיר זיך אין דער געשיכטע פון די יידן מיט די נביאים? וואָסער איז זייער אויסשפּרינגלעכער כאַראַקטער? ווען הייבט זיך אָן די רעליגיעזע רעפאָרמאַציע בא ישראל? סאַראַ פּאָליטישן

(שאבאקא), וועלכער האָט, ווי איבריקנס אַלע מלכים פון עגיפּטן, באַטראַכט פּאַלעסטינע פאַרן שליסל פון דער הערשאַפט איבער אַזיע, האָט זיך שלמנאסר IV באַוויזן הינטער די טויערן פון שומרון און זי באַלאַגערט גאַנצע דריי יאָר. אָבער ערשט נאָך זיין טויט, אין די ערשטע חדשים פון דער הערשאַפט פון סרגון II, איז שומרון אריינגעפאַלן אין די הענט פון די אַשורים. נישט קוקנדיק דערויף שרייבט דער תּנך צו דאָס איינגעמען שומרון נישט אים, נאָר שלמנאסרן. די יידן זענען געוואָרן אָדער פאַרטיליקט, אָדער אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט איבער פאַרשידענע שטעט, און יעטוועדער שפּור זייערער אין דער פרעמד איז אַוועקגעקומען. אויף זייער אָרט זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן נייע תּושבים, לויטן אַשורישן מנהג, פון די לענדער, וועלכע זענען באַשטראָפט געוואָרן פאַר מרידה. דאַן הויבט אויך אָן אַפילו די העברעישע שפּראַך צו פאַרשווינדן אין פּאַלעסטינע. איר אָרט האָט פאַרנומען די שפּראַך פון די צפונדיקע שבטים פון סיריע – אַראַמיש, וועלכע האָט שפּעטער געזאָלט ווערן דער אַלגעמיין הערשנדיקער דיאַלעקט נישט בלויז צווישן די באַצווינגענע סעמיטן, נאָר אויך אין מעסאָפּאָטאַמיע, אַלס באַנוצטער דורך דעם הערשנדיקן כאַלדעישן עלעמענט.

§ 28 מלכות יהודה. דער נביא ישעיה

דאָס לענגער דויערנדיקע מלכות יהודה גייט מתּחילת אַראָפּ, אַלס קלענערע, אויפן צווייטן פּלאַן לגבי דעם מלכות ישראל. בלויז דער בית-מקדש אַליין האָט אים צוגעגעבן גלאַנץ און חשיבות. אויך די לאַגע זיינע אָן אַ זייט פאַרשפּאָרט אים אוממיטלבאַרע אָנפאַלן מצד אשור, וועמעס איבערהערשאַפט

קריזיס האָט זי אַרויסגערופן אין מלכות ישראל? וואָס איילט אים צו? און וואָס באַשטייט די נייע רעליגיע — בנוגע דעם קולט, בנוגע דער פאַרערונג פון יהוה? ווען האָט זיך געשאַפן דער ברית ישנה? ווער איז דער לעצטער פון די מלכים פון שומרון? וואָסער איז געווען זיין פּאָליטיק? ווען איז געפאַלן שומרון? סאַראַ איז געווען דער סוף פון

איבער זיך עס מוז אָבער אָנערקענען. נאָכן פאַלן פון שומרון ווערט דאָס מלכות יהודה דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פאָלק: דאָ הויבט זיך אויך אָן צו שפּינען דער פאָדים פון רעליגיעזער רעפאָרמאַציע אין די פערזאָנען פון די נביאים. דער איינציקער חילוק צווישן די נביאים פון ישראל, ווי הושע, עמוס און די פון יהודה, ווי ישעיה, ירמיהו, איז געווען דאָס, וואָס די לעצטע שטעלן זיך פאָר מער אַלס פּאָליטיקער און מענטשן פון מעשים. ישעיה איז געווען אַ מקורב פון קיניג אחז, ער האָט זיך באַמיט מיט עצות אים אָפּצוהאַלטן פון כלומרשט גרויסער, אין תוך אָבער אוואַנטורישער פּאָליטיק, אָנווייזנדיק אים אויפן פרישן ביישפּיל פון אונטערגאַנג פון שומרון. שוין נישט די בלויזע באַשטראָפונג דורך יהוה און די דערוואַרטונג פון אויס־לייזונגס-טאָג האָבן אָנגעזאָגט די נביאים פון יהודה, ווי ישעיה. זיי האָבן געהאַט פאַר אַ ציל דערעיקר די דערהאַלטונג פון דעם רעשט פון יידישן פאָלק, און צוליב דעם זענען זיי גרייט געווען אַפילו מקריב צו זיין די פאַרדאָרבענע טייל פון פאָלק און זיך באַגרעניצן אויף די באַקענער פון אמתדיקן יהוה, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט קוים אַ הייפל, וואָס האָט אין אים געגלויבט און זיך אַרום אים קאָנצענטרירט. אַזוי בכן איז די אידעע פון ישעיה שוין געווען אייגנטלעך די אידעע פון דער כוהנים-טעאָקראַציע, און מיט זיין גאַנצער טעטיקייט האָט ער געלייגט די יסורות פאַרן קינפטיקן דת פון די יידן. די פּראַקטישע טעטיקייט פון די נביאים אין יהודה איז באַשטאַנען דערעיקרשט דערין, אָפּצורייניקן די אויסערלעכע זייט פונם קולט פון די רעשטלעך געצנדינעריי, (די בראָנזענע זיילן און דעם קופּערנעם שלאַנג אין בית-מקדש), און איז אויך געווען געווענדט אויף דער געזעצלעכער און זיטלעכער נאָרמירונג פונם לעבן פון די יידן. די ביזאַהעריקע מאַטעריעלע פליכטן

ישראל אין גלות אשור ? סאַראַ שפּראַך-ענדערונג איז פאָרגעקומען אויפן שטח פון די סעמיטישע פעלקער פון אזיע ? סאַראַ איז געווען די באַ־ציונג פון מלכות יהודה צו ישראל ? וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט יהודה נאָכן פאַלן פון שומרון ? „ווי האָט זיך אין איט אויסגעדרוקט די רעפאָרמאַטיוו-רעליגיעזע באַוועגונג ? ווער האָט צו איר געגעבן די

לגבי יהוה, ווי קרבנות, פאַרוואַנדלען זיך אין מאָראַלישע פליכטן אין זינען פון די עשרת הדברות, אין וועלכע יהוה פאַרלאַנגט פאַר זיך גאָרנישט, אַקעגן-זשע פאַרלאַנגט ער אַ גענויע אָפּהיטונג פון די געבאָטן און אַ מאָראַלישן לעבן פון זיינע מאמינים. אַ וויכטיקן שריט אויפן דאָזיקן געביט איז געווען די משנה תורה, אָדער קאָדעקס — די פאַרברייטערונג פון די עשרת הדברות, וואָס איז פּראָקלאַמירט און איבערגעלייענט געוואָרן אין בית-המקדש אין יאָר 621, דורכן קיניג יאשיהו. ערשט איצט איז די גאַנצע ביזאַהעריקע רעפאָרמאַציע-באַוועגונג געוואָרן איינגעשלאָסן אין אַ געזעצגעבערישער פאָרם. נאָכמער, די ביזאַהעריקע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך געפונען צום ערשטן מאָל אויסגעדריקט בכתב, מיטן זעלביקן האָט זיך אויך די אייגנטלעכע רעפאָרמאַציע-תקופה שוין פאַרענדיקט. זיינע יורשים זענען געוואָרן די כוהנים, דערהויפּט דייעניקע, וועלכע זענען געווען באַם ירושלימער בית-המקדש, דעם איינציקן דערלויבטן אָרט פאַרן יהוה-קולט; דידאָזיקע כוהנים, די אָפּשטאַמלינגער פון צדוק (בני צדוק), האָבן געבילדעט דעם אָנהויב פון דער שפּעטערדיקער יידישער טעאָקראַציע.

§ 29 דער אונטערגאַנג און חורבן פון ירושלים

די אַבסאָלוטע נייטראַלישקייט, וועלכע איז געווען אָנגעוויזן דעם מלכות יהודה, האָט זיך צוליב פאַרשידענע סיבות נישט געקאָנט אויפהיטן. נאָכן אונטערגאנג פון מלכות אשור זענען ווידער געשטיגן די האָפענונגען צו דערהאַלטן דעם זעלבשטענדיקן קיום פון פאָלק. מיט דער פאַרשווינדונג אָבער פון נינוה האָט איר אָרט אויף דער היסטאָרישער אַרענע

איניציאַטיוו? ווער האָט געלייגט די יסודות פאַר דער טעאָקראַציע און דעם שפּעטערדיקן דת? ווען איז אַנטשטאַנען דער דת? אוואָסערע זענען די עטאַפּן אין זיין אַנטוויקלונג? ווער פון די מלכי יהודה האָט אָנגענומען דעם דת? סאָרא פּראַקטישן פועל-יוצא האָט דאָס געהאַט? וואָס האָט אומגעוואָרפן דאָס מלכות יהודה? ווער האָט איינגענומען ירושלים?

פאַרנומען בבל, וועלכע האָט אין דער שלאַכט הינטער כרכמיש (605 י.) ניצח געווען איר קאָנקורענט אין סיריע און פּאַלעסטינע, עגיפּטן. פּונקט ווי ישעיה האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פון ישראל, אַזוי האָט איצט דער נביא ירמיהו פאָרויסגעזאָגט דעם סוף פון יהודה. ער איז געקומען גראָד אין דעם מאָמענט, ווען די בני יהודה, וועלכע זענען געווען דערמונטערט דורך דער הילף פון עגיפּטישן פרעה חפרע (Apries), האָבן זיך נאָכאַמאָל געכאַפּט פאַרן געווער. נבוכדנצר האָט איינגענומען ירושלים, צעשטערט אירע מויערן, און דעם מקדש פון שלמה אויסגעגלייכט מיט דער ערד (586). די איינוווינער פון יהודה האָבן געטיילט דעם גורל פון די איינוווינער פון אַמאָליקן מלכות ישראל און זענען געוואָרן אַוועקגעפירט קיין בבל. די איצטיקע סיטואַציע אָבער פון די בני ישראל אין פאַרגלייך צו דער אַמאָליקער פון פאַר 150 יאָר נאָכן פאַלן פון שומרון האָט זיך געענדערט צו זייער טובה. מחמת ס'איז אַנטשטאַנען אַ גאַנץ נייע יידישע געזעלשאַפט, אויסגעבילדעט אויף אַנדערע געזעצן און באַלעבט דורך גאַנץ אַנדערע אידעאַלן ווי פריער. אויפן אָרט פון גאָט יהוה, וועמעס גורל ס'איז געווען פאַרקערפּערט אין גורל פון פאָלק, האָבן זיי די נביאים געגעבן אַ גאָט יהוה, וועמעס אָנוועזנהייט ס'האָט זיך אויסגעדריקט אינם געזעץ. דאָסדאָזיקע געזעץ איז געווען העכער פאַרן פריערדיקן, מחמת ס'איז געווען אַנטהאַלטן אין דער נשמה פון יעדן יחיד, אין זיין קראַפט און מאָראַלישער פולקאָמענהייט. אַדאַנק דעמדאָזיקן רעליגיעזן אידעאַליזם האָבן זיי געקאָנט בילדן, נישט געקוקט אויף דער צעקלאַפּטקייט, אַזאַ געפרעסטע גאַנצקייט, אַז זי האָט איבערגעדויערט די אַלטערטימלעכע געצנדינערישע וועלט און זיך אויפגעהיטן ביז אויפן היינטיקן טאָג. שוין אין גלות איז באַ זיי אַריין אין אַ מנהג דאָס פייערן איין טאָג אין וואָך

וואָסער איז געווען דער גורל פון בית־המקדש? אַדאַנק וואָס האָט ישראל איבערגעהאַלטן די גלות־תקופה? און וואָס האָט געשטעקט דער כוח פון דער נייער רעליגיע פון ישראל? וואָס האָט גורם געווען צו איר אַנטוויקלונג אין דער תקופה פון גלות בבל? ווען איז פאָרגעקומען דער אומקער פון גלות? וואָס האָט פאַרטרעטן דאָס אַמאָליקע יידישע

(שבת) און דאָס צונויפקלייבן זיך אין באַשטימטע ערטער (שולן) כּדי צו לייענען די ספרי נביאים, וועלכע זאָגן פאָר אַ בעסערן עתיד און דעם ענדגילטיקן טריומף פון יהוה. שוין נישט דאָס אייגענע מלכות ישראל איז געווען דער קעגנשטאַנד פון זייערע טרוימען, נייערט יהוה און זיין מקדש אויפן באַרג ציון.—אָט אויף וואָס ס'זענען יעצט געווען געווענדט די אספּיראַציעס פון די ישראלים; אין דידאָזיקע טרוימען האָבן זיי פאַרבראַכט די גלות-תקופה, דערוואַרטנדיק זיך דעם סוף פון בבל (538) און צוגלייך דעם מאָמענט, ווען דער עדיקט פון כּורש I האָט זיי דערלויבט זיך אומצוקערן קיין פּאַלעסטינע און צוריק אויפבויען דעם ירושלימער בית-מקדש.

§ 30 די שריפטן פון די כּוהנים. די נביאים עזרא און נחמיה

דער ענדגילטיקער פּראָצעס פון דער אומגעשטאַלטונג פון די רעליגיעזע באַגריפן פון די ישראלים האָט זיך פאַרענדיקט ערשט נאָך זייער אומקער פון בבל און דער אָפּבויונג פון דעם בית-מקדש. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם אויסבילדן זיך פון זייערע נייע עקזיסטענץ-תנאים, און דערהויפּט מיט דעם צונויפלעבן זיך פון די איינוואַנדערער מיט די אַלטע תּושבים. שוין נישט ישראל אַלס פאָלק, נאָר דער בית-מקדש איז געוואָרן דער באַשיימפערלעכער צענטער פון דער נייער געזעלשאַפט, צו וועלכער ס'האָבן געקאָנט געהערן נישט בלויז די יידן, נאָר די אַלע, וואָס פאַרערן יהוה און האַלטן זיינע געזעצן. די קהלה, וועלכע האָט זיך אין דידאָזיקע תּנאים אויסגעבילדעט, האָט

פאָלק? ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די קהלה בא דעם בית-המקדש אין ירושלים? אַוואָסער איז געווען דער כּאַראַקטער פון 1דער נייער געזעלשאַפט? וואָס איז געווען איר צונויפשליסנדיקער קשר? סאַראַ איז געווען דער נייער קאָדעקס פון דערדאָזיקער קהלה? ווי רופט זיך די קאָדיפיקאַציע פון די, אַמאָליקע געזעצן פון די יידן, און ווער האָט זי באַארבעט?

געהאַט אַ דורכויס רעליגיעזן כאַראַקטער. דער קשר ווידער פון אירע מיטגלידער איז געווען נישט די פּאָליטישע איבערצייגונגען, אויך נישט די סאָציאַלע באַציונגען, נאָר די רעליגיע, וועלכע אָנערקענט בלויז די ראַנגן-העכערקייט. אויפן ערשטן אָרט טאַקע אין דער געזעלשאַפטלעכער היעראַרכיע שטייען די ירושלימער כוהנים, די אָפּשטאַמלינגער פון אהרן אָדער צדוק, שפּעטער די לווים, אָדער דער פּראָווינציאָנעלער קלער, לסוף די גלויביקע. דער געזעצלעכער יסוד פאַר דער-דאָזיקער קהלה מיט טעאָקראַטישן סדר איז געוואָרן דער נייער, א. ג. כוהנישער קאָדעקס, וועלכער האָט באַשטימט דעם גאַנצן רעליגיעזן קולט. צוזאַמען מיט די עלטסטע שריפטן, אָדער יהוהישע צוזאַמען מיטן ספר דברים, שאַפט ער די א. ג. תורת משה, די פּרוכט פון קאָדיפיקאַטאָרישער און קאָמפּילאַטאָרישער אַרבעט, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן נאָכן גלות בבל. צו דער אַנטשטייונג פון דאָזיקן ווערק האָט גורם געווען דערעיקר עזרא, וועלכער האָט אין דער צייט פאַר דער העלפט פון V י. ה. דורכגעפירט דאָסדאָזיקע ווערק, און נחמיה, וועלכער האָט פאַראורזאַכט דאָס אָננעמען עס דורך די מיטגלידער פון דער ניי-געגרינדעטער קהלה באַם בית-המקדש אין ירושלים. דידאָזיקע תורת משה איז אויך דער אָנהויב פון דער יידישער געשיכטע אָדער פון היינטיקן יידנטום.

ביבליאָגראפיע

I. Wellhausen: Israelitische und jüdische Geschichte. V Aufl. 1900

M. Müller: Asien und Europa nach altägyptischen Denkmälern. 1893

H. Winkler: Geschichte Israels in Einzeldarstellungen. 2 B. 1900

„ Die Völker Vorderasiens (Der alte Orient 1900)

Brugsch H.: Steinschrift und Bibelwort. 1891

E. Schrader: Die Keilinschrift und das alte Testament, III Aufl. 1903

A. Jeremias: Das alte Testament im Lichte des alten Orients. (Handbuch zur biblisch-orientalischen Altertumskunde) II Aufl. 1906

D. K. Budde: Geschichte der althebraischen Litteratur. 1906

S. J. Curtis: Ursemitische Religion im Volksleben des heutigen Orients. 1903

F. Hommel: Die Semiten und ihre Bedeutung für die Kulturgeschicte. 1881

„ Geschichte des alten Morgenlandes.

F. C. Movers: Die Phönizier. Das Phönizische Altertum. 3 B. 1856
W. Landau: Die Phönizier. (Der alte Orient 1901)
A. Sanda: Die Aramaer (Der alter Orient 1902)
A. v. Gutschmid: Phoenicia (בריט. ענציקל. X אויפל. 18 ב.
W. Robertson Smith: Bible.
G. Maspero: Histoire des peuples d' Orient.
E. Meyer: Geschichte Altertums
„ The development of individuality in ancient History (Kleine schriften 1910).
Wachsmuth: Einleitung in das studium der alten Geschichte.
Sayce: The archeology of the cuneiform inscriptions.
Tiele: Geschichte der Religion im Altertum.
Perrot et Chipiez: Histoire de l'art dans l'antiquité IV T. La Judée. 1887
E. Babelon: Manuel d'archeologie orientale.

קליינאַזיע

§ 1 געאָגראַפישע לאַגע

דער האַלבאינזל פון קליינאַזיע בילדעט אַ כמעט רעגולערן פירעק, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט בערג. דערדאָזיקער פירעק איז אַ הויכעניש, וואָס שפּאַרט צו אויף דרום צום הויכלאַנד אַרמעניע און איז אָפּגעטיילט דורך בערג פון צפונדיקן סיריע. דידאָזיקע בערג שטעלן מיט זיך פאָר דעם המשך פון דעם טאַורוס-פּאַס, וואָס בילדעט דעם דרומדיקן ראַנד פון דער הויכעניש. אינמיטן פון איר מיטלאַזישן המשך טיילט זיך די טאַורוס-טייל אָפּ פון הויפּטפּאַס און לויפט אין אַ כמעט מעריּ־דיאַנישער ריכטונג, בילדענדיק דעם א. ג. אנטיטאַורוס-פּאַס. דער צפונדיקער ראַנד פון דער הויכעניש איז ווייניקער שטייל און בערגיק ווי דער דרומדיקער, הגם אויך דאָ באַגעגנט מען איינצלנע בערגפּאַסן, פּאַראַלעל צום ים, ווי די אָלימפּ-בערג אין מיזיע. צו מערב פאַלט די הויכעניש אַראָפּ מיט פּאַראַלעלע פּאַסן, וועלכע ווערן איבערגעריסן דורך טיפע טייכטאָלן, ווי הערמאָס און מעאַנדער, זיי לויפן אַזש צום סאַמע ים און געפינען זייער המשך אויף די שכנותדיקע אינזלען. דאָס זענען די בערג, ווי: אידא אין טראָאַדע, טמאָלאָס און סיפּילאָס איבערן

סאַראַ איז די פאָרם פון דעם האַלבאינזל פון קליינאַזיע? וואָסער איז זיין דרומדיקער און צפונדיקער ראַנד? וואָסערע זענען די בערג-פּאַסן ווי אויך זייער ריכטונג? וואָס בילדעט דעם מערבדיקן ראַנד?

הערמאָס. אין הסכם מיט איר צווישנבערגיקער און הויכער לאַגע איז דער כאַראַקטער פון דער קליינאַזיאַטישער הויכעניש אַ מדבר־דיקער, אַנאַלאָגיש צו די אַנדערע הויכענישן פון מיטלאַזיע. עס פעלן טייכן. דער איינציקער גרעסערער טייך האַליס (Kizil-Irmak) הויבט זיך אָן אויפן ראַנד פון דער מזרחדיקער הויכעניש און פליסט צו מערב דורך דער אינזל שיוואַס, כדי דערנאָך, מאַכנדיק אַ בויגן אינמיטן פון דער הויכעניש, אַריינצופאַלן אין שוואַרצן ים אַריין. דער צווייטער באַדייטנדיקער טייך, וועלכער פאַלט אַריין אין זעלביקן ים מער צו מערב צו, דאָס איז סאַנגאַריאָס. דערקעגן זענען צאָלרייך די וואַסערן אָן אָפפלוס און געזאַלצענע אָזערעס, ווי טאַטטאַ (Turgel), אין וועלכן דער פראָצענט זאַלץ איז אַ גרעסערער, איידער אין טויטן ים. דער באָדן־אויבערפלאַך איז דאָ אַ כוואַליענאַרטיקער. צאָלרייך זענען די באַזאַלטישע און ווולקאַנישע בערג, פון וועלכע די ארגעישע בערג (Erdżijes) אינמיטן האַלבאינזל דערגרייכן די הויך פון 4 טויזנט מעטער. דער קלימאַט פון לאַנד איז אַ טרוקענער, קאָנטינענטאַלער, און בכן אומגלייכער. דער קעגנזאַץ אין דער טעמפעראַטור פון ווינטער און זומער איז אַן אומגעהויערער. דער דוחק אין האָלץ איז גורם דערצו, וואָס די באַפעלקערונג גראָבט אויס אירע וווינונגען אין דער ערד. זי באַשעפטיקט זיך בעיקר מיט פאַסטוכעריי, דערהויפט מיט פי־באָוועניש. אין אַלטערטום האָט זיך די טייל הויכעניש אויף מערב פון האַליס גערופן פריגיע, אויף מזרח ווידער קאַפּאַדאָקיע. דידאָזיקע הויכעניש פון קליינאַזיע, וועלכע פאַרנעמט דרייפערטל פונם האַלבאינזל, בילדעט אַ שרייענדיקן קעגנזאַץ צו די ברעג־נידערנישן, פון צווישן וועלכע די באַדייטנדיקסטע איז די נידערניש קיליקיע אויף דעם דרום־מזרחדיקן ראַנד פונם האַלב־אינזל צופיסנס פון די טאַוורוס־בערג. עס באַוואַסערן זי די טייכן סאַראָס און פיראַמאָס, וואָס בילדן דאָ די פרוכפעריקע אַלוּוויעס.

סאַרא איז דער כאַראַקטער פון זיינע בערג און טייכטאָלן? ווי אַזוי שטעלט זיך פאָר די אינערלעכקייט פון דער הויכעניש? פון טייך? פון דער אָזערע? וועלכער איז דער באַדייטנדיקסטער טייך אויף דער הויכעניש? סאַרא וואַסערן זענען אָן אָפפלוס? סאַרא מין פעלזן געפינט

דאָ אַרומעט פירט אַ וועג פון דער הויכעניש פון קליינאַזיע און ארמעניע דורך די אַמאַנאָס־בערג קיין סיריע. די אַלטערטימלעכע שטאָט פון קיליקיע תרשיש (טאַרסוס) (היינטיקע) איז שוין געווען איינגענומען דורך שלמנאסר III) האָט געשמט פונלאַנג אַלס מארק צווישן די מזרחדיקע לענדער און דעם מערב, פונדאַנען האָט אויך געשטאַמט באַ די אשורים דער נאָמען פון מזרחדיקן טייל פון דאָזיקן לאַנד מוזרי (מאַרק). דאָס שכנותדיקע ליקיע און דאָס ווייטער צו מערב ליגנדיקע קאַריע זענען בערגיקע ברעגלענדער און זענען רייך אין בוימער (צעדערן פון די טאווירוס־בערג). דער קלימאַט אויף דעם מערבדיקן און דרומדיקן ברעג פון קליינאַזיע איז אַ וואַרימער, און די געוויקסנוועלט אַ מיטל־ימיקע. דער צפונדיקער ברעג באַזיצט אַ באַדייטנדיק שאַרפערן קלימאַט, אויך דאָ פונדעסטוועגן וואַקסן נאָך דעמבעס, קאַשטאַנבוימער און פלאַטאַנען. נישט געקוקט אויף איר דריי פערטל מדברדיקן און אומ־פרוכטבאַרן כאַראַקטער, האָט דער האַלבאינזל פון קליינאַזיע געשפילט אין דער געשיכטע אַ וויכטיקע ראָלע פון אַ פאַר־מיטלער צווישן די ברעגעס פון שוואַרצן און עגעישן ים און די לענדער פון מזרח. דערהויפט די שטאָט, וואָס ליגט אינמיטן פון דעם האַלבאינזל, צעזאַרעאַ (היינט Kaizarejah), איז געווען דער קרייצפונקט פון די וועגן: אויף מזרח קיין כרכמיש, אויף דרום קיין סיציליע, אויף מערב קיין לידיע און אויף צפון קיין טראַאַדע. פונדאַנען איר אומאיבערגעריסענע אַנטוויק־לונג, וועלכע דויערט זינט עטלעכע טויזנט יאָר (די אַלטערטימ־לעכע מאזאקא, שפעטער אויסעביע, זינט די צייטן פון טיבעריושן צעזאַרעאַ). די בערג פון קליינאַזיע זענען רייך אין מעטאַלן: קופער, אייזן, גאָלד און זילבער, די בערג־אינדוסטריע איז בכן זינט די עלטסטע צייטן געווען אַנטוויקלט אין דאָזיקן לאַנד. די אוממיטלבאַר מיט דער הויכעניש פון קליינאַזיע זיך באַרירנדיקע

זיך אויף דער הויכעניש? סאַראַ איז איר קלימאַט? באַפעלקערונג? דער לעבנס־שטייגער פון די איינוואוינער? דער געאָגראַפישער פונאַנדער־טייל אין אַלטערטום? וועלכע טיילן פון האַלבאינזל זענען פּלייניקע? ווי אַזוי זענען אַנטשטאַנען די אלוּוויעס פון קיליקיע? סאַראַ באַדייטונג

הויכעניש פון אַרמעניע בילדעט אַ נאָך גרעסערע דערהויבונג איבער דעם ים-שפּיגל; דער קלימאַט איז דאָ באַדייטנדיק שאַרפער, די וויינשטאָק-פּלאַנטאַציע פונדעסטוועגן דערהאַלט זיך נאָך. דאָ האָבן זייערע קוואַלן צאָלרייכע טייכן, ווי פּרת, חדקל ווי אויך קורא (Cyrus) מיט אַראַקס (Aras). די צוויי לעצטע פליסן צום קאַספּישן ים אין קעגנזעצלעכער ריכטונג צום טייך ריאָן (Phasis), וואָס פאַלט אַריין אין שוואַרצן ים. דידאָזיקע טייכן בילדן דעם דורכגאַנג פון מערב אויף מזרח, פון אייראָפּע אין דער טיף פון אַזיע, נידריקער פון די קאַווקאַזער בערג. פון די אינערלעכע אַרמענישע אָזערעס איז די באַדייטנדיקסטע די אָזערע וואַן. אויף צפון דערהויבט זיך דער באַרג אַררט (ביבלישער נאָמען, אויף אַרמעניש מאַסיס). צו דרום ווידער פאַלט די הויכעניש אַראָפּ שוועלנאַרטיק צו די טייכן פּרת און חדקל. דער טאַוורוס-פּאַס, אַרונטערלאָזנדיק זיך אַלץ מער, טיילט אָפּ אַרמעניע פון קליינאַזיע און צפונדיקן סיריע. צו מזרח גייט דורך און פאַרייניקט זיך די הויכעניש פון אַרמעניע אוממיטלבאַר מיט דער איראַנישער הויכעניש, וועלכע איז ווי אַ ווייטערדיקער שטאַפּל אין דער טיף פון דער מיטל-אַזישער הויכעניש.

§ 2 די חתּים

דאָס עלטסטע פאָלק, וואָס האָט געזאָלט באַוווינען דעם האַלבאינזל פון קליינאַזיע, זענען געווען די חתּים, הגם אין די היסטאָרישע מקורים באַגעגענען מיר קיינמאָל נישט קיין רמז וועגן זיי, ווי וועגן די איינוווינער פון דאָזיקן לאַנד. נאָר מיר דערוויסן זיך וועגן זיי, אַז זיי האָבן געהאַט זייערע ישובים אין צפונדיקן סיריע – פון אָראָנטעס אַזש ביזן פּרת. זייערע

ווּאָס געהאַט דאָסדאָזיקע לאַנד? סאַראַ כאַראַקטער האָבן די בערגעס? סאַראַ קלימאַט הערשט אין אַ בערגלאַנד? סאַראַ איז געווען די באַדייטונג פון דעם האַלבאַנזל פון קליינאַזיע? ווו איז געווען דער קרייצפּונקט פון די וועגן? סאַראַ זענען די נאַטור-רייכטימער פוי האַלבאינזל? וועלכע

ישובים פאַרברייטערן מיר פונדעסטוועגן אויך אויף קליינאַזיע (דערעיקר קאַפּאַדאָקיע) דערפאַר, ווייל מ׳האָט דאָ געפונען קונסט-דענקמעלער, אַנאַלאָגישע צו די, וועלכע מען באַגעגנט אין צפונדיקן סיריע, טיילווייז אין ארמעניע. אייגנטלעך וואָלטן זיי בכן געווען סיראָ-קאַפּאַדאָקיער, אידענטישע מיט די לייקאָ-סיריער (ווייסע סיריער), וועלכע זענען דערמאָנט דורך העראָדאָטן. געוויסע פאָרשער באַטראַכטן זיי פאַר אוראַרמיאַנער, פאַר די אייגנטלעכע ראַסע פון דעם גאַנצן האַלבאינזל קליינאַזיע (אַרמענאָידן). וועגן די אייגנטלעכע חתים ווערן מיר געוויר באַר פון די עגיפּטישע און אשורישע מקורים. די עגיפּטער האָבן זיי אָנגערופן כעטא אָדער כיטא, און די אשורים כאטי. (אין תוך האָבן זיי געהאַט אַן אַנאַלאָגישן נאָמען חתים). דאָס איז געווען אַ מעכטיק און קריגעריש פאָלק, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף דער אלטערטימלעכער בבלישער מלוכה אין צווייטן יאָר-טויזנט פאַר קר. ד. ה. אין דער צייט צווישן דער אמורישער און קאשיטישער דינאַסטיע. זיי האָבן אויך געקעמפט מיט די פּרעהס פון דער 18-טער און 19-טער דינאַסטיע, צונויפשטויסנדיק זיך וועגן דער הערשאַפט איבער סיריע. רעמסס II האָט נאָך דער זיגרייכער שלאַכט מיט זיי הינטער קדש (אַ שטאָט, וואָס שטייט אויף אַן אינזל אויפן טייך אָראָנטעס), געמוזט שליסן מיט זיי אַ שלום און אָנערקענען זיי די מאַכט איבער סיריע. פון די הערשאַפטס-צייטן פון דאָזיקן פרעה זענען פאַר-בליבן די פאָרשטעלונגען פון די חתים אויף די וואַנט-געמעלן פון ראַמעסעום. די עגיפּטער האָבן זיי פאָרגעשטעלט אַלס פאָלק, וואָס איז פאַרשידן פון די סעמיטן, ובכן פון מיטעלן וווקס, שטאַרקן קערפּערבוי, קיילעכיקן שאַרבן, קורצער נאָז און אָן באָרדוווקס. די האָר, געקעמט פון פאָרנט אַרויפצו, פלעגן זיי בינדן אין צוויי אָדער דריי לאָקן, וועלכע זענען אַרונטער-געפאַלן אויף די אָרעמס; זיי פלעגן זיך קליידן אין לאַנגע און

הויכעניש ציט זיך ווייטער אין דער טיף פון אזיע? סאַרא איז איר כאַראַקטער — וואסערן, בערג? סאַרא איז די לאַגע פון דער הויכעניש פון אַרמעניע בנוגע דער הויכעניש פון סיריע און דער נידערניש פון מעסאָפּאָטאַמיע? וועלכעס איז דאָס עלטסטע פאָלק פון סיריע און

שמאָלע מלבושים. פון אונטן האָבן זיי געטראָגן העמדער מיט קורצע אַרבל, פון אויבן האָבן זיי אָנגעטון אַ לאַנגן און אויסגעפּאַסטן מאַנטל, פאַרשפּיליעט אונטערן האַלז און דורכגעצויגן אונטערן רעכטן אָרעם אַזוי, אַז פון דער לינקער זייט איז ער אַראָפּגעהאָנגען פריי, דעם רעכטן אָרעם ווידער האָט ער געגעבן פרייקייט; דערדאָזיקער פלאַשטש איז געווען פון אונטן אַרומגעזוימט מיט פרענזלען. אויף די הענט האָבן זיי געטראָגן הענטשקעס, אויף די פיס שטיוול מיט פאַרבויגענע שפּיצן. זייער באַוואָפענונג איז באַשטאַנען פון אַ קורצער, צווייִשאַרפיקער שווערד, פירקאַנטיקן שילד, באַ דער זייט אויסגעשניטן (שפּעטער גערופן אַמאַזאָנען-שילד). דעם קאָפּ האָט באַדעקט אַ שפּיציק היטל, וואָס איז באַם קיניג געווען ענלעך צו אַ טיאַרע פון די פרעהס. זיי האָבן געקעמפט צופוס אָדער אויף וועגנס, אין וועלכע ס׳פלעגן זיצן צו דריי מענטשן ד. ה. אַחוץ דעם ריטער, אויך זיין וואָפּנטרעגער און אָנטרייבער.

§ 3 חתּישע דענקמעלער

די חתּים האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך צאָלרייכע דענקמעלער. זיי ווערט צוגעשריבן אַ באַדייטנדיקע טייל פון די רעשטן, וועלכע מ׳האָט געפונען אין האמאה (ביבלישער חמת) איבערן אָראָנטעס, אין דזשעראַבליס (די השערהדיקע אַלטערטימלעכע כּרכּמיש באַם פּרת) און אין תּל-האַלאַף איבערן חבור. דאָס זענען שטיינער מיט אויפשריפטן (4 שטיינער פון חמת), סקולפּטן דערהויפּט מיט די פאָרשטעלונגען פון חיות, ווי לייבן, אָדלערס, ווי אויך פאַנטאַסטישע חיות און סטאַטועס פון געוויסע גאָטהייטן, למשל, אַ פאַרשלייערטע ווייבלעכע גאָטהייט, וועלכע איז געפונען געוואָרן אין תּל-האַלאַף. די קונסט זייערע

קאַפּאַדאָקיע? סאַראַ איז די אייגנהייטלעכע קולטור פון דידאָזיקע? ווער זענען געווען די חתּים, און פון וועמען האָבן זיי אַרויסגעשטאַמט? וואָסער איז געווען דער כאַראַקטער פון דאָזיקן פאָלק? ווו און ווען הויבט זיך אָן זיין געשיכטע? ווו אַזוי האָבן די עגיפּטער פאַרגעשטעלט די חתּים?

לאָזט זיך מיט איר אָפּשטאַם אַרויספירן פון אשור, אָבער מיט איר כאַראַקטער אונטערשיידט זי זיך פון דער אשוריש־בבלישער קונסט. אַן ענלעכן כאַראַקטער באַזיצן די רעשטן, וועלכע זענען געפונען געוואָרן אין שכנות פון דער אָזערע וואַן, ווי אויך אויף דער הויכעניש פון קאַפּאַדאָקיע. דאָ, אין לאַנד באַם האַליס, אין שכנות פון דעם טערקישן דאָרף עיוק, געפינען זיך די רעשטלעך פון קיניגלעכן פּאַלאַץ. די רעשטלעך פון אַ פּאַלאַץ, אין ענלעכן סטיל אויסגעבויט, געפינען זיך אין טערקישן דאָרף באָגהאַז־קואי (אַלטערטימל. פּטעריע), נאָענט ווידער פון איר, אין טאָל, גערופן היינט יאזילי־קאַיאַ, (דאָס הייסט אויף טערקיש „געשריבענע שטיינער"), געפינען זיך באַרעליעפן אויף אַ פעלז, וועלכע שטעלן פאָר די פּראָצעסיע פון די גאָטהייטן. דאָס דערמאָנטע דאָרף באָגהאַז־קואי איז אַ קרייצפּונקט פון די וועגן, וועלכע גייען פון עגעישן ים (פון סאַרדעס אויף אַנגאָרע־פּעטריע) און פון שוואַרצן ים אויף מזרח דורך קאַפּאַדאָקיע (ראַמסעי). דאָ האָט זיך געזאָלט געפינען די רעזידענץ און וויגעלע פון דער מלוכה, וועמעס מושלים האָבן זיך טיטולירט מלכים פון קאָסן אָדער קאסיאַנער. פונדאַנען האָבן זיי זיך געזאָלט פונאַנדערשפּרייטן אויף דרום און אויף מזרח פון טאוורוס, ווו מיר באַגעגענען זיי אונטערן נאָמען חתּים. די חתּישע מלכים אָבער פון כרכמיש האָבן זיך נאָך געזאָלט טיטולירן מלכים פון קאָסן (סעיס), אינדערצייט ווען איבערן חבור איז געווען אַ באַזונדערע מלוכה מיטאַני און איבערן אָראָנטעס נהרים. דער נאָמען אָבער קאסיאַנער קאָן זיך אפשר באַציען אויך אויפן פאָלק, וועלכעס געפינט זיך אין אַלטערטום אין אוממיטלבאַרן שכנות מיט בבל.

וואָסער איז געווען זייער געשטאַלט, הלבשה און באַוואָפענונג? ווי אַזוי האָבן זיי געקעמפט? סאַראַ דענקמעלער און רעשטלעך זענען פאַרבליבן נאָך זיי און ווו באַגעגנט מען זיי? וואָס זע:ען אַזוינס שטיינער פון חמת? וואָס שטעלן פאָר די אויסגראָבענישן אין תּל־האַלאַף? וואָס איז פאַרבליבן

§ 4 חתּישע שריפט און שפּראַך

אויף אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אין די חתּישע דענקמעלער פאַרדינען די באַרעליעפן אויף די פעלזן, ווען עס באַגלייטן זייער אָפט צייכנס, אין וועלכע די געלערנטע האָבן דערבליקט אַ ספּעציעלן מין שריפט, וואָס איז פאַרשידן פון אַנדערע אופנים פון אַלטערטימלעכן שרייבן. דידאָזיקע שריפט, אַנדערש פון די היעראָגליפן ווי אויך פון די קלינעס-שריפט איז טיילווייז אַ בילדלעכע, טיילווייז ווידער אַ קלאַנגני-שריפט: איר עיקרדיקער שטריך איז די בולטקייט פון די ליניעס אויפן שטיין, און נישט די איינזינקונג פון די אויסגעהאַקטע אותיות. אַן ענלעכע שריפט האָט מען געפונען אויך אויף דעם שטעמפל פון קיליקישן קיניג טאַרקודים; ער באַזיצט אַ צווייִשפּראַכיקן אויפשריפט, גיט דורכדעם די מעגלעכקייט פון פונאַנדערשיפרירן די חתּישע שרייב-צייכנס. דאָס פעלן אָבער פון גרעסערער אויפשריפט פון דעם מין, ווי ס׳איז דער ראָזעט-שטיין אָדער דער פעלזן-אויפשריפט אין בעהיסטון, באַשווערט דאָס פולשטענדיקע איבערלייענען פון דערדאָזיקער שריפט, נישט קוקנדיק אויף די אָנשטרענגונגען פון די געלערנטע, ווי פון ענגלענדער סעיס און פון פראַנצויז סטאַניסלאַס גיואַרד. איינס האָט זיך נאָר איינגעגעבן איצט פעסטצושטעלן, אַז די חתּישע שפּראַך געהערט נישט פולקאָם צו דער גרופּע סעמיטישע שפּראַכן, און מיט די אינדאָאייראָפּעישע שפּראַכן באַזיצט זי נאָר דעם בשותּפישן שטריך, וואָס זי איז אַ פלעקסיע-שפּראַך. ביזאַהער האָט מען באַוויזן פונאַנדערצושיפרירן בלויז די וואַנישע אויפשריפטן אין אַרמעניע, ווו ס׳איז געוואָרן אָנגעווענדט די אַשורישע שריפט צו דער שפּראַך פון די אַלטערטימלעכע איינוווינער פון אַרמעניע, וועלכע זענען אָנגערופן געוואָרן

פון די פּאַלאַצן אין קאַפּאַדאָקיע? וואָס איז אַזוינס די פּראָצעסיע פון יאַזילי-קאַיאַ? ווו איז דאָס השערהדיקע וויגעלע פון די התּים, און ווי איז זיין נאָמען? סאַראַ השערה איז פאַראַן וועגן דעם וויגעלע פון די חתּים און וועגן דער ריכטונג פון זייער פונאַנדערשפּרייטונג? סאַראַ איז דער

דורך די אשורים אוראַרטו. זיי אַליין האָבן אָנגערופן זייער קיניגרייך, וואָס איז געווען קעגנוועכטיק מיטן קיניגרייך פון אשור, ביאַינאַס (רעזידענץ פון טהוֹספּאַן, היינטיקע וואַן). טייל געלערנטע שאַפן אויפן דאָזיקן סמך אַ באַזונדערע אַלאַראָדישע שפּראַכן-גרופּע אָדער אַ גרופּע פון אַזיאַנישע שפּראַכן (הזמעל). היינט צו טאָג איז די וואַנישע שפּראַך פולשטענדיק לייענבאַר; אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט איר פאַרראַט די געאָרגישע שפּראַך אויף קאַווקאַז. וואָס שייך דער שריפט, וואָס מ'האָט געפונען אין קאַפּאַדאָקיע, טאָ זאָל זי זיין אַ פריערדיקע און אַרויסשטאַמען פון דער אַלטערטימלעכער ביבלישער. אין דער שפּראַכן-קלאַסיפיקאַציע פון די היינטיקע פעלקער פאַרנעמען די חתּים אַ וויכטיק אָרט צוליב דעם טעם, וואָס אין די נעמען פון זייערע געטער, ווי אויך פון דער הערשנדיקער קלאַס באַגעגנט מען אַן אינדאָ-אייראָפּעישן שפּראַך-מאַטעריאַל, און נעמלעך אַן אינדישן.

§ 5 די חתּישע רעליגיע

די חתּים האָבן באַנוצט אַ צאָלרייכן פּאַנטעאָן פון גאָט-הייטן. זייער פרידנס-אָפּמאַך, וועלכער איז געווען געשלאָסן מיט רעמסס II, איז באַפּעסטיקט דורך דעם פאַררופן זיך אויף טויזנט עגיפּטישע געטער און געטינס און אויך אַזייפיל חתּישע. אַלס די מענלעכע הויפּט-גאָטהייט פיגורירט אין צפון-סיריע טעשוב. מען פלעגט זי פאָרשטעלן מיט אַ דינער אָדער בליץ אין האַנט. אָט אַזאַ שטעלונג אויף מערב פאַרנעמט דער גאָט טארקהו מיט אַ האַמער, און טיילמאָל אין שטייענדיקער פּאָזע אויף אַן אָקס. וואָס ס'איז פאַראַן אָריגינעלס, און וואָס סעמיטישס אין דערדאָ-זיקער גאָטהייט, איז נישט באַוווּסט. זי איז אַנאַלאָגיש צום

אונטערשייד פון דער שריפט אויף די חתּישע דענקמעלער פון אנדערע מיני שריפטן? סאָרא כאַראַקטער פון די צייכנט? וואָסער איז זייער אָפּשטאַם? וואָסער איז דער בילינגווישער אויפשריפט? וואָסער איז די וואַנישע שריפט? מיט וואָס אונטערשיידט זי זיך פון דער שריפט אין

סעמיטישן זונגאָט, וועלכער איז פֿאַרערט אין סיריע און בבל אונטערן נאָמען הדד און רמון. אויך די געטין אַטאַראַטאַ, וועלכע איז פֿאַרערט אין קדש, איז די השערהדיקע סעמיטישע גאָטהייט אַסטאַרטאַ. דער שפּעטערדיקער נאָמען פֿון דער שטאָט כּרכּמיש, דזשעראַבּליס (פֿאַרדאָרבענע היעראַפּאָליס), ווייזט אָן אויפֿן אָרט פֿון איר קולט. די ווייבּלעכע גאָטהייטן פֿלעגט מען אויך פֿאָרשטעלן צוזאַמען מיט די חיות-סימבּאָלן (למשל אויף אַ לייב שטייענדיקע). אויף דער הויכעניש פֿון קליינאַזיע באַגעגענען מיר די קונסט-איבערבלייבן מיט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, קרוביש צו די סירישע דענקמעלער. זיי געפֿינען זיך דערהויפּט אין דער נאָענט פֿון דער השערהדיקער רעזידענץ פֿון די קאַסיאַנער אָדער קאַסן (היינטיקע באָגהאַז-קואי) דאָ זענען פֿאַראַן נאָענט פֿון דאָרף גופא רעשטלעך פֿון אַ פּאַלאַץ, שלאָס און וואַלן, (די חורבות פֿון דער אַלטערטימלעכער שטאָט פּטעריע). אין אַ געוויסן מרחק אויף צפֿון, אין דאָרף עיוק, האָט מען אַנטדעקט די רעשטלעך גופא פֿונם פּאַלאַץ, אַחוצדעם ספֿינקסן, ווי אויך געמעלן אויף די פֿעלזן. אָבער די אינטערעסאַנטסטע דענקמעלער אַנטהאַלט דער באַרגשפּאַלט, אין שכנות פֿון באָגהאַז-קואי, אָנגערופֿן יאַזילי-קאַיאַ (געשריבענע שטיינער). דאָ געפֿינט זיך די באַרימטע פּראָצעסיע פֿון די געטער און געטינס, וואָס באַשטייט פֿון עטלעכע צענדליק פֿיגורן פֿון אַ מעטער ביז דריי און מער די הייך, בולט געשניצטע. דאָ זענען פֿאָרגעשטעלט אויף צוויי קעגנזעצלעכע ווענט פֿון באַרגשפּאַלט צוויי פּראָצעסיעס; אין שפּיץ פֿון יעדער שפּאַנען מענלעכע און ווייבּלעכע גאָטהייטן מיט פֿאַרשידענע סימבּאָלן. נאָך איין פּראָצעסיע גייען פּריסטער, נאָך דער אַנדערער פּריסטערינס; די פּריסטער אין שפּיציקע מיצן, די פּריסטערינס אין הויכע היטלען אין געשטאַלט פֿון דער שפּעטערדיקער מויערן-קרוין. דידאָזיקע ביידע פּראָצעסיעס באַגעגענען זיך אין סאַמע מיטן פֿון באַרגשפּאַלט, וואָס איז דאָ

קאַפּאַדאָקיע? אַוואָסערע איז די נייע שפּראַכן-גרופּע? סאַראַ איז די ראָלע פֿון דעם אינדאָ-אייראָפּעישן עלעמענט אין דער גרופּע פֿון די חתּישע פֿעלקער? סאַראַ איז זייער גאָטהייט? אין סיריע? אין קליינ-אַזיע? ווי איז איר קרובהשאַפֿט מיט די סעמיטישע גאָטהייטן? אין

פאַרמאַכט דורך אַ קווערגאַס, וועלכע בילדעט צוזאַמען מיט די צוויי זייטיקע א מין גראָדעקיקן פלאַץ. דער מענלעכער גאָט אין שפּיץ פון ערשטן צוג איז באַוואָפנט מיט אַ קאַרישן האַמער און טראָגט אַ היטל אויפן קאָפּ (דער איינציקער מיט אַ באָרד). ער שטייט אויף איינגעבויגענע מענטשלעכע רוקנס, אַנדערע שטייען אויף העכערע ערטער. דיזעלביקע נאָר חיהשע סימבאָלן (לייביכעס, פאַנטערעס, צווייקעפּיקער אָדלער) דינען פאַרן פאָסטומענט פון די ווייבלעכע גאָטהייטן. אויפן דאָזיקן פלאַץ אָן אַ זייט שטייט אַ פיגור, וואָס נעמט נישט קיין אָנטייל אין דער פּראָצעסיע, אָנגעטון אין אַ פלאַשטש און אַ קיילעכיק היטל, אַ מין בערעט אויפן קאָפּ, וועלכע האַלט אין איין האַנט אַ מין פּאַסטאָראַל אָהער אויסגעבויגענעם שטעקן (lituus), אין דער צווייטער ווידער אַ קליינעם טעמפּל, וועמעס דאַך עס בילדן צוויי באַפליגלטע זונען. דערדאָזיקער טעמפּל אַנטהאַלט אינעווייניק דאָס געשטאַלט פון אַ גאָט צווישן צוויי ספינקסן; זיין דאַך ווידער שטיצן צוויי זיילן אין יאָנישן סטיל. אין אַ באַזונדערער און שווער צוטריטלעכער פּאַרטיפונג אין דיזעלביקע פעלזן געפינט זיך אַ מין געהיימער טעמפּל מיט ענלעכע סקולפּטן; אָבער דאָ האַלט דיזעלביקע הויפּט-גאָטהייט, וועלכע פירט דעם צוג (אין זעלביקן טראַכט, אָבער שוין אָן באָרד), אין אירע אָרעמס די זעלביקע פיגור, וועלכע שטייט אין אויסערלעכן הויף אָן אַ זייט, אַנווייזנדיק איר מיט דער האַנט אויף דער גאָטהייט מיטן מענטשלעכן קאָפּ אין ענלעכן מיץ אָדער טיאַרע, וועמעס גוף אָבער און אָרעמס זענען צונויפגעפלאָכטן פון לייבן. די אַנאַלאָגיע פון די געשטאַלטן און דער סימבאָליק פון די באַרעליעפן אין עיוּק און יאַזילי-קאַיא איז אַ שרייענדיקע, נישט קוקנדיק אויף דעם אונטערשיד פון סטיל, אויספירונג און מאַטעריאַל. (זייל זענען אויסגעהאַקט אין גראַניט, אַנדערע אין קאַלך).

וואָס באַשטייט די סימבאָליק? סאַראַ קרובהשאַפט איז פאַראַן אין דער רעליגיעזער פּלאַסטיק פון די סירישע פעלקער און פון קליינאַזיע? וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די באַרעליעפן אין עיוּק? אין יאַזילי-קאַיא? סאַראַ איז די סימבאָליק פון די מענלעכע און ווייבלעכע גאָטהייטן? ווי אַזוי האָט מען פאָרגעשטעלט די גאָטהייט-געשטאַלטן אין דער פּראָצעסיע?

הגם די באַרעליעפן פון יאַזילי־קאַיאַ גרייכן נישט ווייטער ווי ביז דעם סוף פון דער אַשורישער עפּאָכע, געהערן פונדעסט־וועגן די גאָטהייטן, וועלכע זענען אויף זיי פאָרגעשטעלט, צו די מער אַלטערטימלעכע. זיי האָבן זיך דערהאַלטן נאָך לאַנג שפּעטער אין קאַפּאַדאָקיע באַ די פריגיער אין דער פאָרם פון אַ קולט פון דער פרוכבאַרקייטס־געטין מאַ אָדער אַממאַס (גריכישע קיבעלע) און פונם גאָט, איר באַליבטן אַטיס (זון־גאָטהייט), דעם שפּעטער גערופענעם פּאַפּאַס. זיי טאַקע האַלטן עס זיך אין די אָרעמס אויף דער צייכענונג אין יאַזילי־קאַיאַ; די פּראָצעסיע גופא ווידער שטעלט פאָר די חתונה־צערעמאָניע פון ביידע גאָטהייטן. דערדאָזיקער קולט איבריקנס איז שפּעטער געוואָרן פאַרשפּרייט אין גאַנץ אַזיע (פאַר די רוימישע צייט האָט ער געהאַט אַ היכל אין היעראַפּאָליס); דאָס איז דער ריינסטער פאַלישער קולט, זיין סימבאָל ווידער פאַלוס (phallus) (סימבאָל פון פרוכפּערקייט אָדער אומשטערבלעכקייט) איז געוויזן אין דעם קליינעם, אויבן באַשריבענעם עדיקול פון געהיימען טעמפּל, אינדערצייט ווען אויף אַ צווייטער צייכענונג פיגורירט אין דאָ־זיקן טעמפּעלע דאָס געשטאַלט פון אַ גאָט מיט מענטשלעכע שטריכן. די פּריסטער פון דערדאָזיקער גאָטהייט, די אין די שפּעטערדיקע צייט א. ג. גאַללן, זענען געווען אָן באָרדוווּקס (סריסים), און מיטן קולט גופא זענען געווען פאַרבונדן אָרגיאַס־טישע צערעמאָניעס.

§ 6 די באַצווינגונגען און דער האַנדל מיט די חתים

די צייטן פון דער העכסטער מאַכט פון די חתים פאַלן אויס אויפן XV י. ה. פאַר קר., ווען זייערע באַצווינגונגען האָבן געגרייכט

פון וואָסער צייט שטאַמען די סקולפּטן אין עיוק און אין יאַזילי־קאַיאַ? סאַראַ
רעמדער איינפלוס איז אין זיי קענטיק? סאַראַ רעליגיעזע גלויבענישן
אַנטשפּרעכן זיי? אַוואָסערע זענען די שפּעטערדיקע גאָטהייטן אין קליינאַזיע?
ינט ווען דאַטירט זיך דער פאַלישער קולט? ווען פאַלט אויס די העכסטע
לוכה־אַנטוויקלונג פון די חתים? סאַראַ דאָקומענטן זענען פאַראַן פון

אויף מזרח אַזש ביז אַשור און בבל, און אויף דרום אַזש ביז עגיפּטן. אין דידאָזיקע צייטן האָבן די חתּישע מאַכטהאָבער געפירט אַ לעבהאַפטיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם עגיפּטישן הויף, וועלכע האָט זיך אייפגעהיטן אין אַרכיוו פון טעל-אמארנא. די שפּראַך פון דער דעמאָלטיקער דיפּלאָמאַטיע איז געווען די אַשורישע שפּראַך, מ׳האָט זיך אָבער באַנוצט מיט דער קלינעס-שריפט. אין די צייטן פון טעל-אמארנא האָט אין אויבערשטן מעסאָפּאָטאַמיע, אין ביבלישן לאַנד ארם, עקזיסטירט אַ מעכטיקע מיטאַני-מלוכה, וועמעס מושל האָט אויסגעגעבן זיין טאָכטער פאַר פּרעה. די אייגנטלעכע חתּישע מלכים האָבן רעזידירט אין כּרכמיש (דזשעראַבליס), הגם זיי האָבן זיך טיטולירט מלכים פון קאַסן. זיי האָבן געהערשט אויף דרום און מזרח פון טאוורוס, אַנדערע פירשטן ווידער האָבן געהערשט אין נהרים איבערן אָראָנטעס. דאָס פּערטע קיניגרייך איז געווען דאָס קליינאַזישע אין קאַפּאַדאָקיע. די אַלע קיניגרייכן האָבן זיך מיט דער צייט געזאָלט פאַרייניקן אין איין מעכטיקע חתּישע מלוכה, מיט דער רעזידענץ אין קדש באַם אָראָנטעס. אין לאַנד כּנען, אויף דרום פון סיריע, האָבן די חתּים מקדים גע-ווען די אמורישע באַפעלקערונג. אין די צייטן פון טעל-אַמאַרנאַ ווערן דערמאָנט די חתּים, וועלכע הערשן אין כּנען, צי אַלס זעלבשטענדיקע לאַנדפירשטן, אָדער אַלס מושלים, אָפּהענ-גיקע פון די פּרעהס, ווי יענער אַראַדכיבאַ, דער פירשט פון ירושלם. טייל פון דידאָזיקע פירשטן האָבן פאָרמירט געדונגע-נע מיליטערישע קאָמפּאַניעס, א. ג. „קאַבירן״ אָדער „פאַרבינדע-טע״ (זיי זענען אומריכטיק אידענטיפיצירט מיט די עברים, וועלכע זענען נאָך דעמאָלט דאָ נישט געווען). די פּרעהס האָבן געקעמפט מיט זיי, אָדער זיך באַנוצט מיט זיי צו קריגס-צוועקן, ווי אויך צו דער פאַרטיידיקונג און פירונג פון די

דידאָזיקע צייטן? וויפל זענען געווען קליינערע חתּישע מלוכות? ווען און ווי אזוי האָבן זיי זיך פאַרייניקט? די באַציונג פון די מיטאַניער צו עגיפּטן? אוואָסער איז זייער אָנטייל אין דער באַפעלקערונג פון כּנען? סאַראַ ראָלע האָבן די חתּים אין דינסט פון די פּרעהס? ווער זענען די „קהאבירן?״ סאַראַ זענען די אויסערלעכע באַדינגונגען פון דער

האַנדלס- קאַראַוואַנען. די חתים האָבן געמוזט באַזיצן אין אַ הויכער מאָס די קריגס-קונסט און אַן אויסגעצייכנטע באַוואָפע-נונג, דערויף זאָגט עדות די באַדייטנדיקע אַנטוויקלונג פון זייער גרובן- און מעטאַלורגיע-קונסט, דערהויפּט אין קליינ-אַזיע. זייערע שטעט זענען געווען שטאַרק באַפעסטיקט מיט אַ טאָפּעלער מויער צוזאַמען מיט אַ ציטאַדעל, אָדער מיט אַ קי-ניגלעכן פּאַלאַץ אינמיטן, כמעט אומצוטריטלעך הינטער די צייניקע מויערן, קיילעכיקע טורעמס און באַשיצטע הייף אין סטיל פון דער ציטאַדעל, וועלכע איז אָפּגעגראָבן געוואָרן נישט לאַנג אין סינדזשירלע (צפונדיק סיריע). זיי האָבן גע-קעמפט אָדער אַליין, אָדער אויך אין קאָאַליציע מיט אַנדערע

טעל. דזשעראַבליס (השערהדיקע אלטערט׳מלעכע כרכמיש)

פעלקער, ווען די עגיפטישע שפּעטערדיקע מקורים פון XII י. ה. רעכענען אויס אין דער צאָל פון זייערע פאַרבינדעטע. דאָס זענען די דורך די עגיפּטער א. ג. „פעלקער פון מעבר לים", לודיער, לוקיער, שאַרדאַנער, דאַרדאַנער און שאַקאַלאַשן. טייל געלערנטע (ד ע ר ו ז ש ע) זעען אין זיי די שפּעטערדיקע

פונאַנדערשפּרייטונג פון די חתים ? אוואָסער איז געווען זייער ראָלע אין די מלחמה-הצוגן פון די ים פעלקער ? מיט וועמען פאַרקרובהט מען דידאָ-זיקע פעלקער ? סאַראַ שפּורן זענען פאַרבליבן פון די חתים אין

אבות פון די פעלקער פון קליינאַזיע: לידיער, ליקיער, סאַרדיער (פון דער שטאָט סאַרדעס), די איינוווינער פון טראָיאַדע (דאַרדאַנער), אויב דידאָזיקע נעמען באַציען זיך נישט אויף אַנדערע פעלקער, וועלכע געפינען זיך מיט עגיפּטן אין אוממיטלבאַרן שכנות פון מזרח (ברוגש), און אפשר אויך פון מערב (Flinders Petrie). סיי ווען זיי האָבן געקעמפּט אויף אייגענער האַנט, סיי ווען זיי האָבן זיך פאַרדונגען אין דינסט צו אַנדערע, פלעגט די חתים תמיד טרעפן דערזעלביקער גורל: זיי זענען אומגעקומען אָדער האָבן זיך צעשוומען אין דער מאַסע פון דער באַצווינגענער באַפעלקערונג. אַזוי איז אויך געשען אין כנען. זייערע נאָכקומער האָבן געזאָלט זיין די יבוסים, און דער תנך רופט אָן קיטיאָן די מוטער פון ירושלים. ווען ס'איז אַנטשטאַנען די מעכטיקע מיטלעלטערישע מלוכה אין אַשור, זענען די חתים געשטאַנען איר אין וועג צו איר אויסברייטערן זיך אויף מערב. דערפאַר האָט אויך סרגון II איינגענומען און צעשטערט כרכמיש ווי אויך קומו און דערמיט דערלאַנגט דעם ענדגילטיקן קלאַפּ זייער הערשאַפט אין סיריע. אין קליינאַזיע, דערעיקר אין קאַפּאַדאָקיע, ענדיקט זיך זייער ראָלע באַם אויפטרעטן אויף דער היסטאָרישער אַרענע פון די אינדאָאייראָפּעישע פעלקער (לערך XI אָדער X י. ה.). הגם ס'איז נישט אויפגעקלערט ביזאַהער די געשיכטע פון די חתים אין קליינאַזיע, איז דאָך באַוווּסט, אַז דערדאָזיקער האַלבאינזל האָט שוין גאָר פונלאַנג געשפּילט די ראָלע פון הויפּט-פאַרמיטלער צווישן מזרח און מערב (ראַמסעי). דאָ אַרומעט איז געקומען אויף מערב פון בבל די קונסט פון באַאַרבעטן קופּער: די ערשטע אויסאַרבעטונגען פון דאָזיקן מעטאַל האָט געפונען ש ל י מ אַ ן אין דער היסאַרליק-הויכעניש, אין דער געגנט פון די רעשטלעך פון דער צווייטער שטאָט (השערהדיקע טראָיאַ) צוזאַמען מיט די ליימענע געטער-סטאַטועלעך פון מזרחדיקן אָפּשטאַם, וועלכע

שפּעטערדיקן פּאַלעסטינע? וואָסער איז געווען זייער סוף אין צפונדיקן סיריע? אין קאַפּאַדאָקיע? סאַראַ איז די באַדייטונג זייערע אין דער געשיכטע פון די באַציונגען צווישן מזרח און מערב? ווי לאַנג באַגעגענען מיר די השפעה פון דער בבלישער קולטור אויף די ברעגעס און אויף די

מ׳האָט אויך געפינען אין קאַפּאַדאָקיע. אויך די שאַפונגען פון דער פריער מערבדיקער קונסט, ווי די היעראַטיש מיקענישע לייבן, די פאַנטאַסטישע פאַרזעענישן פון מינאָסישער צעראַמיק, אַפילו די נאָכמאַכערייִ פון די צילינדרישע חתימות, וועלכע מען באַגעגנט אין די אויסגראָבונגען אויף היסאַרליק, זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער קונסט פון קליינאַזיע און האָבן בשותּפישע אורמוסטערן אין דער קונסט פון בבל. בלויז די קלינעסשריפט טיילט זיך אָפּ פון דער ליניעסשריפט, וואָס איז געפונען געוואָרן אַזוי גוט אויף קרעטע (אין קנאָסאָס), ווי אויך אויף קיפּראָס. דאָ אָבער, ווי עס באַהויפּטן גֿעוויסע פאָרשער (סעיס), האָט די נאַטור אַליין (דער פייכטער קלימאַט) און די געאָלאָגישע תּנאים פון דער מערב-וועלט (דער מאַנגל אין ליים) געמאַכט אַ סוף צו דעם פאַרשפּרייטן זיך פון די טאָוועלעך און געענדערט די אייגנשאַפטן פון דער שריפט לפי דעם נייעם מאַטעריאַל: דעם פּלאַנצלעכן (פּאַפּירוס), אָדער חיהשן (פעל). אַזעלכע זענען געווען די תּנאים פון דער אַנטשטייונג פון פעניצישן און גריכישן אלף-בית. ווער ס׳האָט נישט געזאָלט זיין דאָס פאָלק, וואָס האָט באַוווּנט די געגנט, וועלכע טיילט אָפּ מזרח און מערב, האָט עס געוואָרפן די זאָמען פון ציוויליזאַציע אַזש ביז דער היסאַרליק-הויכעניש, ווו ס׳איז געשטאַנען טראָיאַ, און ווייטער אַזש ביז די אינזלען פון עגעישן ים און דערמיט געלייגט די יסודות פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון גריכנלאַנד.

§ 7 די ערשטע פעלקער־וואַנדערונג

אויפן אָרט, ווו ס׳איז געוועזן פריער אין מיטלאַזיע די ישע מלוכה, באַגעגענען מיר אין IX און VIII י. ה. פאַר קר. אַ פאָלק פון אַ באַזונדערן אָפּשטאַם. דאָס זענען די פריגיער

אינזלען פון עגעישן ים? מיט וואָסער וועג זענען געגאַנגען דידאָזיקע איינפלוסן? אין וואָס זענען קענטיק די יבשה-שפּורן אויף דער ציוויליזאַציע פון עגעישן ים? סאַראַ פאַקטן ווייזן אָן אויף די איינפלוסן מצד דעם ים און נישט מצד דער יבשה? ווו ליגט די גרעניץ צווישן דער

(אויף גריכיש גערופן פרייע מענטשן φρύγες אָדער Βρύγες). זיי זענען געווען די יורשים פון דער חתישער ציוויליזאַציע; געוויסע פאָרשער שרייבן זיי אַפילו צו די חתישע דענקמעלער (הירשפעלד, ראַמסעי). זיי זענען אויך געווען דורך די גריכן באַטראַכט פאַר אַ זייער אַלטערטימלעך פאָלק, און זייער שפּראַך האָט לויט די לעצטע געזאָלט זיין די ערשטע שפּראַך פון מענטשלעכן מין. זייער אלף-בית אָבער, ווי אויך די שריפט, האָבן נישט קיין שום בשותּפותדיקס מיט די צייכנס, וועלכע זענען געווען אויסגעקריצט אויף די אַלטע דענקמעלער (א. ג. Bustrophedon). פון די צווייישפּראַכיקע אויפשריפטן ווידער האָט מען זיך איבערצייגט, אַז זייער שפּראַך, ווי אויך די שריפט, זענען קרוביש צו די גריכישע, און די פריגיער געהערן צו דער א. ג. אינדאָ-אייראָפּעישער פעלקער-משפּחה. זייער באַווייזן זיך אין קליינאַזיע דאַטירט זיך גלייכצייטיק מיט דער ערשטער וואַנדערונג אין דער געשיכטע, וואָס פאַלט אויס אויפן אָנהויב פון XII י. ה. פאַר קר. אונטער זייער דרוק צעפאַלט זיך די חתישע מלוכה, דערביי האָבן זיך די פריגיער באַזעצט איבערן טייך סאַנגאַריאָס, די מיזיער ווידער איבערן פּראָפּאָנטיס. די קרובהשאַפט פון זייערע שפּראַכן מיט דעם טראַקישן דיאַלעקט ווייזט אָן, אַז זיי זענען אָנגעקומען אין קליינאַזיע וואַרשיינלעך פון אייראָפּע. און אויך שפּעטער איז דער שכנותדיקער ברעג פון טראַקיע געווען דער פאַרברייטונגס-פּונקט פון די איבערפאַלן אויף די צפון-מערבדיקע לענדער פון קליינאַזיע. פון טראַקישן אָפּשטאַם זענען אויך די ביטיניער, וועלכע זענען געווען באַזעצט אין דער געגנט איבערן פּראָפּאָנטיס, אין דער געגנט באַם שוואַרצן ים אין VII י. ה., און אויך די טרעריער בשותּפות מיט די קימריער, וועלכע האָבן פאַרוויסט טראָאַדע. די פיינטלעכע באַציונג פון די גריכן צו די טראָיאַנער (די אַלטערטימלעכע טעוקריער) דערקלערט זיך אויך צום בעסטן

אויסשפּרייטונגס-ספערע פון דער קלינעסשריפט און דער ליניענאַרטיקער שריפט? סאַראַ פעלקער טרעטן אויף אין קליינאַזיע אויפן אָרט פון די חתים? פון וואָסער אָפּשטאַם זענען זיי? ווען פאַלט אויס די תּקופה פון דער ערשטער פעלקער-וואַנדערונג? סאַראַ פעלקער פון טראַקיע

דורך דעם טראַקישן אָפּשטאַם פון די לעצטע. וועגן די וואַנדערונגען פון דידאָזיקע פעלקער האָט זיך נישט אויפגעהיטן ביז אנזערע צייטן קיין שום אוממיטלבאַרע צייגניש; מיר דער־וויסן זיך אָבער וועגן די שפּעטערדיקע איבערפאַלן אויף קליינ־אַזיע דורך די סקיטישע שבטים. פּונקט אַזוי באַווייזט זיך אין VII י. ה. אויפן אָרט פון אַלטן קיניגרייך ביאַינאַס, אין דער נאָענט פון אררט און אין דער געגנט פון דער אָזערע וואַן, אַ נייע מלוכה פון ארעמעניע, וועמעס פאָלק איז פון אינדאָ־אייראָפּעישן אָפּשטאַם און רופט זיך Haikh (דער נאָמען פון לאַנד אַרמעניע איז גענומען ערשט פון דעם תּנך). די שפּראַך פון דידאָזיקע נייע אָנקומער געהערט צו דערזעלביקער שפּראַכן־גרופּע, וואָס די טראַקישע און פריגישע שפּראַכן. דאָס לעצטע אינדאָ־אייראָפּעישע פאָלק, וועלכעס איז געקומען קיין קליינאַזיע אין די היסטאָרישע צייטן אַזש פון איבערן דונאַי, זענען די צעלטן (250—270). זיי האָבן פאַרנומען די מזרחדיקע טייל פון פריגיע, וועלכע רופט זיך שפּעטער אויף זייער נאָמען גאַלאַציע.

§ 8 די קעפּטן און די פעלקער פון „איבערן ים"

אַחוץ די אינדאָ־אייראָפּעישע פעלקער, וועלכע זענען אָנ־געקומען אויף דעם האַלבאינזל פון קליינאַזיע, האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן נאָך אין די היסטאָרישע צייטן פעלקער פון אַן אַנדערן אָפּשטאַם, און נעמלעך: די לידיער, וועלכע האָבן גע־וווינט באַם טייך הערמאָס, די קאַריער און ליקיער אויף דעם דרום־מערבדיקן ברעג פון דעם האַלבאינזל פון קליינאַזיע. זייערע שפּראַכן פאַרראַטן קלאַנגען־אייגנשאַפטן, וועלכע זענען פרעמד די אינדאָ־אייראָפּעישע שפּראַכן, און ווערן פאַררעכנט צו דער באַזונדערער גרופּע א. ג. אַזיאַנישע שפּראַכן. די איינ־

פאַלן אָן אויף קליינאַזיע אין די היסטאָרישע צייטן? ווי ווייט אויף מזרח דוקן זיך די טראַקישע פעלקער? ווי איז דער אַלטערטימלעכער נאָמען און סאַראַ איז געווען דער אָנהייב פון ארמעניע? וועלכע קליינאַזישע פעלקער געהערן נישט צו די אינדאָ־אייראָפּעישע פעלקער? צו וואָסער

ווּינער פון קאַריע האָט מען אין אַלטערטום גערופן לעלעגן און מ׳האָט אַרויסגעפירט זייער אָפּשטאַם פון דער אינזל קרעטאַ, פאַרקרובנדיק זיי אַזוינאָך מיט די עלטסטע איינוווינער פון דעמדאָזיקן אינזל פאַר די גריכן — די עטעאָקרעטן אָדער אמתדיקע קרעטענער. די נייערע פאָרשונגען האָבן באַשטעטיקט דידאָזיקע השערה פון די אַלטערטימלער, און נעמלעך, מ׳האָט זיך איבערצייגט, אַז די קאַרישע שריפט פאַרראַט אַ גרויסע ענלעכקייט צו איינער פון די לינעאַרע שריפטן, וועלכע מ׳האָט געפונען אויף ליימענע טאָוועלעך אין דער שטאָט קנאָסאָס אויף קרעטאַ (עווּאַנס). דידאָזיקע איינוווינער פון קרעטא, עטעאָקרעטן אָדער מנאָיטן, זענען געווען טיילן פון איין פאָלק, וועלכעס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן עגעישן ים אויף די שכנותדיקע ברעגעס פון קליינאַזיע. אין די קברים פון דער 18-טער דינאַסטיע טרעטן זיי אויף אונטערן נאָמען קעפטיו. דער תּנך רופט אָן כּפתּור די אינזל קרעטא, דאָס וויגעלע פון די פּלשתּים. וועגן די באַציונגען פון די גאָר אַלטע איינוווינער פון דערדאָזיקער אינזל מיט עגיפּטן זאָגן אויך עדות די אויסגראָבונגען אויף קרעטא, וועלכע גרייכן דעם סוף פון III-טן יאָרטויזנט פאַר קר. דידאָזיקע צפונדיקע שיפערישע און קריגערישע פעלקער פלעגן טיילמאָל קומען אין באַריר מיט דער געשיכטע פון עגיפּטן. זיי זענען דאָס וואַרשיינלעך יענע „פעלקער פון איבערן ים“, וועלכע האָבן אַלס פאַרבינדעטע אָנטייל גענומען אין די מלחמהצוגן פון די חתּים אויף עגיפּטן אין דער תּקופה פון דער XIX און XX דינאַסטיע. צווישן זיי זאָלן אויפטרעטן די לידיער, מינעיער, ליקיער (Lukki), דאַנאַיער (Danai), פעלקער, וועלכע זענען שפּעטער שוין געווען באַזעצט אין קליינאַזיע. די גריכן האָבן זיי אַרויסגעשטויסן מיטן לויף פון דער צייט אַזוי גוט פון דער אינזל, ווי אויך פון דעם ברעג פון עגעישן ים, אָבער זיי האָבן אויפגעהיטן די טראַדיציעס וועגן זיי אין די מיטן, למשל,

---

גרופּע געהערן זייערע שפּראַכן? סאַראַ איז זייער שריפט? ווּו איז דער אורמוסטער פאַר איר? סאַראַ שייכות איז פאַראַן צווישן די פעלקער פון קליינאַזיע מיט די פעלקער פון אַרכיפּעלאַג? אונטער וואָסערן נעמען טרעטן אויף דידאָזיקע פעלקער אין די עגיפּטישע מקורים? וואָס איז

וועגן מינאָס, דעם קיניג פון קרעטאַ, וועלכער האָט געהערשט אויפן עגעישן ים (די ערשטע טאַלאַסאָקראַציע), ווי אויך וועגן דעדאַל, דעם דערפינדער פון די ערשטע קונסטן און מלאכות. און ווירקלעך פאַלט אויס די פאַרהעלעניש תקופה פון דער הערשאַפט פון דידאָזיקע פעלקער אויף די צייטן פון דער א. ג. מיקעניישער ציוויליזאַציע, וועלכע עס טיילט אָפּ פון דער שפּעטערדיקער העלענישער ציוויליזאַציע די תקופה, ווען די גריכן האָבן פארגומען אַזוי גוט די אינזלען, ווי די מערבדיקע ברעגעס פון קליינאַזיע (X און IX י. ה.).

§ 9 די פריגיער און די טאַלאַסאָקראַציע פון מידאַס

די עלטסטע מלוכה פון קליינאַזיע, וועלכע האָט זיך אויפגעהיטן אין דער טראַדיציע פון די גריכן, איז געווען די פריגישע מלוכה. די צייטן פון איר גרינדונג פאַלן אויס אויף דער תקופה פאַר דער טראָיאַנישער מלחמה (אַרום 800 י. פאַר קר.), איר גרינדער ווידער האָט געזאָלט זיין אַ געוויסער גאָרדיאָס, אַ פשוטער פעלדאַרבעטער, פון וועמען ס'האָט אַרויסגעשטאַמט די שפּעטערדיקע פריגישע דינאַסטיע. זיין זון און נאָכפאָלגער איז געווען מידאַס, וועגן וועמעס רייכטימער ס'זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס אין די שפּעטערדיקע צייטן. אינדעראמתן זענען די פריגיער געווען דערעיקר אַ לאַנדווירטשאַפטלעך פאָלק, אויף וועלכן ס'זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס דער אַקעראייזן איז געווען באַ זיי אַ הייליק געצייג. אָבער אַזוי גוט וועגן דער אַנטשטייונג פון זייער מלוכה, ווי אויך וועגן די ערשטע מושלים, האָבן מיר נישט קיין שום פּאָזיטיווע ידיעה. די נעמען גאָרדאַס און מידאַס זענען היסטאָרישע, און עס טראָגן זיי אויך די שפּעטערדיקע פריגישע מלכים. אין VIII

דער טייטש קעפטיו, כפתור? סאַראַ זענען זייערע באַציונגען מיט עגיפטן? ווען און ווו טרעטן אויף די „ים-פעלקער״? סאַראַ זענען די גריכישע לעגענדעס וועגן דידאָזיקע מענטשן? וואָס איז אַזוינס די טאַלאַסאָקראַציע פון מינאָסן? סאַ־אַ פאָלק שטויסט צרויס די לעלעגן

און XII י. ה. דערגרייכט די מלוכה פון די פריגיער אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג אין קליינאַזיע. בּאַ די אשורים זענען זיי באַקאַנט אונטערן נאָמען מוסקן, און זייער קיניג מידאַס (אויף אשוריש מיטאַ) קעמפּט מיט סרגונען פאַר דעם באַזיץ פון קיליקיע און קליינאַזיע (אַרום 710 י.). די געזאַנדשאַפט פון דאָזיקן קיניג איז געווען אויפגענומען מיט גרויס פייערלעכקייט אין בבל. די מלכים פון פריגיע האָבן איבערגענומען בירושה די טאַלאַסאָקראַציע אויף די מזרחדיקע וואַסערן פון מיטללענדישן ים נאָך די קרעטענער. דער קיניג מידאַס ווידער פלעגט אַרויס-שיקן מתנות צום אָראַקל פון אַפּאָלאָ אויף דער אינזל דעלאָס. דער פריגישער מלוכה האָט געגעבן אַן ענדגילטיקן קלאַפּ דער איבערפאַל פון די קימריער, וועלכע האָבן זי חרוב געמאַכט (אַרום 660 י.); אין דער שלאַכט מיט זיי האָט אויך געזאָלט אימקומען דער לעצטער היסטאָרישער קיניג מידאַס.

§ 10 די דענקמעלער פון פריגיע און די רעליגיע פון אירע איינוווינער

אין אַלגעמיין איז די ראָלע פון פאַרמיטלער אין קליינ-אַזישן האַנדל צווישן מזרח און מערב איבערגעגאַנגען בירושה נאָך די חתּים צו די פריגיער; נאָך זיי האָבן זיי אויך אי-בערגענומען דעם יסוד פון דער אַלטער ציוויליזאַציע, וועלכע זיי האָבן ווייטער אַנטוויקלט. אין אויבערשטן לויף פון טייך סאַנגאַריאָס (צווישן היינטיקן קוטאַיאַה און אַפיון-קאַראַהיסאַר) האָט זיך אויפבּאַהאַלטן אַ גאַנצע ריי זייער אַלטערטימלעכע דענקמעלער; אויף איינעם פון זיי, אויף דער א. ג. מידאַס-מצבה, איז פאַרבליבן אַפילו אַן אויפשריפט אין דער פריגישער שפּראַך „קיניג מידאַס". דערדאָזיקער אויפשריפט האָט באַשטע-

---

און באַזעצט זיך אויף די ברעגעס פון קליינאַזיע? וועלכע איז געווען דו שטאַרקסטע היסטאָרישע מלוכה אין קליינאַזיע? ווער איז געווען איר גרינדער? סאַ־אַ דינאַסטיע? סאַרא כאַראַקטער פון פאָלק? ווער איז דער היסטאָרישער קיניג פון מ דאַס? וואָס א ז אַזוינס די טאַלאַסאָקראַציע

טיקט איבער יעטווערן ספק די אויטענטישקייט פון דעם גע־שטאַלט, וואָס איז ביזאַהער באַטראַכט געוואָרן פאַר מיטיש. די דערמאָנטע דענקמעלער זענען מצבות, אויסגעהאַקטע אין די פעלזן מיט איינגענג, באַצירט מיט אַ פאסאדע, וועלכע איז טיילמאָל צוגעבויט געוואָרן צו דער וואַנט פון פעלז. די פאסאדע פון אַזאַ מצבה דערמאָנט מיטן אויסזען דעם פראָנט פון אַ הויז מיט אַ פאַרמויערטער וואַנט. אין דער הינזיכט פון אָרנאַמענטיק טיילן זיך דידאָזיקע מצבות אויף צוויי קאַטעגאָריעס: איינע פון זיי האָט אַן עלטערע אָרנאַמענטיק מיט אַ העראַלדישן כאַראַקטער; דעם שפּיץ פון איינגאַנג באַצירן געוויינלעך ספינקסן, תמיד געפּאָרטע מיט פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון אָקסן אָדער לייבן, געווענדט צו איינאַנד מיט די שטערנס און פּו־נאַנדערגעטיילט, ס׳רוב מיט אַ וואַזע, זייל אָדער פאַלוס. די־דאָזיקע אָרנאַמענטן בינדן זיך אוממיטלבאַר מיט ענלעכע חיהשע סימבאָלן, וועלכע ווערן אָנבאַגעגנט אין קאַפּאַדאָקיע, און גע־פינען זייער אורמוסטער אין דער אַשורישער אָרנאַמענטיק, אין וועלכער ס׳זענען אַוועקגעשטעלט פונקט אַזעלכע ספינקסן באַם איינגאַנג אין די פאַלאַצן. אַנדערש שטעלט זיך פאָר די שפּע־טערדיקע אָרנאַמענטיק, וועלכע האָט זיך אויפבאַהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג אויף מזרח אין די געוועבטע מוסטערן, צי אויף די טעפּיכער, אָדער אויף אַנדערע מאַטעריאַלן; דאָס איז אַ געאָמעטרישע צייכענונג (קרייצלעך, קוואַדראַטן אָדער מעאַנדרעס). אַזאַ אָרנאַמענט פון מעאַנדרעס באַדעקט די קבר־פאַסאַדע פון מידאַסן. אַן ענלעכן מין רעליגיעזע דענקמעלער, אויסגעהאַקטע אין פעלז, באַגעגענען מיר אויך באַם סאַנגאַריאָס און אַפילו אויך ווייטער נאָך אויף מערב אין סיפּילע. פונקט אַזאַ פאַסאַדע דינט פאַר אַן איינגאַנג צו דער הייל, אין וועלכער ס׳איז אויסגעהאַקט אויף דער וואַנט דאָס געשטאַלט פון אַ געטין צווישן צוויי לייבן (א. ג. אַרסלאַנקאַיאַ אָדער „לייבן־פעלז״).

פון מידאַסן? וואָסער איז געווען דער סוף פון דעם פריגישן קיניגרייך?
אין וואָס האָט זיך דערהאַלטן די טראַדיציע פון דער חתישער מלוכה?
וועלכע זענען די פריגישע הויפּטדענקמעלער און ווו געפינען זיי זיך?
וואָס איז אַזוינס די מצבה פון קיניג מידאַס? סאַראַ געשטאַלט האָט זי?

דאָס איז די געטין מאַ אָדער קיבעלע. מחמת פונקט אַזאַ פיגור האָט זיך אויפבאַהאַלטן מיט אַן אויפשריפט „מוטער קיבעלע״. דער באַארבעטער פעלזן-בלאָק, וואָס שטעלט פאָר דאָסזעלביקע פרויען-געשטאַלט, אין די סיפּילע-בערג אין דער נאָענט פון מאַגנעזיע, האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייונג פון גריכישן מיטאָס וועגן דער פאַרשטיינערטער ניאָבע; ווי עס שיינט אָבער, איז דאָס אויך די סטאַטוע פון קיבעלע. מחמת די פריגישע רעליגיע איז מ׳ערנישט ווי אַ המשך פון די אַמאָליקע קליינאַזישע קולטן, זי האָט אויך אויפבאַהאַלטן די געטין פון פרוכפּעריקייט מאַ אָדער אַממאַס (די גריכישע קיבעלע מיטן זון, די רוימישע מאַגנאַ מאטער), ווי אויך איר ליבלינג פּאַפּאַ (דער גריכישער דיאָניזאָס, טראַקישער סאַבאַזיאָס): די ערשטע מיט די אייגנשאַפטן פון דער סעמיטישער געטין אישטאַר, דעם צווייטן – אַלס דעם גאָט אַטטיס. אַרום דידאָזיקע געשטאַלטן האָט זיך אויסגעבילדעט אַ זייער אַנטוויקלטער קולט מיט פּריסטער (די שפּעטער א. ג. גאַללן) און פּריסטערינס אין דער שפּיץ; דער הויפּט-צענטער זיינער איז געווען דער טעמפּל אין דער שטאָט פּעסינוס איבערן אויבערשטן סאַנגאַריאָס, אויפגעבויט לויט דער מסורה דורכן קיניג מידאַס אַליין. לכּבוד דידאָזיקע געטער זענען פאָרגעקומען לעבן אים אָרגיאַסטישע ספּעקטאַקלען מיט מוזיק און טענץ; מחמת דער יסוד פון דאָזיקן קולט איז געווען די פאַרערונג פון דער נאַטור. פון דער נאַטור-דערשיינונג פון דער ענדערונג פון די יאָר-סעזאָנען – דאָס אָפּשטאַרבן פון דער נאַטור און איר ווידער-געבורט – האָט זיך אַרויסאַנטוויקלט שפּעטער אַ גאַנצע לערע וועגן טויט, אויסלייזונג און תּחית-המתים; ס׳זענען געווען דערין באַהאַוונט די גלויביקע, וועלכע האָבן גענומען אָנטייל אין די צערעמאָניעס, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט דידאָזיקע

סאַראַ זענען די צוויי אָרנאַמענטיק-מינים פון די פריגישע מצבות? וואָס איז אַזוינס הערעַלדישער אָרנאַמענט? פונוואַנען שטאַמט ער? ווו טרעפט ער זיך אַמווייטסטן אויף מערב? וואָס איז אַזוינס געאָמעטרישער אָרנאַמענט? וואָסערע זענען זיינע פאָרמען? און וואָס חזרט ער זיך איבער עד היום? וואָסערע זענען די רעליגיעזע דענקמעלער? ווי אַזוי האָט מע.

רעליגיע געהיימעניש (מיסטעריע). שפעטער האָט מען פאַרפלאַנצט דידאָזיקע מיסטעריעס אויך אין גריכנלאַנד, ווי די השפעה פון די פריגיער אויף די גריכן איז בכלל געווען זייער גרויס (דע־ גריכישער אויסדרוק אויף דער באַצייכענונג פון אַ קיניג — ἄναξ — איז פון פריגישער אָפּשטאַמונג), אַחוצדעם האָט די גריכישע מוזיק פיל צו פאַרדאַנקען דער פריגישער.

§ 11 לידיע און די מלוכה פון די מערמנאַדן

די איינוווינער פון לידיע זענען געווען אַרויסגעשטויסן דורך די גריכן אין דער טיף פון האַלבאינזל. די שפורן פון זייער אַלטערטימלעכן אַקראָפּאָל זענען פאַרבליבן ביז אויפן היינטיקן טאָג אויף דער הויכעניש פון סיפּילע, ווו עס געפינט זיך די סטאַטוע פון קיבעלע, ד. ה. אין דער נאָענט פון מאַגנעזיע. לידיע האָט זיך אויסגעשפרייט לענגויס די טייכטאָלן פון מעאַנדער און הערמאָס, אַרומנעמענדיק די פרוכפּעריקע באַרגרוקנס פון דעם הויכפּליין פון קליינאַזיע. וועלכער איז געווען שפּעדיק פון דער נאַטור באַשאָנקען. אַחוץ דאָס עשרות פון דער קרקע, האָט לידיע אויך באַזעסן אוצרות אין מעטאַלן, דערהויפּט גאָלד. דער אַלטערטימלעכער נאָמען פון גאָלדליפערנדיקן פּאַטקאָל (צופלוס פון הערמאָס) זאָגט עדות, אַז זיינע וואַסערן האָבן געטראָגן גאָלדענעם זאַמד, אַחוצדעם האָבן זיך די גראָבנס פון דאָזיקן מעטאַל געמוזט געפינען אויך אין די טמאָלאָס־בערג. צופוסנס פון דידאָזיקע בערג, וואָס פאַלן אַרונטער צום טייך הערמאָס, האָט זיך אויף אַ ברייטן פליין פונאַנדערגעלייגט די רייכע שטאָט סאַרדעס מיט דער ציטאַדעל אויף דעם היגל, אין וועלכער עס געפינען זיך דער קיניגלעכער פּאַלאַץ, די מאַגאַזינען און אַרסענאַלן. די מושלים פון לידיע האָבן זיך באַטראַכט פאַר די

פאָדגעשטעלט די קיבעלע? וואָסער איז דער טיפּ פון דער פריגישער רעליגיע? ווו איז דער צענטער פונם קולט? אין וואָס באַשטייען דער ריטואַל און מיסטעריעס? סאַראַ לאַנד איז לידיע? סאַראַ זענען אירע רייכטימער? ווער איז דער גרינדער פון דער מלוכה? סאַראַ דינאַסטיע

אָפּשטאַמלינגער פון די געטער, פונדאַנען דער נאָמען פון בײדע ערשטע דינאַסטיעס אַטיאַדן און העראַקלידן, וואָס נעמען זיך פון אטיס און העראַקלעס; די בײדע דינאַסטיעס אָבער װענען מיטיש. די מלכים האָבן אַלס סימן פון זײער אָפּשטאַם געטראָגן אַ צווײשאַרפיקע האַק, מיט װעלכער מ׳האָט פאַרגעשטעלט אין קלײנאַזיע, און שפּעטער אויך בײַ די גריכן, דעם גאָט יאָװיש (צעוס לאַבראַונדוס). דער קיניג פלעגט האָבן בײַ זײַן זײַט דעם פאַרטרעטער אָדער חבר. באמת היסטאָריש איז די לעצטע דינאַסטיע פון די מערמנאַדן, װעמעס הערשאַפט עס פאַלט אויס אויפן VII און VI י. ה. פאַר קר. דער גרינדער אירער האָט געזאָלט זײַן גיגעס, װעלכער איז אַ מיטישע געשטאַלט. דער־דאָזיקער גיגעס האָט אַלס פאַרװאַלטער (מאַיאָרדאָם) געזאָלט פאַרכאַפּן דעם טראָן פון לעצטן קיניג פון דער דינאַסטיע העראַקלידן און אײַננעמען די קאַרישע ברעגעס, מיזיע און טראָאַדע. דער היסטאָרישער קיניג פון די לידיער גיגעס איז געװאָרן צעקלאַפּט דורך די קימריער (אַרום י. 650), אָבער פון די קימרישע שלאַכטן איז די לידישע מלוכה אַרויס זיגרײַך שוין פאַר דער הערשאַפט פון די שפּעטערדיקע מלכים (אַרדיאַס, סאַדיאַטעס, אַליאַטעס) און געגאָסן גלײַכצײַטיק פון דער ירידה פון פריגישן קיניגרײַך. אַליאַטעס האָט געזאָלט צעקלאַפּן און פאַרטיליקן פולשטענדיק די קימריער, אַרײַנלאָזנדיק זיך אין זײַנע איבערפאַלן אַזש ביז קאַריע — ער האָט אויך פאַרברײטערט זײַן הערשאַפט אויף מזרח ביז האַליס און אויף מערב ביז צום ים. אים האָבן עס די דאַנקבאַרע לידיער אויפגעבויט אַ קבר אין געשטאַלט פון אַן אָנגעשאָטן זאַמדבערגל, נאָר אויף אַן אונטערמויערונג, װעמעס רעשטלעך דערהויבן זיך נאָך עד היום אויף אַ הויך פון 69 מ איבערן טאָל פון הערמאָס. זײַן נאָכפאָלגער קרעזוס איז שוין געװען אַ מעכטיקער מושל, און זײַן מלוכה האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן האַלבאינזל אויף מערב

האָבן זיך דעראָבערט די לידיער? אוואָסערע איז די לידישע היסטאָרישע דינאַסטיע? װער איז געװען איר גרינדער? פון װען דאַטירט זיך די אַנטװיקלונג פון דער לידישער גרויסמאַכט? אוואָסערע זענען געװען די גרעניצן פון דעראָזיקער מאָנאַרכיע? פונוואַנען שעפּט זי אירע רײַכטי־

פון טייך האַליס מיטן אויסנאַם פון ליקיע. די גריכישע בּרעג־שטעט האָבּן אים אַלע אָן אויסנאַם געצאָלט : מס. אויף מזרח האָט זיך דאָס לידישע קיניגרייך צונויפגעשטויסן שוין פאַר די צייטן פון אַליאַטעס מיט דעם קיניגרייך פון די מעדיער, אָבּער פון י. 585 האָט געהערשט שלום, אויפן סמך פון וועלכן דער טייך האַליס איז געווען די גרעניץ פון די לידיער און מעדיער. אין VI און VII י. ה. זענען די לידיער געווען דאָס וויכטיקסטע האַנדלס־פאָלק אין קליינאַזיע. אויף דער חשיבות פון זייערע האַנדלס־באַציונגען מיט מזרח און מערב זאָגט עדות דער פאַקט וואָס די מערמנאַדן זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבּן אייגגעפירט אין לויף די עפנטלעכע מטבע. ביז צו יענער צייט איז די מטבע געווען בלויז אַ מאָס־איינצל פון ווערט, (פונקט ווי די אייל — פון דער לענג, אָדער דער פונט — פון דער וואָג). די לידיער האָבּן אָנגעהויבּן זי צו פאַרזען מיט אַ צייכן, וועלכער גיט פאַר זיך גופא צו דער מטבע אַ באַשטימטן ווערט. דאָס ערשטע געלט זייערס איז געווען געשלאָגן פון אַ געמיש פון גאָלד און זילבער (א. ג. עלעקטראָן), און געווען פאַרזען פון איין זייט מיט אַ חיהשן סימבאָל (למשל אַ קאָפּ פון אַ חיה), אָדער מיטן געשטאַלט פון קיניג, וואָס האַלט אַ בויגן און פיילנבייטל. קרעזוס האָט אויפן אָרט פון דער מטבע פון עלעקטראָן איינגעפירט ריין גאָלדן געלט (זילבער אַלס אליאזש) ; אויף איין זייט פון דערדאָזיקער מטבע איז פאָרגעשטעלט א קאָפּ פון אַ לייב, וואָס עפנט זיין פיסק צו דעם אָקס מיט די קעגן אים געווענדטע הערנער. דאָס איז די עלטסטע גילדענע מטבע, וועלכע האָט זיך אויפּבּאַהאַלטן עד היום אויף דער וועלט.

אין לידיע האָט געהערשט דערזעלביקער קיבעלע־קולט, וואָס אין קליינאַזיע. דאָ האָט זיך אויפגעהיטן אַ ספּעציעלער טאַנץ פון די פּריסטערינס מיט בויגנס און שילדן, וועלכע זיי

מער ? וועלכע איז די עלטסטע עפנטלעכע מטבע ? ווער האָט זי אויס־געשלאָגן און פון וואָס ? סאַראַ איז געווען די ערשטע מאָנעטאַרישע רעפאָרם פון קרעזוסן ? אוואָסער זענען די כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פון דעם קיבעלע־קולט ? וואָס זענען אַזוינס אמאַזאָנקעס ? אוואָסערע

האָבן געהאַלטן אין די הענט. דידאָזיקע באַוואָפּנטע פּאַרערערינס פון דער געטין האָבן עס גורם געווען צו דער באַשאַפונג פון דער אַלטערטימלעכער מסורה וועגן פרויען-קריגערינס (אַמאַזאָנקעס). דער זייער אַלטערטימלעכער איבערבלייב אַליין ווייזט אָן אויף דער גאַנץ אַנדערער ראָליע פון די פרויען אַמאָל, ווי אין די שפּעטערדיקע צייטן (מאטריארכאט אָדער אויבערהאַנט פון די פרויען אין משפּחה). די שפּורן פון זעלביקן מוטערלעכן רעכט האָבן זיך אויפבאַהאַלטן אויך באַ די שכנים לידיער, ליקיער (די נעמען פון דער מוטער, נישט פון פאָטער, אַזאַ מנהג האָט פאַרפליכטעט אויך די מיטגלידער פון געוויסע געהיימע קולטן — מיסטעריעס). צו דעם לידישן קיניגרייך האָבן לסוף געמאַכט אַן עק די פּערסער אין יאָר 596.

§ 12 די קונסט אין קליינאַזיע

די קונסט פון דאָזיקן לאַנד פאַרנעמט אַ זייער אָנגעזעען אָרט אין דער געשיכטע פון דער אַלטערטימלעכער קונסט, מחמת אירע איבערבלייבן ווייזן אָן אויף איבערגאַנגס-שטופּעס פון דער מזרח־קונסט צו דער שפּעטערדיקער קונסט אויף מערב, וועלכע האָט געפונען איר העכסטן אויסדרוק פון שלמות אין דער גריכישער קונסט. נישט קוקנדיק אויף די פרעמדע השפּעות אַזוי גוט אין דער טעכניק, ווי אין דער אָרנאַמענטיק פונם מזרח (די סיראָ-קאַפּאַדאָקישע קונסט), געפינען מיר אין קליינאַזיע די עלטסטע דענקמעלער, וועמעס כאַראַקטער פירט אונז צו דעם אָנהויב פון אַ גאַנץ נייעם מין קונסט. אַזויגוט די פּאַסאַדן פון די קברים, ווי אויך זייערע אָרנאַמענטאַציע-פּרטים, ווייזן אָן דערויף, אַז אַפילו קריצנדיק אין שטיין אָדער שמידנדיק אין פעלז האָבן די פריגיער און אַנדערע מערבדיקע פעלקער פון

זענען געווען די רעשטלעך פון דעם מוטערלעכן רעכט אין קליינאַזיע? כאַראַ באַדייטונג האָט איר קונסט? פון וואָס זענען די קברים-פּאַסאַדן אַן אָפּשפּיגלונג? ווי איז דער איינפלוס פון דעם קלימאַט פון קליינאַזיע אויף דער אַנטוויקלונג פון דער בויקונסט? ווו איז דער אָנהויב פון דער

קלײנאַזיע נאָכגעמאַכט די בנינים נישט פון שטײן, װי די אשוריט, און נישט פון ציגל, װי די בבלער, נאָר פון האָלץ. די שפּע פון דאָזיקן בױ־מאַטעריאַל, װי אױך דער קלימאַט פון קלײנאַזיע דערקלערן גענוג דעמדאָזיקן נײעם מין ארכיטעקטור. װעלכן מיר באַגעגענען דאָ צום ערשטן מאָל. די כאַראַקטעריסטישע אײגנשאַפטן פון די הילצערנע בנינים דערקלערן אונז צום בעסטן די נײע אָרנאַמענטאַלע פּרטים, װעלכע זענען איבערגעטראָגן געװאָרן אױף דער פעלזװאַנט. אין אַ פײכטן קלימאַט נעמט דער דאַך אָן אָנשטאָט אַ פלאַכע, אַ משופּעדיקע פאָרם, כדי צו פאַרהיטן דאָס הױז פון די אַטמאָספערישע אָפּזעצונגען. דער שפּיץ פון הױז גײט אין דורכשניט אַן אָפּענעם אָדער שאַרפן דרײעק, אָפּהענגיק פון דער גרעסערער אָדער קלענערער משופּעדיקײט פון דעם דאַך. דערדאָזיקער דרײעק איז מיט דער צײט געװאָרן באַנוצט אַלס די גרעסטע אַרכיטעקטאָנישע באַצירונג. שױן דאָ איז ער אױסגעפילט מיט אַ באַרעליעף, װאָס שטעלט פאָר צװײ סימעטרישע פעלדער (למשל אַ פּאָר לײבן), פונאַנדערגעטײלט אינמיטן מיט אַ געגנשטאַנד פון באַזונדערער נאַטור (למשל, מיט אַ זײל אָדער װאַזע). אױף אַזאַ אופן זענען די גריכן, אַדאַנק דער ארכיטעקטור פון קלײנאַזיע, דערגאַנגען מיט דער צײט צו אטיקא. בײַ דער גאַנצער אָרימקײט פון אַרכיטעקטאָנישן אײנפאַל, װעלכע עס שטעלט פאָר די קבר־פאַסאַדע, האָבן געװיסע פּרטים אירע, װי דער האַלבזײַל — אָדער דער אױסגעשמידטער זײַל אינם פעלז, געהאַט שױן געװיסע אײגנשאַפטן פון אַ זײַל, װעלכן די גריכן האָבן שפּעטער אָנגערופן אױף זײער נאָמען. דאָס איז די יאָנישע װאָלוטאַ, אַ זײער אומפּולשטענדיקע פאַרענדיקונג פון אַ אין דאָזיקן אָרט װי פאַרפלאַכטן זײַל, װעלכע טרעט בולט אױף אױפן געשניצטן ערִיקול אין באַגהאַז־קואַי אױפן פעלז (שיפּיע) און חזרט זיך איבער אין פאַרשידענע װאַריאַציעס אױך אױף די פריגישע מצבות. אַװאָסערע ס׳האָט נישט געזאָלט זײַן די

האָלץ־ארכיטעקטור ? סאָרא דענקמעלער זאָגן עדות אױף איר אנטװיק־לונג ? סאָרא כאַראַקטער האָט אטיקא ? װוּ באַגעגנט מען די עלטסטע עלעמענטן פון דעם גריכישן זײַל ?

וואַנדערונג פון דאָזיקן צייל פון מזרח, האָבן די גריכן זייער נאָענטסטע באַקאַנטשאַפט מיט אים דאָך געמוזט פאַרדאַנקען זייערע אוממיטלבאַרע שכנים, און אין דער ערשטער ריי די פריגיער.

ביבליאָגראַפּיע

A. H. Sayce: The archeology of the cuneiform inscriptions. 1907

Eberhard Schrader: Die Keilinschrift und das alte Testament.

M. Müler: Asien und Europa nach altägyptischen Denkmälern 1903.

H. Winckler: Die Völker Vorderasiens (Der alte Orient. 1902)

E. Brandenburg: Phrygien und seine stellung in kleinasiatischen Kulturkreis (Der alte Orient. 1908)

Th. Kluge: Die Lykier. Ihre Geschichte und ihre inschriften. (Der alte Orient. 1910)

Jensen: Die Hettiter und die Armenier. 1908

G. Hirschfeld: Die Felsenreliefs in Kleinasien und das Volk der Hettiter (Abh, kgl. Akad. Berlin. 1887)

Perrot et Chipiez: Histoire de l'art dans l'antiquité. T. IV, Syrie. Cappadoce, T. V, Phrygie, Lydie et Carie — Lycie.

Mospero: Histoire des peuples d'Orient.

Meyer: Geschichte Altertums.

C. P. Tiele: Geschichte der Religion im Altertum. T. I.

Franz Cumont: Les réligions orientales dans le paganisme romaine. (Annales de musée Guinent. T. 24). 1907.

P. Kretschmer: Einleitung in die Geschichte der Griechischen Sprache 1896.

אַרטיקלען : א. ה. סעיס : חתּים און לידיע, מ. ראמסעי : פריגיע, וו. ווילסאָן : אררט און אַרמעניע, (10 אויפלאַגע, The British Encyklopädie).

A. Szelągowski: Wielkie drogi a cywilizacya (Wschód i Zachód, Zagadnienia z dziejów cywilizacyi. 1912).

Jean de Nettancourt-Vaubecourt: Sur les grandes routes de l'Asie Mineure. 1908

Baedecker's: Konstantynopel und das westliche Kleinasien. 1905.

איראַן און טוראַן

§ 1 דאָס הויכלאַנד איראַן

דער המשך פון דער ארמעניע-הויכעניש אויף מזרח איז דאָס הויכלאַנד איראַן. עס בילדעט אַ מין שטאַפּל העכער אין דער טיף פון מיטלאַזיע. אַזוי בכן אינדערצייט ווען די הויכעניש פון קליינאַזיע מאַכט אויס דורכשניטלעך 800 — 900 מ, און פון אַרמעניע אויף עטלעכע הונדערט מעטער מער, דערגייט די דורכשניטלעכע הויך פון דעם איראַנישן הויכלאַנד שוין 1500—2500 מ. דערבײַ גרייכן געוויסע בערג די הויך פון 5000 מ. דאָס איז אויך אַ פּירקאַנטיקער מאַסיוו, פּונקט ווי אויך די הויכעניש פון קליינאַזיע, אָבער פיל העכער און ברייטער פון איר. אויף מערב פאַלט דידאָזיקע הויכעניש אַראָפּ צו דער נידערונג פון טורקעסטאַן און צום קאַספּישן ים, אויף דרום ווידער צו דעם פּערסישן איינגוס און צום אַראַבישן ים. אינדערצייט ווען אויף מערב און מזרח פאַרייניקט זיך איראַן מיט די שכנותדיקע הויכענישן פון ארמעניע און מיט דער מיטלאַזישער הויכעניש, טוליען זיך פון ביידע זייטן צו איראַן די נידערונגען — פון מערב מעסאָפּאָטאַמיע, פון מזרח ווידער די נידערניש פון פינפטייכנלאַנד, אָדער פּענדזשאַבל. דידאָזיקע געאָגראַפישע לאַגע גיט צו דער הויכעניש פון איראַן דעמזעלביקן דורכגאַנגס-כאַראַקטער, וועלכן עס באַזיצט די הויכעניש פון קליינאַזיע, אָבער די הויפּטדורכגענג פירן דאָ נישט פון מערב

סאַרא איז דער המשך פון ארמעניע אויף מערב? ווי איז די באַציונג פון דער איראַנישער הויכעניש צו די שכנותדיקע אזיאַטישע

אויף מזרח, נאָר פון צפון אויף דרום, ד. ה. פון קאַספּישן ים צו דעם פּערסישן איינגוס און פון דער נידערונג פון טורקעסטאַן צום טייך אינדו. אויך דאָ פאַרשליסן די זייטן פון דער הויכעניש ראַנדבערג, אָבער זייער ריכטונג איז נישט קיין פּאַראַלעלע, ווי אויף דער הויכעניש פון קליינאַזיע, נאָר אַנטשפּרעכט געוויי דער ריכטונג פונם ראַנד. פון צפון זענען דאָ פאַראַן די זאַגראָס-בערג, וועלכע, אָנהויבנדיק פון ארמעניע, לויפן זיי פּאַזע דעם חידקל אין דרום-מזרחדיקער ריכטונג, (די קודרישע בערג), און דערנאָך פון מערב אויף מזרח פּאַזע דעם פּערסישן און אַראַבישן איינגוסן. און ענדיקן זיך אין בעלודזשיסטאַן. פון צפון זענען די בערג קאַרא-דאג, וועלכע לויפן לענגויס פון אַראַקס, דער המשך פון דעם טאַווּרוס-פּאַס. ווייטער איבערן קאַספּישן ים דערהויבט זיך אַ באַזונדערער עלברוס-פּאַס. צו מזרח לאָזט זיך דער צפונדיקער ראַנד אַלץ מער אַראָפּ און ערשט אין די בערג הינדו-קוה נעמט ער אָן אַ באַדייטנדיקע הויך. די אַלטערטימלער האָבן זיי באַטראַכט פאַר דעם פּאַראַ-פּאַמיסוס-פּאַס, וואָס איז דער המשך פון טאַווּרוס (סטראַבאָ). דעם מזרחדיקן ראַנד פון דער הויכעניש. פון דער פּענדזשאַבל-זייט בילדן די סוליימאַן-בערג. אָט די אַלע פּאַסן פון דער איראַנישער הויכעניש, אַזוי גוט פון מערב ווי פון מזרח, לויפן זיך צונויף אין איין מעכטיקן באַרגקנופּ הינדו-קוה, וועלכער פאַראייניקט דורך דער פאַרמיטלונג פון פּאַמיר די הויכעניש פון איראַן מיט דער מיטלאַזישער הויכעניש. די בערג הינדו-קוה האָבן די אַלטערטימלער צונויפגעמישט מיט די בערג פון קאַווּ-קאַז, פונקט ווי זיי האָבן דעם טייך יאַקסאַרטעס געהאַלטן פאַר אידענטיש מיטן דאָן (טאַנאַיס). פונדאַנען שטאַמט אויך דער נאָמען פון דידאָזיקע אינדישער קאַווּקאַז (באַ סטראַבאָן). ווייטער שוין אויף מזרח האָבן די אַלטערטימלער נישט אַרויס-געריקט זייערע פאָרשונגען, באַצייכנענדיק אין אַלגעמיין דעם סיסטעם פון די מיטלאַזישע בערג מיטן נאָמען אימעוס-בערג.

הויכענישן? וואָסער איז איר פאָרם און גרעניצן? סאַראַ שטעלונג אין דעם בערג-סיסטעם? וואָסע־ע זענען די ראַנדבערג? וואָס באַטייט פּאַראַפּאַמיסוס אָדער אינדיש קאַווּקאַז? ווו איז דער קנופּ פון די בערג-

אויפֿן שטייגער פון אַנדערע מיטלאזישע הויכענישן איז אויך די איראַן-הויכעניש על-פּי-רוב מדברדיק און אומבאַוואַסערט. אירע טייכן זענען מערסטנטייל אָן אָפּפלוס און טריקענען אויס זומערצייט, די אָזערעס ווידער אַנטהאַלטן אַ סך זאַלץ. פון די אינעווייניקסטע טייכן איז דער גרעסטער דער טייך הילמענד, וועמעס טאָל בילדעט דעם וויכטיקסטן דורכגאַנג פון מערב אויף מזרח פון דעם הויכפּליין איבערן קאַספּישן ים (כאָראַסאַן) ביז אַפגאַניסטאַן, און די שטאָט קאַנדאַהאַר (די אַלטערטימלעכע אַלעקסאַנדריאַ אַראַכאָסיאַנאַ), וואָס ליגט אין דעמדאָזיקן טאָל, איז דאָס טויער אין דער טיף פון אינדיע, פון דער זייט פון איראַן.

פּונקט אַזאַ דורכגאַנג פון צפון בילדעט דער טייך העריי-רוד, אין וועמעס קעסל עס ליגט העראַט (אַלעקסאַנדריאַ אַריאַנאַ). פון די אָזערעס איז די באַדייטנדיקסטע אין דער מערבדיקער טייל פון לאַנד די אָזערע אורומיאַה אין דער היינטיקער פּראָווינץ אַזערביידזשאַן, אויף דער גרעניץ פון די דריי לענדער: רוסלאַנד, טערקיי און פּערסיע (די אַלטערטימלעכע קליינע מעדיע, אָדער אַטראָפּאַטענע). אין דער מזרחדיקער טייל פון דער הויכעניש, אויף דער גרעניץ פון איראַן און אַפגאַניסטאַן בילדעט די אָזערע האַמון אָדער אַ ריי זומפּיקע לאַגונעס, אָדער אַ געדיכטע מאַסע פון געזאַלצן וואַסער, אָפּהענגיק פון דער יאָר-תּקופה. דער קלימאַט אויף דער הויכעניש איז אַ שאַרפער, קאָנטינענ-טאַלער, און דער קעגנזאַץ צווישן די טאָג-צייטן און יאָר-תּקופות איז נאָך באַדייטנדיקער ווי אין קליינאַזיע. די נאַטור אין דער טיף פון דער הויכעניש איז נאָך אָרעמער. און די בערג, וועלכע דערגרייכן ביז 5000 מ הויך, זענען כּמעט וואַלדלאָז.

די איינציקע פרוכטבאַרע טיילן פון דער הויכעניש בילדן די אָאַזיסן, וועלכע ליגן אין די טייך-בעקנס. אַזאַ אָאַזיס שטעלט פאָר דער שוין אויבן דערמאָנטער העראַט אין דעם טאָל העריוד אָדער קאַנדאַהאַר אין דעם הילמענד-בעקן. דערפאַר

סיסטעמען פון מיטלאזיע? ווי האָבן די אַלטערטימלעכע אָנגערופן די דאָ-זיקע בערג אין מזרח? סאַרא איז דער כאַראַקטער פון דער הויכעניש? די טייכטאָלן און דורכגענג? כאַרא כאַראַקטער פון די אָזערעס? סאַרא

זענען די טיילן פון דער הויכעניש, וועלכע זענען געווענדט צום ים און האָבן אַ שפּע פון אַטמאָספערישע אָפּזעצונגען, געבענטשט פון דער נאַטור. דאָ געהערט די אַלטערטימלעכע עילם (היינטיקע קהוסיסטאַן איבערן קאַרון), אַזוי אָנגערופן אין דער ביבל, לויט די קלינעס-אויפשריפן ווידער דאָס לאַנד אַנשאַן מיט דער הויפּטשטאָט סוזאַ (פונדאַנען דער שפּעטערדיקער נאָמען פון דער פּראָווינץ סוזיאַן). אויף דרום פון איר ליגט פּערסיס (די היינטיקע פּראָווינץ פאַרסיסטאַן), דאָס וויגעלע פון דער אַלטער-טימלעכער דינאַסטיע פון די אכעמענידן-מלכים. אין דידאָזיקע, איבער דעם פּערסישן איינגוס געלעגענע לענדער, בליט די קולטור פון כלערליי תּבואות, דערהויפּט ווייץ, וואָס וואַקסט נאָר אין עילם אַליין אין ווילדן צושטאַנד. אַ מאַסע פון פּרוכטן און בלומען (יאסמין און רויזן) בילדעט די שיינקייט און שפּע פון דאָזיקן לאַנד. נישט ווייניקער פון זיי רייך און פּרוכטבאַר זענען די צפונדיקע טיילן פון איראַן, צום קאַספּישן ים געווענדט. דאָס זענען די צפונדיקע שיפּועים פון די עלברוס-בערג – דאָס לאַנד גילאַן (די אַלטערטימלעכע געלאַנער) און מאַזענדעראַן (אַלטערטימלעכע הירקאַניאַ). דאָ וואַקסט אַחוץ תּבואות מכּל המינים, אויך רייז, אָפּיום, אינדיגאָ, ראָר-צוקער; דאָ קולטיווירט מען טיטון, באַוול. צוליב דעם טעם זענען די פּראָווינצן, וועלכע זענען געלעגן איבערן קאַספּישן ים (גערופן אויך הירקאַנישער), געווען פונלאַנג אַ האַנדלס-צענטער, ווי למשל, פון באַוולנע, לעדערנע אויסאַרבעטונגען א. א. וו.

§ 2 דאָס נידערלאַנד טורקעסטאַן

אויף צפון פון דער הויכעניש איראַן שפּרייט זיך פו-אַנדער דאָס גרויסע פלאַכלאַנד טורקעסטאַן. זי גרענעצט זיך אומ-מיטלבאַר מיט דער סאַרמאַקישער נידערניש אין אייראָפּע און

קלימאַט ? וועלכע זענען די באַדייטנדיקסטע אָאַזיסן ? סאַראַ זענען די פּרוכטבאַרע טיילן פון לאַנד ? סאַראַ געוויקסן-כאַראַקטער פון די זייט, וועלכע ליגן באַם פּערסישן איינגוס ? באַם קאַספּישן ים ? מיט

פאַרייניקט זיך אויף צפון מיט דער סיבערישער נידערניש. איינע און דיזעלביקע איז דאָ די סטעפּן־לאַנדשאַפט, איינע און דיזעלביקע דאָס פלאַנצן־קיניגרייך, אָנהויבנדיק פון דאָן אַזש ביז יעניסיי – אַ פלאַנצן־קיניגרייך פון געזאַלצענע סטעפּעס, ווי אויך איינע און דיזעלביקע תּנאים פון האַלב־וואָגלערישן, האַלב־באַ־ישובטן לעבן. די נידערניש פון טורקעסטאַן באַזיצט צוויי גרויסע געזאַלצענע אָזערעס אָדער ימים: דער קאַספּישער און דער אַראַלישער ימים. צוויי גרויסע טייכן פאַלן אַריין אין דעם לעצטן. ביידע נעמען זייער קוואַל אויף דער מיטלאַזישער הויכעניש. איינער איז אַמודאַריאַ (סט. אָקסוס), דער צווייטער – סיר־דאַריאַ (סט. יאַקסאַרטעס). די אַלטערטימלער האָבן די אַראַלישע אָזערע לגמרי נישט געקענט – לויט די גריכישע געאָגראַפן פאַלן ביידע טייכן אַריין אין קאַספּישן ים, וועלכער האָט זיך געזאָלט פאַרייניקן מיטן שוואַרצן ים. אויף וויפל די ערשטע ידיעה שטימט מיט די היינטיקע געאָלאָגישע פאָרשונגען, אויף אַזוי־פיל האָט זיך די צווייטע געשטיצט אויף דעם טעות פון די אַלטער־טימלער, וועלכע האָבן דעם טייך יאַקסאַרטעס באַטראַכט פאַרן טייך דאָן (טאַנאַיס), וואָס פאַלט אַריין אין אַזאָווישן ים (Mare Maeotis). פון צפון האָט דער טייך טאַנאַיס דורך די סטעפּעס פון סאַרמאַציע און טורקעסטאַן, פון דרום ווידער די טייכן יאַקסאַרטעס ווי אויך קור און אַראַקס, פאַרייניקט די הינטער־קאַספּישע געגנט מיט דער געגנט פון שוואַרצן ים. דאָס איז געווען איינע פון די עלטסטע, אויב נישט די עלטסטע קאָמוני־קאַציע פון אייראָפּע מיט אַזיע. דאָ אין מיטלאַזיע ליגן טאַקע די צוויי עלטסטע שטעט. איינע איז באַלק (די אַלטערטימלעכע באַקטריאַ אָדער זאַריאַספּאַ) אין דעם אָאַזיס, וועלכער האָט געשמט מיט זיין פּרוכטבאַרקייט (אויף דרום פון אָקסוס), די צווייטע איז סאַמאַרקאַנד (די אַלטערטימלעכע מאַראַקאַנדאַ) איבערן טייך סאָגדזשאַ (שפּעטערדיקער קאָהיק, היינט זעראַפשאַן). זיי האָבן געבילדעט די צענטערן פון די צוויי פּראָווינצן, באַקטריע

סאַראַ געביט פון די נידעריקנישן באַרירט זיך די הויכעניש פון איראַן? סאַראַ זענען די בשותּפֿישע שטריכן צווישן די געזאַלצענע סטעפּעס פון אייראָפּע און אַזיע? סאַראַ זענען זייערע עיקרדיקע וואַסער־אַרטעריעס.

און סאָגדיאַנע. שוין העראָדאָט רופט אָן דיביידע שטעט הויפּטמערק אויף אינדישע פּראָדוקטן. די פּראָווינץ באַקטריע ווידער איז געווען פאַר מיטלאַזיע דאָס, וואָס עגיפּטן פאַר אייראָפּע — דער הויפּטמאַרק פון האַנדל און אינדוסטריע. דעמדאָזיקן אוימערגעווייִנלעכן ווּקס זייערן האָבן די ביידע שטעט צו פאַרדאַנקען דערעיקר דער לאַגע זייערער אויפן דורכגאַנג פון די מערב-לענדער: פון אייראָפּע און נאָענטן מזרח — קיין כינע און אינדיע. אויב אין מיטלאַזיע האָט זיך צונויפגענומען דער קנופּ פון אַלע בערגפּאַסן, וועלכע לויפן זיך צונויף פון מזרח און מערב, האָבן זיך דאָ אויך געקרייצט די הויפּטלעכע יבשה-וועגן פון דער גאַנצער וועלט. פון דער הויכעניש פון מיטלאַזיע לויפן זיך דאָ צונויף די וועגן אויף קולדזשא (טאָל פון טייך איללו), אויף כאָטאַן (דורך די קאַראַקאָרום-בערג קיין קאַשמיר) אָדער אויך יאַרקאַנד דורך דער הויכעניש פון פּאַמיר. אָבער דער וויכטיקסטער איז דער וועג פון צפון אויף דרום פון דער נידערניש טורקעסטאַן ביזן טאָל פון פּענדזשאַב, הגם צו אים לויפן זיך צונויף אויך אַנדערע וועגן, וועלכע גייען אַזוי גוט פון מזרח, פון קאַשגאַר, יאַרקאַנד, ווי פון מערב פון דער זייט פון הערַאַט און קאַנדאַהאַר. דאָס איז דער דורכגאַנג פון קאַבול. די וואַסערן פון די געגנטן פון אַמו-דאַריאַ, ווי באַלק, דערגייען דאָ כמעט צו די וואַסערן פון דער געגנט פון אינדוס. דער טייך קאַבול, אַלס צופלוס פון דעם לעצטן, צייכנט אָן דעם וועג דורך די פּאַסן קאָהי-באַבאַ און אינדו-קו פון צפון, אָדער ריכטיקער פון טורקעסטאַן קיין אינדיע. דאָ איז דער שליסל פון דער הערשאַפט אַזוי גוט פון די טוראַניער, ווי פון די איראַניער אין אינדיע. דורכן דאָזיקן טויער זענען אַראָפּגעקומען די פעלקער פון די הויכענישן פון מיטלאַזיע צו דער נידערניש פון פּענדזשאַבל. דאָ איז אויך פאָרגעקומען דער פעלקער-אויסטויש פון איין און דעמזעלביקן שבט

און סאַראַ באַגריף האָבן געהאַט יועגן זיי די אַלטערטימלער ? סאַראַ איז די עלטסטע קאָמוניקאַציע צווישן אייראָפּע און אַזיע ? וועלכע זענען די עלטסטע שטעט אין מיטלאַזיע ? סאַראַ איז זייער האַנדל- און אינדוסטריע-באַדייטונג ? סאַראַ וועגן פירן פון דער הויכעניש פון מיטלאַזיע

אויף דער איראַן-הויכעניש און אויף דער נידערניש פון פענ-דזשאַבל און טורקעסטאַן. דאָסדאָזיקע עלטסטע פאָלק זענען די אַריער.

§ 3 די אַריער

דער נאָמען פון איראַן האָט גענומען ווארשיינלעך זיין אָנהויב פון די איינוווינער, וועלכע האָבן זיך אַליין אָנגערופן אַריער (אויף איראניש Airya), און דאָס פאָטערלאַנד, פונוואַנען זיי האָבן אַרויסגעפירט זייער אָפּשטאַם, האָבן זיי אָנגערופן Airyanem vaejo (vaedo) אָדער אַרישער שבט (arianum semen). דאָרט זאָל לויט דער שפּעטערדיקער מסורה הערשן דער ווינטער אין משך פון צען חדשים אין יאָר. דעמזעלביקן נאָמען אַריער האָבן זיך צוגעשריבן אויך די איינוווינער פון אינדיע (פענדזשאַב), להיפך צו דער באַפעלקערונג פון פרעמדן אָפּשטאַם דאַסיא אָדער דאַסיו. דער אויסדרוק „arya" האָט לכתחילה באַטייט ווילגעבוירענער, און אַריער – מענטשן פון ריינעם בלוט (ראַסישע = ingenui). אָבער שפּעטער האָט זיך דערדאָזיקער אויסדרוק אויסגעשפרייט אויף די באַקענער פון איין רעליגיע אָרמאַזד אָדער אַהורמאַזדאַ. באַ די אַלטערטימ-לעכע געאָגראַפן טראָגט דער גאַנצער שטח לאַנד צווישן דעם אינדישן אָקעאַן און דעם טייך אינדוס פון מזרח אַזש ביז דעם פערסישן איינגוס און איבערן קאַספּישן ים אויף מערב דעם נאָמען אריאנא, און מ'האָט פאַררעכנט צו אים אויך די פראָ-ווינץ באַקטריע. העראָדאָט רופט אויך אָן די מעדיער אַריער (οἱ Ἄριοι). אין די היינטיקע צייטן שפּרייט מען דעם נאָמען אַריער אויס טיילמאָל אויף דער גאַנצער גרופּע באַפעלקערונג, וואָס רעדט מיט קרובישע שפּראַכן, און וואָס וווינט פון די ווייטסטע עקן פון אייראָפּע אַזש ביז אינדיע. דאָס זענען

אויף מערב ? ווו איז דער קנופּ פון די וועלטוועגן צווישן מזרח און מערב ? סאַראַ באַדייטונג האָט דער דורכגאַנג פון קאַבול ? פונוואַנען און אַוואַסערער איז געוועז אין אַלטערטום דער פעלקער-אויסטויש פון איין

פעלקער פון דער אַרישער אָדער אינדאָ־אייראָפּעישער שפּראַכן־גרופּע, וועלכע ווערט טיילמאָל אומריכטיק אָנגערופן אינדאָ־גערמאַנישע. אין ענגערן זינען באַנוצן מיר דעם נאָמען אַריער צו דער באַצייכענונג פון די אַלטערטימלעכע איראַניער אָדער הינדוסן. וואַרשיינלעך זענע זיי אַמאָל געווען איין פאָלק, פון וועלכן אַ טייל האָט זיך באַזעצט אויף מערב און געגעבן דעם אָנהויב די מעדיער און פּערסער, אַ טייל ווידער איז אַוועק נאָך ווייטער אויף מזרח, איז אַראָפּ אין טאָל אינדו, און פון איר דאַטירט זיך דער אָנהויב פון דער אַרישער באַפעלקערונג אויף דער האַלבאינזל הינדוסטאַן. אָבער נישט די צייט פון דערדאָזיקער וואַנדערונג, נישט דעם בשותּפישן ישוב, דאָס ערשטע וויגעלע פון דידאָזיקע שבטים, איז נישט מעגלעך פעסט־צושטעלן, מחמת דאָס השערהדיקע וויגעלע Airyanem vaejo איז גיכער אַ רעליגיעזער מיטאָס (דאָס וויגעלע פון מענטשלעכן מין, באַשאַפן דורך אָרמאַזדן), איידער אַ גענויער געאָגראַפישער באַגריף, מאַר וועלכן טייל האַלטן עס, באַשטימענדיק דאָס אָרט פון דאָזיקן לאַנד אָדער אויף צפון העכער פון סאַגדזשאַ (טילע); אָדער אויף מערב צווישן קורא און אַראַקס אין דער שפּעטער־דיקער אַרמעניע אין לאַנד אַראַן.

§ 4 די אַרישע אַלטערטימלעכע שפּראַך־דענקמעלער

להיפך צו אַנדערע אַלטערטימלעכע פעלקער, דערהויפּט סעמיטן, טרעטן די אַרישע פעלקער אויף זייער שפּעט אויף דער היסטאָרישער אַרענע. זיי האָבן בכן נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום אָריגינעלע דענקמעלער הן אויפן געביט פון אַר־כיטעקטור, הן פון קונסט, אַזעלכע אַלטע ווי די קולטור פון בבל אָדער עגיפּטן. ס׳האָבן זיך אויפבאַהאַלטן דערקעגן זייערע

און דעמזעלביקן אָפּשטאַם אין איראַן, טורקעסטאַן און אין אינדיע? פאַרוואָס איז דער אָפּשטאַם און אויסדרוק אַריער? און וואָס באַטייט ער? ווי ווייט פאַרברייטערט זיך דערדאָזיקער נאָמען געאָגראַפיש? וואָסער זענען די שטופן פון דערדאָזיקע פאַרברייטערונג (שבטישע, רעליגיעזע, שפּראַכ־

שפּראַך־דענקמעלער, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך אַזעלכע אַלטע גלויבענישן, אַז זיי גרייכן נאָך זייער פאַרהיסטאָרישע צייט. דאָס זענען ביכער, וועלכע זענען אויפבאַהאַלטן אַלס הייליקע אין היינטיקן אינדיע צווישן די בראַמאַנער. זיי רופן זיך ווערא, אָדער וויסנשאַפט, און בילדן אַ זאַמלונג פון איבער 1000 פּאָע־מעס, וועלכע באַשרייבן דערעיקר דאָס לעבן פון די געטער. די צייטן פון זייער אַנטשטייונג פאַלן אויס אויף דער העלפט פון צווייטן יאָרטויזנט פאַר קר., גיכער פריער, איידער שפּעטער, הגם אין דער פאָרם, אין וועלכער זיי זענען צו אונז דערגאַנגען, קומען זיי געוויס אַרויס ערשט פון אָנהויב ערשטן יאָרטויזנט. זיי זענען אָנגעשריבן אין דער אַלטערטימלעכער שפּראַך פון די הינדוסן, וואָס רופט זיך סאַנסקריט. דער ערשטער, וואָס האָט אונטערגע־נומען די פאָרשונגען איבער דערדאָזיקער שפּראַך און באַקענט מיט איר די אייראָפּעער, איז געווען דער ענגלענדער טשאַרלז ווילקינס אין דער צווייטער העלפט פון XVIII י. ה. ער האָט אויך מיט רעכט באַקומען דעם צונאָמען „פאָטער פון די סאַנס־קריטישע שטודיעס”. גלייכצייטיק האָט אַן אַנדערער ענגלענדער, סער וויליאַם דזשאָנס, איבערגעזעצט דאָס אַלטערטימלעכע גע־זעץ פון די הינדוסן, דעם מאַנו־קאָדעקס, אַ זאַמלונג, וואָס איז צונויפגעשטעלט דורך בראַמאַנער אין אַ פיל שפּעטערדיקער תקופה, איידער די ווערא (לערך V י. ה. פאַר קר.). פונקט אַזעלכע הייליקע ספרים האָבן זיך אויפבאַהאַלטן אויך נאָך די איראַניער. דאָס זענען די ספרים פון אַוועסטאַ אָדער אַוועסטאַ־זענד, דערביי באַטייט אַוועסטאַ דאָסזעלביקע וואָס ווערא — דער־קענטעניש, זענד ווידער הייסט אַ פּירוש. ס'זענען דערגאַנגען צו אונז בלויז פראַגמענטן: 1) Vendidad אַנטהאַלט רעליגיעזע פאָרשריפטן און אַלטע לעגענדעס. 2) Vispered אַ קלאָגגעבעט אויף די זעקס יערלעכע יום־טובים. 3) Yasna אָדער Gatha ריטואַל־פאָרשריפטן און 4) פאַרשידענע פראַגמענטן (תפילות,

לעבער באַגריף)? אויף וועמען באַציט זיך דער ענגערער נאָמען אַריער ?
וואָס באַטייט דאָס וויגעלע פון דידאָזיקע Airyanem-vaejo־פעלקער ?
וואָסער זענען די דערקלערונגען פון זיין אָפּשטאַם ? סאַראַ רעשטן זענען
פאַרבליבן נאָך די אַריער ? וואָסערע זענען די עלטסטע ביכער פון די

השבעות א׳ א׳ וו.), וועלכע זענען צונויפגעזאַמלט אונטערן נאָמען קליינע אַוועסטאַ (Khorda-Avesta). דעם אָנהויב פון דערדאָזיקער זאַמלונג האָט מען אַמאָל באַצויגן אויפן יאָר 800 פאַר קר. און געוויסע גאַטהאַ-לידער אַפילו אויף עטלעכע הונדערט יאָר פריער (האָג) די נייערע היסטאָרישע קריטיק אָבער (דאַרמשטעטער און ברעאַל) באַטראַכט דידאָזיקע זאַמלונג פאַר אַ פיל שפּעטערע – צווישן I י. ה. פאַר און דעם IV נאָך קר. זי שטעלט פאָר די אַלטע פּערסישע רעליגיע פון די אַכעמענידן־צייטן, אָבער שוין מיט נייע שטרעמונגען דורכגעזאַפּט. די שפּראַך פון דידאָזיקע ספרים איז פונקט אַזאַ טויטע שפּראַך ווי סאַנסקריט. זיי רופן זיי אויך אָן "pahlavi" (אַן אויסדרוק, וואָס שטאַמט פון דעם נאָמען פון דעם פּאָלק פּאַרטן, מחמת ער דאַטירט זיך פון די צייטן פון דער הערשאַפט פון דידאָזיקע פּאַרטן), הגם לויט דערזעלביקער קריטיק איז דאָס געווען נאָר אַ וויסנשאַפטלעכע אָדער הייליקע שפּראַך. אין VIII י. ה. נאָך קר. האָבן די באַקענער פון דערדאָזיקער רעליגיע, שיצנדיק זיך פאַר די רדיפות פון די אַראַבער, זיך איבערגעטראָגן אויף דרום צום פּערסישן איינגוס, און פון דאָרטן קיין אינדיע, ווו זיי בילדן היינט אין דער געגנט פון באָמבאַי אַ גרופּע פייער-פאַרערער אָדער פּאַרסן (פון אויסדרוק פּערס). פונדאָרטן זענען עס אין אָנהויב XVII י. ה. די ערשטע פראַגמענטן פון דער אַוועסטאַ אָנגעקומען אין אייראָפּע, אָבער זענען געוואָרן לאַנג נישט פונאַנדערשיפרירט. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון זעלביקן יאָרהונדערט האָט זיך איינגעגעבן דעם פראַנצויז אַנקעטיל דיו פּעראָן כמעט אונטער דער געפאַר פון אייגענעם לעבן אַרויסצורייסן דאָס געהיימניש פון דידאָזיקע ביכער ווי אויך די קענטעניש פון זייער שפּראַך פון די פייערפאַרערער. פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך די אַנטוויקלונג פון די שטודיעס איבער די איראַנישע שפּראַכן. נאָך דיו פּעראָן אין

הינדוסן ? ווען האָט מען זיי צונויפגעשטעלט ? אין וואָסער שפּראַך, און ווער האָט אָנגעהויבן די פאָרשונגען איבער זיי ? וועלכע ביכער פון די איראַנער זענען פאַרבליבן ? פון ווען דאַטירט זיך די באַקאַנטשאַפט מיט זיי פון די אייראָפּעער? וואָס איז אַזוינס סאַנסקריט ? די pahlavi-שפּראַך?

XIX י. ה. האָט בירנויף, און לעצטנס ברעאַל און דאַרמ־שטעטער (ביידע פראַנצויזן) פאַרענדיקט די איבערזעצונג פון די אַוועסטאַ־ביכער. איינע פון די פריסטע איבערזעצונגען פון דער אוועסטא אויף אייראָפּעישע שפּראַכן איז די איבערזעצונג פון איגנאַצי פּיעטראַשעווסקי אויף פּויליש און דייטש (אַרויסג. י. 1858). דאָס אַרישע לשון, מיט סעמיטישע צייכנס אויסגעדריקט און מיט אַ צומיש פון סעמיטישע אויסדריקן, באַגעגנט מען צום פריסטן אויף געוויסע מטבעות פון IV י. ה. הגם ס׳איז מעגלעך, אַז אויך אויף די אשורישע טאָוועלעך שוין אין VII י. ה. די אויפשריפטן אין דער פּערסישער שפּראַך אויף די שפּעטערדיקע דענקמעלער פון די איראַנישע מלכים, ווי פון די פּערסישע מלכים כּורש און דריוש, זענען אויסגעדריקט מיט קלינעסשריפט.

§ 5 שפּראַכנקענטעניש און פאַרגלייכנדיקע פילאָלאָגיע

די קענטעניש פון די אַלטערטימלעכע שפּראַכן פון די הינדוסן און איראַניער האָט אַרויסגערופן צום לעבן אַ גאַנץ נייעם צווייג פון מענטשלעכער וויסנשאַפט — און נעמלעך שפּראַכנקענטעניש. די פאַרגלייכונג פון סאַנסקריט און דער אוועסטא־שפּראַך מיט די אייראָפּעישע שפּראַכן, אַזוי גוט מיט די לעבעדיקע — גערמאַנישע, סלאַוויאַנישע און ליטווישער, ווי מיט די אָפּגעשטאָרבענע — לאַטיין און גריכיש — האָט איבער־געצייגט, אַז דידאָזיקע אַלע שפּראַכן האָבן איין בשותּפישן בוי ווי אויך פיל בשותּפישע שרשים. אויפן דאָזיקן יסוד האָט זיך אַנטוויקלט די פאַרגלייכונגס־פילאָלאָגיע. דער הויפּט־איניציאַטאָר אירער איז געווען דער דייטשישער געלערנטער פר. באָפּ, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ „גראַמאַטיק פון פאַרגלייכנדיקע

אַוואָסערע זענען די עלטסטע איראַנישע אויפשריפטן? סאַראַ זענען די רעזולטאַטן פון דער אַנטדעקונג פון די אַלטערטימלעכע שפּראַכן פאַר דער היסטאָריע? סאַראַ נייע צווייגן פון מענטשלעכער וויסנשאַפט זענען אַנטשטאַנען? סאַראַ באַדייטונג האָט די פאַרגלייכנדיקע פילאָלאָגיע פאַר

שפּראַכן" (אין יאָר 1833). אַן אַנדער ווידער דייטשישער געלערנטער, גרים, האָט דערוויזן די פאַרענדערלעכקייט פון די קאָנסאָנאַנטן — דאָס איבערגיין פון איינעם אין אַנדערן. היות ווי די שפּראַך שפּיגלט אָפּ די געדאַנקען פון פאָלק, האָט מען בכן אין די שנויים פון דער שפּראַך אָנגעהויבן צו דערזוכן אויך די שינויים אין זיין לעבן אָדער די געשיכטע פון פאָלק. אַזוינאָך איז די שפּראַכנקענטעניש געוואָרן אַ הילפס-לערע פון דער געשיכטע. אָבער די היסטאָריע פון די אַרישע פעלקער — זייער וויגעלע, ווי אויך די צייט פון זייער באַזעצונג — האָט מען נישט געקאָנט אויפן דאָזיקן יסוד באַשטימען. ביז נישט לאַנג האָט מען באַטראַכט פאַרן וויגעלע פון די דאָזיקע פעלקער מיטלאַזיע — איבערן אָקסוס — די שיפּועים פון הינדו-קוה אָדער די הויכעניש פון פאַמיר. היינט ווידער איז די מערהייט געלערנטע נוטה גיכער צו דער וואַנדערונג פון די אַרישע פעלקער פון מערב אויף מזרח, פון אייראָפּע קיין אַזיע, איידער פאַרקערט. אָנשטאָט אַרויסצופירן אַלע אינדאָ-אייראָפּעישע שפּראַכן פון דער השערהדיקער בשותפישער אוראַרישער שפּראַך, נעמט די נייע ריכטונג פון לינגוויסטישע פאָרשונגען אָן צאָלרייכע שפּראַך-צענטערן, פון וועלכע די ענדערונגען זענען זיך פונאַנדער-געגאַנגען רונדאַרום און זיך געקרייצט מיט איינאַנדער. דאָס איז די טעאָריע פון שפּראַכן-כוואַליעס, וועלכע ס'האָט צוערשט באַגרינדעט יאָהאַן שמידט (1872 י.). טייל שפּראַכן זענען דערביי מער פאַרקרובישט צווישן זיך, אַנדערע ווייניקער — אָפּהענגיק פון דער לענגערער אָדער קירצערער שכנותשאַפט, אָדער פון לענגערער אָדער קירצערער קעגנזייטיקער ווירקונג. דייעניקע שפּראַכן בכן, וועלכע ליגן אויף די ישוב-ראַנדן פון אינדאָ-אייראָפּעישע פעלקער, מוזן אַנטהאַלטן מער אָריגינעלע שטריכן און ווייניקער בשותפישע היסטאָרישע שטריכן פאַר דער גאַנצער שפּראַכן-גרופּע. אַזוינאָך אַנטהאַלטן די אַלטערטימלעכע איראַנישע

דער געשיכטע? וואָס זאָגט זי וועגן וויגעלע פון די אַרישע פעלקער און זייערע וואַנדערונגען? סאַראַ איז די שייכות צווישן די פאַרשידענע גרופּעס פון די אינדאָ-אייראָפּעישע שפּראַכן? וואָס ליפערן די איראַנישע און אינדישע שפּראַכן פאַר דער פאַרגאַנגענהייט פון אַלע אינדאָ-אייראָפּעישע

און אינדישע שפּראַכן די היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט בלויז פון די איינ־ווינער פון איראַן און הינדוסטאַן אָדער פון די אורטימלעכע אריער, און נישט פון אַלע אינדאָ־אייראָפּעישע פעלקער, ווי מ'האָט ביז נישט לאַנג כּמעט אַלגעמיין געהאַלטן.

§ 6 דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער סדר פון די אַריער

מיר זעמיר זיך משער, אַז די מערהייט פון די ארישע פעלקער – די אבות פון די איראַניער און הינדוסן – האָבן ביז דער צעטיילונג געלעבט אויף אַ האַלב וואָגלערישן, האַלב באַישובטן אופן. אין קעגנזאַץ צו די סעמיטישע וואָגלערישע פעלקער, וועלכע האָדעווען שאָף, האָבן די אַריער פאַרמאָגט בהמות (גסות). דער נאָמען פון בהמות איז געמיינזאַם פאַר פיל אינדאָ־אייראָפּעישע שפּראַכן (אויף סאַנסקריטיש גאָ, J. m. gavas אויף סלאָוויאַניש גאַוויאַדאָ, אויף רוסיש גאָוויעדינאַ, אויף דייטש קוה). בהמות זענען געוועזן דער עיקר־יסוד פון דער עקזיסטענץ פון די אַרישע פעלקער; און דאָס ווייזט טאַקע אויך אָן אויף זייער האַלב באַישובטן לעבנסשטייגער. מחמת די בהמות־כאָוועניש פאַרלאַנגט אַ גרעסערע זאָרגעוודיקייט וועגן האָב און גוטס, איידער פון אַן אַנדער טשערעדע; עס צווינגט צו פאַרזאָרגן זיי אויף באַנאַכט און אויף ווינטער דורך בויען שאַלאַסן, און באַגרעניצט דערמיט גופא די פרייהייט פון איבערטראָגן זיך פונם וואַנדרער פון איין אָרט אויפן אַנדערן. מיט דעם בהמות־האָדעוועכץ איז אויך ענג פאַרבונדן די פּראָפעסיע פון פעלדאַרבעטער, און דער, וואָס האָט פאַרהיימישט די בהמות, האָט נישט געקאָנט זיין עמיץ אַנדערש, נאָר אַ פעלדאַרבעטער. פעלדאַרבעט איז בכן איינע פון די עלטסטע באַשעפטיקונגען פון די אַרישע פעלקער.

פעלקער און פאַר דער געשיכטע פון איראַן, ווי אויך פון הינדוסטאַן? פון וואָס האָבן געלעבט די איראַריער? סאַראַ לעבנסשטייגער האָבן זיי געפירט? סאַראַ עקזיסטענץ־יסוד? סאַדאַ באַדייטונג האָט די כאָוועניש פון גסות? מיט סאַראַ לעבנסשטייגער איז זי פאַרבונדן? סאַרא

פון אַקערבוי-מכשירים האָבן זיי באַזעסן פונלאַנג אַן אַקעראײַזן (אויף סאַנסקריטיש phala), ווי אויך אַ יאָך (באַ די הינדוסן yuga), אַן אויסדרוק, וועלכער באַציט זיך אויף דעם געשפּאַן פון בהמות. פון דער פאַרצוימונג אויף די בהמות (gop) האָט זיך גענומען באַ זיי דער אויסדרוק פאַר דער באַצייכענונג פון אַ שטיקל ערד (פונדאַנען זאָל אויך אַרויסקומען דער סלאָוויאַנישער אויסדרוק župa און župan אָדער pan). די אַריער האָבן געמוזט פירן אַן אַרבעטזאַמען אוןווירטשאַפטלעכן לעבנסשטייגער. דער נאָמען פון פאָטער pitar האָט באַ זיי די באַדייטונג פון אַ שפּייזער, אפּיטרופּוס און רעגירער. אינדערצייט ווען די וואַנדערנדיקע סעמיטן האָבן זיך פאַרייניקט אין ברודער-פאַרבאַנדן אויפן יסוד פון בלוט-געמיינשאַפט, מיט דעם משפחה-ראש אָדער שייך אין דער שפּיץ, האָבן די פעלדאַרבעטער אַריער געבילדעט משפחה-פאַרבאַנדן, וועלכע זענען געווען צוגלייך ווירטשאַפטלעכע פאַרבאַנדן. דער נאָמען פאַר דער באַצייכענונג פון אַזאַ משפחה, אויף סאַנסקריטיש viç (אין דער אוועסטא vis) האָט דיזעלביקע באַדייטונג, וואָס אונזער wieś (דאָרף). דער אויסדרוק stana (אויף סלאָוו. stan) איז געווען די באַצייכענונג פון בכלל אַן אָרט אָדער ישוב. בראש פון אַ שטאַם אָדער אַרישער משפחה איז געשטאַנען די מאַכט פון די עלטערן, פאָטער און מוטער (pati אָדער patni). עס שטעקט אין איר דער באַגריף פון דער אויבערמאַכט אַזוי גוט אין דער משפחה-ספערע, ווי אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט. אָבער די פאָטערלעכע מאַכט איז נישט געווען קיין אַבסאָלוטע. די מיטגלידער פון דעם שטאַם אָדער משפחה זענען איר געווען אונטערגעוואָרפן אַזוי לאַנג, כל זמן זיי האָבן זיך נישט אָפּגעטיילט פון דעם משפחה-שורש און נישט געבילדעט קיין נייעם פאַרבאַנד, שטאַם אָדער דאָרף מיט פאָטער און מוטער בראש. כלפּי חוץ האָבן די שטאַמען געלעבט אין כסדרדיקן מחלוקת און קאַמף. פון דאָזיקן

מדרגה פון לאַנדווירטשאַפט און באַשוביגנג באַגעגנט מען באַ די אַלטערטימלעכן אַריער? סאַראַ איינפלוס איבט אויס די בהמות-כאָוועניש אויף די סאָציאַלע באַגריפן? סאַראַ מאַכט איז געווען באַ די אַריער? סאַראַ סאָציאַלע באַציונגען? וואָס באַטייט דער אויסדרוק pati? און וואָס באַ-

קאַמף איז אַנטשטאַנען די קיניגלעכע מאַכט, מיט כּוח אָנגעוואָרפן פונדרויסן דורך איין שטאַרקערן שטאַם די שוואַכערע. דער קיניג-מושל — rajan (אויף סאַנסקריטיש) — איז געווען דער ראש פון פיל שטאַמען אָדער דערפער. לעבן אים, הגם אין אַן אונטערטעניקן כאַראַקטער, טרעטן אויף די שטאַמען-ראשים, וועלכע באַראַטן זיך צוזאַמען מיט אים אויף די אסיפות (סאַנסקריטיש: sámiti, vidâtha). טיילמאָל קלויבן די שטאַמען אַליין אויס אַ קיניג. אין פאַל פון אַ מלחמה פלעגט דאָס פאָלק זוכן אַ מקלט אין די באַשיצטע ערטער (אויף סאַנסקריטיש púr). אין די וועדא-לידער טרעטן די אַריער אויף אַלס אַ זייער קריגעריש פאָלק, באַוואָפנט מיט שפּיזן, בויגנס און שווערדן. זיי זענען געווען פון הויכן וווקס, שטאַרק געבויט, פון ווייסער הויט-פאַרב, מיט בלאָע אויגן. זיי האָבן געקעמפט אויף וועגנס, האָבן פאַרמאָגט פערד, קעמלען (הגם העלפאַנטן האָבן זיי זיך ערשט אויסגעלערנט באַנוצן צום קאַמף אין אינדיע), האָבן געקענט די שיפעריי-קונסט און באַאַרבעט מעטאַלן, ווי קופּער, אייזן, גאָלד. אָבער אַלס מיטל פון האַנדלס-אויסטויש האָבן נאָך בײַ זיי געדינט די בהמות.

§ 7 די אַרישע רעליגיע

פונקט ווי אויפן געביט פון ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן רוקט זיך אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן דער שטאַם און פאַמיליען-מאַכט, אַזוי איז אויך אויפן רעליגיעזן געביט דער עיקר-יסוד פון זייער אַנטוויקלונג געווען דער קולט פון די עלטערן. דידאָזיקע רעליגיעזע אמונה האָט געדינט צוגלייך פאַר דעם מאָראַלישן און רעכטלעכן קשר פון זייערע געזעלשאַפטן. די אַריער האָבן נישט באַטראַכט די ערד פאַרן אייגנטום פון יחיד, צומאָל נישט פאַרן בשותּפישן אייגנטום פון אַלע

שטייט די פּאָטערלעכע מאַכט? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער טיטל ראש פון שבט? סאַראַ אָנטייל האָבן גענומען די אסיפות אין פּאָליטישן לעבן? סאַראַ איז דער עטנישער כאַראַקטער פון די אַריער? אַוואָסער

לעבנדיקע שטאַם-מיטגלידער, נאָר האָבן צוגעשריבן איר באַזיץ די אבות, וועמעס גייסטער עס היטן זי. דערפאַר איז אויך קיינעמען, אַפילו די עלטערן, נישט געווען דערלויבן צו דיספּאָנירן מיט דעם שטאַם-אייגנטום — פאַרקויפן עס אָדער אָפּשרייבן אין אַ צוואה. דאָס איז בכן געווען נישט קיין בשותּפיש אייגנטום, נישט קיין אינדיווידועלס, נאָר געשטיצט אויפן רעליגיעזן באַגריף, אויפן גלויבן אין די גייסטער פון די אבות. דערדאָזיקער גלויבן אין גייסטער רופט זיך אַנימיזם. אויפן דאָזיקן קשר צווישן דער ערד און די גייסטער פון די אבות איז אויסגע-וואָקסן דער אַרישער באַגריף — פאָטערלאַנד. „דאָ איז מיין פאָטערלאַנד, מחמת דאָ רוען די גייסטער פון מיינע אבות". דערדאָזיקער רעליגיעזער באַגריף האָט געהייסן טיילן זיך מיט די גייסטער פון די אבות מיט דעם אייגנטום. דערפאַר פלעגן די אַריער אָפּגעבן די הויז-גייסטער אַ חלק פון זייער געטראַנק און שפּייז. יעדער וואָס איז אַריינגעקומען אין הויז פון אַן אַריער — צי דאָס איז געווען אַ שונא, אָדער אַ פרעמדער — האָט זיך געפונען אונטער דעם השגחה פון די אבות-גייסטער, און זיין פערזאָן איז געווען אומבאַרירלעך. פונדאַנען דער מנהג פון גאַסטפריינטלעכקייט, וועלכער ווערט פלייסיק אָפּגעהיטן באַ די אַריער. אַן אויסדרוק פון דעמדאָזיקן גלויבן אין גייסטער איז געווען דאָס שטוביקע, קיינמאָל נישט אויסגייענדיקע פייער, וועמעס כבוד איז געווען אידענטיש מיט דעם כבוד פון די עלטערן. מיטן איבערטראָגן פון שטוביקן פייער האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף אַ ניי אָרט אויך די שוצגייסטער. אויף אַזאַ אופן פלעגט מען גרינדן נייע משפּחות אָדער נייע הויז-פייערן. דעם געדעכניש פון פאַרשטאָרבענע אבות פלעגט מעןווידמען געוויסע טעג אין יאָר, ווען מ'פלעגט ברענגען אויף זייער קבר קרבנות, אין וועלכע ס'האָבן געשפּילט די הויפּטראָלע פרוכטן פון דער ערד, ווי באָב, ווי אויך געטראַנק,

---

איז זייער מיליטערישע אוןווירטשאַפטלעכע עקזיסטענץ? סאַראַ גלויבנס-יסוד האָט דאָס סאָציאַלע לעבן באַ די אַריער? וואָס איז אַזוינס אַנימיזם? וואָסער איז געווען זייער באַגריף פון דער אבות-מאַכט? אין וואָס האָט דער אבות-קולט געפונען זיין אויסדרוק? וואָס איז אַזוינס

ווי האָניק. מ׳פלעגט ברענען אַזעלכע פייערן אין געוויסע צייטן פון יאָר אויך אויף די היגלען. מיטן דאָזיקן כּבוד פון פייער איז אויך פאַרבונדן דער כּבוד פון געטראַנק, וואָס באַזיצט ענלעכע אייגנשאַפטן. די איראַניער האָבן עס אָנגערופן haoma, באַ די הינדוסן האָט עס געטראָגן דעם נאָמען saoma אָדער soma. דאָס איז געווען דער אַלקאָהאָל פון אַ געוויסער פלאַנץ, פאַרפּראַוועט צוזאַמען מיט האָניק, מילך און וואַסער. מען פלעגט עס באַנוצן באַ רעליגיעזע צערעמאָניעס; און איז אַפילו אַליין געווען פאַרערט אַלס גאָטהייט.

§ 8 אַרישע גאָטהייטן

אַחוץ דידאָזיקע אַלגעמיינע רעליגיעזע גלויבענישן האָבן די אַריער פאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי גאָטהייטן, וועגן וועלכע ס׳זענען פאַרבליבן לעגענדעס אין זייערע לידער און פּאָעמעס. דאָס זענען מתּחילת אויך געווען גייסטער, פאָרגעשטעלטע אין פאַרשידענע פאָרמען פון חיות און פלאַנצן ווי אויך אַנדערע נאַטור-דערשיינונגען, אין וועלכע פאַלן אַרונטער השבעות אָדער אָפּשפּרעכענישן. אָבער מיט דער צייט האָבן זיי אָנגענומען אַ מענטשלעכע פאָרם. אין דאָזיקן געשטאַלט זענען דאָס ס׳רוב די נאַטור-גאָטהייטן. לעבנדיק אין אַ פאַרענדערלעכן, דרומדיקן קלימאַט, האָבן די אַריער געמוזט באַזונדערס לייגן אַכט אויף די אַטמאָספערישע שינויים. פונדאַנען איז הימל און ערד באַ זיי דער עיקר-געגנשטאַנד פון פאַרערונג. לעבן זיי ווערן פאַרערט אויך אַנדערע עלעמענטאַר-דערשיינונגען, ווי פייער, וואַסער, לופט און ווינט. באַזיצנדיק אַ שטאַרקע פאַנטאַזיע, האָבן זיי צוגעגעבן דידאָזיקע גאָטהייטן פאַרשידענע עפּיטיטן אָדער צונעמען, וועלכע האָבן מיט דער צייט אָנגענומען דעם

שטובפייער? אין וואָס באַשטייט דער פייערקולט? סאַראַ געטראַנק גייט אָן באַ די אַריער פאַר הייליק? פונוואַנען און וויאַזוי האָבן זיך גענומען די אַרישע געטער? סאַראַ דערשיינונגען שטעלן זיי מיט זיך פאַר? אין וואָס באַשטייט די אַנטוויקלונג פון די אַרישע מיטן? סאַראַ זענען די

כאַראַקטער פון די באַזונדערע גאָטהייטן. אַזוי האָט פון דער אייגנשאַפט פון הויפּטגאָט, ווי ס'איז דער ב ל י א ס ק (סאַנסקריטישער שורש -- div -- בלישטשען), זיך אויסגעאַרבעט דער נאָמען פון גאָט dyaus (אויף סאַנסקריטיש), ayeus אויף איראניש (דאָסזעלביקע וואָס דער לאַטיינישער deus, גריכישער צעוּס, ווי אויך יאָוויש). אָבער דידאָזיקע גאָטהייט איז געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון אינדישן פּאַנטעאָן דורך אַן אַנדערן גאָט, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט פון עפּיטעט הימל (vri -- צודעקן, האַלטן די ערד). אַזוינאָך הייסט באַ די הינדוסן דער הויפּטגאָט — דער גאָט פון הימל – varuna – מחמת ער האַלט דעם הימל און די ערד, אָדער ריכטיקער, ער רעגירט מיט דער וועלט. מ'האָט אים צוגעשריבן נישט בלויז די פיזישע אייגנשאַפטן פון האַר איבער דער אַטמאָספער, ווי רעגן, דונערן א. א. וו. נאָר אויך מאָראַלישע אייגנשאַפטן – ער האַלט די אָרדענונג פון דער מאָראַלישער וועלט, באַשטראָפט און באַלוינט א. א. וו. דידאָזיקע וועלטאָרדענונג, וועלכע עס דערהאַלט וואַרונאַ, רופט זיך ריטאַ. דאָס איז אַ קאָסמיש געזעץ, אַ געטלעך געזעץ – ובכן פאַרפּליכטעט עס אַלס פיזיש געזעץ אין דער נאַטור, און אַלס מאָראַליש געזעץ אויף דער ערד. פונדאַנען איז דער באַגריף ריטאַ אידענטיש מיט דעם באַגריף אמת, יושר, געזעץ (אויף איראניש arta). אידענטיש מיטן באַגריף וואַרונאַ באַ די הינדוסן איז באַ די איראַנער Ahura, דער גאָט פון הימל, ס'רוב מיטן צונאָמען Mazda (מושל). פונדאַנען דער נאָמען אהורא-מאזדא (אויף גריכיש אָראָמאַזעס אָדער בקיצור אָרמאַזד) – גייסט, מושל. אָבער די אויסדרוקן פאַר די באַציי- כענונגען פון די גייסטער אין דער איראַנישער און אינדישער שפּראַכן האָבן אָנגענומען אַ פונקט פאַרקערטע באַדייטונג. באַ די הינדוסן איז asura (דאָסזעלביקע וואָס דער איראַנישער ahura) אַ שלעכטער גאָט, אינדערצייט ווען באַ די איראַניער

בשותּפישע געטער באַ די הינדוסן און איראַניער? וואָסערע זענען זייערע מאָראַלישע אייגנשאַפטן? סאַראַ באַגריף פון מאָראַליש. רעכט פּליסט אַ"ויס פון דער אַרישער רעליגיע? סאַראַ זענען די קעגנזאַצן צווישן די איראַנישע און אינדישע גאָטהייטן? סאַראַ איז דער געמיינזאַמער יסוד

איז דער שלעכטער גאָט daeva (אינדישער dyaus). ווען און ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דערדאָזיקער קעגנזאַץ צווישן איינע און דיזעלביקע געטער – איז נישט באַקאַנט, פּונקט ווי ס׳איז אויך נישט זיכער, צי באַציט ער זיך אויפן היסטאָרישן פאַקט פון דעם רעליגיע־פונאַנדערטייל, אָדער ער איז גאָר דער אינער־לעכער גלגול פון יעטוועדער רעליגיע אין זיך גופא. אין ביידע רעליגיעס טרעט אויף דער גאָט פון ליכט – Mithra, אָבער אין דער אינדישער איז ער אומשיידבאַר פאַרבונדן מיט Varuna אַלס זיין ברודער און פריינט. די זון איז דאָס אויג פון מיטרא און וואַרונא. באַ די איראניער גייט מיטרא אָן אַלס זון פון אַהורא־מאזדאַ. ער איז דער גאָט פון דער זון, אָבער צוגלייך פון אמת, ווי אויך פון מאָראַלישער אָרדענונג. אַקעגן־זשע באַ די הינדוסן געפינען אַלע אייגנשאַפטן פון הימלישן קולט – ווי בליאַסק, זון, ליכט – זייער אויסדרוק אין דער פאַרערונג פון גאָט פון פייער אָדער אַגני (Agni). דער בשותּפישער גאָט אין ביידע רעליגיעס איז אויך דער גאָט אַרימאַן. אין דער אינדישער רעליגיע טרעט ער אַרויס צוזאַמען מיט מיטראַ און וואַרונאַ, און צוזאַמען מיט זיי נעמט ער אָן תּפילות ווי אויך קרבנות. די איראניער ווידער האָבן געהאַלטן אַרימאַן פאַרן שונא פון אהוראַמאזדא, און פּונקט אַזוי ווי דער לעצטער איז לויט זיי דער גייסט פון ליכט, אַזוי איז אַרימאַן (דער איראַ־נישער Angra-mainju) דער גייסט פון פינצטערניש. דעמדאָזיקן אורטימלעכן היפך צווישן ליכט און פינצטערניש, טאָג און נאַכט, האָט מען איבערגעטראָגן באַ די איראַניער אויך אויף דער מאָראַלישער וועלט. אַרימאַן איז געוואָרן אַ בייזער גייסט, וועלכער קעמפט מיט דער הילף פון די גייסטער devas מיט אהורא־מאַזדאַ – דעם גייסט פון גוטס און אמת. דערדאָזיקער רעליגיעזער דואַליזם איז געוואָרן דער יסוד פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שפּעטערדיקער איראַנישער רעליגיע. אַזוי בכן זענען

פון די ביידע רעליגיעס? וויאַזוי האָט זיך אַנטוויקלט דער איראַנישער דואַליזם? ווער האָט ענדגילטיק צונויפגעשטעלט די רעליגיע פון די איראַניער און הינדוסן? וואָס איז אַזוינס געווען דער כּוהנים־שטאַנד, און סאַראַ ראָלע האָט ער געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער איראַנישער

די בײדע אַרישע רעליגיעס אַנטשטאַנען אויפֿן יסוד פֿון אײנע און דיזעלביקע גלויבעניש און האָבן זיך אויך גרופּירט אַרום דיזעלביקע גאָטהײטס-פֿאָרשטעלונגען. זײער װײטערדיקע אַנט-װיקלונג אָבער איז אָפּהענגיק געװען פֿון פֿאַרשידענע לעבנס-תּנאָים און פֿון דעם פֿולשטענדיק פֿאַרשידענעם לויף פֿון זײערע געשיכטעס. דאָך האָט אַזױ גוט דאָ װי דאָרט אויסגעאיבט אַ גרױסע השפּעה דער פּריסטער-קלאַס. באַ די איראַניער רופֿן זײ זיך atharvan פֿײער-פּריסטער (שפּעטער מאַגיער). באַ די הינדוסן װידער זענען דאָס די בראַמאַנער. ערשט זײ האָבן אויסגעבילדעט די אײגנטלעכע היסטאָרישע רעליגיע פֿון דידאָזיקע פֿעלקער: באַ די איראַניער מאַזדעיזם, באַ די הינדוסן — בראַמאַניזם.

§ 9 בראַמאַניזם און אינדישע קאַסטעס

דײַעניקע אַריער, װעלכע זענען אַראָפּגעקומען אין די פּאַנדזשאַב-נידערניש, האָבן געמוזט פֿירן לאַנגע קאַמפֿן מיט די אײַנגעזעסענע. די לעצטע האָבן געהערט צו אַן אַנדער ראַסע מיט טונקעלער הויטפֿאַרב (א. ג. דראַװידן). די אַריער האָבן זײ באַטראַכט פֿאַר זײערע שונאים און זײ פֿאַרטיליקט אָן רחמנות. אין די אַלטע רעליגיעזע פּאָעמעס טרעטן זײ אויף אונטערן נאָמען Dasyu. צוליב דער דערהאַלטונג פֿון בלוט-רײנקײט האָבן זיך די אַריער נישט געטאָרט מישן מיט די אײַנגעזעסענע. פֿונדאַנען איז אַנטשטאַנען דער פֿונאַנדערטײל אויף די א. ג. קאַסטעס. אײגנטלעך באַטײט דער הײנטיקער אויסדרוק „קאַסטע” דאָסזעלביקע, װאָס דער סאַנסקריטישער „varna” (הויטפֿאַרב), און האָט זיך אורשפּרינגלעך באַצויגן אויף דעם חילוק צװישן די אײַנגעזעסענע און די אײַנװאַנדערער. אָבער שפּעטער האָבן אים די פּריסטער אָדער בראַמאַנער אויסגעשפּרײט אויך אויף דער

(מאַזדעיזם) און אינדישער (בראַמאַניזם) רעליגיע? סאַראַ רעליגיע האָבן די בראַמאַנער אַנטװיקלט אין אינדיע? סאַראַ איז געװען דער ראַסן-פֿונאַנדערטײל צװישן דער אײַנגעזעסענער באַפֿעלקערונג און די אײַנװאַנדערער? װאָס איז אַזױנס קאַסטע, און סאַראַ איז געװען איר אורשפּרינגלעכע

אַרישער באַפעלקערונג און אים צוגעגעבן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. לויט דער דעם מאנו־קאָדעקס זענען געווען פיר קאַסטעס אין אינדיע: די ערשטע דריי אַרישע: קאסטע פון בראמאנער, זעלנער און בעלי־מלאכות (braman, kszatrya, vaisya). די פערטע קאסטע האָט אַרומגענומען די תּושבים (szudra). און איז געווען אַמייסטן פאַראַכט, אַלס דינערישע אָדער קנעכטישע קאַסטע. אויפן ערשטן אָרט איז געשטאַנען דער פּריסטער־קלאַס, ווען ס׳איז געקומען מער אַכטונג פון יעדער אַנדערער און

בראַמאַנער. אַרישער טיפּ פון בענגאַל

אפילו פון קיניג אַליין. די פליכטן פון די בראַמענער זענען געווען געניי באַשטימט לויט פאַרשידענע מדרגות פון זייער לעבן: תּפלה און הסתּכלות, לערנען און דערציען קינדער צו דער פולשטענדיקער אָפּגעשניטנקייט פון דער וועלט, אָדער

באַדייטונג? סאַרא באַדייטונג האָבן איר צוגעגעבן די כּוהנים? אין וואָס האָט געפונען אַ כאַנקציע דערדאָזיקער פונאַדערטייל? סאַ־אַ קאַסטעס עקזיסטירן אין אינדיע, און אַוואָסערע זענען די פאָרשריפטן פאַר יעדער?

אַנאַכראָנעטיזם באַם סוף פון לעבן. הגם זיי האָבן נישט געדאַט קיין שום פּאָליטישע מאַכט, זענען זיי געווען פונדאַמ[illegible]גן די יועצים פון קיניג, די היטערס פון די הייליקע [illegible] און אַלטערטימלעכן געזעץ. זייער אָנוועזנקייט באַם א[illegible]בר[illegible]גען קרבנות און אַלע אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס איז געווען נויטווענדיק. דער זעלנער-קלאַס (kszatrya), צו וועלכן ס'האָט געהערט אויך דער קיניג, איז געווען דער אָנפירנדיקער קלאַס אין דער געזעלשאַפט, אָבער האָט אויך געמוזט [illegible]רכן די בראַמאַנער. זיין פליכט איז געווען צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, געבן נדבות די בראַמאַנער און לייענען די הייליקע ביכער. דער האַנדווערקער-קלאַס (vaisya), הגם אונטערטעניק צו די זעלנער און בראַמאַנער, האָט דערפילט אייגנטלעך אַלע געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע פליכטן (דאָס האָדעווען בהמות, באַאַרבעטן די ערד, האַנדל און שיפעריי). מחמת דער האַלבאינזל הינדוסטאָן האָט נישט בלויז געהאַט אַ שפע אין נאַטירלעכע רייכטימער, נאָר האָט אויך געליפערט אירע אויסאַרבעטונגען די שכנותדיקע לענדער אויף מערב שוין אין די גאָר אַלטערטימלעכע צייטן. שפורן פון די האַנדלס-באַציונגען פון דעמדאָזיקן האַלבאינזל מיט די לענדער פון בבל געפינען זיך שוין אין דער דער תקופה פון דער סומעראָ-אַקאַדישער מלוכה. מ'האָט געפונען אין די אויסגראָבונגען באַם חידקל (Mugheir st. Ur) שטיקלעך טעקן-האָלץ, וואָס וואַקסט בלויז אין אינדיע אויף דרום פון ווינדהיא-בערגפּאַס. אויך דער נאָמען פון אינדישן געוואנט (מוסלין) טראָגט אין די בבלישע ווערטערביכער דעם נאָמען פון אינדיע (sindhu). דעם זעבו ווידער, אַ טראָפּישע חיה, באַגעגנט מען אין דער אשורישער אָרנאַמענטיק. אין הינדוסטאַן האָט מען אויך געפונען גאָר אַלטערטימלעכע מטבעות, הגם נישט געשטעמפּלטע, וועלכע זענען לויט געוויסע געלערנטע קדמוניתדיקער אפילו פון די וועדא-ביכער. די רייכטימער פון

וועלכע קאַסטע האָט מען פאַרעדט אַלס הייליקע? סאַראַ איז די באַציונג פון דער איבעריקער באַפעלקערונג צו די קאַסטעס? אַוואָסער איז די ראָלע פון די זעלנער? פון די האַנטווערקער? אין וואָס באַשטייט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון אינדיע? ווער האָט דער

אינדיע זענען טאַקע אויך פונלאַנג געווען אַ געגנשטאַנד פון גלוסטיקייט פון די שכנים, וועלכע זענען אָנגעפאַלן אויפן דאָזיקן לאַנד פון צפון. דער ערשטער אַזאַ היסטאָרישער איבער־פאַל איז געווען דער איבערפאַל פון די פערסער. הגם צווישן די קאַסטעס איז לויט דעם מאנו־געזעץ פאַראַן געווען אַן אומאויסגעפילטער תהום, האָבן אינדראַמתן נאָר די בראַמאַנער געבילדעט אַ אין זיך פאַרמאַכטע און אָפּגעזונדערטע קאַסטע. פאַר דער איבעריקער באַפעלקערונג האָט דער באַגריף קאַסטע עקזיסטירט נאָר אַלס רעליגיעזע פאָרשריפט און קינסטלעכער פונאַנדערטייל פון דער באַפעלקערונג. דעם קאַמף מיטן בראַ־מאַניזם און דער נייער רעליגיע, געשטיצט אויף די פרינציפּן פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט פון אַלע מענטשן, האָט אָנגעהויבן פרעדיקן אין אינדיע ערשט אין VI י. ה. דער גרויסער רעפאָרמאַטאָר בודהא — סאַקיאַ מוני.

§ 10 מאַזדעיזם און זאַראַטהוסטרא

די איראַנישע רעליגיעזע גלויבענישן האָבן געגעבן דעם אָנהויב אַ נייער רעליגיע, וועלכע איז געוואָרן די שפּעטערדיקע רעליגיע פון די מעדיער און פערסער. איר שעפער האָט געזאָלט זיין זאַראָאַסטער (אויף פערסיש זאראטוסטרא). דאָס איז אַ היסטאָרישע פיגור, הגם אין די שפּעטערדיקע לעגענדעס באַצירט מיט פרטים פון מיטישער נאַטור. און אַזוי האָט ער געזאָלט זיין אַ זון פון אָרמאַזד. שוין בײַ זיין אָנקום אויף דער וועלט זענען געווען סימנים פון זיין איבערנאַטירלעכן אָפּשטאַם (למשל, ער האָט געלאַכט בײַ׳ם נאָכן געבוירן ווערן). קיין אוממיטלבאַרע היסטאָרישע דאַטן זענען וועגן אים נישט געבליבן. אָבער אויף דער ווירקלעכקייט פון זיין עקזיסטענץ זאָגן עדות די הייליקע

ערשטער באַקעמפט די קאַסטעס אין אינדיע, און סאַראַ נייע רעליגיע איז אַנטשטאַנען אין VI י. ה. ווער איז דער רעפאָרמאַטאָר פון דער איראַנישער רעליגיע? וואָס איז אַנטהאַלטן היסטאָריש, און וואָס מיטיש אין דעמדאָזיקן געשטאַלט? סאַראַ זענען די לעגענדעס וועגן דעם אָרט

אַוועסטאַ-ביכער, אין וועלכע ער טרעט אויף אַלס רעאַלע פיגור, הגם באַשאָנקן מיט איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפטן, ווי יעדער רעליגיע-שעפער. אין אַ טייל אַוועסטא רעדט ווענדידאַד זאָראָאַסטער מיט אהוראמאזדא, וועלכער ענטפערט אים אויף די געשטעלטע פראַגעס. מיר ווייסן נישט נישט די צייט, נישט דאָס אָרט פון זיין געבורט. טייל האַלטן אים פאַר אַ בן-דור פון משה (גוטשמיד), הגם די נייערע קריטיק באַטראַכט זיין טעטיקייט פאַר אַ פיל שפּעטערע. (VI י. ה.). ער איז געבוירן געוואָרן לויט טייל מסורות אין מעדיע (מדי) אין דער שטאָט ראגא, לויט אַנדערע ווידער אין באַקטריע. זיין טעטיקייט האָט זיך באמת קאָנצענטרירט אויף מזרח פון איראַן, אין דער באקטרישער מלוכה, פאַר דער הערשאַפט פון דעם קיניג גושטאספּא. דער דאָזיקער נאָמען איז אידענטיש מיטן גריכישן נאָמען היסטאַספּאַ, אָבער דאָס איז נישט געווען קיינער פון די היסטאָריש באַקאַנטע מושלים פון פערסיע. וועגן זיין אָפּשטאַם זענען פאַרבליבן בלויז לעגענדעס. דער נאָמען זאַראַטוסטרא באַטייט „דער אייגנטימער פון אַלטע קעמלען". דער נאָמען ספּיטאמא, פון וועלכן ער האָט אַרויסגעפירט זיין יחוס, באַטייט „חכם". ס'איז נישט באַוווּסט, ווי ווייט דער רעליגיעזער איראַנישער דואַליזם איז געווען שוין פאַר אים אויסגעבילדעט. זיכער איז נאָר דאָס, אַז אין זאָראָאַסטריאַניזם האָט ער געפונען זיין ענדגילטיקן אויסדרוק. אויך די רעפאָרמאַטאָרישע טעטיקייט פון זאראַטוסטרא איז געווען דערעיקר געווענדט אויף דער פאַרטיליקונג פון דער נאַטוראַליסטישער רעליגיע און איר פאַרטרעטונג דורכן גלויבן אין איין גאָט אַהוראַמאַזדאַ, מיט וועלכן עס קעמפט אַרימאַן, אָבער וועלכער איז מיט דער צייט מנצח זיין קעגנער, דעם גייסט פון פינצטערניש און שלעכטס. דידאָזיקע רעליגיע, אין דער פאָרם, ווי זי האָט זיך אויפגעהיטן אין דער אַוועסטא, לערנט ליבע, טוגנט און אמת און הייסט אויך קעמפן מיטן

פון זיין געבורט? סאַראַ קיניג איז געווען אין זיין דור? וואָס האָט געלערנט זאראַטוסטראַ? סאַראַ ענדערונגען האָט ער איינגעפירט אין דער רעליגיע? און וואָס באַשטייט די קבורה-צערעמאָניע בא די פערסער? ווען איז דידאָזיקע רעליגיע געוואָרן אַ מלוכהשע? ווער זענען געווען

שלעכטס. די אוועסטאַ־ביכער גיבן־אָן צאָלרייכע פאָרשריפטן בנוגע דער דערהאַלטונג פון ריינקייט, בנוגע דער אַרבעט אין פעלד און בנוגע זיער שוינונג פון נוצלעכע חיות און פאַרטיליקונג פון שלעכטע. די געשטאָרבענע טאָר מען לויט זיי נישט באַגראָבן און נישט פאַרברענען. דערפאַר וואַרפן די זאָראָאסטער־פאַרערער עד־היום זייערע טויטע צום אויפפרעסן פאַר די ווילדע חיות אָדער רויבפייגל. די היינטיקע פערסער בויען צום דאָזיקן צוועק ספעציעלע קיילעכיקע טורעמס, א. ג. „טורעמס פון שווייגן". פרטים פון זאַראַטוסטראַס לעבן, ווי למשל: אַז ער האָט פאַרבראַכט אין דער וויסטע, אַז ער האָט געקעמפט מיט גייסטער, אַז דער שטן האָט אים אָנגערעדט אַוועקצוּוואַרפן די אמתדיקע אמונה, זענען געוויינלעכע פרטים פון לעבן פון רעליגיעזע רעפאָרמאַטאָרן. אָבער דעם ניצחון און דערהאַלטונג פון זיין לערע האָט זאָראָאַסטער געמוזט פאַרדאַנקען דער שטיצע מצד דער מלוכה. און ווירקלעך שפּילט יענער אומבאַקאַנטער קיניג גושטאַספּאַ די ראָלע פון פראָטעקטאָר און פאַרפלאַנצער פון דער זאַראַטוסטראַ־לערע. עס האָבן זי אויפגעהיטן די פייער־פּריסטער atharwan (די שפּעטערדיקע מאַגיער), וועלכע בילדן אין די היסטאָרישע צייטן אַ באַזונדערע און אין זיך פאַר־שלאָסענע קאַסטע. אָבער קיין אָפיציעלע באַדייטונג האָט די דאָזיקע רעליגיע נישט אָנגענומען אפילו פאַר דער הערשאַפט פון דער היימישער פערסישער דינאַסטיע אין איראַן. די מלכים פון דעם אַכעמענידן־שטאַם, ווייניקסטנס כורש און דריוש, זענען נאָך געווען אָנהענגער פון דער נאַטוראַליסטישער רעליגיע. אַחוץ אָרמאַזדן און אַרימאַנען פאַרערן זיי די אַלטע אַרישע געטער, ווי דעם גאָט bhaga (ברייטהאַרציקער געבער — סלאָוויאַנישער dadź-bóg), לכבוד וועמען מ'האָט געברענט פייער אויפן שפּיץ פון באַרג. פונדאַנען דער נאָמען Baghistan (בעהיסטון), דער באַרג, אויף וועלכן ס'איז אויסגעקריצט דער אויפשריפט פון דריוש. די טויטע פלעגט מען באַגראָבן (די מצבה פון כורש).

אירע כהנים? סאַראַ שנויים האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין זאָראָאַסטריאַניזם? ווען און אונטער סאַראַ נאָמען האָט זיך די איראַנישע רעליגיע פאַרשפּרייט און געהערשט אויף מערב? סאַראַ פאָלק טרעט אַרויס

ערשט אין מיטלעלטער איז דער זאָראָאַסטריאַניזם אָנגענומען געוואָרן פאַר דער מלוכה-רעליגיע (פאַר דער הערשאַפט פון די סאַסאַנידן) און דערגרייכט צו אַ געוואַלדיקן אויפבלי. אויף מערב האָט זיך די איראַנישע רעליגיע אַריינבאַקומען אין דער איבעראַרבעטונג פון די מאגיער, וועלכע האָבן זי פאַרייניקט מיט די אַלטערטימלעכע בבלישע גלויבענישן, מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע און יודאַישער טעאָלאָגיע. אין דער פאָרם פון מיטרא-קולט, דעם גאָט פון ליכט און אמת, האָט דידאָזיקע רעליגיעזע דאָקטרין געהערט צו די אַמייסטן פאַרשפרייטע באַם סוף פון דער אַלטערטימלעכער וועלט, און איז אין משך פון אַ געוויסער צייט געווען אַפילו כמעט די הערשנדיקע אין רוימישן קײַסרייך, אין דער תקופה, וועלכע האָט מקדים געווען זיין ירידה און דאָס אָננעמען פון קריסטנטום.

§ 11 די סקיטן און די טוראַנישע פעלקער

ווי לאַנג עס טרעטן אויף אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט די אַריער, אַזוי לאַנג באַווייזט זיך לעבן זיי אַן אַנדער פאָלק אונטערן נאָמען טורא אָדער — טוראַניער. דאָס זענען די איינוואוינער פון די סטעפעס, אַ דורכויס פאַסטוכישע און וואָגלערישע באַפעלקערונג, להיפך צו די אַריער, וועלכע מיר קענען פון די עלטסטע צייטן אַלס פעלדאַרבעטער און איינגעזעסענע באַפעלקערונג. אַלס אונטערשיידונג צווישן די איראַניער און זייערע שכנים די טוראניער טרעט אַרויס אויפן ערשטן פלאַן דער חילוק צווישן די צוויי ציוויליזאַציעס: דער סטעפישער און לאַנדווירשאַפטלעכער. דידאָזיקע סטעפישע פעלקער זענען באַקאַנט אין אַלטערטום אונטער פאַרשידענע נעמען. אין אייראָפע באַ די גריכן אונטערן נאָמען סקיטן, וועלכע זענען

לעבן די אַריער אין דער געשיכטע? סאַראַ איז זיין קעגנזאַץ צו די אַריער אין די ישובים, אין לעבנסשטייגער? אונטער וואָסערע נעמען טרעטן אויף די סטעפּן-פעלקער אין אַלטערטום? סאַראַ איז זייער אָפּשטאַם? די קרובהשאַפט מיט די היינטיקע פעלקער? סאַראַ איינפלוס

די איינוווינער פון די שוואַרץ־ימיקע סטעפּעס, און פּאַרטיפן זיך מיט זייערע אָפּצווייגן ווייט אין די פלאַכלענדישע שטחים פון מיטל־אייראָפּע אַזש ביזן היינטיקן אונגאַרן און אפילו איבער דער געגנט פון פּאָדאָליע אין דער טיף פון פּוילן. די פּערסער האָבן זיי אָנגערופן סאַקן. אָבער שוין אין אַלטערטום איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז דידאָזיקע נעמען סאַקן און סקיטן (ווי אויך די שפּעטערדיקע סאַרמאַטן) באַטייטן איין און דאָס־זעלביקע פאָלק. די גרעניץ פון זייער באַיִשובֿונג אויפן מזרח ביז דעם VIII י׳ ה. פאַר קר. איז געווען יאַקסאַרטעס, ווו זיי האָבן זיך געפונען אין אוממיטלבאַרן שכנות מיט די ווייטסטע פעלקער פון מיטלאַזיע, וועלכע זענען באַקאַנט געווען די אַלטערטימלער אונטערן נאָמען איסעדאָנער. די שטריכן, אונטער וועלכע די אַלטערטימלער שילדערן אונדז זייער לעבנס־אופן, שטימען אין אַלגעמיין מיט דעם באַקאַנטן שטייגער פון וואָגלערישן לעבן פון די היינטיקע פעלקער פון מיטלאַזיע. באַ די כינעזער טרעטן דידאָזיקע וואַנדערער אויף אונטערן נאָמען Hiung-nu (שפּעטערדיקע הונען). דאָס זענען די אבות פון די טערקן און טאָטערן. אָבער לעבנדיק אין שכנות מיט די איראַניער, האָבן זיי אָנגעווירן אַזוי גוט זייערע פיזישע שטריכן, ווי די אייגנשאַפטן פון דער מאָנגאָלישער שפּראַך. דערפאַר פאַררעכענען געוויסע געלערנטע די סקיטן צו דעם טערקיש־טאַטארישן אָדער טורינישן שבט (וועלכער ווערט טיילמאָל אויך אָנגערופן סקיטישער), הגם די סקיטן טרעטן שוין אין די היסטאָרישע צייטן אויף אין זייערע שבטישע, ווי אויך פּערזענלעכע נעמען אַלס איראַניער. זייער נאָמען סאַקן באַטייט דאָסזעלביקע, וואָס דער היינטיקער פּערסישער אויסדרוק sighan (שטאַרקער), און דער נאָמען פון איינעם פון די סקיטישע פעלקער – סיגינער – איז באַ הערָאדאָטן קרוביש מיטן סאַנסקריטישן אויסדרוק çikvan (שטאַרקער). זיי האָבן אויך געטראָגן אַן ענלעכע הלבשה ווי

האָט אויסגעאיבט אויף די פעלקער די סטעפּישע קרובהשאפט פון די איראַנער? סאַ־אַ איז די סקיטישע שפּ־אַך? סאַראַ זענען די אַלגעמיין־טוראַנישע שטריכן פון די סקיטן? און וואָס באַשטייט זייער רעליגיע? סאַראַ מצבֿות זענען געבליבן נאָך די סקיטן? אוואָסער איז דאָס

די איראַניער: אַ שפּיציק היטל אויפן שטייגער פון דער פּערסישער טיאַרע, לאַנגע שטיוול א. א. וו. האָבן געקעמפּט רייטנדיק, באַוואָפנט מיט פייל-און-בויגנס. די טויטע זייערע האָבן זיי באַגראָבן, אַריינלייגנדיק צוזאַמען מיט זיי אין קבר אַרײַן די געגנשטאַנדן, וועלכע האָבן געדינט צו די באַדערפעגישן פון זייער לעבן. עד היום דערהויבן זיך אויף אַ ריזיקן שטח פון דרום-רוסלאַנד ווי אויך אין די סטעפּעס פון מיטלאַזיע זייערע קברים, אויפגעשיטע פון ערד (קורהאַנעס). אַ טייל פון זיי זענען הויכע, אַנדערע דערהויבן זיך קוים איבער דער ערד־פלאַך פון פליין; טייל זענען פון קײלעכיקער פאָרם, אַנדערע פּירעקיק; טייל זענען אַרומגעשטעלט מיט שטיינער, וועלכע זענען מיט שאַרפן שפּיץ אַריינגעזעצט אין דער ערד, אַנדערע בלויז אָנגעצייכנט מיט אַ קופּע שטיינער, פון אויבן לייכט אויסגעלייגט אין אַ קרייז. לעבן די סקעלעטן טרעפט מען בײַ זיי אַ מענגע זאַכן, וועלכע דינען צום טעגלעכן געברויך, דער־הויפּט פון קופּער, הגם אויך פון גאָלד און פון זילבער. טיילמאָל זענען אַזעלכע סקעלעטן איינגעהילט אין באַגילדטע בלעכן.
זייער רעליגיע איז באַשטאַנען אין דער פאַרערונג פון דער נאַטור. די הויפּט-גאָטהייט פּאַפּעאָס (Papaeos) איז געווען דער גאָט פון הימל, און די געטין פון דער ערד איז געווען אַפּיאַ. די שפּורן פון זייער רעליגיעזן קולט זענען די אומעטום אויפן גאַנצן שטח פון אייראָפּע און מיטלאַזיע פון דונאַי אַזש ביז דער בייקאַלישער אָזערע פונאַנדערגעוואָרפענע קבר-שטיינער, טיילמאָל אומגעשיקט געשניצטע, וועלכע ווערן עד היום אָנגערופן באַבאַנעס (אויף טערקיש באַלבאַל). איבריקנס איז נישט קוקנדיק אויף דער טיילווייזער איראַניזירונג צייכנט זיך אָפּ דער קעגנזאַץ אין דער געשיכטע צווישן די אַריער און טוראַניער זייער שטאַרק — און דערדאָזיקער קאַמף פון דער ציוויליזאַציע מיטן סטעפּ האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין איראַנישן רעליגיעזן

געשטאַלט פון די קורהאַנעס ווי אויך זייער אַנטהאַלט? וואָס איז אַזוינס באַבעס? וועלכע זענען די טוראַנישע עיקרדיקע גאָטהייטן? אונטער סאַראַ נעמען און סימבאָלן טרעטן זיי אויף? סאַראַ שטריך פון דער ערד־גאָטהייט האָבן די איראַניער אויסגעבאָרגט בײַ די טוראַניער? סאַראַ

דואַליזם. אין שפּעטערדיקן מאַזדעיזם נעמט אַרימאַן דער בייזער גייסט אָן דאָס געשטאַלט פון אַ שלאַנג, וועלכע איז דער סימבאָל פון גוטס און קראַפט — דער ערד-גייסט באַ די טוראַניער (ביזן לעצטן טאָג איז דער לינדוואָרעם געווען דער מלוכה-הערב באַ די כינעזער).

§ 12 די איבערפאַלן פון די סקיטן און קימריער[1]

דאָס שכנות פון די איינגעזעסענע פעלקער פלעגט תמיד דערוועקן דעם חשק און דראַנג נאָך רויב צווישן די וואָגלערישע, אָרימערע און ווייניקער ציוויליזירטע פעלקער. די געשיכטע פון די סקיטישע פעלקער איז בכן דערעיקר די געשיכטע פון זייערע איבער-פאַלן אויף די שכנותדיקע מלוכות. דער עלטסטער איבערפאַל אַזוינער איז באַקאַנט פון דער תּקופה פון דער אשורישער געשיכטע — דער הערשאַפט פון נינוה. די סקיטן האָבן באַלד נאָך אַשורבניפּלס טויט פאַרפלייצט גאַנץ אשור, חרוב געמאַכט כלח און דערגרייכט מיט זייערע איבערפאַלן אַזש ביז עגיפּטן, וועמעס מושל קיניג פסאַמעטיך האָט זיך געמוזט אויסקויפן פון זייער אָנפאַל מיט מתּנות. זיי באַזעצן זיך אין שכנות פון דער אָזערע אורומיאַה און פון דאָרטן הערשן זיי איבער דעם גאַנצן כמעט אויבערשטן אַזיע אין משך פון איין דור (606 — 634). דידאָזיקע סקיטן, אויף אַשוריש אַשקוזא, האָבן געזאָלט אָנקומען פון מזרח אויף דערבענד (קאַספּישער אָדער קאַווקאַזישער טויער). גלייכ-צייטיק מיט זיי פון מערב (פון די ברעגן פון טראַקיע) קומט פאָר אַן ענלעכער איבערפאַל מצד דעם טראַקישן פאָלק, פון די א. ג. קימריער. לויט די גריכישע מסורות זענען זיי געווען די איינוווינער פון קרים, ווו ס'איז געבליבן דער נאָמען נאָך זיי אַזוי גוט פון דעם האַלבאינזל גופא, ווי אויך פון דעם דורכגאַנג,

---

[1] איז די ראָלע פון די סקיטן אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע? וואָסער איז דער עלטסטער סקיטישער איבערפאַל? ווען איז געגרינדעט געוואָרן די סקיטישע מלוכה (אשקוזא) אין קליינאַזיע? וואָסער איז דער גלייכצייטיקער פעלקער-איבערדרוק אויף מערב? ווער זענען געווען די

וואָס פאַרייניקט דעם אזאָוושן ים מיט דעם שוואַרצן, דעם קימרישן באָספּאָר, הגם זיי האָבן זיך געזאָלט אויסברייטערן אויך אויף מערב פון דאָן אַזש ביזן דונאַי. דערדאָזיקער איבערפאַל פון די קימריער איז געווען בלי־ספק היסטאָריש, און שוין די אַלטערטימלער האָבן אים פאַרבונדן מיטן איבער־פאַל פון די סקיטן אויף אשור·ביידע פאַקטן זענען געווען אַרויסגערופן דורך אַ געוויסן איבעררוק פון די וואַנדערער־ישובים, וועמעס קוועלן האָבן זיך פונקט ווי אין די שפּעטערדיקע צייטן פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון צענטראַל־אַזיע. לויט העראָדאָטן זענען די קימריער געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון זייערע ישובים דורך די סקיטן, וועלכע זענען אין גאַיעג נאָך זיי פאַרקראָכן אַזש אין דער טיף פון פאָדעראַזיע. אין די אשורישע מקורים טרעטן די קימריער אויף אונטערן נאָמען גימיראַיער. זיי האָבן אומגעוואָרפן די מלוכה פון די פריגיער און זיך דערקריגן אַזש קיין אַרמעניע (אָזערע וואַן), קעמפנדיק מיט די אשורים, וועלכע זענען געווען געשטיצט דורך דיזעלביקע סקיטן, אָבער זיי זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די מלכים פון לידיע. דערזעלביקער גורל האָט געזאָלט טרעפן אויך די סקיטן, וועמעס אָנפירערס זענען געווען פאַרבעטן אויף דעם באַל פון קיניג פון די מעדיער קיאַקסאַרעס און אויסגעשאָכטן געוואָרן. וואַרשיינלעך זענען די סקיטן, אַלס באַרבאַריש פאָלק, געוואָרן שנעל פאַרשלונגען, טיילווייז ווידער פאַרטיליקט דורך די אָרטיקע באַפעלקערונג. אָבער זייער איבערפאַל האָט אויפ־געטרייסלט די יסודות פון דעם ביזאַהעריקן סיסטעם פון די גרויסמאַכטן און צוגעגרייט די ירידה פון אשור. פון דעם סקיטישן איבערפאַל אויף פאָדעראַזיע דאַטירט זיך אויך דער אָנהויב פון דער ערשטער אַרישער מאָנאַרכיע — דער מלוכה פון די מעדיער. דערפאַר טאַקע אידענטיפיצירן אַפילו געוויסע געלערנטע (א. סעיס) די סקיטן מיט די מעדיער.

קימריער ? סאַרא איז זייער היסטאָרישע ראָלע ? סאַ־אַ פאָלגן האָט געהאַט דער ערשטער סקיטישער איבערפאַל אויף קליינאַזיע ? סאַרא אַרישע מלוכה טרעט אַרויס אויף דער היסטאָרישער אַרענע נאָכן אָנפאַל פון די סקיטן ? ווען באַווייזן זיך אין דער געשיכטע די מעדיער ? ווער

§ 13 די מעדיער

די עלטסטע ידיעות וועגן די מעדיער געפינען מיר אין די אַשורישע מקורים (IX י. ה.). זיי טרעטן אויף אַלס באַרגיק, דרייסט, קריגעריש פאָלק. די אשורישע מלכים פירן קריגס-קאַמפּאַניעס קעגן זיי, אָבער קאָנען זיי נישט באַצווינגען אינ-גאַנצן. זיי פאַרבלייבן אונטער דער מאַכט פון זייערע ראשים און צאָלן מס אשורן. דידאָזיקע מעדיער וווינען אין שכנות פון דער אָזערע אורומיאַה און דעם קאַספּישן ים. דאָ זענען געלעגן די שטעט זייערע, ווי עקבאטאַנאַ, וואָס באַטייט אַ זאַמלאָרט, היינטיקע האַמאַדאַן, אויפן וועג צו מעסאָפּאָטאַמיע דורך די זאַגראָס-בערג, און ראַגאַ (שפּעטערדיקע ראַי) אויפן וועג צום קאַספּישן ים. אויף אַ ברייטערער פּאָליטישער אַרענע טרעטן אויף די מעדיער ערשט אין דער העלפט פון VII י. ה. זייער ערשטער קיניג האָט געזאָלט זיין דעיאָקעס (Dayaukku). ער איז דאָס לויט העראָדאָטן געווען דער גרינדער פון דער מעדישער מלוכה (אַרום 650 י.). דער נאָכפאָלגער זיינער ווידער פראַאָרטעס (Fravartis) האָט פאַרברייטערט די מאַכט איבער די פערסער און געפאַלן אין קאַמף מיט אשור. אָבער אַן אמתע היסטאָרישע געשטאַלט איז ערשט דער דריטער מושל אין דער-דאָזיקער גענעאַלאָגישער רשימה קיאַקסאַרעס (Uvakhsatara). ער האָט ערשט פאַראייניקט די אַלטערטימלעכע לענדער אַנזאַן און סורי און חרוב געמאַכט נינוה (אין י. 606) אין בונד מיט דעם בבלישן קיניג נבופלסר. פון דעם פונאַנדערטייל פון דער אַשורישער מאָנאַרכיע זענען אויסגעפאַלן אויף זיין חלק די צפונדיקע לענדער. קיאַקסאַרעס האָט דורכדעם פאַרברייטערט זיין ממשלה אַזש ביז האַליס אין קליינאַזיע. דאָ אָבער האָט זיך די מלוכה פון די מעדיער צונויפגעשטויסן מיט לידיע, און דער קאַמף פאַר דער הערשאַפט איבער קליינאַזיע האָט זיך

איז געווען דער גרינדער פון זייער מלוכה ? וועלכער קיניג פון מעדיע איז געווען היסטאָריש ? אויף וועמעס חורבות האָט זיך דערהויבן די מלוכה פון די מעדיער ? סאַראַ איז די באַצווינגונגס-ספערע פון קיאַקסאַ-

פאַרענדיקט מיט אַ שלום-אָפּמאַך, וועמעס דאַטע באַצייכנט אַ לקוי-חמה, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען אין משך פון דער שלאַכט און משפּיע געווען אפילו אויף דער שליסונג פון שלום. (28 מאַי 585 י.). דאָס איז די ערשטע געשעעניש אין דער אַלטערטימלעכער געשיכטע, וועמעס כראָנאָלאָגיע לאָזט זיך באַצייכענען מיט דער הילף פון דער אַסטראָנאָמיע גענוי בנוגע דעם טאָג און חודש. דער נאָכפאָלגער פון קיאַקסאַרעס איז געווען אסטיאַגעס (Jstuvergu). ער האָט באַצווינגען די מדינה האראן און געטראָגן דעם טיטול אומאַן-מאַנדאַ, אָדער מושל פון פיל פעלקער. אָבער שוין בעת זיין הערשאַפט איז אַנטשטאַנען די צעלייגונג פון דער מעדישער מאָנאַרכיע און די ירידה פון די מעדיער. אויף זייער אָרט טרעטן אויף די פערסער צוזאַמען מיט דעם ערשטן קיניג זייערן כורש.

§ 14 כורש און די פערסער

די פערסער באַגעגענען מיר שוין פון די עלטסטע צייטן אַלס פאָלק, וואָס וווינט אין שכנות מיט די מעדיער. אין די אַשורישע מקורים רופן זיי זיך פּארסואַס. זייער שפּעטערדיקע געשיכטע ווייזט אָן, אַז זיי זענען געווען קרוביש צו די מעדיער און בשותפות מיט זיי געקעמפט. זייער וויגעלע איז דאָס לאַנד פערסיס אויף דער הויכעניש פון איראַן, בשכנות מיט דעם פערסישן איינגוס, וועמעס איינגאַנג עס שיצן אומצוטריטלעכע בערג, וועלכע דינען אַלס אַ באַהעלטעניש פאַר די קריגערישע איינוווינער. דידאָזיקע געגנט געפינט זיך פון דרום-זייט אין אוממיטלבאַרן שכנות מיטן אַלטערטימלעכן לאַנד אַנזאַן (ביבלישער עילם) מיט דער רעזידענץ אין סוזאַ, איבער וועלכן די פערסער האָבן זיכער נאָכן אונטערגאַנג פון אשור אויסגעברייט זייער הערשאַפט. דער ערשטער היסטאָרישער מושל פון די

רעסן? סאַראַ איז די זיכערע דאַטע פון זיין הערשאַפט? סאַראַ פאָלק טרעט אויף אין דער געשיכטע לעבן די מעדיער? ווו איז זיין וויגעלע? ווער איז זיין היסטאָרישער ערשטער מושל? ווו איז דער ירושהדיקער

פּערסער איז געווען כּורש (אויף פּערסיש קורוּש אָדער קוּרוּ) (530 – 558). ער איז געווען וואַסאַל פון אַסטיאַגעסן. זיין ירושה-טראָן איז געווען אין סוזאַ. דערפאַר טיטולירט ער זיך אויף אַ זייער אַלטערטימלעכן צילינדרישן שטעמפּל קיניג פון די אַנזאַניטן, הגם ער איז אַחוצדעם דערמאַנט אויף די ליימענע טאָוועלעך אַלס קיניג פון די פּערסער. ער איז דאָס אָנגעפאַלן אויף זיין אויבערהאַר אַסטיאַגעס און אים באַזיגט, הגם ער האָט זיין ניצחון פאַרדאַנקט דער בגידה פון די זעלנער און דעם איבערגיין אויף זיין זייט פון האַרפּאַגאָנען, דעם שפּעטערדיקן סאַטראַפּ פון קיליקיע. נאָכן דאָזיקן ניצחון האָט כּורש פאַרנומען האַמאַדאַן (Agamtanu) צוזאַמען מיט אירע אוצרות און געוואָרן דער גרינדער פון דער גרויסער פּערסישער מלוכה. כּורש איז געווען קודם-כּל אַ זעלנער און אַ גרויסער קריגסמאַן. דאָסדאָזיקע ראַפּטעמדיקע אַרויסוואַקסן פון אַ נייער מאָנאַרכיע אין אַזיע האָט געמאַכט פון כּורשן אַ העלד, אַרום וועמעס פּערזאָן ס'האָט זיך געשאַפן פּונקט אַזאַ לעגענדע, ווי אַרום דער פּערזאָן פון סרגון, ראָמוּלוּס און פיל ענלעכע געשטאַלטן. מ'האָט אים צוגעשריבן אַ ווילדן אָפּשטאַם, אַ ווונדערבאַר ניצול-ווערן אין דער קינדהייט און אַ דערציונג צווישן פאַסטיכער, לסוף אַ דערהויבונג דורך זיינע לאַנדאייגענע צו דעם כּבוד פון אַ קיניג. די פּערסישע אויפשריפטן און אַנדערע מיטצייטיקע בבלישע מקורים שטעלן דאָך פעסט, אַז כּורש האָט אַרויסגעשטאַמט פון קיניגלעכן יחוס. אויף זיין אייגענער צילינדרישער חתימה רעכנט ער אויס זיינע אַזש אבות ביזן פערטן דור אויף צוריק, אָנהויבנדיק פון סיספּיס (אויף פּערסיש כאַיספּי, גריכיש טעספּוס). די נעמען כּורש, קאַמביזעס, טעיספּעס חזרן זיך איבער אין דאָזיקן יחוס, וועמעס גרינדער האָט געזאָלט זיין אכעמענעס (אויף פּערסיש האַכאַמאַני). דערפאַר רופט זיך אויך די פּערסישע דינאַסטיע אַכעמענידן-דינאַסטיע. זי דאַטירט זיך וויניקסטנס אויף צוויי דורות צוריק פאַר כּורשן. כּורש אַליין איז בכן נישט

טראָן פון כּורשן? אויף סאַרא אופן האָט ער אומגעוואָרפן די ממשלה פון אסטיאגעסן? סאַרא לעגענדעס זענען פאַראַן וועגן כּורשן? סאַרא איז זיין ווירקלעכער אָפּשטאַם? ווי לאַנג האָט עקזיסטירט ביז אים די

געווען דער גרינדער פון דער דינאַסטיע, נאָר דער שעפער פון דער גרויסער פערסישער מאָנאַרכיע.

§ 15 די באַצווינגונגען פון כורשן און די פערסישע מאָנאַרכיע

כורש איז געווען קודם-כל אַ גרויסער פירער און קריגסמאַן. ער האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַן אויסגעצייכנטע אַרמעע פון צווישן די פערסער. זי איז באַשטאַנען פון בויגנשיסער, — רייטער און פוסגייער. די פערסער זענען שוין אַדאַנק דער נאַטור פון זייער לאַנד געווען אַ פשוט, ניכטערן, דרייסט פאָלק און פאַרהאַרטעוועט צו אַלע קריגס-שוועריקייטן. צוזאַמען מיט דערדאָזיקער אַרמעע האָט ער געקאָנט פרווון צו דערגרייכן די ממשלה איבער אַזיע. דער לידישער קיניג קרעזוס אין בונד מיט נאבונאַיד, דעם בבלישן קיניג, ווי אויך מיט אַמאַזיס, דעם פרעה פון עגיפּטן, האָבן געשאַפן אַ גרויסע קאָאַליציע אַקעגן אים, צו וועלכער ס׳האָבן זיך אויך פאַרייניקט די לאקע-דעמאָניער. אָבער כורש האָט באַוויזן צו צעקלאַפן זי, וואַרפנדיק זיך פאָרויס אויף לידיע. די שלאַכט, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קאַפּאַדאָקיע, איז געווען אַ נישט אַנטשיידנדיקע. קרעזוס האָט זיך צוריקגעצויגן נאָך פאַרשטאַרקונגען, דערווייל האָט כורש איינגענומען סארדי (546) און געמאַכט פון איר די רעזידענץ פון דער נייער פערסישער פראָווינץ. די הויפּטלייט (סאַטראַפּן) האָבן בכן אָנגעהויבן צו פאַרברייטערן די פערסישע הערשאַפט אויך אויף די גריכישע שטעט און אויף די אינזלען (שוין נאָך כורשס טויט). נאָך דעם לידישן קיניג, וועלכער איז אומגעקומען געוויס אויפן באַפעל פון קיניג כורש (די לעגענדע רעדט וועגן דעם פאַרברענען אים אויפן שייטערהויפן), איז געקומען די ריי אויף דעם כאלדעישן קיניגרייך. בבל איז

פערסישע מלוכה? אונטער וועמעס הערשאַפט? סאַראַ איז די היסטאָרישע ראָלע פון כורשן און פון די פערסער? וואָסער איז געווען די פערסישע אַ־מעע? סאַראַ זענען די באַצווינגונגען פון כורשן? דער סוף פון

געוואָרן איינגענומען דורכן פּערסישן גענעראַל אוגבאַרו אין 538, דערביי האָט זיך דער גאַרניזאָן צעבונטעוועט, און די פּריסטער זענען אַרויסגעגאַנגען אַקעגן די זיגער. כורש האָט דאַן אַריינמאַרשירט קיין בבל און אָנגענומען די קיניגלעכע אויסצייכענונגען פון די הענט פון די בעל-מאַרדוך-פּריסטער. כורש איז אויפגעטרעטן מיט גרויס טאָלעראַנץ לגבי די פרעמדע געטער. די כאַלדעישע פּריסטער האָבן טאַקע איבערגעטראָגן אויף אים אַלע רעליגיעזע טיטלען פון די בבלישע מושלים. בשעת כורשס אויפהאַלט אין בבל האָבן אויך די יידן באַקומען די דערלויבעניש זיך אומצוקערן קיין פּאַלעסטינע (538 – 7) און אויפצובויען דעם בית-המקדש. פונדעסטוועגן איז אָבער נאָר אַ טייל פון זיי אַרויסגעגאַנגען פון בבל. די מערהייט איז פאַרבליבן און זיך מיטן לויף פון דער צייט פונאַנדערגעשאָטן איבער דער גאַנצער פּערסישער מלוכה. די בבלישע יידן אָבער נעמען ווייטער אונטער זייער שוץ די עמיגראַנטן זייערע און מיט דער צייט קריגן זיי פון דער פּערסישער רעגירונג אַ דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן אין פּאַלעסטינע אַ באַזונדערע קהלה באַם טעמפּל אין ירושלים (נביאים עזרא און נחמיה). די שטעט פון פעניציע האָבן זיך אַליין איבערגעגעבן כורשן, נאָר עזה איז געוואָרן איינגענומען. די ממשלה פון כורשן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויך אויף מזרח; ווי ווייט עס האָט זי אויסגעברייט כורש אַליין, איז שווער צו זאָגן (קיין אינדיע האָט ער זיך נישט אַוועקגעלאָזט). דערפאַר איז גאַנץ איראַן צוזאַמען מיטן שכנותדיקן באַקטריע און סאָגדיאַנאַ אַריין אין רשות פון דער פּערסישער מלוכה, און דאָ אויף די גרעניץ-מקומות אין קאַמף מיטן סקיטישן פאָלק מאַסאַגעטן איז אומגעקומען כורש. די שטאָט באַם יאַקסאַרטעס קיראָפּאָליס (אין דער נאָענט פון היינטיקן קאָקאַנד) האָט לויט דער מסורה געזאָלט געגרינדעט ווערן דורך כורשן אַליין. ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דעם פאַמיליע-נעסט, אין דער אַלטערטימלעכער רעזידענץ פּערסיס

לידיע? פון בבל? סאַראַ באַציונג איז געווען פון די פּערסער צו די באַזיגטע פעלקער: בבלים? יידן? סאַראַ איז געווען דאָס געביט פון דער פּערסישער מאָנאַרכיע אויף מזרח? ווו איז אומגעקומען כורש?

(Pasargade), ווו די מצבה זיינע האָט זיך אויפבאַהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון פּאַלאַץ, ווי אויך די מזבחות פאַרן פייער. דער אויפשריפט אויף דער וואַנט באַם שפּיץ פון איינעם פון די פּילאסטרעס אין דריי שפּראַכן: פּערסיש, אשוריש און אַנזאַניש, לויטעט: „איך בין כּורש, קיניג, אַכעמעניד“. דער איינציקער באַרעליעף, וועלכער איז פאַרבליבן צווישן די רעשטלעך פון אַלטערטימלעכן קיניגלעכן פּאַלאַץ אין פּאַסאַרגאד, שטעלט פאָר דאָס געשטאַלט פון כּורשן באַפליגלט, וואָס באַטייט זיין זשעני אָדער אומשטערבלעכע נשמה (פראַוואַשי). כּורש איז איינגעהילט אין אַ לאַנגן מלבוש, באַזוימט מיט פרענזלעך אויפן אַשורישן שטייגער, און אויפן קאָפּ האָט ער אַ מין קרוין, וועלכע ס׳האָבן אין עגיפּטן געטראָגן די מלכים און געטער, אָנהויבנדיק פון דער XX דינאַסטיע. דאָס איז דער א. ג. העטעס, דער סימבאָל פון דער אַמאָליקער גאָטהייט טהאָט. דעמדאָזיקן דענקמאָל האָט געוויס אויפגעשטעלט דעם פאָטער זיין זון און נאָכפאָלגער קאמביזעס.

§ 16 קאמביזעס און די באַצווינגונג פון עגיפּטן

די באַצווינגונגען פון כּורשן האָט פאַרענדיקט זיין זון קאַמביזעס (קאַמבודזיא). די מסורה שטעלט אים פאָר אַלס אימפּעטפולע און אומבאַצוימטע נאַטור. באַם איבערנעמען דעם טראָן האָט ער געהייסן טויטן דעם לייבלעכן ברודער סמערדיס, משמעות, כּדי אויסצומיידן אַ פונאַנדערטיילונג פון דער מלוכה. דערדאָזיקער מאָרד, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן פאַר זיין קריגסצוג אויף עגיפּטן, איז געוואָרן אויסבאַהאַלטן פאַר די פּערסער. קאמביזעס, אונטערנעמענדיק דידאָזיקע קריגס-קאָמפּאַניע, איז געגאַנגען אין די שפּורן פון זיין פאָטער. זיין אייגן פאַרדינסט איז די באַצווינגונג פון דער אינזל קיפּראָס, אַדאַנק

סאַראַ און ווו זענען נאָך אים פאַרבליבן דענקמעלער? סאַראַ איז דער אויפשריפט פון כּורשן? סאַראַ איז זיין פאָרשטעלונג? פונוואַנען שטאַמט ער? ווער איז דער נאָכפאָלגער פון כּורשן און דער פאָרזעצער פון

וועלכן ער האָט פאָרגעברייט אַ פלאָט פאַר דערדאָזיקער קאַמפּאַניע.
ער איז באַשטאַנען פון פעניצישע, קיפּראָסישע און קליינאַזישע
שיפן. די גאַנצע קריגס-קאַמפּאַניע איז פאָרגעקומען אין פרילינג
י די איינציקע גרעסערע שלאַכט איז געפירט געוואָרן באַ 225
פעלוזיום. קאמביזעס האָט איינגענומען מעמפיס, נאָך וועלכן
דאָס גאַנצע לאַנד איז אַריין אין זיינע הענט. זינט דעמאָלט
פאַרלירט עגיפּטן איר אומאָפּהענגיקייט און ווערט איינגעגלידערט
אין דער פּערסישער מלוכה. צוזאַמען מיט איר זענען אַרונטער-
געפאַלן דער פּערסישער ממשלה אויך די שכנותדיקע ברעגעס פון
לידיע, ווי אויך קירענאיקע צוזאַמען מיט די דאָרטיקע גריכישע
מלוכות. אָבער דער פּערסישער מלחמהצוג צו דעם אָאַזיס אמען
איז פאַרשאָטן געוואָרן אין די זאַמדן פונם מדבר; אויך די
עקספעדיציע קיין נוביע (עטיאָפּיע) אונטער דער אָנפירונג פון
קאמביזעסן אַליין האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל.
דאַן האָט דאָס קאמביזעס, אומקערנדיק זיך קיין מעמפיס און
אָנטרעפנדיק אויף אַ רעליגיעזער פייערלעכקייט, געזאָלט טויטן
אין זיין צערייצטקייט דעם אָקס אַפּיס. דאָס איז געווען אַ
פיינטלעכע מאַניפעסטאַציע לגבי די רעליגיעזע געפילן פון די
עגיפטער, פונקט ווי דאָס מחלל זיין דעם קבר פון אַמאַזיס,
דעם פאָרגייער פון לעצטן עגיפּטישן קיניג פסאמעטיך III. אָבער
אין ביידע פאַלן האָט קאַמביזעס געהאַנדלט גיכער אויס פּער-
זענלעכע מאָטיוון — נקמה פאַר באַליידיקונג פון פאָטער און
צוליב דער פרייד פון המון אין טאָג פון זיין אומקערן זיך פון
דער אומגעלונגענער קריגס-קאַמפּאַניע — ווי אויס פּאָליטישע
טעמים. מחמת די פּערסישע מלכים האָבן אויך אין עגיפּטן,
אַנטקעגן דער מסורה פון הערָאדאָטן, פאַרנומען דיזעלביקע
טאָלעראַנטע שטעלונג לגבי די אָרטיקע רעליגיעס, ווי אין בבל.
די אוממיטלבאַרע ווירקונג פון ביידע פרעמדע קולטורן אויף
דער פּערסישער איז באַלד קענטיק אויף די ערשטע דענקמעלער
פון די אַכעמענידן (דאָס בילד פון כורשן מיט צוויי פּאָר

זיינען באַצווינגונגען? סאַראַ לאַנד איז געוואָרן באַצוווּנגען? וועלכע
זענען די שכנותדיקע ברעגעס פון מיטללענדישן ים? ווי ווייט האָט
קאַמביזעס דורכגעדרונגען אויף דרום? ווי איז געווען זיין באַציונג צו

פליגל אויפן אַשורישן שטייגער און מיט אַן עגיפּטישער קרוין אויפן קאָפּ). אָבער די פּערזאָן פון קאַמביזעסן איז להיפּך צו כורשן איבערגעגאַנגען אין געדעכעניש פון די קינפטיקע דורות אין פאַרטונקלטע פאַרבן. ס'האָט גורם געווען דערצו דער אויפשטאַנד, וועלכער איז אויסגעבראָכן באַם סוף פון זיין לעבן און דערשיטערט דאָס גאַנצע ווערק פון ערשטן פּערסישן מאָנאַרך — כורש.

§ 17 דער פּערסישער אויפשטאַנד. גאוּמאַטאַ און דריוש. בעהיסטונישער אויפשריפט

קאמביזעס האָט, אַוועקלאָזנדיק זיך קיין עגיפּטן, פאַרבאָרגן דעם מאָרד פון זיין ברודער. דאָס האָט אויסגענוצט אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט דער מאגיקער גאַומאַטאַ, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן פאַרן ברודער פון דערמאָרדעטן קאַמביזעס, און דעם זון פון כורשן — באַרדיאַ, און אויפגעהויבן אַ מרידה. באַקומענדיק דידאָזיקע ידיעה האָט קאמביזעס שנעל פאַרלאָזט עגיפּטן (522 י.), אָבער ער האָט משמעות אָנגעטראָפן אין לאַנד אַ נישט גינציקע פאַר זיך שטימונג, און נישט דערגייענדיק קיין פּערסיע, האָט ער זיך אויפן וועג אַליין גענומען דאָס לעבן (אין סיריע). די מאַכט אָבער אין דער מלוכה איז נישט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די מעדיער, מחמת באַרדיאַ האָט רעגירט אַלס כורשס זון, וועלכער איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן פאָלק (ער האָט געמאַכט שטייער־הנחות), אָבער פאַרהאַסט דורך די אָנגעזעענע פאַמיליעס, וועלכע האָבן אין אים געזען אַן אוזורפּאַטאָר. אין דער שויס פון דערזעלביקער פּערסישער אַריסטאָקראַציע איז אַנטשטאַנען אַ פאַרשווערונג פון זיבן פאָרשטייער פון די יחוסדיקע פאַמיליעס. זיי האָבן בעפאַקט גאַומאַטאַ אין שלאָס, נישט ווייט פון עקבאַטאַנאַ, און

די עגיפּטער? ווי זעט אויס די לאַגע אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט? ווער האָט זיך אוזורפּירט דעם טראָן? סאַראַ כאַראַקטער האָט געהאַט דער אויפשטאַנד אקעגן קאַמביזעסן? סאַראַ איז זיין כוח? פונוואַנען

אים דערמאָרדעט. אויף זיין אָרט איז געוואָרן אויסגערופן פאַר אַ קיניג דריוש, איינער פון די פאַרשווערער (521).

דריוש איז געווען אַ זון פון היסטאַספּעס. ער האָט אַרויסגעשטאַמט פון זעלביקן עלטערזיידן סיספּיס, וואָס כורש, ער האָט בכן געהערט בלי-ספק צו דעם קיניגלעכן אַכעמעניד-שטאַם. זיין אומקער אויפן טראָן איז בכן געווען צוגלייך אַ רעסטאַווירונג פון דער געזעצלעכער מאַכט אין דער מלוכה. זיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו דערהאַלטן די גאַנצקייט פון דער מאָנאַרכיע, וועלכע האָט זיך גענומען פונאַנדערשיטן. אין בבל, מעדיע, אַרמעניע און אַפילו אין פּערסיע גופא האָבן זיך באַוויזן סיי פּרעטענדענטן צום טראָן, מיטגלידער פון די אַמאָל הערשנדיקע דינאַסטיעס, סיי אוזורפּאַטאָרן און אַליינהערשער, וועלכע האָבן געוואָלט גרינדן נייע מלוכות. דריוש האָט די ערשטע דריי יאָר נאָך זיין איבערנעמען דעם טראָן געווידמעט דער באַרויקונג פון דער מלוכה און דער באַזיגונג פון אַלע פּרעטענדענטן. לזכר דער דערשטיקונג פון דאָזיקן אויפשטאַנד האָט ער געהייסן אויסהאַקן אַ דענקמאָל אויפן פעלז בעהיסטון, וואָס איז געלעגן באַם הויפּטוועג, וועלכער פירט פון עקבאַטאַנאַ צו דער נידערניש פון מעסאָפּאָטאַמיע, אין טאָל קאַרקאַר (סט. כעאָספּעס). דער פאַרנעם פון דאָזיקן דענקמאָל, וועלכער געפינט

דריוש, זון פון היסטאַספּעס.
פון אַ בערליעף אויף אַ פעלז אין בעהיסטין

שטאַמט אַרויס דריוש? אויף וואָסער אופן האָט ער איבערגענומען די מאַכט? אין סאַראַ צושטאַנד האָט ער אָנגעטראָפן דאָס לאַנד נאָכן

זיך אויף אַ הויך פון 50 מ איבערן טאָל, מאַכט אויס 45 מ די לענג און 30 מ די הויך. דער באַרעליעף שטעלט פאָר דעם קיניג פון אָנגעזענעם געשטאַלט מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, ווי ער טרעט אויפן פיינט, וועלכער איז אין אַ בעטנדיקער פּאָזיציע אויסגעשפּרייט צו זיינע פיס. פאַר זיין מאַיעסטעט ברענגט מען ניין געפאַנגענע צעבונטעוועטע פירשטן. הינטער דעם קיניג האַלטן זיינע צוויי וואָפנטרעגער: איינער אַ שפּיז, דער צווייטער אַ בויגן. איבער די קעפּ ווידער פון דידאָזיקע מענטשלעכע גע-שטאַלטן דערהויבט זיך דער גאָט אַהוראַמאַזדאַ, אָדער ריכטיקער מיטרא — אַ בייוסט, אַרומגענומען פון אַ באַפליגלטן קרייז — דער סימבאָל פון דער זון. דער דריישפּראַכיקער אויפשריפט באַשרייבט די ערשטע מעשים נאָך דריושס אַרויפטרעטן אויפן טראָן. דאָס איז יענער באַרימטער דריישפּראַכיקער אויפשריפט, וועלכע האָט צוגעהאָלפן פונאַנדערשיפרירן די קלינעסשריפט. זיינע שפּראַכן — פּערסיש, אַשוריש און ניי-אַנזיאַניש אָדער ניי-סוזיאַניש — זענען דאָס די דריי אָפיציעלע שפּראַכן אין דער פּערסישער מלוכה.

§ 18 די אָרגאַניזירונג פון דער פּערסישער מלוכה דורך דריושן

דער סוף פון קאמביזעס׳ הערשאַפט און דער בונט פון גאַומאַטאַ, ווי אויך פון די טראָן-פּרעטענדענטן האָבן איבער-געצייגט דריושן, אַז די מלוכה, וועלכע כורש האָט געשאַפן, קאָן זיך אַלס אַזעלכע לאַנג נישט דערהאַלטן, און אַז מ׳דאַרף זי איבערבויען אויף נייע יסודות. דריוש האָט בכן געגעבן דעם אָנהויב דער נייער אַדמיניסטראַציע אויף מזרח, טיילנדיק דעם גאַנצן אים אונטערטעניקן שטח אויף 20 ראַיאָנען (515 י.)

אַרויפטרעטן אויפן טראָן? וואָסער איז געווען דער סוף פונם אויפ-שטאַנד? ווי אַזוי האָט זיך באַפעסטיקט דאָס געדערבעניש וועגן אים? וואָסער איז דער בעהיסטונישער אויפשריפט? וווּ געפינט ער זיך? וועלכע זענען זיינע עיקרדיקע טיילן? אין סאַרא שפּראַכן? סאַרא איז זייער באַ-

בראש פון איטלעכן פון זיי האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ באַאַמטן סאטראפ (קשאַטראַפּאַוואַן). פונוואַנען ס'איז אַרויסגעקומען דער נאָמען פון אַזאַ מלוכה-ראַיאָן – סאַטראַפּיע.

אין דאָזיקן נייעם פונאַנדערטייל פון די באַצווינגענע לענדער האָבן זיך שוין פאַרווישט זייערע אַמאָליקע אייגנשאַפטן אַלס זעלבשטענדיקע מלוכות און ס'איז אַנטשטאַנען די פאַריי-ניקונג אין איין מאָנאַרכיע. דאָס אָרט פון די איינהיימישע פירשטן האָבן איצט פאַרנומען די פירשטן, וועלכע זענען געוואָרן די הערשנדיקע נאַציאָנאַליטעט אין דער מלוכה. זיי האָבן עס געבילדעט דעם קערן פון דער אַרמעע און פון באַאַמטן-שטאַנד. דער צוזאַמענשטעל פון דער פערסישער אַרמעע איז געבליבן אומפאַרענדערט, דערהויפט די קאַוואַלעריע, בויגנשיסער און שטיינשליידערער. אין יעדער סאטראפּיע האָט דער פערסישער גאַרניזאָן פאַרנומען אַלע פעסטונגען. איבעריקנס האָבן די סאַטראַפּן באַזעסן אַ כמעט אומבאַגרעניצטע מאַכט, מיטן אויסנאַם פון מלחמה-מאַכט. אָבער איבער זייערע מעשים האָט געוואַכט אַ ספּעציעלע פּאָליצייאישע דינסט, וועלכע האָט נאָכגעשפּירט זייער יעדן טריט און מודיע געווען וועגן אַלעם דעם קיניג. (דערפון האָבן זיך יענע באַאַמטע גערופן די „אויגן" אָדער „אויערן" פון קיניג).

דער פערסישער מאָנאַרך האָט אָדער פערזענלעך אַכטונג געגעבן אויף דער אַדמיניסטראַציע פון די אים אונטערליגנדיקע לענדער, אָדער האָט אַרויסגעשיקט אין די סאַטראַפּיעס זיינע קאָמיסאַרן, וועלכע פלעגן אַרויסגעבן באַפעלן די סאַטראַפּן. די הויפּטפליכט פון די סאַטראַפּן איז באַשטאַנען דערין, צוצושטעלן דעם קיניג די שטייערן, וועלכע זענען יעדעס יאָר פאָרויס פאָרגעשריבן געוואָרן אין גענוי באַשטימטע אויסמעסטונגען. דער-דאָזיקער שטייער איז געווען פונאַנדערגעלייגט אויפן סמך פון דער אויסמעסטונג פון די ערד-נחלאות און דער געברויכבאַרקייט פון

דיטונג אין דער מלוכה ? וואָסערע זענען די פעלערן פון כורשס מאָנאַרכיע ? ווי אַזוי האָט זיך דריוש באמת זיי אויסצובעסערן ? אין וואָס באַשטייט די רעפאָרם פון דריושן ? סאַראַ איז זיין מלוכה-פונאַנ-דערטייל ? וואָס זענען אַזוינס סאַטראַפּן ? סאַראַ איז זייער ציל ? דער

יעדן שטיקל ערד. מ׳פלעגט אים אָפּגעבן אין געלט אָדער אין נאַטור. יעדעס לאַנד האָט דערבײַ געמוזט געבן צינז אין פּראָדוקטן, וועלכע האָבן געבילדעט זײַן הויפּט-רײַכטום. און אַזוי פלעגט מעדיע ליפערן פערד, קאַפּאַדאָקיע – שאָף, בבל – תּבואות און אַנדערע פּראָדוקטן, ליביע און דער אָאַזיס סיווא – זאַלץ, אַראַביע – בשמים א. ד. ג. פּונקט אַזוי האָט אויך יעדע שטאָט געמוזט ליפערן די אויסאַרבעטונגען פון איר אינדוסטריע, אָנהויבנדיק פון טעפּיכער, ענדיקנדיק אויף די שטערנבענדער, רינגען, בראַנזאָלעטן וכדומה אַזעלכע צירונגען. דערדאָזיקער שטייער-סיסטעם האָט פאַרמיטן אין געוויסער מאָס די מיסברויכן פון די סאַטראַפּן און געגעבן אַ מעגלעכקייט די אונטערטעניקע לענדער זיך פרײַ צו אַנטוויקלען. די פּערסישע רעגירונג האָט אויך צוריקגעשטעלט די געזעלשאַפטלעכע רו אין דער מלוכה, דערלויבנדיק אירע בירגער זיך פרײַ צו באַוועגן איבערן ריזיקן שטח פון אינדו ביזן מיטללענדישן ים. די פּערסישע מלכים האָבן אומעטום געבויט וועגן און אויפגעהאַלטן וואַכן אויף זיי. צוליב לײַכטערן פאַרוואַלטן מיט אַזאַ ריזיקער מלוכה האָט מען אײַנגעפירט אין לעבן צום ערשטן מאָל פּאָסטן, באַדינט דורך קיניגלעכע שליחים, וועלכע זענען דורכגעלאָפן דעם שטח פון סוזע ביז סאַרדעס אין משך פון 6 טעג. כּדי צו פאַרלײַכטערן דעם האַנדלס-אויסטויש האָט דריוש געהייסן אויסשלאָגן מטבעות פון ריינעם גאָלד, מיט דעם בילד פון זײַן פּערזאָן אין געשטאַלט פון אַ בויגנשיסער, די א. ג. דאַריקעס (516 י.), ווי אויך זילבערנע מטבעות פון כּמעט ריינעם זילבער מיט דעם בילד פון דער גאַלערע, די א. מעדישע שקלים. די דאָזיקע מטבעות האָבן זינט דעמאָלט געהערשט אין דער אַלטערטימלעכער וועלט כּמעט אומטיילבאַר אין משך פון צוויי יאָרהונדערטער אַדאַנק זייער אומפּגימהדיקער ריינקייט.

אופן פון דער פאַרייניקונג פון די אונטערטאַנען? דער רעגירונגס-סיסטעם? דער פינאַנץ-סיסטעם? סאַראַ איז געווען די אויפזיכט איבער די פּראָווינצן? דער פּאָליצייִאישער סיסטעם? דער וועגן-סיסטעם? וואָסערע איז די עלטסטע פּאָסט-אײַנריכטונג? וואָסערע איז דער מאָנעטאַרישער סיסטעם פון דריוש? די גילדענע מטבע? די זילבערנע? דער מינץ-

דער מלחמהצוג פון דריושן אויף אינדיע, וועלכן ער האָט דורכגעפירט באַלד נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין דער מלוכה, האָט אים אָפּגעפּנט די רייכטימער פון דאָזיקן גאָלד-געבענטשטן לאַנד, וועלכע זענען זינט דעמאָלט אַהינגעפלאָסן צו אים אין דער פאָרם פון צינז פון 360 טאַלענטן גאָלדן זאַמד יערלעך. די גאַנצע יערלעכע הכנסה פון דריושס מלוכה-אוצר האָט אויסגעמאַכט 9880 טאַלענטן זילבער און 4680 גאָלד, וואָס האָט צו יענע צייטן געהייסן אַ קאָלאָסאַלע סומע.

§ 19 דער פערסישער הויף און די דערציונג פון דער יוגנט

דריוש האָט געשאַפן די ערשטע מזרחדיקע מאָנאַרכיע, אַזוי ווי ס'האָבן זי פאָרגעשטעלט די שפּעטערדיקע גריכן, און ווי זי האָט זיך עד היום אויפגעהיטן אין אירע אַלגעמיינע שטריכן בײַ די פעלקער פון מזרח. די פערזאָן פון קיניג איז געווען אין איר אויפן ערשטן פּלאַן, אַלס אַזעלכע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אמתדיקע גאָטהייט אויף דער ערד. דער קיניג האָט אין איר געהערשט דעספּאָטיש. ער איז געווען אָפּגעטיילט פון זיינע אינטערטאַנען דורך אַ גאַנצער ריי הויפלייט ווי אויך באַאַמטע. זיין הויף איז באַשטאַנען פון טויזנטער משרתים — פרויען, קינדער און סריסים. עס האָט אים אַרומגערינגלט אַ לייב-גוואַרדיע, וועלכע איז געווען צוגעקליבן פון צווישן די פערסער און מעדיער: 2 טויזנט רייטער און אַזויפיל אַדעליקע פוסגייער, ווי אויך אַ 10 טויזנטיקער קאָרפּוס פון די אי. ג. אומשטערבלעכע. אָנגעטון אין לאַנגע טוניקעס מיט ברייטע אַרבל, אין כאַראַקטעריסטישע מיצן — פערסישע טיאַרעס — אויפן קאָפּ, טראָגן זיי אַ פיילנבייטל צוזאַמען מיט אַ בויגן אויף די

פּוּם? אַ:וואָסערע זענען די דכנסות פון פערסישן מלוכה-אוצר? פונוואַנען און זינט וועלכער צייט פליסט אַריין גאָלד קיין פערסיע? סאַראַ ראָלע האָט געשפּילט דער פערס·שער מאָ:עטאַרישער סיסטעם אין דער אַלטער-טימלעכער וועלט? סאַראַ מאָנאַרכיע האָט געגרינדעט דריוש? סאַראַ

פלייצעס, אין די הענט ווידער האַלטן זיי שפיזן, באַצירט באַם הענטל מיט גאָלדענער גראַנאַט-פרוכט. דידאָזיקע גוואַרדיע האָט געבילדעט דעם קערן פון דער פערסישער אַרמעע, און ס׳האָבן זי דערגאַנצט דער לאַנדשטורם פוו אַלע לענדער, וועלכער איז געוואָרן געליפערט דורך די סאַטראַפּן, די הויפּישע אַמטן, יאַגד-אָנפירער, פערדמייסטער, שליחים א. ד. ג., זענען צוגלייך פאַר-אייניקט מיט די העכסטע כיבודים אין דער מלוכה. די העכסטע אויסצייכענונג איז דאָס צולאָזן צום קיניגליכן טיש, פונקט ווי ס׳איז דער העכסטער טיטל — דער טיטל פון „קיניגלעכן קרוב״. דער קיניג באַטיילט די הויפּלייט נישט בלויז מיט ראַנגען, טיטלען, נאָר אויך מיט באַזונדערע הערבן — מיט אָרעמבענדער, גאָלדענע קייטן, אַפילו מיטן קאַפּטאַן פון די אייגענע פלייצעס (קאַנדיס). ער טראָגט אַ ספּעציעלן פורפורנעם מלבוש — אַ קאפטאן (קאַנדיס)—אויפן קאָפּ ווידער האָט ער אַ טיאַרע צוזאַמען מיט אַ קרוין. ער גיט אוידיענצן, זיצנדיק אויפן טראָן אונטער אַ באַלדאַכין. בשעת די עפנטלעכע פאָרשטעלונגען טרעט פאַר אים אויף דער וואָגן מיט מיטרא, געשפּאַנט אין אַכט ניזעישע ווייסע פערד, און די פריסטער טראָגן הייליק פייער. דער-דערדאָזיקער קיניגלעכער צערעמאָניאַל האָט אַנטשפּראָכן גענוי דעם באַגריף וועגן קיניג אַלס פאַרקערפּערונג פון מיטרא, דעם זון-גאָט אויף דער ערד. דער קיניגלעכער הויף איז געווען נישט בלויז אַ רעזידענץ, נאָר אויך די הויפּטשטאָט פון דער מלוכה, דער צענטער פון איר פאַרוואַלטונג. ער פלעגט ענדערן זיין זיצאָרט אָפּהענגיק פון די באַדערפענישן פון רעגירן, און זיך איבערטראָגן אַמאָל קיין סוזא, דאָ ווידער קיין בבל אָדער קיין עקבאַטאַנאַ. אָבער דאָס וויגעלע פון דער פערסיס-מלוכה האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט אָנצוגיין פאַר די משפחה-נעסט פון די פערסישע מלכים. דאָ אין פאַסאַרגאַד האָט שוין כורש גע-האַט אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ. דריוש ווידער, נישט באַפרידיקנדיק זיך מיט זיין באַשיידענעם פאַרנעס, האָט געגרינדעט נישט

זענען די שטריכן פון פּערסישן אָריענטאַליזם? ווי איז געווען די שטעלונג פון דעם קיניגס פּערזאָן אין דער מלוכה? סאַראַ הויף-צערעמאָניאַל? סאַראַ קיניגלעכע הלבשה? די גאָטהייטס-צייכנס פון זיין פּערזאָן?

לאַנג נאָך דעם מלחמהצוג אויף אינדיע (515) אַ נייע רעזידענץ אויף מערב פון דערדאָזיקער שטאָט אין פּערסעפּאָליס, אויף די שיפּועים פון די קור-אישטאַקר-בערג נאָענט פונם אָרט, ווו דער טייך אראקס פאַרייניקט זיך מיטן פּולוואר. באַ דעם גאַנצן פּראַכט פון דערדאָזיקער רעזידענץ און דעם לוקסוספולן לעבנס-אופן פון די מלכים זענען די פּערסער געבליבן פונדעסט-וועגן ווייטער אַ דרייסט, שטרענג, פאַרהאַרטעוועט פאָלק און מיט אַ באַשיידענעם, כּמעט פּשוטן לעבנסשטייגער. די פּערסישע יוגנט, די קינפּטיקע סאַטראַפּן — די מושלים פון לאַנד, האָט מען דערצויגן באַם קיניגלעכן הויף אין די אַלטערטימלעכע פּערסישע פּרינציפּן. מ'פלעגט זיי לערנען רייטן אויף פערד, שיסן פון בויגנס, און קודם-כּל זאָגן דעם אמת (העראָדאָט). אַדאַנק זייערע דאָזיקע מדות און דיסציפּלין, אין וועלכע זיי זענען געווען דערצויגן, זייענדיק פאַרהעלטנישמעסיק אַן אומ-צאָלרייך פאָלק, האָבן זיי געהאַלטן אין משך פון די צוויי קומענדיקע יאָרהונדערטער די ממשלה איבער גאַנץ אַזיע.

20 § דער מלחמהצוג פון דריוּשן אויף די סקיטן און די באַצווינגונגען פון די פּערסער אויף מערב

דריוּש איז געווען געצוווּנגען, פּונקט ווי פריער כּורש, צו זאָרגן וועגן דער פאַרזיכערונג פון זיינע גרעניצן פאַר די איבערפאַלן פון די וואָגלערישע שבטים פון צפון. אָבער צי ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דער דערפאַרונג פון כּורשן, אָדער ער האָט זיך געריכטעט מיט פאַלשע אויסרעכענונגען בנוגע דעם מרחק צווישן יאַקסאַרטעס און דעם טייך דאָן (טאַנאַיס), האָט ער אונטערגענומען דעמדאָזיקן קריגסצוג פון מערב דורכן טראַקישן העלעספּאָנט. די קליינאַזישע גריכן האָבן אים געמוזט

ווו זענען געווען די רעזידענצן און קיניגלעכע הויפּטפּלאַצן? וואָס האָט געבילדעט דעם קערן פון דער "פּערסישער מלוכה? סאַראַ איז פאַרבליבן דער כאַראַקטער פון דעם פּערסישן פאָלק? סאַראַ איז געווען די דערציונג פון דער פּערסישער יוגנט? ווער האָט דערהאַלטן די מלוכה פון דריוּשן?

ליפערן קאָנטינגענטן אויף דאָזיקן קריגסצוג און אויפבויען אַ בריק אויפן באָספאָר פון זייער פלאָט. דער קריגסצוג פון דריוּשן האָט אַריבערמאַרשירט דעם דונאַי, אָבער האָט זיך אָנגעשטויסן דאָ אויף דיזעלביקע שוועריקייטן, וועלכע האָבן שפּעטער



פערסעפּאָליס. אַ״געמיינער אויסבליק

באַגעגנט די באַצווינגער אין די סטעפּעס פון דרום-רוסלאַנד. דער מאַנגל אין וועגן, דער דוחק אין וואַסער און שפּייז — ווי אויך די באשטענדיקע אומזיכערקייט בנוגע דעם אויפהאַלטס-

אָרט פונם שונא, וועלכער האָט זיך כסדר צוריקגעצויגן אין דער טיף פון לאנד, פאַרניכטנדיק און פאַרוויסטנדיק אַלץ הינטער זיך, האָבן געמאַכט אוממעגלעך דידאָזיקע קריגס-קאַמפּאַניע. אויף צוריקוועגס האָט דער פּערסישער אָנפירער מעגאַבאַזאָס באַצוווּנגען גאַנץ טראַקיע און געמאַכט די מאקעדאָנישע מלכים אָפּהענ-גיק פון פּערסיע. די פּערסער האָבן אויך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די אינזלען אויפן עגעישן ים. לסוף האָט איינער פון די עפּיזאָדן אין דער צייט פון דאָזיקן מלחמהצוג געזאָלט מיטציען נאָך זיך מיט דער צייט ערנסטע קאָנסעקווענצן. די גריכן, וועלכע דריוש האָט איבערגעלאָזט צום היטן די בריק איבערן דונאַי, האָבן זי געוואָלט לויט דער עצה פון מילטיאדעס, דעם טיראַן פון העלעספּאָנט, פאַרברענען, כדי אָפּצושניידן דריושן דעם וועג אויף צוריק — נאָר היסטיעאָס, דער טיראַן פון מילעט, האָט דאָס פאַרמיטן. דערדאָזיקער עפּיזאָד וואַרפט אַ ליכט אויף דער באַציונג פון דעם קליינינקן גריכנלאַנד צום ריזיקן מלכות פון דריושן. און די פּערסער, אויסברייטנדיק זיך אָן מניעות פון טייך אינדוס אַזש ביזן אָלימפּ, האָבן ראַפּטום אָנגעטראָפן אויף אַן אומפאָרויסגעזעענעם שטער אין געשטאַלט פון אַן אַנדער אַריש פאָלק, ווי ס׳זענען געווען די גריכן אויף מערב. און דער צונויפשטויס פון דידאָזיקע צוויי פעלקער האָט געזאָלט לענקען די געשיכטע פון דער מענטשהייט אויף גאַנץ נייע וועגן.

§ 21 די חורבות פון פּאַסאַרגאַד און פּערסעפּאָליס

פון דער אַכעמענידן-תקופה זענען פאַרבליבן די רעשטן פון דער פּערסישער אַלטערטימלעכער אַרכיטעקטור. דאָס זענען די חורבות פון די אַלטערטימלעכע פּאַלאַצן אין פּאַסאַרגאַד און פּערסעפּאָליס, וועלכע זענען באַקאַנט שוין פונלאַנג פון די

ווי איז די באַציונג פון די פּערסער צו די שכנים אויף צפון? כאַראַ ריכטונג האָט געהאַט דער מלחמהצוג אויף די סקיטן, און סאַרא איז געווען זיין רעזולטאַט? ווי ווייט האָט זיך אויסגעברייטערט די הערשאַפט פון די פּערסער אין אייראָפּע? ווי איז געווען די באַציונג פון די גריכן צו

באַשרייבונגען אין אייראָפּע, ווי אויך די פריש אויסגעגראָבענע רעשטלעך פון פּאַלאַץ אין סוזאַ (דורך דיעלאַפּואַ). פון כורשס פּאַלאַץ אין פּאַסאַרגאַד איז פאַרבליבן נאָר די אונטערמויערונג, פון וועלכער ס'איז צו זען, אַז די פּערסער האָבן אויפגעשטעלט זייערע פּאַלאַצן אויפן זעלביקן אופן, וואָס די בבלישע און אַשורישע מלכים. אויף אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען די פּאַלאַצן אין פּערסעפּאָליס. וועלכע האָבן זיך דערהויבן אויף אַ ברייטער טעראַסע, וואָס איז צוגעשפּאַרט פון איין זייט צו

כורשס קבר אין מורגהאַב

דעם שפּוע פון באַרג, פון דריי זייטן ווידער קינסטלעך אונטער-געמויערט. עס זענען נאָך ניצול געוואָרן די טרעפּ און די געשניצטע באַלוסטראַדע, די קאָלומנעס, וואָס שפּאַרן אונטער די זאַלן, די פּאַלאַץ-טויערן (פּראָפּילעען), אויף דער וואַך פון וועלכע עס שטייען ספינקסן, וואָס דערמאָנען מיטן געשטאַלט

די פּערסער? ווי האָט זיך געענדיקט דער מזרח און ווי האָט זיך אָנגעהויבן דער מערב פאַר דריושן? סאַראַ רעשטלעך זענען געבליבן פון די פּאַלאַצן? סאַראַ איז געווען די אַרכיטעקטור פון די קברים? ווי האָט אויסגעזען דער קבר פון כורשן? ווי האָבן אויסגעזען די אונטער-ערדישע קברים?

די אַשורישע אָקסן. קיין טעמפּלען האָבן נישט געבויט נישט די מעדיער, נישט די פּערסער. די איינציקע רעשטן פון זייער רעליגיעזער קונסט זענען די אַלטאַרן פאַרן הייליקן פייער. אין דער נאָענט פון מורגהאַב, דער אַלטער רעזידענץ פון די פּערסער, פּאַסאַרגאַד, האָט זיך נאָר אייפגעהיטן זייער שטיינערנער צאָקאָל, צו וועלכן עס פירט אַן איינגאַנג מיט עטלעכע טרעפּ. אין דעם אָרט נאַקשי-רוסטעם, דעם בית-עלמין פון די שפּעטער-דיקע מלכים פון דער אַכעמענידן-דינאַסטיע, זענען דידאָזיקע אַלטאַרן אויסגעהאַקט פון איין פעלזן-בלאָק פון פירמעטערדיקער הויך אין געשטאַלט פון אַ געציינדלטן טורעם, וועלכער איז אָנגעשפּאַרט אויף פיר זיילן און אויף פיר פולע בויגנס. דער אַלטאַר שטעלט מיט זיך פון אויבן פאָר אַ פּשוטן שטיינערנעם טיש, אויף וועלכן ס'האָט געברענט דאָס הייליקע פייער. אַקעגן-זשע זענען פיל רייכער און אינטערעסאַנטער די קבר-דענקמעלער פון די פּערסער. אין דער נאָענט פון מורגהאַב האָט זיך אויפבאַהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג דער קבר פון כורשן. דאָס איז אַ מין פּיראַמידע מיט זעקס שטיגן; אויף וועלכער עס דערהויבט זיך דער היינט אינעווייניק פוסטער מויזאָלעום, אין וועלכן ס'האָט זיך אָבער נאָך פאַר די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן געפונען דער שטויב פון דעם גרינדער פון דער פּערסישער מלוכה. די שפּעטערדיקע פּערסישע מלכים, אָנהויבנדיק פון דריושן, האָבן געבויט זייערע קברים אין די פעלזן — היפּאָגעען, די איינגענג צו וועלכע זיי האָבן באַצירט מיט אַ זיילנהאַלע און באַרעליעפן. אַ גאַנצע ריי אַזעלכע קברים געפינט זיך אין דער נאָענט פון אישטאַקר (סט. פּערסע-פּאָליס) איבערן פּולוואַר אין אַן אָרט, וואָס ווערט היינט אָנגערופן נאַקשי-רוסטעם (געמעלן פון רוסטעם). מחמת די שפּעטערדיקע פּערסער האָבן געזען אין רידאָזיקע סקולפּטן די שילדערונגען פון די פאַסירונגען פון זייער מיטישן העלד רוסטעם.

פינ־וּאַנען שטאַמט די פּצ־סישע ארכיטעקטור? מיט סאַרא מאַטעריאַל האָט זי זיך באַנוצט? כאַרא איז געווען דער זייל? וואָס איז אזוינס

§ 22 די פּערס׳שע קונסט. קאָלומנע און מאַיאָליק

דער מאַטעריאַל, פון וועלכן ס׳זענען אַנטשטאַנען די בנינים פון די פּערסישע פּאַלאַצן, איז מירמלשטיין, וועמעס



קיניגלעכער קבר אין נאקשי-רוסטעם

בלאָקן עס געפינען זיך אין די נאָענטע בערג. אָבער די שורשדיקע פאָרמען פון דידאָזיקע בנינים שטעקן אין דער האָלץ-אַרכיטעקטור. עקבאטאַנאַ, די זומערדיקע רעזידענץ פון די

פערסישע מלכים, האָט געהאַט אַ פּאַלאַץ, וועלכער איז געווען אויפגעבויט פון האָלץ. אויך די פּערסישע קאָלומנע (זייל) פּאַראַט איר אָפּשטאַם פון דעם בוים-סלופּ. זי איז שלאַנק און געקאַרבט. איר הויך שטייגט איבער דרייצנפאַכיק דעם דיאַמעטער. זי האָט אַ גלאָקאַרטיקן באַזיס און אויך אַזאַ פאַרענדיקונג — פון אויבן פאַרפלאַטשיקט. אָבער אויף אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דער פערסישער קאַפּיטעל, וועלכן מען באַגעגנט נישט ערגיץ אַנדערש. עס בילדן אים די פאָרנטיקע קערפּערטיילן פון צוויי אָקסן מיט פאַרבויגענע לאַפּעס, געווענדט צו זיך מיט די רוקנס, אויף וועלכן עס שפּאַרט זיך אָן דער דאַכבעליק פון דער רושטאָוואַניע. צווישן דעמדאָזיקן קאַפּיטעל און דער קאָלומנע פרעסט זיך אַריין אַ פּירעקיקע פריזמע, וועמעס זייטן זענען באַצירט מיט אַ יאָנישער וואָלוטע אין ווערטיקאַלער פּאָזיציע, אָנשטאָט אַ האָריזאָנטאַלער, ווי אין דער גריכישער קאָלומנע. דער- דאָזיקער זייל שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פּערסישער אַרכיטעקטור, און די קאָלומנעס-זאַלן, צי אין סוזע, אָדער אין טערעספּאָליס (דריושס הונדערטקאָלומנעדיקער זאַל), קאָנען קאָנקורירן נאָר מיט די היפּאָסטילן פון די טעמפּלען פון לוקסאָר און קאַרנאַק. עס שיינט פונדעסטוועגן, אַז אויך די געוועלבן פון דידאָזיקע פּאַלאַצן זענען געווען פון האָלץ. די ווענט פלעגט מען באַצירן מיט געברענטן און עמאַלירטן ציגל. די פאַרשידנפאַרביקייט פון דער עמאַליע האָט צוגעגעבן די מויערן אַ מאָלערישן און פריילעכן אויסזען. דידאָזיקע מלאכה פון עמאַליעס פון פערסיע האָט זיך פאַרשפּרייט אין מיטלעלטער ווייט איבערן גאַנצן מזרח, און זיך דערהאַלטן אין איר גאַנצער פולקאָמענהייט ביז אויפן היינטיקן טאָג אין איראַן, הגם נישט די פערסער זענען געווען אירע דערפינדער. אין אַלגעמיין האָט די פּערסישע קונסט אויסגעבאָרגט אַלע אירע באַשטאַנדטיילן פון דער אַלטערטימלעכער קונסט, אָנהויבנדיק פון דער עגיפּ-

---

פערסישער קאַפּיטעל ? ־סאַ־אַ ראָלע שפּילט דער זייל אין דער פּערטישער אַרכיטעקט־ר ? די מאַיאָליק אין דער אינדוסטריעלער קונסט ? פונוואַנען האָט אויסגעבאָרגט אירע עלעמענטן די פּערסישע קונסט, און וואָסער איז איר כאַ־אַקטער ?

טישער (די קאָלומנע), אַשורישער (די באַפליגלטע אָקסן), און ענדיקנדיק מיט דער גריכישער (דער יאָנישער קאַפּיטעל), און צוליב דעם טעם בילדעט זי דעם אוממיטלבאַרן איבערגאַנג צווישן דער אַלטער קונסט פון מזרח און דער נייער פון מערב-

היפּאָסטילן-זאַל פון פּאַלאַץ אין פּערסעפּאָליס

דיקער קונסט, וועלכער ס'האָט געגעבן דעם אָנהויב דער גריכישער זשעני. זייענדיק נישט שעפעריש, נישט אָריגינעל, האָט דידאָזיקע קונסט נישט געשלאָגן אירע וואָרצלען אין

נאַציאָנאַלן באָדן און פאַרבליבן תמיד בלויז אַן אויסדרוק פון די באַדערפעניש פון די העכערע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג, דערהויפט פונם הויף — און דערפאַר טראָגט זי פונקט אַזאַ כאַראַקטער, ווי דאָס גאַנצע לעבן אין דער פערסישער מאָנאַרכיע. — דאָס איז געווען אַ פּאַלאַצישע, קיניגלעכע און אָפיציעלע קונסט.

ביבליאָגראַפיע

צו דער געאָגראַפיע פון דעם היינטיקן און אַלטערטימלעכן איראַן:

K. Ritter: Iran.

E. H. Bunbury: A history of ancient geography 2 T. 1879

Wilhelm Geiger: Geographie von Iran (Geiger-Kuhn: Grundriss der iranischen Philologie 1896—1904).

צו די אַרישע אַלטערטימלעכקייטן:

O. Schrader: Sprachvergleichung und Urgeschichte. 3 Aufl. 2 B. 1907.

Fr. Spiegel: Die arische Periode und ihre Zustände. 1887

" Eranische Altertumskunde, B. I., Geographie, Etnographie und älteste Geschichte 1871.

J. Schmidt: Die Urheimat der Indo-germanen und das europäische Zahlsystem (Abh. Ak. Wiss. in Berlin 1891).

M. S. Zaborowski: Les Peuples Aryens d'Asie et d'Europe 1908.

A. Szelągowski: Rasa a cywilizacya.

Fr. Maks Müller: Arian (Brit. Encykl. 10 אויפל.)

צו דער געשיכטע פון לינגוויסטיק און פאַרגלייכונגס-פילאָלאָגיע:

W. Whitney: Linguistic (Brit. Encykl.)

P. Kretschmer: Einleitung in die Geschichte der Griechischen Sprache.

צו דער געשיכטע פון דער איראַנישער רעליגיע:

A. Rapp: Die Religion und die Sitte der Perser und übrigen Iranier nach den Griechischen und römischen Quellen. (Ztsch. deutsch. morgenländ. Geselsch. B. 19,20).

C. P. Tiele: Geschichte der Religion im Altertum B. II (1898).

A. V. Williams Jackson: Die Iranische Religion.

Fr. Gumont: Les religions Orientales dans le paganisme romaine. 1907

„ Die Mysterien des Mithra. בערזעצונג פון פראַנצויזישן 1903.

צו די פערסישע קלינעס-אויפשריפטן:

S. Ménant: Les langues perdues. Perse 1885

זאָראָאַסטער און די אַוועסטאַ-ביכער:

Fr. Windischman: Zoroastrische Studien. Abhandlungen zur Mithologie und Sagengeschichte des alten Iran 1873.

F. K. Geldner: Avestaliteratur.

„ Zoroaster (Enc. Brit).

Fr. Max Müller: Theosophie oder Psychologische Religion. 1895 איבערזעצט פון ענגל.

צו דער אַלטערטימלעכער געשיכטע פון אינדיע:

Z. A. Ragozin: Vedic India (The story of the nations אויפלאַגע 3

M. Elphinstone: The history of India. 1849.

צו דער געשיכטע פון די מעדיער און פערסער:

Max Duncker: Geschichte der Arier in der alten Zeit (Geschichte des Altertums B.II) 1862.

Ferd. Justi: Geschichte Irans von den ältsten Zeiten bis zum Ausgang der Sassaniden.
Th. Nöldeke: Persia (ארט. אין בריט. ענציקל.)
„ Aufsätze zur persischen Geschichte 1887.
I. Darmsteter: Coup d'oeil sur l'histoire de la Perse. (Bibl. orientale elsevirienne T. 44)
E. Meyer: Geschichte des Altertums .I ב. I אויפל. 1884, III אין 1911
G. Maspero: Histoire ancienne de l'orient classique. T. III. 1903

צו דער געשיכטע פון דער פערסישער קונסט:

Perrot et Chipiez: Histoire de l'art dans l'antiqute T. V. Perse. 1889.
Al. Gayet: L'art Persan.
Babelon: Manuel de l'archéologie orientale.
Roger Peyre: Histoire générale des beaux arts. VII Edit.

ביישפילן פון דער אוועסטא:

Ign. Pietraszewski: Zend Avesta on plutot Zen Daschta. T. I–II. Vendidad T. III. Wyspered et Yasna 1858–1862.
Fr. Spiegel: Avesta – die heiligen schriften der Perser B. I Vendidad B. II. Vispered i Yaçna, B. III, Khorda Avesta 1852–1863.
I. Darmsteter: Le Zendawesta 3 T. 1892–1893.

אינדיע, כינע און דער פאַציפיק

§ 1 דריי ציוויליזאַציע־טיפּן

הגם מיר טיילן די אַלטערטימלעכע געשיכטע אויף גע־שיכטע פון מזרח, וועלכע נעמט אַרום די לענדער פון אַזיע, און פון מערב, וועלכע נעמט אַרום די לענדער פון אייראָפּע, איז דאָך דידאַקטיקע טיילונג אייגנטלעך קאָנווענציאָנעל. מחמת די מערבדיקע וועלט — די העלענישע און רוימישע — האָט געשעפּט איר וויסן, איר קונסט און אירע פאָרמען פון פּאָליטישן לעבן אין די מזרח־לענדער. ובכן צווישן דער ציוויליזאַציע פונעם מזרח: אין עגיפּטן, אשור, בבל, סיריע, איראַן און קליינאַזיע — און דער ציוויליזאַציע פון מערב איז פאַראַן אַן ענגע קרובהשאַפט, און די לעצטע דערשיינט אַלס נאַטירלעכער המשך פון דער אַנטוויקלונגס־ליניע פון דער ערשטער. אייגנטלעך גערעדט, שטעלט מיט זיך פאָר די גאַנצע אַלטערטימלעכע ציוויליזאַציע — אַזוי גוט פון מזרח, ווי פון מערב — איין שטראָם אין צייט און אין שטח. אין דער הינזיכט פון צייט נעמט זי אַרום יענע תקופה אין דער גע־שיכטע, וועלכע מיר רופן אָן אַלטערטום. אין דער הינזיכט פון שטח קאָנצענטרירט זי זיך אויפן געביט פון די לענדער און די מיטל־ימיקע פעלקער. דערדאָזיקער ציוויליזאַציע־קשר צווישן מזרח און מערב טרעט נאָך בולטער אויף, וויבאַלד מיר וועלן דעמדאָזיקן ים־התיכונדיקן שטח פאַרגלייכן מיט אַנאַלאָגישע אַנדערע געאָגראַפישע געביטן פון דער אַלטער וועלט. דאָן

ס'איז פאַראַן צווישן דער ציוויליזאַציע פון מזרח און פון מערב אין דער צייט ? א ... שטח ? וואָס דינט פאַר א געאָגראַפי־

וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז דער אַנאַלאָגישער אַנטוויקלונגס-קשר פאַר די לענדער, וועלכע זענען געלעגן הינטער דעם מיטללענדישן ים אָדער וואָס ציען זיך צו אים, וועלן זיין צוויי אַנדערע וואַסער-געביטן, וואָס זענען געלעגן אויף די ראַנדן פון דער אַזיאַטישער יבשה: — איינס איז דאָס געביט פון די דרומדיקע וואַסערן אָדער פון אינדישן אָקעאַן, דאָס צווייטע — דאָס געביט פון די מזרחדיקע וואַסערן, פון שטילן אָקעאַן. אַן אויסדרוק פון דערדאָזיקער געאָגראַפישער געשטאַלטונג זענען די אַנדערשדיקע טיפּן פון דער ציוויליזאַציע. און אַזוי באַזיצט אינדיע נישט בלויז איר קדמוניתדיקע אייגענע ציוויליזאַציע, נאָר דידאָזיקע ציוויליזאַציע גרייכט אפילו מיט איר איינפלוס אויף דרום אַזש ביז ציילאָן. און אויף מערב אין דער ריכטונג פון אינדאָ-כינע. דעסגלייכן די ציוויליזאַציע, וועלכע האָט געבליט באַ די טייכן הוואַנג-האָ און באַם געלן ים, ציט איר יניקה פון דער ציוויליזאַציע פון קאָרעע, ווי אויך פון יאַפּאַן. נישט קוקנדיק אויף זייערע טענות אויף העכערקייט און אויסשליסלעכער שטעלונג פון איטלעכער פון דידאָזיקע ציוויליזאַציעס, איז קיין ספק נישט, אַז יעדעס פון דידאָזיקע דריי געאָגראַפישע געביטן האָט אויסגעבילדעט אַן אייגענע ציוויליזאַציע, וועלכע האָט אירע גרונטשטריכן אויפגעהיטן ביזן היינטיקן טאָג—און אַז צוגלייך מיט דער ציוויליזאַציע פון מערב, ד. ה. דער אייראָפּעישער, האָבן דיזעלביקע טיטלען פון זעלבשטענדיקייט און אָריגינעלישקייט די ציוויליזאַציע פון אינדיע און די ציוויליזאַציע פון כינע אָדער ווייטן מזרח. אָבער אויף דער אויסטיילונג פון יעדער פון דידאָזיקע דריי ציוויליזאַציע-טיפּן און אויף דער אויסבילדונג פון די אונטערשידן צווישן זיי האָט משפיע געווען נישט בלויז דער אַנדערער געאָגראַפישער באָדן פון זייער אַנטשטייונג און די ריכטונג פון דער טעריטאָריאַלער אויסשפּרייטונג — נאָר אויך די באַזונדערקייט, וועלכע איז געווען אַ פּועל יוצא פון נאַטירלעכע

שע פאַרבינדונג ? סאַרא זענען די אַנאַלאָגישע געאָגראַפישע קאָמ-
פּלעקסן פון דער אַלטער וועלט ? סאַרא ציוויליזאַציע-טיפּן אַנטשפּרעכן
זיי ? וויפל זענען פאַראַן ציוויליזאַציע-טיפּן ? וואָס האָט געדינט

געאָגראַפֿישע מניעות. די עיקרדיקע דעמאַרקאַציע-ליניע צווישן מזרח און מערב גייט דורך נישט דורך די גרעניצן פֿון דער אַזיאַטיש-אייראָפּעיש-אַפֿריקאַנישע יבשות, נאָר פֿאַלט אויס אינמיטן פֿון אַזיאַטישן קאָנטינענט, דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע נאַטיר-

הימאַלאַיען-שפּיצן

לעכע פֿאַקטאָרן, וועלכע בילדן אַן אומאיבערשרייטבאַרע מויער צווישן אייראָפּע, אינדיע און כינע, און במילא אויך צווישן די דריי מינים ציוויליזאַציעס, אין סאַמע צענטער פֿון דער

אַזיאַטישער יבשה געפינען זיך קודם-כל די העכסטע הימאַלאַיען-בערג מיט די שפּיצן, ווי האָריסאַנקהאר (8840 מ). דאָ, אויף דער גרעניץ צווישן ווייטן און נאָענטן אַזיע, ליגן אויך די הויכעניש-מאַסיוון, ווי פּאמיר, טיבעט, ווי אויך דער אומאיבעררייסלעכער פּאַס מדבריות, וועלכע ציען זיך איבער דער אַזיאַטישער הויכעניש פון דעם מדבר גאָבי אַזש ביז צו דעם קעסל פון טאַרים. דאָס אָרט, וווּ די צוויי אַזיאַטישע נידערונגען—די נידערניש פון טורקעסטאַן ווי אויך פון הינדוסטאַן—דערנענטערן זיך אַמייסטן צו איינאַנד, בילדעט צוגלייך דעם קרייצפּונקט פון מעכטיקע בערג-סיסטעמען, וועלכע צעגייען זיך פונדאַנען אויף פאַרשידענע זייטן פון אַזיע. דאָ איז בכן נישט בלויז דער צענטראַלער אַזיאַטישער פּונקט, נאָר אויך דער פּונקט פון געאָגראַפישן פונאַנדערטייל צווישן אייגנטלעכן מערב (אייראָפּע און פאָדעראַזיע) און דעם מזרח (מיטלאַזיע אין כינע, ווי אויך אינדיע). און דעמדאָזיקן געאָגראַפישן פונאַנדערטייל אַנטשפּרעכט אויך דער היסטאָרישער פונאַנדערטייל — אויף דער אַלטערטימלעכער ציוויליזאַציע פון מערב, אויף דער ציוויליזאַציע פון אינדיע, ווי אויך פון כינע. לסוף בילדעט דער שטח גופא פון אינדישן און שטילן אָקעאַנען צוזאַמען מיט די אינזלען פון איין זייט דעם המשך פון אַזיע און האָט זיין מיטלפּונקט אין דער גרעסטער צווישן זיי אויסטראַליע (פונדאַנען דער נאָמען פון דידאָזיקע אינזלען אויסטראַלאַזיע אָדער אָקעאַניע), פון דער צווייטער זייט איז ער אָפּגעשלאָסן דורך דער פולשטענדיק איזאָלירטער יבשה פון צפון-און דרום-אַמעריקע. דערדאָזיקער שטח, וועלכן מיר רופן אָן צוליב קיצור פּאציפיק-געביט, שטעלט אויך מיט זיך פאָר אַ באַזונדערן ציוויליזאַציע-טיפּ — אַזאַ, וועלכער האָט פלוצלונג אויפגעטויכט פאַר די אויגן פון די אייראָפּעער מיט 400 יאָר צוריק צוזאַמען מיט דער אַנטדעקונג פון דער „נייער וועלט” און וועלכער איז באַם היינטיקן טאָג כמעט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

פאַר דער סיבה פון אָפּזונדערונג ? ווו איז די געאָגראַפישע דעמאַרקאַציע-ליניע צווישן מזרח און מערב ? סאַרא כאַראַקטער האָט מיטלאַזיע ?

§ 2 די מיטלאַזיִשע הויכעניש און אירע דורכגענג

אינערגיץ טרעטן די געאָגראַפישע פאַקטאָרן אַזוי דייטלעך נישט אַרויס אין די פּראָבלעמען, וועלכע זענען נוגע דער געשיכטע, ווי אויפן געביט פון דער געשיכטע פון צענטראַל-אַזיע. גאַנץ צענטראַל-אַזיע שטעלט מיט זיך פאָר איין הויכעניש, וואָס ציט זיך פון פאַמיר און הינדו-קוה אַזש צום ליאַאָ-טונגישן איינגוס. מען רופט טיילמאָל אָן דידאָזיקע הויכעניש „געזאַלצענער ים", און דאָס איז נישט בלויז קיין באַצייכענונג פון אירע נאַטירלעכע — געאָלאָגישע, באָטאַנישע און זאָאָלאָגישע אייגנשאַפטן, נאָר אויך די פעסטשטעלונג פון איר גענעזיס. ווייל גאַנץ צענטראַל-אַזיע האָט — לויט די געאָלאָגישע פאָרשונגען — געבילדעט אַמאָל איין גרויסן געזאַלצענעם ים, לויט זיין גרייס נישט קלענער פון דעם מיטללענדישן ים, מחמת ער האָט זיך געצויגן 1800 געאָגראַפישע מייל לאַנג, וועלכער האָט זיך אַמאָל דורכגעבראָכן אַן אָפפלוס אויף מערב און אויף צפון דורך דיזעלביקע טראַקטן, דורך וועלכע ס'זענען שפעטער געפלאָסן די כוואַליעס פון די פעלקער-וואַנדערונגען פון מיטל-אַזיע קיין טורקעסטאַן און קיין סיביר. מיר אונטערשיידן אויף דערדאָזיקער הויכעניש די מערבדיקע טייל, דעם קעסל פון טאַרים, אַזוי אָנגערופן נאָכן וויכטיקסטן טייך מיטן דאָזיקן נאָמען, אָדער דזשונגאַריע און דעם מזרחדיקן טייל — די וויסטע גאָבי אָדער שאַמאָ (דערדאָזיקער לעצטער נאָמען שטאַמט פון אַ כינעזישן אויסדרוק, וואָס באַטייט זאַמד). די גאַנצע מיטלאַזיאַטישע הויכעניש שטעלט מיט זיך פאָר אויף אַזוי ווייט אַן איינהייטלעכן כאַראַקטער, אַז ס'איז שווער אין איר אויסצוטיילן די געביטן מיט באַזונדערע געאָגראַפישע אייגנשאַפטן. אַזעלכע נעמען, ווי טאַרטאַריע, מאָנגאָליע, דזשונגאַריע, מזרח-טורקעסטאַן, קוקונאָר און טיבעט, מיט וועלכע

סאַראַ איז די געאָגראַפישע פאַרגאַנגענהייט פון דערדאָזיקער הויכעניש? אויף סאַראַ טיילן טיילט זי זיך? ווי איז דער אַלגעמיינער כאַראַקטער און ווי שלאָגט ער זיך אָפּ אויף דעם געאָגראַפישן פונאַנדערטייל? סאַראַ

מ׳האָט אָנגערופן די איינצלנע געביטן, בינדן זיך נישט מיט קיין, שום אַנדערשדיקן געאָגראַפישן כאַראַקטער, פון דידאָזיקע לענדער, און זייער קעגנזייטיקע פונאַנדערגרעניצונג באַשטייט אין באַדייטנדיקער מאָס בלויז אין דער ווילקירלעכקייט (ריכט־האָפן). די גאַנצקייט, אַרומגענומען דורך דידאָזיקע נעמען, שטעלט מיט זיך פאָר אַן איינהייטלעכן ים פון מדבריות, אויף וועלכן די בערגפאַסן פון איין זייט, און די קינסטלעכע אָאַזיסן פון דער צווייטער בילדן די איינציקע פאַרשידנאַרטיקונג. בײַ אַזאַ איינטאָניקייט און איינאַרטיקייט פון דער געאָגראַפישער לאַגע קאָנצענטרירט זיך דאָס גאַנצע לעבן פון די איינוווינער אַרום די וועגן, וועמען די נאַטור אַליין האָט אָנגעצייכנט די ריכטונג פון מזרח אויף מערב. אויף ווי ווייט עס גרייכט די מסורה פון די פעלקער ביז אויפן היינטיקן טאָג, זענען די־דאָזיקע וועגן די צענטערן פון דער געשיכטע, ווי אויך די שליסלען פון דער פּאָליטישער הערשאַפט אין צענטראַל־אַזיע. דערפאַר באַזיצט זייער אויספאָרשונג אַן ערשטראַנגיקע היס־טאָרישע באַדייטונג. די הימאַלאַיען־בערג און די הויכעניש פון טיבעט בילדן אַ כמעט אומאיבערשרייטבאַרע גרעניץ פון צפון אויף דרום. אַקעגן־זשע באַגעגענען מיר צווישן די בערג פון טיאַן־שאַן און דער הויכעניש פון טיבעט אַ נאַטירלעכע דעפּ־רעסיע, וועלכע בילדעט די פשוטסטע פאַרבינדונג צווישן מזרח און מערב. דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר דידאָזיקע וועגן איז די כינעזישע פּראָווינץ קאַן־סו, וואָס איז אַמווייטסטן אַרויס־געדרוקט אויף מערב, מחמת זי ליגט איבער דעם אויבערשטן לויף פון טייך הוואַנג־האָ, צופיסנס פון די בערג ניאַן־שאַן. פונדאַנען קאָן מען זיך דערקריגן אין דער קווער פון מדבר גאָבי אויף צפון פון טייך קוקונאָר קיין טורפאַן. פונדאַנען צעצווייגן זיך צוויי וועגן, דורכגעטיילט מיט די בלאָע הימל־בערג (טיאַן־שאַן). דער צפונדיקער, דער א. ג. דזשונגאַרישער אָדער גרויסער וועג, שפּרייזט אַריבער דידאָזיקע בערג און

איז די באדייטונג פון די וועגן אין מיטל־אזיע? סארא איז די קאָמוני־קאציע צווישן מזרח און מערב? ווו איז דער אויסגאנגס־פונקט פאר די וועגן אויף מערב פון ווייטן מזרח? סארא זענען די פארדינסטן פון

אויף אוּרומטשי און קולדזשע דערגייט זי ביזן צונויפֿגוס פֿון טייך אילאַ, וועלכער פֿאַרייניקט דזשונגאַריע מיט מערב-טורקעסטאַן. אָבער לעבן דעמדאָזיקן צפֿונדיקן לויפֿט אַ פֿיל וויכטיקערער דרומדיקער וועג, ריכטיקער, עטלעכע וועגן. איינער פֿון זיי, פֿון טורפֿאַן, טיילט זיך אָפּ פֿון הויפּט-שורש און לויפֿט אויף צפֿון פֿון גאָבי מיט דעם דרומדיקן שפּוע פֿון די בערג טיטאַן-שאַן פֿאַזע די טייכן טאַרים און יאַרקאַנד קיין קאַשגאַר (קאַשגאַרי-שער וועג). דער צווייטער — לויפֿט מיטן דרומדיקן ראַנד פֿון גאָבי, לענגאויס דעם פּאַס קוען-לוען אויף כאָטאַן אויך קיין יאַרקאַנד און קאַשגאַר. פֿונדאַנען איז פֿאַראַן אַ דורכגאַנג אָדער אויף דרום-מערב איבער דעם קאַראַקאַרום-פּאַס קיין קאַשמיר, אָדער אויף צפֿון-מערב איבער פּאַמיר צום טייך אָקסוס, און ווייטער קיין קאַבול. די באַדייטונג פֿון דערדאָזיקער עלטסטער קאָמוניקאַציע פֿון ווייטן מזרח מיטן מערב ווערט אַמבעסטן באַצייכנט דורך די אַלטערטימלעכע נעמען פֿון די לענדער, דורך וועלכע זי גייט. די כינעזער האָבן אינאָנהויב פֿון אונזער ערע גערופֿן דזשונגאַריע פּע-לו אָדער צפֿון-וועג, און קאַשגאַריע נאַן-לו אָדער דרום-וועג. אין ביידע פֿאַלן איז דער אַלטער-טימלעכער נאָמען פֿון לאַנד אידענטיש מיטן נאָמען פֿון וועג. אַקעגן-זשע באַצייכענען די איינוווינער פֿון טערקישן אָפּשטאַם אַנדערש די געאָגראַפֿישע באַדייטונג פֿון דידאָזיקע וועגן דורך זייערע נעמען פֿון די לענדער. דאָ, ווו די בערג-שיפּועים זענען פֿאַרזען מיט וואַסער און בוימער, און די טייך-קעסלען, ווי פֿון טאַרים, בילדן אָאַזיסן, וועלכע טויגן פֿאַר פֿעלדאַרבעט, זענען אויך אַמפֿריסטן אַדאַנק דערדאָזיקער קאָמוניקאַציע אַנטשטאַנען שטעט און ציוויליזאַציע-התחלות. דערפֿאַר רופֿן די טערקן אָן דעם צפֿון-וועג אָדער דזשונגאַריע ביש-באַליק, פֿינפֿשטאָט (פּענטאַפּאָליס), דעם צפֿון-וועג ווידער, אָדער דעם קאַשגאַרישן אַלטי-טשעהער — זעקסשטאָט (העקסאַפּאָליס).

די וויכטיקסטע וועגן און דורכגענג אין מיטלאַזיע? וואָס באַטייטן זייערע כינעזישע און טערקישע נעמען? פֿון וועלכער ראַסע איז דאָס וויגעלע דער מזרח? וואָס באַטייט די געלע אָדער מיטלאַזישע ראַסע? סאַראַ

§ 3 די געלע אָדער מיטלאַזישע ראַסע

מיטן אויסנאַם פון די טראָפּיקאַלישע ווי אויך פון די איבערן צפון-אָקעאַן ליגנדיקע לענדער באַשטייט די גאַנצע יבשה פון דער אַלטערטימלעכער וועלט פון צוויי באַפעלקע-רונגס-גרופּן, וועלכע אַנטשפּרעכן כמעט איינאַנדער לויט דער צאָל (לערך 400 מיליאָן יעדע). איינע פון זיי געהערט צו דער ווייסער, די צווייטע צו דער געלער ראַסע. די געאָגראַפישע פונאַנדערגלידערונג פון דער אַלטער וועלט אויף צוויי טיילן — מזרח און מערב — האָט בכן איר עקוויוואַלענט אין דעם פו-נאַדערטייל פון די פעלקער: אויף דער מערבדיקער קאַווקאַזי-שער גרופּע און אויף דער מזרחדיקער מאָנגאָלישער. דער נאָמען פון דער געלער ראַסע — די מאָנגאָלישע ראַסע — איז אַנט-שטאַנען פון עטנאָגראַפישן און געאָגראַפישן באַגריף פון מאָנ-גאָליע. אָבער דערדאָזיקער טייל פון דער מיטלאַזישער הויכע-נגש אונטערשיידט זיך אייגנטלעך מיט קיינזאַך נישט פון דער רעשט הויכעניש. דערפאַר קאָן מען די מאָנגאָלישע ראַסע אָנ-רופן אויך מיטל-אָדער אויבערשט-אַזישע ראַסע, פּונקט ווי אָנשטאָט דער ווייסער אָדער קאַווקאַזישער ראַסע באַנוצן מיר דעם געאָגראַפישן טערמין — מיטל-ימיקע ראַסע. אין פיזישער הינזיכט צייכנט זיך אויס די מאָנגאָלישע ראַסע מיט געוויסע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, ווי: שיפע אויגן, מאַנגל אין באָרד-ווּקס, אַרויסשטאַרצנדיקע פּנים-ביינער. מיר אונטערשיידן אין איר צוויי מינים. איינעם אַ צפונדיקן: דאָס זענען די איינ-וווינער פון מאָנגאָליע, מאַנדזשוריע, קאָרעאַ און צפון-כינע, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַן אָוואַלן און אַפילו קיילע-כיקן פּנים, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע פּנים-ביינער. דעם צווייטן אַ דרומדיקן: דאָס זענען די איינוווינער פון אינדאָ-כינע אָדער דרום-כינע, וועלכע עס כאַראַקטעריזירט אַ מער לענגלעך

זענען אירע פיזישע שטריכן? סאַראַ אירע הויפּט-שאַטירונגען? וויפל ראַסן באַגעגנט מען אויפן ראַנד פון אַזיאַטישן מאַסיוו? סאַראַ זענען די געמישטע טיפּן? סאַראַ איז דער געמיינזאַמער שטריך פון די שפּראַכן

אָדער גראָדווינקלדיקער פּנים, פאַרברייטערטע פּנים-ביינער. א, א. וו. נישט לייכט איז אָבער צו געפינען די געלע ראַסע אין ריינעם געשטאַלט. מיטן אויסנאַם פון די קאַלמוקן, יאַקוטן און געוויסע איזאָלירטע שבטים, ווי די טונגוזן און די איינוווינער פון מאָנגאָליע, איז די געלע ראַסע צונויפגעמישט מיט דער ווייסער אָדער שוואַרצער. מחמת די אַלע דריי ראַסן באַגעגענען זיך אויפן ראַנד פון מיטלאַזישן מאַסיוו. פון דעם צונויפמיש פון דער געלער מיט דער שוואַרצער ראַסע (נעגריטן) זאָל אַרויסשטאַמען, לויט אייניקע געלערנטע, די איינהיימישע באַפעלקערונג פון קדמוניתדיקן אינדיע — די דראַווידן (קאַטרפאַזש) פון דעם צונויפקרייצן זיך פון די ווייסע מיט די געלע איז אַנטשטאַנען די געמישטע באַפעלקערונג — די טורקאָטאַטאַרן. זי האָט אָנגעוווירן געוויסע שטריכן פון דער מאָנגאָלישער ראַסע, ווי צ. ב. די שיפּע אויגן, אַרויסשטאַרצנדיקע פּנים-ביינער — און איבערגענומען געוויסע פיזישע שטריכן פון דער קאַווקאַזישער ראַסע, צ. ב. די פאַרב פון די האָר. אָבער לעבן די פיזישע אונטערשידן טרעטן אויף גייסטיקע ווי אויך קולטורעלע אונטערשידן אין דער אונטערשיידונג פון די ראַסן. אויפן ערשטן פּלאַן די שפּראַך. להיפּך צו די פעלקער פון דער מערב-ראַסע, וועמעס שפּראַכן בויגן זיך — באַזיצן קאָניוגאַציע און דעקלינאַציע — איז דאָס לשון פון די פעלקער פון דער געלער ראַסע אומבויגבאַר, און באַשטייט פון איינצלנע טראַפּן. אַ טייל פון דיזאָזיקע פעלקער בילדן אויסדריקן מיט דער הילף פון צוגאָבן. דאָס זענען אַגלוטינאַטיווע — פילטראַפּיקע שפּראַכן. צו זיי פאַררעכענען זיך די שפּראַכן, ווי: פיניש, טאָטעריש, טונגוזיש, מאָנגאָליש. אַנדערע פעלקער ווידער האָבן אויסדריקן, וואָס באַשטייען בלויז פון איין טראַף, דערביי ענדערט דער אָרט-שנוי פון דאָזיקן טראַף אויך זיין באַדייטונג. דאָס זענען די איינטראַפּיקע שפּראַכן, ווי כינעזיש, און אויך טאַיטיש, מאַלאַיש, טאַמוליש. דידאָזיקע שפּראַך-אונטערשידן זענען פּונקט

פון דער געלער ראַסע? סאָרא זענען די הויפּט-גרופּעס פון די אומבויגבאַרע שפּראַכן? וואָס איז אַזוינס אַגלוטינאַטיווע שפּראַכן? איינטראַפּיקע? סאָרא פעלקער איז אייגנטימלעך יעדע פון דיזאָזיקע שפּראַכן?

אַזוי אַלטערטימלעך, ווי די קולטורעלע אונטערשידן. אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע פון אַזיע טיילט זיך בכן אויס די ציוויליזאַציע פון כינע, אינדיע און צענטראַל-אַזיע.

§ 4 כינע אָדער די צענטראַל-מלוכה

פונקט ווי אויף מערב דאָס טויער פון דזשונגאַריע, אַזוי איז אויף מזרח דער דורכגאַנג פון דער מיטלאַזישער הויכעניש צום טייכטאָל הוואַנג-האָ געווען שוין אין אַלטערטום דער באַקאַנטער וועג יו אָדער דער געפּריטישער וועג, אַזוי אָנגערופן נאָכן שטיין, וועלכער איז געווען זייער געשעצט צוליב זיינע הייל-אייגנשאַפטן און צוגעפירט פון מיטלאַזיע קיין כינע. דאָ צופיסנס פון די דרום-בערג אָדער נאַן-שאַן הויבט זיך אָן די אַמיווייטסטן אויף מערב אַרויסגערוקטע כינעזישע פּראָווינץ קאַנסו. צו איר פאַרייניקט זיך אוממיטלבאַר פון מזרח דער פרוכט-באַרסמער און רייכסטער טייל פון כינע — די פּראָווינץ שען-סי, וואָס ליגט אויפן רעכטן ברעג פון דער מיטלסטער קני פון פון הוואַנג-האָ. פון דער קעגנאיבערדיקער זייט פון דאָזיקן טייך ליגט די פּראָווינץ שאַן-סי, וואָס נעמט שוין אַרום דעם צופיסנס פון בערגפּאַס אין-טשאַן. די קעגאיבערדיקע שיפּועים פון דידאָזיקע בערג פאַלן אַרונטער צום ים אין דער פּראָווינץ פעטשילא, וועלכע גרייכט ביז דעם איינגוס ליאַאָ. דער טייך פון זעלביקן נאָמען (ליאַאָ-האָ) און דער אַלפּישער האַלבאינזל (ליאַאָ-טונג) טיילן אָפּ די אייגנטלעכע כינע פון קאָרעע. נישט געקוקט אויף זיין פליינעקן כאַראַקטער, איז די גרעניץ פון כינע זייער געשיצט צוליב דעם ריזיקן שטח מדבריות (די געזאַלצענע סטעפּעס קוקו-נאָרו און די זאַמדן שאַמאָ). דעם איינציקן צוטריט צו כינע עפנט פון מערב דער דורכגאַנג יו, אָדער אויך פון מזרח דער ים ברעג פון דעם איינגוס ליאַאָ.

סאָראַ איז דער געאָגראַפישער פונדאַמענטאַל אונטערשייד צווישן כינע און מיטלאַזיע ? וואָסערע זענען די צוויי טויערן קיין כינע פון צפון-מזרח און פון צפון-מערב. וואָסערע זענען די ריכטונגען פון דער אויסברייטערונג פון כינע ?

דאָ איז געווען צוגלייך דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר די איבערפאַלן פון די וואָגלערישע שבטים אויף כינע פון צפון-מזרח — פון די זייט פון די בערג אין-טשאַן און פון דעם איינגוס ליאַאָ — ווי אויך פאַר דער עקספּאַנסיע פון כינע אין דער ריכטונג אויף צפון-מערב און אויף צפון-מזרח. צוליב דעם טעם האָט אויך די כינעזישע ציוויליזאַציע פון איין זייט געגרייכט מיט איר איינפלוס איבער קאַן-סו אַזש ביז דזשונגאַריע, פון דער צווייטער זייט איבער ליאַאָ-האָ און ליאַאָ-טונג אַזש ביז קאָרעע און ביז יאַפּאַן. אין שטילן אָקעאַן פאַלט די מיטלאַזישע הויכעניש מילד אַרונטער מיט די בערג, וועלכע בילדן איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון דער אינערלעכקייט פון כינע. איבערן ברעג פון ים רינגלט אַרום דער גרויסער אַלוויעסשטח דעם באַרגיקן האַלבאינזל שאַן-טונג. דאָס איז די ריזיקע דעלטע פון די צוויי טייכן הוואַנג-האָ און יאַנג-טסע-קיאַנג. צו מערב לויפן די טיבעטאַנישע פאַסן פריער אין פּאַראַלעלער, שפּעטער אין מערידיאַנישער ריכטונג, און טיילן אָפּ אויסגוס יאַנג-טסע-קיאנג פון די וואַסערן פון אינדישן געביט בורמא, ווי אויך פון אינדא-כינע אין די כינעזישע ראַנדפּראָווינצן שע-טשואַן און יון-נאַן. צו די געאָלאָגישע אייגנאַרטיקייטן פון כינעזישן קיניגרייך געהערט די סובאַעריאַלע פאָרמאַציע, די א. ג. loess — אַ מין געלער שטויב, וועלכער ווערט אָנגעטראָגן פון דעם שכנותדיקן מדבר דורכן ווינט און שאַפט אָפּזעצונגס-שיכטן טיילמאָל פון 1000 פוס הויך איבער דער אויבערפלאַך פון מיטל-כינע. דערדאָזיקער loess בילדעט אַן אויסערגעוויינלעך פרוכטבאַרע קרקע, וועלכע פאָדערט נאָר אַ קינסטלעכע באַוואַסערונג. אין זיינע שיכטן ווידער גראָבן זיך די איינוווינער פון כינע הייזער אויס, בויען טעמפּלען און גאַנצע ישובים.

סאַראַ איז דער כאַראַקטער פון דער געגנט באַם ים? פון דער דרום-מערבדיקער געגנט? פון אינערלעכער? ווּ איז דאָס וויגעלע פון די כינעזער? סאַרא איז זייער אורטימלעכער לעבנסשטייגער? די לעגענ-

§ 5 אַלטערטימלעכע געשיכטע פון כינע

אַנטשפּעכנדיק צו דעם געאָגראַפישן צענטער פון דער געלער ראַסע, וועלכע ס׳איז געווען די מיטלאַזישע הויכעניש, זענען אייניקע פאָרשער נוטה צו מיינען, אַז די היינטיקע באַפעלקערונג פון כינע בילדעט נישט קיין אָרטיקע באַפעלקערונג, נאָר איינוואַנדערער פון מערב. פאַרן וויגעלע פון דערדאָזיקער באַפעלקערונג נעמט מען אָן טיילמאָל דעם קעסל פון טייך טאַרים, ווו ס׳האָבן געזאָלט פאַרבלייבן ביז אופן היינטיקן טאָג רעשטלעך פון דערדאָזיקער ראַסע (די איינוווינער פון כאָטאַן). אַנדערע שטעלן עס אַוועק נאָך ווייטער אויף מערב אין שכנות מיטן קאַספּישן ים. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פּאַסטוכישע, האַלב וואָגלערישער, האַלב איינגעזעסענע אַגראַר־באַפעלקערונג. די שפּורן פון פּאַסטוכישן לעבנסשטייגער האָבן זיך אויפבאַהאַלטן אין די נעמען פון די ראשים פון די פּראָווינצן „פּאַסטוכער", ווי אויך פון די פירשטן בכלל „פּאַסטוכער פון מענטשן" (באַמענסיוזן), דעסגלייכן אין די שרייבערישע סימנים פאַר דער באַצייכענונג פון רעכטלעכע באַגריפן, ווי „רעכט", וועלכעס באַשטייט פון די סימנים פאַרן באַגריף „מיין טשערעדע". ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָס געווען אַ באַפעלקערונג, וועלכע האָט שוין באַזעסן די קענטעניש פון אַקעריי ווי אויך די שרייבקונסט, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט פון די קניפּצייכנס אויף שטריקלעך. דערפאַר האָט זי לייכט באַזיגט די איינהיימישע. דידאָזיקע איינוואַנדערער, „די הונדערט משפחות", די שוואַרצהאָריקע ראַסע", האָבן אָנגערופן זייערע שונאים אויף צפון „פייערדיקע הינט", אויף מזרח „גרויסע בויגנשיסער", אויף מערב „פערדרייטער", אויף דרום „ווערים, וועלכע לאָזן מיט זיך נישט רעגירן". (אָבער די נייערע פאָרשונגען האַלטן די כינעזער גיכער פאַר די תושבישע באַפעלקערונג). אין משך פון פינף

דאַרישע תקופה פון זייער געשיכטע? ווען באַגעגנט מען די ערשטע ידיעות אין די כינעזישע כראָניקעס וועגן די היסטאָרישע פאַקטן? וועלכע דינאַסטיע איז די ערשטע היסטאָרישע? איך וויפל איז איר מקדים די

יאָרהונדערטער פירן די כינעזער אַן אומאויפהערלעכן קאַמף מיט
דידאָזיקע תּושבים ביז צו זייער ענדגילטיקער פאַרטיליקונג.
דורך דידאָזיקע צייט טיילן זיי זיך אַליין אויף איינצלנע מלוכות.
בּאַ די כינעזישע כראָניקער איז דער נאָמען פון דערדאָזיקער
געשיכטס-תּקופה די תּקופה פון די פינף מאָנאַרכיעס. דאָס איז די
לעגענדאַרישע תּקופה פון דער געשיכטע. די כינעזישע כראָניקער
האָבן זיי פאַרפילט מיט העלדן, וועלכע זענען געווען גלייכצײַ-
טיק די ציוויליזאַציע-לערערס פון די כינעזער, דערבײַ האָט די
כינעזישע לעגענדע אָנגעצייכנט אויפן דאָזיקן יסוד אויף אַ
זייער ניכטערן און לאָגישן אופן די געשיכטע פון דער מענטש-
לעכער ציוויליזאַציע בכלל, און פון די כינעזער בפרט. און אַזוי
האָבן די כינעזער דערציילט וועגן זייערע אבות, אַז זיי האָבן
געוווינט אין דער פּראָווינץ שען-סי, האָבן נישט געקענט נישט
קיין פייער, נישט קיין הלבשה — נאָר האָבן געלעבט פון יעגע-
ריי אָדער מיט פעלד-פּראָדוקטן, ווי אויך מיט וואָרצעלעך, און
האָבן געוווינט אין די וועלדער אָדער געגראָבן נאָרעס אין דער
ערד. ערשט זייער פירשט יו-טשאַו („דער נעסט-בוימייסטער״)
האָט זיי אויסגעלערנט בויען הײַזער פון צווייגן. זיין נאָכפאָל-
גער סוי-דזשין („דער שעפער פון פייער״) האָט דערפונדן דאָס
פייער דורכן רייבן פון צוויי שטיקלעך האָלץ, ווי אויך אַ מין
קנופּנכּראָם. ער האָט דער ערשטער געווענדט די אויפמערקזאַמקייט
פון די מענטשן אויף דעם הימל (טיען), אויף דער גרויסער שע-
פערישער, דערהאַלטנדיקער און פאַרניכטנדיקער מאַכט. שפּעטער
האָט דער פירשט פו-הי, וועלכער האָט רעגירט 115 יאָר, איינ-
געפירט דאָס פאַמיליעלעבן, האָט דערפונדן יעגער-און פישער-
געצייג, ווי אויך בהמות-כאָוועניש. דאָס איז געווען דער ערשטער
מושל, וועמען די כינעזער גופא באַטראַכטן פאַר אַ היסטאָרישע
פּערזענלעכקייט (2738 — 2852). זיי שטעלן אים פאָר מיט אַ
מענטשלעך פּנים און פישענעם קערפּער. ער האָט דער ערשטער
געלערנט ברענגען קרבּנות צוס הימל. דאַן ערשט האָבן זיך די

ציוויליזאַציע-אַנטוויקלונג אין כינע? זינט ווען דאַטירט זיך די אויטענ-
טישקייט פון די היסטאָרישע מסורות? וואָסער איז דער כאַראַקטער פון
יער טשאָו-דינאַסטיע? סאַראַ זענען די שטריכן פון מיטלאַלטערישן

ישובים פון די כינעזער אַ רוק געטון קיין הו־נאַן און שאַן־טונג. דער פירשט שין־נונג, דער דערפינדער פונם אַקער, האָט איינגעפירט די קולטיווירונג פון געוויקס־פּראָדוקטן, ווי: ווייץ, רייז, באָב, גערשטן און אַרבעס. פון אים דאַטירט זיך אויך דער אָנהויב פון דער מעדיצין — ער האָט אַנטדעקט די גיפטיקע אייגנשאַפטן פון פיל געוויקסן און די אַנטידאָטן אויף זיי. זיין נאָכפאָלגער הוואַן־טי איז געוועזן אַן אוזורפּאַטאָר, אָבער אויך פאַר זיין צייט מאַכן די כינעזער באַדייטנדיקע פאָרשריטן (בנינים פון ציגל). ער האָט פאַרברייטערט די מלוכה־גרעניצן אַזוי, ווי זיי זענען באַשריבן אין דעם עלטסטן געאָגראַפישן בוך יו־קינג: פון מזרח דער ים, פון צפון די פּראָווינץ טשי־לי, פון דרום קיאַנג, און פון מערב קאַנ־סו. ער האָט אויך צעטיילט דאָס לאַנד אויף פּראָווינצן (טשו). זיין פרוי הסי־לינג טראָגט דעם כבוד פון דערפינדן די קולטור פון די זיידווערים און זייד־געוועב. נאָך דערדאָזיקער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע טרעטן מיר ערשט אריין מיט דער דינאַסטיע יאו (2356 י. פאַר קר.) אין געביט פון די געשעענישן מיט היסטאָרישן כאַראַקטער. נאָך איר פאָלגט די דינאַסטיע שאַנג, וועלכע עס פאַרבייט די דינאַסטיע טשו (פון י. 1100). דידאָזיקע לעצטע דינאַסטיע, פאַר דער צייט פון קאָנפוציוס, באַזיצט ערשט אַלערליי היסטאָרישע שטריכן. פון איר בכן ערשט, און גענויער גענומען אפילו פון IX י. ה. וואָלט זיך ערשט אָנגעהויבן די געשיכטע פון כינע. מחמת די אסטראָנאָמישע דאַטעס, וועלכע די כינעזער גיבן־אָן אַלס ראיה פון אַ פריערדיקער געשיכטע, שטיצן זיך אויף שפּעטערדיקע אויסרעכענונגען און קאָנען ווערן באַליביק צוריקגערוקט. נישט קוקנדיק דערויף, אפילו אַרויס־גייענדיק פון היסטאָריש באַשטימטע געשעענישן פון דער צייט פון דער טשאָו־דינאַסטיע, גרייכט די געשיכטע פון דער כינע־זישער ציוויליזאַציע אויף פיל הונדערטער יאָרן צוריק און קאָן

כינעזישן פעאָדאַליזם? סאַראַ זענען זיינע קולטורעלע סימנים? סאַראַ זענען די דעפעקטיווע זייטן? ווער נעמט אונטער די רעפאָרמאַציע? סאַראַ איז די אָפּשטאַמונג פון קאָנפוציוסן, און אין סאַראַ באַדינגונגען האָט ער געווירקט? אין וואָס באַשטייט זיין לערע? סאַראַ איז דער סאָצי־

זיך באַציען לכל־הפּחות אויפן אָנהויב פון III־טן יאָרטויזנט פאַר אונזער ערע.

§ 6 די מיטלעלטערישע כינעזישע מאָנאַרכיע

די טשאָו־דינאַסטיע — די דריטע לויט דער ריי הערשנדיקע דינאַסטיע — פון י. 1122 ביזן י. 256 פאַר קר. קאָן אָנגיין פאַר די מיטלעלטערישע תּקופה פון כינע. גאַנץ כינע איז זיך דאַן צעפאַלן אויף פיל קלענערע אָדער גרעסערע מלוכהלעך, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט איינאַנד מיט די קשרים פון היעראַרכישער אָפּהענגיקייט אויפן שטייגער פון די מלוכות פון דער מיטלעלטערישער אייראָפּע. מחמת פונקט דיזעלביקע איז געווען אַזוי גוט דאָ ווי דאָרט די לייטער פון די פירשטן, מאַרגראַפן, גראַפן און באַראָנען, וועלכע האָבן רעגירט מיט דער מאַסע פון דער באַפעלקערונג. דידאָזיקע קליינע הערשערס זענען געווען באַשטעטיקט דורכן מאָנאַרך באַם יעדעסמאָליקן אָפּירשענען דעם טראָן. זייערע פליכטן זענען באַשטאַנען אין דעם אָפּצאָלן שטייערן און אין דעם מיליטערדינסט. איבריקנס פלעגן דידאָזיקע מושלים פירן צווישן זיך אומאויפהערלעכע קאַמפן און געדריקט די אונטערטאַנען. די מאַכט פון די מושלים פון דער טשאָו־דינאַסטיע איז געווען גיכער אַ נאָמינאַלע — דערביי האָט זי זיך אויסגעשפּרייט כּמעט איבער אַ דריטהלק פון דער היינטיקער כינעזישער מלוכה. די באַוואָפנטע קאַמפן, די ביישפּילן פון מקריב זיין זיך פאַר זייער סוווערען, ווי אויך די רציחות פון די מושלים — אָט וואָס עס פילט אויס די כינעזישע כראָניקעס פון 7־טן ביזן 5־טן י. ה. איבריקנס האָט אין די הייף געבליט די ליטעראַטור און די קונסט, פונקט ווי אין מיטלעלטערישן אייראָפּע. יעדער פון די מושלים האָט געהאַט זיין היסטאָריאָגראַף און מוזיקער. מ׳פלעגט צונויפשטעלן

יאַלער און פּאָליטישער סיסטעם באַ קאָנפוציוסן? אויף וואָס שטצט זיך באַ אים דאָס עטישע זעלבסטבאַוווסטזיין? סאַראַ איז זיין פּאָליטישע טעטיקייט? אוואָסערע איז די ליטעראַרישע ירושה נאָך אים און פון

כראָניקעס און געזעץ-זאַמלונגען, פּאָעמעס און צערעמאָניאַל-ביכער. נישט קוקנדיק אויפן דאָזיקן גייסטיקן פונדאַמענט, האָט די צעקלאַפּונג פון דער מלוכה געדראָט מיט דעם אונטער-גאַנג פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע, און וויכטיקסטנס פון אירע עיקר-יסודות – דעם באַגריף פון רעכט און יושר, ווי אויך דעם רעליגיעזן גלויבן. אין אַזאַ מאָמענט טרעטן אַרויס אויף דער אַרענע די גרויסע רעליגיעזע רעפאָרמאַטאָרן – די שעפערס פון צוויי סיסטעמען, וועלכע[1] הערשן נאָך עד היום אין כינע קאָנפוציוס און לאַאָ-טסע.

§ 7 קאָנפוציוס, דער שעפער פון דער כינעזישער אָפיציעלער רעליגיע

קאָנפוציוס איז געקומען אויף דער וועלט אין יאָר 550 פאַר קר. אין דעם קלאַן קונג אינם טייל פון היינטיקן שאַנטונג. די לאַטיינישע פאָרם פון זיין נאָמען האָט זיך גענומען פון כינעזישן אויסדרוק קונג-פו-טסע, וואָס איז טייטש „רבי קונג". זיין פאָטער הע, דער ראש פון קרייז טסאָו, האָט אַלס זיבעציקיעריקער זקן גענומען זיך פאַר אַ פרוי אַ מיידל פון קלאַן יען, און פון דאָזיקן פאָרפאָלק איז געקומען אויף דער וועלט קאָנפוציוס, וועלכער האָט תמיד עמפונדן פאַר דער מוטער די טיפסטע ליבע און צוליב איר באַנייט דעם מנהג פון שטעלן אַ מצבה, וועלכער איז שוין געווען פאַרגעסן און פאַרוואָרפן פונלאַנג אין כינע. פון צוויי און צוואנציקסטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך מקדיש געווען דער לערעריי און אַליין געשעפּט וויסנשאַפט פון רייכן אוצר פון דער כינעזישער ליטעראַטור, היסטאָריע, פּאָעזיע און צערעמאָניעס-לערע, וועלכע פאַרטרעט אין כינע יעטוועדע מאָראַלישע דאָקטרין. די צאָל פון זיינע תלמידים און אָנהענגער איז כסדר געוואָקסן, ביז קאָנפוציוס

---

[1] ווער איז געווען דער אַנדערער כינעזישער פילאָזאָף, וועמעס האַנט ? וואָס האָט געלעבט אין דערזעלביקער צייט ווי קאָנפוציוס ? וואָסערע איז די לערע פון לאַאָ-טסע, און אין סאַראַ בוך איז זי אַנטהאַלטן ? סאַראַ

האָט זיך לסוף דערשלאָגן אַלס מיניסטער אויפן הויף פון די פעאָדאַלע פירשטן לו, ווען ס׳האָט געהאַט געדינט פריער אויך זיין פאָטער. אַלס אַדמיניסטראַטאָר האָט ער געצווימט דעם ווילקיר פון די באַראָנען און צוריקגעשטעלט די אַכטונג פון

קאָנפוציוס

געזעץ. אָבער אַרויסגעטריבן דורך די אינטריגעס פון זיינע שונאים אין 50-טן יאָר פון זיין לעבן האָט ער אָנגעהויבן אַ נייע וואַנדערונג פון מלוכה צו מלוכה, זוכנדיק אַ מושל, וועלכער זאָל אים צונעמען אַלס מיניסטער, ווי אויך פאַרווירקלעכן אין

לעבן דעם פּראָגראַם פון זייגע רעפאָרמען, מחמת די לערע פון קאָנפוציוס האָט געהאַט אַ דורכויס פּראַקטישן כאַראַקטער. ס'איז אים געגאַנגען וועגן מאָראַלישער אינערלעכער רעפאָרם און וועגן אויסערלעכער פּאָליטישער רעפאָרם. אי די ערשטע, אי די צווייטע זענען באַשטאַנען אין זעלבסטבאַוווסטזיין — אין דעם „קאָריגירן די נעמען" אָדער מאָראַלישע באַגריפן. די געזעלשאַפט האָט ער באַטראַכט פאַר אַ הימלישן סדר, וואָס שטיצט זיך אויף די פאָלגנדיקע באַציונגען: פון דעם מושל צו די אונטערטאַנען, פון דעם מאַן צו דער פרוי, פון פאָטער צום זון, פון עלטערן ברודער צום יונגערן און אויף דער קעגנזייטיקער באַציונג פון פריינט. דידאַקטיק באַציונג דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון די פליכטן פון די אונטערטאַנען, פון דעם מושל, פון פאָטער־און־זון, פון מאַן־און־ווייב, ווי אויך פון די ברידערלעכע און פריינטשאַפטלעכע פליכטן. אַזוי, למשל, האָט קאָנפוציוס באַצייכנט די פליכט פון דעם מושל אויף פאָלגנדיקן אופן: „אַליין פאַרפולקאָמען זיך, האַלטן בכבוד די אָרנטלעכע און טאַלענטירטע, ליב האָבן די קרובים, אַכטן די מיניסטאָרן, באַהאַנדלען די באַאַמטע, מיט די אונטערטאַנען באַגיין זיך ווי מיט קינדער, שטיצן די אינדוסטריע, פריינטלעך טראַקטירן אַנדערע מושלים און אויסלענדער. זיין עטישן אידעאַל פון אינעווייניקסטער פאַרפולקאָמונג האָט קאָנפוציוס פאַרייניקט מיט דעם פּאָליטישן אידעאַל פון רעגירונגס־סיסטעם, לערנענדיק, אַז ווער עס פאַרפולקאָמט זיך גופא, קאָן הערשן איבער אַנדערע, ווער עס קאָן אָנפירן מיט אַנדערע, דער קאָן רעגירן מיטן לאַנד". אַנטוישט פון די מלכים און אומאָנערקענט דורך זיין דור האָט ער זיך אומגעקערט באַם סוף פון זיין לעבן אין די פּראָווינץ לו, וווּ ער איז געשטאָרבן (478), און וווּ זיין קבר צווישן ציפּרעסן און מיט דער מירמלנער סטאַטוע פון דעם חכם האָט זיך אויפבאַהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג (הינטער דער שטאָט קיוה־פאָו). אָבער קאָנפוציוס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך תלמידים און הייסע

באַפעלקערונגס־ספערן נעמען אַרום ביידע רעליגיעס? ווי לאַנג האָט זיך אויפבאַהאַלטן די פעאָדאַלע תקופה נאָכן טויט פון קאָנפוציוס? ווער־וואַרפט־אום די דינאַסטיע טשאָו? סאַראַ רעגירונגס־ענדערונג קומט פאַר

אָנהענגער. פון צווישן די לעצטע איז געווען דער באַרימטסטער מענציוס (מענג-טסע אָדער מענג-פילאָזאָף), וואָס האָט געטראָגן דעם צונאָמען „חכם פון צווייטן ראַנג", וועלכער האָט געלעבט אויפן איבערברוך פון IV אין III י. ה. זיי האָבן איבערגעגעבן די כינעזער די תורה פון דעם רבין און די באַשרייבונג פון זיין לעבן. מחמן קאָנפיציוס אַליין האָט קיינמאָל נישט צונויפּ-געשטעלט זיין לערע אין אַ סיסטעם און זי נישט איבערגע-לאָזט אין קיין שום ווערק; זיין גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקייט איז באַשטאַנען אין קאָמפּילירן די אַלטערטימלעכע וויסנשאַפט פון די כינעזישע ביכער, ווי פון די היסטאָריקער (אריינפיר צום בוך שו-קינג), פון די פּאָעטן און ריטואַליסטן. זיין איינציק אָריגינעל ווערק זאָלן זיין די יאָרביכער פון דער דינאַסטיע טשאָו, וועלכע טראָגן דעם טיטל „טשון-טסיו" אָדער „פרילינג און האַרבסט", מחמת די פאַקטן זענען אין זיי גרופּירט לויט די יאָר-תקופות, פון וועלכע צוויי האָבן אים געדינט פאַר דעם געמיינזאַמען נאָמען פאַר דער גאַנצער זאַמלונג. די גאַנצע איבריקנס רעפאָרמאַטאָרישע טעטיקייט פון קאָנפוציוס האָט אַ רעסטיטוטיוון און נישט קיין איבערקערערישן, נייעשאפערישן כאַראַקטער, און דערדאָויקער קאָנסערוואַטיזם פון זיין דאָקטרין האָט אפשר צום בעסטן אַנטשפּראָכן, ווי ער אַנטשפּרעכט נאָך עד היום, דעם גייסט פון די כינעזער.

§ 8 לאַ-אָטסע און דער כינעזישער טאַאָיזם

אַ בן-דור פון קאָנפוציוס איז געווען אַ צווייטער פילאָזאָף, וועלכער האָט געלעבט פאַר דער הערשאַפט פון דער דינאַסטיע טשאָו. דאָס איז לאַאָ-טסע, וואָס הייסט אויף כינעזיש „אַלטער זון" אָדער „אַלטער פילאָזאָף". אויך ער האָט מתחילת געלעבט אין הויף פון די פירשטן טשאָו, אָבער ווייניקער

מיט דער טסין-דינאַסטיע? וואָסערע זענען די פאַרדינסטן פון דעם קיסר שי-הואַנג-טי? אין וואָס באַשטייט זיין רעפאָרם? צו סאַראַ איבערקערעניש האָט זי גורם געווען? סאַראַ דינאַסטיע באַפעסטיקט דעם

אַמביציעז פון קאָנפוציוס, מיט וועלכן ער האָט אויך געזאָלט קומען אין באַריר און פירן וויכוחים, איז ער געווען אַ יושב־אוהל און זיך מקדיש געווען דער ליטעראַרישער אַרבעט. אים שרייבט מען צו דאָס ווערק טאַאָ-טעה-קינג, אָדער „בוך פון וועג און טוגנט", דערביי האָט דער אויסדרוק טאַאָ (וועמעס פשוטסטער טייטש איז וועג) געגעבן די באַצייכענונג פון גאַנצן רעליגיעזן סיסטעם. לויט די אייגענע ווערטער פון לאַאָ-טסע,

לאַאָ-טסע. כינעזישע סטאַטוע

איז טאַאָ „דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט באַצייכענען און וואָס איז פולקאָם, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דער ערד און הימל, וואָס איז געווען רו און אומרו, אייניקייט און באַשטענדיקייט, וואָס פילט אַלץ אָן און איז אומדערשעפּלעך, מוטער פון

קאָנפוציאַניזם און די מלוכה-טראַדיציעס אין כינע? וואָסערע זענען די אַנטוויקלונגס-עטאַפּן פון דער כינעזישער ליטעראַטור? וואָסערע זענען

אַלצדינג". איך ווייס נישט זיין נאָמען זאָגט לאַאָ-טסע – און דערפאַר רופט ער עס טאַאָ. איך זוך פאַר דעם אַ נאָמען און רוף עס גרויס. דאָסדאָזיקע גרויסע פליסט אין דער אייביקייט; דערווייטערט זיך און קערט זיך אום צוריק. דערפאַר איז טאַאָ גרויס... מיר קוקן אויף טאַאָ און מיר זעען עס נישט, מחמת עס האָט נישט קיין פאַרב; מיר פאַרנעמען און מיר הערן עס נישט. מחמת ס'איז נישט קיין קלאַנג; מיר באַמיען זיך עס אָנצונעמען און מיר דערלאַנגען נישט דערצו – מחמת עס איז נישט קיין קערפּער". פאַר די געלערנטע סינאָלאָגן זענען די ווערק פון לאַאָ-טסע אַ לאַבירינט פון פאַרפּלאָנטערטע טונקעלע רעטענישן, מחמת די שפּראַך זיינע איז אַ געמיש פון פּאָעטישע וויזיעס און מיסטישע הקירות. דערפאַר האָט די רעליגיעזע דאָקטרין פון לאַאָ-טסע, ווי אויך דאָס געשטאַלט פונם שעפער גופא, גורם געווען אַ מענגע מער אָדער ווייניקער טרעפלעכע סברות. זיין טאַאָ האָט מען פאַרגליכן צום „וואָרט" (לאָגאָס) פון די אַלעקסאַנדרינישע געלערנטע אָדער צו דער מזרחדיקער סעקטע מאַניכעער. לאַאָ-טסע האָט געזאָלט אַרומרייזן איבערן מערב און ווײַלן אין באַקטריע, יהודה און אַפילו אפשר אין אַטען (רעמוזאַט). מען האָט דערבליקט אין זיין תורה שפּורן פון יודאַיזם. אינדערעמתן איז טאַאָיזם אַן אַלטע כינעזישע נאַטוראַליסטישע רעליגיע, פּונקט ווי דער קאָנפוציאַניזם, און דער „בוך פון וועג און טוגנט" גיט איר נאָר אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג. טאַאָ איז דער לויף פון דער נאַטור און אַזוי גוט דער מאָראַלישער, ווי דער פיזישער סדר פון דער וועלט, וועלכן מען דאַרף דערקענען מיט דער הילף פון אָראַקל (קוואַ) און אָן וועלכן מען דאַרף זיך האַלטן. אַזוי גוט דער טאַאָיזם, ווי דער קאָנפוציאַניזם, זענען פאַרבונדן מיט דער פאַרערונג פון די נאַטורדערשיינונגען (הימל, ערד, שטערן, בערג, טייך א. ד. ג.) ווי אויך פון די גייסטער פון די אבות, און ביידע סיסטעמען גייען אַריין אין באַשטאַנד פון דער אָפיציעלער כינעזישער

די פאַרדינסטן פון דער דינאַסטיע טסין און האַן אין דעם דערנענטערונגס-ווערק פון כינע מיטן מערב? אוואָסערע זענען די אייגענע פאַרדינסטן אויפן ציוויליזאַציע-געביט פון די כינעזער? אוואָסערע זענען זייערע

רעליגיע. דער טאָאיזם אָבער, קומענדיק אין באַרירונג מיט די גלויבענישן פון פאָלק, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סיסטעם פון כישוף און אָבערגלויבענישן, און איז עד היום די רעליגיע בעיקר פון די אומגעבילדעטע מאַסן פון דער כינעזישער באַפעלקערונג, איבערלאָזנדיק דעם קאָנפוציאַניזם דעם באָדן פון פרייער פונאַנדערשפרייטונג צווישן די געבילדעטע קלאַסן.

§ 9 דאָס ערשטע כינעזישע קיסרטום. די דינאַסטיעס טסין און האַן

פון דער אָפּגעשוואַכטקייט פון דער צענטראַל-מלוכה אונטער דער דינאַסטיע פון טשאָו האָבן געניצט די שכנים. פון צפונדיקן מערב זענען אויפגעוואַקסן אין אַ מאַכט די מושלים פון טסין. די טשאָו-דינאַסטיע איז געפאַלן (256 פאַר קר.), און איר אָרט האָט פאַרנומען די דינאַסטיע טסין. זי האָט דאָס אָפּגערוימט דעם אַלטן פעאָדאַלישן סיסטעם און באַפעסטיקט די מאָנאַרכיסטישע אַבסאָלוטע מאַכט, וועלכע האָט נישט קוקנדיק אויף די פאַרשידענע דינאַסטישע איבערגענג זיך פאַרשטייפּט און דערהאַלטן אין כינע ביז די לעצטע טעג (י. 1911). שי-הוואַנג-טי איז געווען דער באַרימטסטער מאָנאַרך פון דערדאָזיקער דינאַסטיע. ער האָט דער ערשטער אָנגענומען דעם טיטל קיסר. זיין רעזידענץ האָט ער פאַרלייגט אין דער שטאָט סי-גאַן-פו. ער האָט אויפגעבויט פּאַלאַצן און עפנטלעכע געבײַדעס, דורכגעפירט וועגן און געגראָבן קאַנאַלן. כדי צו פאַרזיכערן די מלוכה-גרעניצן פון די איבערפאַלן פון די צפונדיקע וואָגלער-שבטים האָט ער אונטערגענומען דעם בוי פון אַ ריזיקן מויער, וועלכער ציט זיך פון דעם איינגוס ליאַאָ אַזש ביז דער צפונדיקער פּראָווינץ קאַן-סו. דערדאָזיקער בוי, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אונטער זיין אוממיטלבאַרער השגחה אין

אַנטדעקונגען אויפן געביט פון אַסט־אָנאָמיע ? שיפעריי ? ווי אַלט זענען פּאָרצעלאַן-אויסאַרבעטונגען ? סאַראַ ווערט האָט די טראַדיציע וועגן די האַנדלס-באַציונגען פון די אַלטערטימלעכע פעלקער עגיפּטער און כאַל-

יאָר 214, איז פאַרענדיקט געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט, און איז דער איינציקער עד היום אויפגעהיטענער דענקמאָל פון דער טעטיקייט פון דעררמאָזיקער דינאַסטיע. שי-הוואַנג-טי איז געווען נישט בלויז אַ קלוגער אַדמיניסטראַטאָר, נאָר אויך אַ טיכטיקער חיל-אָנפירער. ער האָט אָפּגעשטויסן די איבערפאַלן פון די צפונדיקע וואָגלער-שבטים, די א. ג. היונג-נו, און אויסגעברייטערט די ממשלה פון כינע אויף דרום. זינט דעמאָלט ערשט שפּרייטן זיך די כינעזער אויס אויף דרום אַזש ביז טאָנקין. אָבער דידאָזיקע דורכויס רעפאָרמאַטאָרישע טעטיקייט איז, נישט קוקנדיק אויף איר אָפּשאַפונג פון דער תקופה פון פעאָדאַלער אַנאַרכיע, נישט געפעלן געוואָרן די העכערע און געבילדעטע שיכטן, וועלכע זענען געווען, ווי תמיד אין כינע, פעדאַנטיש צוגעבונדן צו דער טראַדיציע. דער קיסר, וועלנדיק סוף כל סוף ברעכן דעמדאָזיקן ווידערשטאַנד פון די געבילדעטע שיכטן, ווי אויך איבעררייסן יעטווידן קשר מיט דעם עבר, האָט געהייסן פאַרניכטן אַלע אַלטערטימלעכע ספרים, און אין זייער צאָל אויך די ירושה נאָך קאָנפוציוס, דאָסדאָזיקע מיטל האָט געבּרענגט מיט זיך קאָנסעקווענצן פון קעגנזעצלעכער נאַטור. די דינאַסטיע טסין, אַלס טיראַנישע, האָט זיך נישט לאַנג דערהאַלטן אויפן טראָן (206–256 פאַר קר.), און איר אָרט פאַרנעמט די דינאַסטיע האַן, די פירשטן פון דעררדאָזיקער דינאַסטיע האָבן, אָנבּינדנדיק די פעדים פון דער אַלטער כינעזישער טראַדיציע, געזוכט אַן אָנשפּאַר אין דעם געבילדעטן קלאַס. דאָס איז געווען צוגלייך דער נצחון פון קאָנפוציוס׳ דאָקטרין, וועלכע ווערט זינט דעמאָלט די רעליגיע פון דער רעגירנדיקער שיכט. דאָס צונויפזאַמלען די כתב-ידן, וועלכע זענען ניצול געוואָרן פון פאַרניכטונג, און זייער קאָמפּילירן גיט אַ נייעם שטויס דער כינעזישער וויסנשאַפט, וועלכע זאַמלט דאַן צונויף די צד-היום באַקאַנטע קלאַסישע ווערק. פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט זענען געווען גינציק

דעער מיט כינע? ווי איז די באַציונג פון כינע צו דעם צפונדיקן מדבר? ווער זענען געווען אירע איינוווינער? ווי איז זייער לעבנסשטייגער? ווען וואַקסט זייער מאַכט און ווערט געפערלעך פאַר כינע? אַוואָסערע

אויך די עפּאָכעמאַכנדיקע דערפינדונגען אויפן געביט פון לי-
טעראַטור, וועלכע פאַלן טאַקע אויס אויף דער תּקופה פון די
דינאַסטיעס טסין און האַן. דער ביזאַהעריקער מאַטעריאַל צום
שרייבן זענען געווען די באַמבוס-ברעטעלעך. די דערפינדונג
פון דעם בערשטלדיקן פּענזעלע צום שרייבן, וועלכעס ווערט
נאָך עד-היום באַנוצט אין כינע, האָט מיטגעצויגן נאָך זיך אויך
די ענדערונג פון שרייבמאַטעריאַל. דאָס איז געווען פּאַפּיר,
פריער אויסגעאַרבעט פון זייד-פעדים, שפּעטער אָבער פון שמאַ-
טעס און האָלצפאַזערן. דידאָזיקע צווייטע דערפינדונג
שרייבן די כינעזישע מקורים צו דעם מאַרגראַף טסאַע פאַר
דער הערשאַפט פון דער דינאַסטיע האַן. ווי ווייט דידאָזיקע
צוויי דערפינדונגען האָבן גורם געווען צו דעם פונאַנדערבלי-
פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע, זעען מיר דאָס פון די
כראָניקעס פון דער דינאַסטיע האַן, וועלכע גיבן אָן, אַז די
דעמאָלטיקע קייזערלעכע ביבליאָטעק האָט אַנטהאַלטן פאָלגנדיקע
אָפּטיילונגען: 3123 קלאַסיקער, 2705 פילאָזאָפן, 1318 פּאָעטן,
790 מיליטערישע אויטאָרן און 868 מעדיצינישע. פון II-טן י. ה.
פאַר קר. ביז דעם VI-טן נאָך קר. שטייט די כינעזישע ליטע-
ראַטור אומפאַרענדערט אויף דערזעלביקער מדרגה, כּדי דורך די
דערפינדונג פון דרוק ווידער מקדים צו זיין מיט גאַנצע 9 יאָר-
הונדערטער די אייראָפּעישע ליטעראַטור. די דינאַסטיע האַן
האָט, נישט קוקנדיק אויף אַלע פאַרדינסטן פון איר הערשאַפט,
געטיילט דעם קורצן גורל פון דער עקזיסטענץ פון די אַנדערע
כינעזישע דינאַסטיעס (206 פאַר — 220 נאָך קר.). אָבער איר
הערשאַפט האָט געלייגט דעם יסוד נישט בלויז פאַר דער פּאָ-
ליטישער און רעליגיעזער אַנטוויקלונג פון דעמאָלטיקן
כינע, נאָר אויך פאַר דער ווייטערדיקער איבערגעשטאַלטונג פון
דער מלוכה, און קודם-כּל פאַר דער איינפירונג פון דער דריטער
רעליגיע, וועלכע הערשט היינט אין כינע — דעם בודדיזם אין
I-טן י. ה. נאָך קר., מחמת פאַר דער הערשאַפט פון דער האַן.

זענען די שכנים היונג-נו פון מזרח? כּאַראַ אונטערשיד איז פאַראַן צוויש
היונג-נו און טונג-הו? סאַראַ פונאַנדערטייל איז פאַראַן צווישן די שבטים פון
מ׳טלאַזיע? אוואָסערע איז די פונאַנדערגעזעצקייט פון די מאָנגאָלן און טערקן?

דינאַסטיע קומען די כינעזער צום ערשטן מאָל אין אוממיטל־באַרער באַרירונג מיטן ווייטן מערב.

§ 10 די כינעזישע ציוויליזאַציע און די עלטסטע באַציונגען מיטן מערב

הגם כינע האָט קיינמאָל אויפן גייסטיקן געביט נישט איבערגעריסן מיט דער טראַדיציע און איז געווען קעגנעריש צו דעם, וואָס אויף מערב רופט זיך פאָרשריט, איז זי אויפן געביט פון מאַטעריעלן לעבן געקומען מיטן לויף פון דער צייט צו די דערפינדונגען, בנוגע וועלכע זי איז מקדים די אייראָפּעער. דידאַקטיקע דערפינדונגען האָבן פונקט אַזוי אַ פּאָזיטיוון און פּראַקטישן כאַראַקטער, ווי די גאַנצע כינעזישע וויסנשאַפט בכלל. די אַלטערטום־פּראַגע פון פיל פון זיי איז אַ זייער טונקעלע און איז פאַרבונדן מיט דעם ביזאַהער אומאויפגעקלערטן און רעטענישפולן אָפּשטאַם פון די כינעזער, ווי אויך מיט זייערע עלטסטע באַציונגען מיטן מערב. אויפן געביט פון אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט זאָלן די כינעזישע אָבסערוואַציעס זיין פונקט אַזוי אַלטערטימלעך, ווי די כאַלדעישע אָדער עגיפּטישע. איבריקנס איז דער וויסנשאַפטלעכער ווערט סיי פון די ערשטע, סיי פון די צווייטע געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן מצד פאַרשידענע געלערנטע קוועסטיאָנירט. די עלטסטע זיכערע דאַטע פון לקוי־חמה בא די כינעזער אַנטשפּרעכט בנוגע דעם טאָג און חודש געגנוי דער אַסטראָנאָמישער דאַטע פון 29 אויגוסט 776 י. פאַר קר. ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן די כינעזער אַנטדעקט, אַז צוועלף לבנה־חדשים אַנטשפּרעכן אַ יאָר, און אַז מ׳דאַרף צום פאַרגלייכן דעם חשבון איינפירן אַ תיקון (מעטאָנישער ציקל). דאָס יאָר בא די כינעזער ציילט 365¼ טעג פונקט ווי בא די כאַלדעער — מערנישט בא די כאַלדעער איז

סאַראַ זענען די שבטים אויף מערב פון דער מיטלאַזישער הויכעניש אין די אַלטערטימלעכע צייטן? סאַראַ איז די געמיינזאַמקייט פון די נעמען אַ־ די וואַנדערנדיקע שבטים אויף מזרח און אויף מערב? אוואָסערע איז

עס געוועזן אַ זון-יאָר, באַ די כינעזער אַ לבנה-יאָר. עס עקזיסטירט אויך אַן ענלעכקייט צווישן די נעמען פון די שטערן באַ די כינעזער, כאַלדעער, עגיפּטער, הינדוסן און גריכן, אין לבנה-זאָדיאַק באַ די הינדוסן, כינעזער און אַראַבער. דידאָזיקע ענלעכקייט בילדעט ביזאַהער אַ וויסנשאַפטלעך רעטעניש. דער דערקענטעניש פון די אייגנשאַפטן פון דער מאַגנעטישער נאָדל האָבן די כינעזער פאַרדאַנקט די דערפינדונג פון דעם קאָמפּאַס, וועגן וועלכן עס דערמאָנען די כינעזישע מקורים ·שוין מיט עלף יאָרהונדערטער פאַר קר., ווי אויך וועגן דער געזאַנדשאַפט פון מערב מיטן ים דורך טאָנקין פון פאָלק יו-שאַנג-שי אָדער „מענטשן אָנגעטוענע אין שלעפּאַרטיקע בגדים". דאָס האָבן געזאָלט זיין, לויט געוויסע געלערנטע, כאַלדעער (פּאָטיער), גיכער אָבער די איינוווינער פון דעם שכנותדיקן אינדאָ-כינע. וואָס אַן אמת, איז סיי דידאָזיקע כראָניקאַלישע ידיעה באַ די כינעזער, סיי די נעמען באַ די אַלטערטימלעכע פעלקער נישט קיין גענוגנדיקער יסוד פאַר דער הנחה פון די וויטע באַציונגען צווישן כינע און די פעלקער. פון מערב-אַזיע דורכן ים. דער נאָמען — סינים, אַ פאָלק, וואָס ווערט דערמאָנט צווישן די אַלטערטימלעכע פעלקער, וועלכע זענען געוועזן באַקאַנט די בבלער, באַ דעם נביא ישעיה, קאָן שוין צוליב דעם נישט אַנטשפּרעכן די כינעזער, ווייל דערדאָזיקער נאָמען, אונטער וועלכן די כינעזער זענען באַקאַנט אויף מערב, איז געקומען מיטן ים (זיכער פאַר דער דינאַסטיע טסין) און איז דערפאַר אַ פיל שפּעטערער. די כינעזער האָבן ליב געהאַט אויסאַרבעטונגען פון ליים. שוין קאָנפוציוס דערמאָנט וועגן זייער פאָרליבע צו אַלטערטימלעכע וואַזעס. די דערפינדונג פון פאָרצעלאַן גייט בכן אָן אין כינע פאַר פונקט אַזוי אַלטערטימלעך, ווי די גאַנצע כינעזישע וויסנשאַפט (פון III-טן יאָרטויזנט), און נישט פאַראַן כמעט קיין דינאַסטיע, וועלכע זאָל זיך נישט האָבן באַרימט מיט אַ געוויסן מין פאָרצעלאַן, מיט זיין פאַרב אָדער דעקאָראַציע (למשל, דער

די עלטסטע היסטאָרישע וואַנדערונג פון דער מיטלאַזישער הויכעניש קיין פאָדעראַזיע און קיין אינדיע? סאַראַ איז די עלטסטע קאָמוניקאַציע צווישן דעם מזרח און דעם מערב? סאַראַ פאָרמען האָבן די גריכישע

בלאָער פון די צייט פון דער טסין-דינאַסטיע). דערוווייל האָבן זיך די השערהדיקע אויסאַרבעטונגען פון כינעזישן פאָרצעלאַן אין די קברים פון דער מיטלאַלטערישער טעבאַנישער דינאַסטיע אויסגעוויזן אַלס אויסאַרבעטונגען מיט דער ציטאַציע פון די כינעזישע פּאָעטן פון VIII י. ה. נאָך קר. זיי האָבן בכן אויך פאַר דער באַצייכענונג פון היסטאָרישן איינפלוס פון וויטן מזרח אויף די מיטל-ים-לענדער קיין שום ווערט נישט. מחמת דידאָזיקע דערגענטערונג פון כינע צום מערב איז פאָרגעקומען פיל שפּעטער, ערשט עטלעכע יאָרהונדערט פאַר קר., און די פאַרמיטלער זענען געווען די מיטלאַזישע פעלקער.

§ 11 היונג־נו און די אַלטערטימלעכע פעלקער פון מיטלאַזיע

אויף צפון פון אייגנטלעכן כינע דערמאָנען די כינעזישע יאָרביכער די שוין לאַנג, נאָך אין דער העלפט פון III-טן יאָר-טויזנט באַזעצטע יעגער- און וואָגלער-שבטים. דער אַלטערטימ-לעכער נאָמען פאַר זיי איז יונג „ווילדע מענטשן“, אָדער שאַן-יונג „ווילדע פון די בערג“. דער שפּעטערדיקער נאָמען פאַר זייער באַצייכענונג איז הין-יונג „לאַנגנאָזיקע הינט“, ווי אויך היון-יאָק „עיפּושדיקע פּאַפּקע“. אָבער די אַלע נעמען אין די היסטאָרישע צייטן ביזן VI י. ה. נאָך קר. דעקן זיך מיט איין אַלגעמיינעם נאָמען היונג-נו אָדער „צעבונטעוועטע שקלאַוון“. אַלץ, וואָס די כינעזישע מקורים זאָגן וועגן זייער לעבנסשטייגער, שטימט עד היום מיט דעם לעבנסשטייגער פון די פּאַסטוכישע, וואָגלערישע שבטים פון מיטלאַזיע. ובכן, זיי פאַרברענגען אַ לעבן אויפן פערד, שפּייזן זיך מיט רוי פלייש און טרינקען פערד-מילך (קומיס), פון די פּאַסטוכישע און יעגערישע באַשעפטיקונ-גען פליסט בא זיי אַרויס די פאָרליבע צו מלחמה און די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע אויף אַ מיליטערישן אופן. קיין אייגענע קולטור האָבן זיי נישט געהאַט, דערפאַר איז טאַקע די כינעזישע מלוכה געווען פונלאַנג דער צענטער פון זייער אַנט-וויקלונג און דער שווערפּונקט. אָבער אויך זייער באַציונג צו

די כינעזער איז געווען דערזעלביקער, וואָס פון די באַרבאַרן צו די ציוויליזירטע פעלקער. זיי פלעגן כסדר פאַרפאָלגן די כינעזער מיט זייערע איבערפאַלן, און פאַרקערט פלעגן די כינע־זער אין מאָמענטן, ווען ס'האָט זיך צעוואָקסן זייער מאַכט, אַרויסשטויסן זיי אויף צפון, אין דער טיף פון דער וויסטע שאַמאָ. כדי צו שיצן זיך קעגן זיי האָט מען עס אויפגעבויט יענע צפונדיקע כינעזישע מויער אין III י. ה. פאַר קר. אַרום דערדאָזיקער צייט שאַפן די היונג-נו אַ מעכטיקע מלוכה און שפּאַרן זיך פונאַנדער אויף אַלע זייטן. זייערע שכנים פון מזרח האָבן די כינעזער אָנגערופן טונג-הו אָדער מזרחדיקע הו. פונ־דאַנען שטאַמט דער היינטיקער נאָמען טונגוזן. דידאָזיקע היונג־נו פיגורירן אין די כינעזישע מקורים אַלס מערבדיקע וואָגלער־שבטים. דערפאַר באַטראַכט מען זיי געוויינלעך פאַר אַ טערקישן שבט, און פון זיי נעמט זיך דער אָנהויב פון די היינטיקע טערקן, קירגיזן, אויגורן א. ד. ג. די טונג-הו אָדער די מזרח־דיקע וואָגלער-שבטים זענען ראַסיש אַנדערשדיק פון די מערב־דיקע, און דערפאַר באַטראַכט מען זיי פאַר מאָנגאָלישע שבטים, צו וועלכע עס געהערן די שפּעטערדיקע קיטאַנער, מאַנדזשוריער און קאָרעאַנער. דער דורכגאַנג יו (אָדער יו-מאָן) טיילט עד־היום אָפּ די טערקן פון די מאָנגאָלן. אָבער פון מערב זענען די שכנים פון היונג-נו געווען שבטים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געפונען אין כסדרדיקן קאַמף. פון איין זייט זענען עס געווען די אוסוניער אָדער ווּסוניער אין דער נאָענט פון דער אָזערע לאָפּ-נאָר באַם איינגאַנג צום קעסל פון טאַרים. פון דער צוויי־טער זייט, אויף צפון פון דער כינעזישער פּראָווינץ קאַן-סו, זענען עס געווען די שבטים יוע-טשי. אויפן ווייטסטן מערבדיקן ראַנד פון דער מיטלאַזישער הויכעניש באַם טייך אילא האָבן געוווינט שבטים, וועלכע האָבן זיך אויף כינעזיש גערופן סאַי, ווי אויך שו, סו, סע אָדער סעק. דער וווקס פון דער מאַכט היונג-נו און זייער דרוק אויף די שכנותדיקע שבטים אין דער ערשטער העלפט פון II-טן י. ה. פאַר קר. האָט גורם געווען צו באַדייטנדיקע שנויים אין דעם צונויפשטעל נישט בלויז פון די מיטלאַזישע פעלקער, נאָר אויך פון די מלוכות אויף די ראַנדן פון מיטלעלטערישן מזרח. דאָס איז געווען די ערשטע

באקאנטע היסטאָרישע פעלקער-וואנדערונג פון דער הויכעניש פון מיטלאזיע אויף מערב, און צוגלייך איז דאָס געווען דער אָנהויב פון די ערשטע מלוכות פון טערקישן אָפּשטאַם אַזוי גוט אין מיטלאזיע, ווי אין אינדיע, וועלכע זענען געווען באַקאַנט אין אַלטערטום אונטערן נאָמען „הערשאַפט פון די אינדאָ-סקיטן“.

§ 12 די וואַנדערונג פון די אַלטערטימלעכע טערקישע שבטים און די אינדאָ-סקיטישע מלוכות

די וואָגלער-פּאַסטוכישע פעלקער פון מיטלאזיע בילדן קיינמאָל נישט קיין דויערהאַפטע גרופּירונגען און טרעטן אויף אין דער געשיכטע אונטער פאַרשידענע נעמען, אָפּהענגיק פון דעם שבט, וועלכער פאַראייניקט זיי און אָרגאַניזירט צום קאַמף מיט די שכנים. מחמת צווישן די נעמען פון די צפונדיקע וואַנדערער, וועלכע מען באַגעגנט אין די כינעזישע מקורים, און די נעמען פון די אין מזרח-אייראָפּע און מיטלאזיע וואַנדערנדיקע שבטים, וועלכע זענען באַקאַנט געווען און די אַלטערטימלעכע צייטן, עקזיסטירט אַ ווונדערבאַרע איינערלייקייט. און אַזוי אַנטשפּרעכט דעם כינעזישן אַלטערטימלעכן נאָמען היונג-נו דער נאָמען הונען. בא די לאַטיינישע שרייבער פון מערב-אייראָפּע, ווי אויך בא די גריכן (Oὖννοι) און הינדוסן (Huna, Hun). ביז די הונען זענען די איינוווינער פון די סטעפּעס באַם שוואַרצן און קאַספּישן ימים געווען די אַלטערטימלעכע סקיטן אָדער סאַקן (Saka), וועלכע האָבן זיך לויט פּטאָלאָמעוס געפונען אויף מזרח אַזש ביז די לענדער, פון וואַנען עס קומט דאָס זייד, אָדער כינע (Serica). אויך די כינעזישע מקורים פון די צייטן פון דער האַן-דינאַסטיע ברייטן אויס די ישובים פון דעם שבט שעק אַזש ביז שו-לע, ד. ה. ביז קאַשגאַר. ובכן, דעם כינעזישן נאָמען סאי, שעק, וואָלט אַנטשפּראָכן דער אידענטישער נאָמען פון דעם מזרח-אייראָפּעישן שבט סקיטן, אָבער אויך אין יוע-טשי, דעם כינעזישן נאָמען פון דעם פאָלק, וואָס איז געווען באַזעצט אויף דער גרעניץ פון קאַן-סו, דערבליקן טייל אַ

בֿאַרוואַנדלונג פֿון דעם נאָמען יוע-טי. ווען מען עס אַנטשפּרעכט דער מערב-אייראָפּעישער נאָמען פֿון די סקיטן getae און Massagetes. ווײַבאַלד דאָס זענען אידענטישע נעמען, טאָ באַצייכענען זיי אַלע איינע און דיזעלבּיקע טערקישע שבטים — אָבער אינדערצייט ווען אויף מערב שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר אינדאָ-אייראָפּעער, איז אויף מזרח אונטערשיידט זיי נישט קיין שום כינעזישער מקור פֿון די שבטים פֿון דער געלער ראַסע. לויט די כינעזער האָבן די היונג-נו געזאָלט פֿריער צעקלאַפּן די יוע-טשי (ווען וועלכן ס׳האָט אין יאָר 176 פֿאַר קר. זייער פּירשט מאָדוק מודיע געווען דעם כינעזישן קיסר). דאַן האָבן זיך די יוע-טשי פֿונאַנדערגעטיילט אויף צוויי טיילן, איינע פֿון זיי, די קלענערע, האָט זיך צוריקגעצויגן אויף דרום פֿון די בערג נאַן-שאַן אַזש ביז טיבעט. דאָס זענען די א. ג. קליינע יוע-טשי. די אַנדערע טייל זייערע טאַ-יוע-טשי אָדער גרויסע יוע-טשי — זענען אַוועק אויף מערב צו די ישובים פֿון די סאַקן איבער די ברעגעס פֿון טייך אילא און אין דער דרום-מערבדיקער טייל פֿון דער אָזערע איסיקול. אָבער באַלד זענען זיי אויך פֿונדאַנען געוואָרן אַרויסגעשפּאַרט (אַרום 160 י. פֿאַר קר.) דורך די ווּסוּניער-שבטים און זיי דרינגען אַרײַן אין דער געגנט פֿון די טייכן אָקסוס און יאַקסאַרטעס, ווו זיי וואַרפֿן אום די גריכיש-באַקטרישע מלוכה אין דער העלפֿט פֿון II-טן י. ה. פֿאַר קר. און גיסן זיך ברייט פֿונאַנדער אויף דרום אַזש ביז אַפֿגאַניסטאַן, ביז קאַבול און דרום-אינדיע. אָבער אויך די סאַקן (Sŏk) ענדערן זייערע ישובים אונטערן געשפּאַר פֿון די יוע-טשי-שבטים. פֿון צפֿון, פֿון איסיקול לאָזן זיי זיך אַוועק אויף דרום אין די געגנטן פֿון קאַשגאַר און כאָטאַן. פֿון דאָרטן ווידער ציען זיי קיין קיפּין. טייל זענען דערין דעם נאָמען פֿון קאַבול (קאָפֿאַן אָדער קאָפֿעס), אינדערצייט ווען אַנדערע דערבליקן אין דאָזיקן נאָמען אַ כינעזישע מאָדיפֿיקאַציע פֿון דעם נאָמען פֿון לאַנד קאַשמיר (קאַפּילאַ אָדער קאַפּירא, בײַ פּטאָלאָמעוסן קאַספּעירא). פֿון קאַשמיר האָבן זיך דידאָזיקע שבטים פֿונאַנדערגעשפּרייט ווײַטער אויף דרום אין די נידריקערע געגנטן פֿון פּענדזשאַב אַזש ביז קאַבול, ווו זיי האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן מיט די שבטים יוע-טשי. דער איבערפֿאַל אויף

אינדיע וואָלט בכן געהאַט אַן אָרט אי פון צפון, אי פון מערב, דערביי וואָלט דער ערשטער געווען דער פריערדיקער. בײַ די הינדוסן אָבער איז געווען אַ געמיינזאַמער נאָמען פאַר דידאָזיקע באַרבאַרן סאַקן (Çaka). אונטערן דאָזיקן נאָמען הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון אינדיע, אַלס די אינדאָ-סקיטישע הערשאַפט. דערדאָזיקער איבערפאַל האָט נישט בלויז אַריינגעפירט אַ נייעם עטנישן עלעמענט אין צפון-אינדיע, נאָר האָט אויך גורם געווען צו דעם צונויפשטויס פון די לענדער פון דרום און מערב מיט מיטלאַזיע ווי אויך מיט כינע.

§ 13 די עלטסטע וועגן פון מערב קיין כינע

דידאָזיקע פעלקער, וועלכע האָבן געוואַנדערט איבער די סטעפעס פון מזרח-אייראָפע ווי אויך פון קליינאַזיע, זענען געווען פונלאַנג פאַרמיטלער צווישן דער קולטור פון מזרח און מערב, הגם קיין שום גענויע ידיעות וועגן דידאָזיקע לענדער זענען נישט דערגאַנגען פון איין ראַנד צום צווייטן. צו די גריכן האָבן זיך דערקריגן, וואָס אַן אמת, עפעס אומקלאָרע ידיעות וועגן די לענדער פון מיטלאַזיע. שוין אַריסטעאַס פון פראָקאָנעז, דער אויטאָר פון דער פאָעמע. א. ט. אַרימאַספעע (VI י. ה. פאַר קר.), און נאָך אים העראָדאָט האָבן לאָקירט הינטער די סקיטן דאָס פאָלק איסעדאָנער, און נאָך זיי דאָס לאַנד פון די אַרימאַספן, אויף די ראַנדן פון וועלכן עס געפינען זיך די ריפעישע בערג, ווו עס הערשט אייביקער ווינטער און צפון-ווינטן — די ישובים פון דעם היפערבאָרעער-פאָלק. אייניקע דערבליקן אין דידאָזיקע איסעדאָנער די איינוווינער פון דעם טארים-קעסל, און אין די אַרימאַספן (דאָס איז אייגנטלעך דער נאָמען פון ווי-דע פערד) די שבטים היונג-נו. די היפאָרבאָרעער וואָלטן בכן געווען די כינעזער (טאָמאַשעק). אָבער דידאָזיקע פאָרשטעלונגען וועגן די ווייטע פעלקער זענען גיכער דורכויס מיטיש (איינאויגיקע ארימאספן, די שומרים פון אונטערערדישע אוצרות), איידער גענויע היסטאָרישע און געאָגראַפישע דאַטן. די ערשטע דערנענטערונג מיטן מערב איז אַרויסגעגאַנגען

גיכער מצד כינע אין II-טן י. ה. פאַר קר. מחמת די קאַמפּן צווישן די שבטים ווו-סון, יוע-טשי און היונג-נו האָבן באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט די כוחות פון די וואַנדערער און צוגעהאָלפן די כינעזישע קיסרים פון דער האַן-דינאַסטיע צו דער פאַרברייטערונג פון זייערע טעריטאָריעס אויף מערב. כדי בייצוקומען דעם געמיינזאַמען שונא היונג-נו האָבן די כינעזער אַוועקגעשיקט אַ דעלעגאַציע צו די יוע-טשי מיטן צוועק צו שליסן מיט זיי א בונד. דער כינעזישער שליח טשינג-קיען האָט זיך דערשלאָגן צו די ישובים פון די יוע-טשי איבערן יאַקסאַרטעס, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז אויפן וועג צוויי מאָל אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון די היונג-נו. דער צוועק פון דעם שליחות איז נישט געוואָרן דערגרייכט, מחמת די יוע-טשי האָבן געריכטעט זייערע קריגס-צוגן אין אַן אַנדער זייט, אָבער די ידיעות, וועלכע ס'האָט געבראַכט טשאנג-קיען פון דער דאָזיקער נסיעה (129 — 126 פאַר קר.), זענען אַריין אין געביט פון דער געאָגראַפישער וויסנשאַפט פון די כינעזער וועגן די לענדער פון ווייטן מערב. עס שיינט, אַז זינט דעמאָלט הויבט זיך אָן דער קאַראַוואַן-האַנדל צווישן כינע און דעם מערב. און ער איז געוואקסן אַלץ מער, וואָס מער ס'איז געשטיגן דער נאָכפרעג אין דער דעמאָלטיקער רוימישער מלוכה אויף דעם הויפט-פּראָדוקט פון כינע, וועלכעס ס'איז דער זייד. ס'האָט פאַרלייכטערט די האַנדלס-אויפגאַבע די כינעזער דער פולשטענדיקער אַרויסשפאַר פון די היונג-נו אויף צפון פון דעם מדבר גאָבי. זיי טרעטן אויף ערשט נאָכן אָפּלויף פון אַ פּאָר יאָרהונדערטער — לויט טייל — אַלס אייראָפּעישע הונען אויף די ברעגעס פון קאַספּישן ים, לויט אַנדערע ווידער — אַלס טו-קיו אָדער טערקן אין די אַלטאַישע בערג. אָבער ווי ס'זאָל נישט האָבן געוועזן דער גורל פון די היונג-נו האָט זייער אָפּוועזנהייט דערלויבט דער כינעזישער מאָנאַרכיע אַרויסצורוקן אירע גרענעצן אַזש ביזן מזרחדיקן

דערציילונגען וועגן דעם ווייטן מזרח? ווען רוקן זיך די כינעזער אויף מערב? סאַראַ איז זייער ערשטע געזאַנדשאַפט? וואָסערע זענען זייערע ערשטע ידיעות וועגן די לענדער אויף מערב? סאַראַ זענען די

טורקעסטאַן. כאָטאַן און קאַשגאַר זענען געוואָרן אונטערטעניקע שטעט פון כינע (אין I-טן י. ה. נאָך קר.). די האַנדלס-צוגן פון די כינעזער האָבן זיך דערקריגן אַזש הינטערן אָקסוס צום לאַנד פון די פּאַרטער. די כינעזישע מקורים רופן די לעצטע אַן-הסי (אָנשטאָט אַן-סאַק אָדער אַרסאַק פון די ארסאצידן-דינאַסטיע). לויט די כינעזישע באַשרייבונגען האָט דער וועג אויף מערב געפירט דורך סאָגדזשיע און באַקטריע אויף מו-לו (Mûrû אין דער אַוועסטא, אַלטערטימלעכע אַנטיאָכיאַ מאַרגיאַנאַ און היינטיקער אָאַזיס מערוו) קיין העקאַטאָמפּילאָס, און פונדאָרטן קיין אַ-מאַן (היינטיקע האַמאַדאַן, סט. עקאבאטאנאַ), כדי צו דערגרייכן קיין קטעזיפאָן און קיין יו-לו אין די געגנטן פון בבל. פונדאַנען זענען די סחורות געגאַנגען מיטן ים קיין טאַטסין (אייראָפּע, אָבער אייגנטלעך סיריע). מחמת פאַר ״די רוימישע צייטן איז סיריע געווען דער הויפּטמאַרק אויף רוי זייד און פאַרקערט די צושטעלערין פון זיידענע אויסאַרבעטונגען פון אירע פאַבריקן פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אַפילו דער נאָמען פון אייראָפּעער טאַטסין זאָל שטאַמען פון די איינוווינער פון אַנטיאָכיע (אַן-טו) אָדער סיריער. געוויסע סירישע סוחרים האָבן אויך באַזעסן ידיעות וועגן די לענדער פון וויטן מזרח. אַלס גרעניצלינגע פון די נסיעות זענען דערמאָנט אין די מערבדיקע באַשרייבונגען צוויי שטעט: איסעדאַן סקיטיקאַ און איסעדאָן סעריקא, וואָס קאָן באַטייטן — איינע קאשגאַר אָדער יאַרקאַנד, און די צווייטע כאָטאַן. אָבער אַחוץ דערדאָזיקער יבשה-קאָמוניקאַציע האָט אויך עקזיסטירט אַ ים-קאָמוניקאַציע, און קאטיגארא, די הויפּטשטאָט פון דער מלוכה סינע פאַר פּטאָלאָמעוסן, איז געווען די גרעניצליגיע פון די נסיעות. אין דעמדאָזיקן נאָמען פון דער מלוכה דערבליקן טאַקע טייל דעם נאָמען פון דער דינאַסטיע טסין, פאַר וועמעס צייטן דער מערב האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט כינע.

זוייטסטע גרעניצן פון כינע אויף מערב? וואָס האָבן אַריינגעצויגן אין זייער גדר די כינעזישע ריטואַלע פאָ-שריפטן? אַוואָסערע זענען די

היות ווי דאָס גאַנצע כינעזישע לעבן איז איינגעפּאַסט
אין פאָרשריפטן און אָנווייזונגען, וועלכע שטאַמען פון אומגע-
דענקלעכע צייטן, טאָ פאַלט בכן אַרונטער אונטער דידאָזיקע
כּללים אויך די קונסט. אירע עלטסטע מוסטערן זענען כּלים פון
בראָנז. הייליקע ספרים, וועלכע אַנטהאַלטן דעם ריטואַל,
גיבן אָן די פאָרשריפטן בנוגע זייערע פאָרמען, מינים, גרייסן,
און אַפילו בנוגע די באַשטאַנדטיילן פון מאַטעריאַל גופא.
געוויסע מוסטערן פון דידאָזיקע כּלים, וועלכע זענען אויפבאַ-
האַלטן עד היום, גרייכן בכן די צייטן פון דער דינאַסטיע
טשאָו און אפשר גאָר שאַנג און דערלויבן נישט צו צווייפלען,
אַז זיי באַציען זיך אויפן צווייטן יאָרטויזנט פאַר קר. אַזאַ איז
די קרבן-וואַזע טסו-אַן מיט אַ זייער קדמוניתדיקער פאָרם, אַ
בייכיקע מיט אַ צודעק, באַ וועלכער עס פאַרטרעט דאָס אָרט
פון אויערן אַ געגויערער אָפּדריק פון אַ פאָר מענטשלעכע הענט
צום אַרומנעמען זי. דאָס געשטאַלט, דער אָרנאַמענט, ווי אויך
דער אינערלעכער אויפשריפט ווייזן מיט זייער כאַראַקטער אָן
דערויף, אַז דידאָזיקע וואַזע קאָן מען באַציען לכל-הפּחות אויפן
X-טן י. ה. פאַר אונזער ערע. פונקט ווי דער מאַטעריאַל בראָנז,
אַזוי איז אויך דער פאַרצייטיקער אָרנאַמענט געאָמעטריש דערזעלגי-
קער, ווי אויף מערב: קרייזן, צלמלעך, מעאַנדרעס א.ד.ג. זייער
אָפט דינען אויך אַלס טעמע פאַר די פאָרמען פון די וואַזעס
פיגורן פון חיות. אַלס ביישפּיל קאָן מען אָנווייזן אויף אַ מין
וואַזע הי-טסו-אַן צום אַריינגעמען דאָס בלוט פון קרבנות,
וועמען עס דינט אַלס באַזע אַ פאָרם, וואָס שטעלט מיט זיך
פאָר אַ קאַלב. אין אַלגעמיין האָט זיך אויף דער פאָרשטעלונג
פון די חיות אָנגעהויבן אַמפּריסטן אויסצובילדן און אַנטוויקלען
די אַרטיסטישע פאַנטאַזיע פון די כינעזער. פאַרזעענישן מיט

עלטסטע קונסט-עקזעמפּלאַרן? אַוואָסער איז דער טיפּ פון די וואַזעס? זייער
מאַטעריאַל? אָרנאַמענט? אַוואָסער איז די ראָלע פון די חיות אין דער
געשטאַלטונג פון דער כינעזישער פאַנטאַזיע? פון וואָסער ... ים זענען

די משונהדיקסטע פאָרמען זענען נישט וויניקער באַקאַנט דעם וויִיטן מזרח, ווי דעם נאָענטן אין די אַלטערטימלעכע צייטן, און איינס פון זיי — דער לינדוואָרם, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר בא די כינעזער דעם גייסט פון ערד און הימל, און צוגלייך דעם סימבאָל פון מזרח און זון, איז געוואָרן דער רעגירונגס-עמבלעם — פון די צייטן פון דער דינאַסטיע האַן (200 י. פאַר קר.). דערדאָזיקער עמבלעם פון דעם לינדוואָרם ווי פון דעם טיגער (דער לעצטער אַלס פאָרשטעלונג פון דער נאַטורקראַפט, פונקט ווי דער פריערדיקער פון גייסטיקער קראַפט), איז אויך די פריסטע טעמע פון דער כינעזישער מאָלעריי (וויִיניקסטנס פון III-טן י. ה. פאַר קר.), ווצמעס אַלטערטימלעכע מוסטערן האָבן זיך נישט אויפבאַהאַלטן, אָבער וועמעס אָנהויב איז נישט וויִיניקער אַלט ווי דער אָנהויב פון כינעזישן לעבן. די מקורים פון כינעזישער מאָלעריי געפינען זיך אין דער אַלטער כינעזישער שריפט, וועלכע איז געווען אַ בילדערשריפט; דערפאַר באַצייכנט דער אויסדרוק „nen" אַזוי גוט שריפט, ווי געמעל. היות ווי די שרייבקונסט איז בא די כינעזער קודם-כל צייכנקונסט, האָט בכן די טעכניק פון כינעזישער שריפט אויסגעאיבט אַ זייער גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מאָלעריי-קונסט. דערזעלביקער מאַטעריאַל (באַמבוס, זייד, שפעטער פון I-טן י. ה. פון אונזער ערע פאַפיר), דאָסזעלביקע געצייג (אַ בערשטלדיק פענזעלע) דינען צום שרייבן און צום מאָלן. דאָס כינעזישע יעמעל איז אויך אַ צייכענונג, דערביי אַ צייכענונג לויט די איין פאַר אַלעמאָל אָנגענומענע כּללים, וועלכע זענען באַשטימט אַנאַלאָגיש צו די יסודות פון קאַליגראַפיע. דערפאַר זענען די כינעזישע פיגורן פאָרגעשטעלט נישט לעבעדיק, נישט רעאַל, נאָר אַזוי, ווי זיי זענען איין פאַר אַלעמאָל געוואָרן פאַרטראַכט, אויך זענען זיי באַשריבן מיט ליניעס. דעם פערספעקטיוו פאַרטרעטן אויך לינעאַרע פאַרקירצונגען. ובכן, אַ כינעזיש בילד, וועלכעס איז אָנגעמאָלט אויף

די פאַנטאַסטישע חיות? וועלכע פון זיי זענען די עמבלעמען פון דער מלוכה? וואָסער איז דער מקור פון דער כינעזישער מאָלעריי? אירע שטריכן? וואָסער איז געווען דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער שרייבקונסט

איין פלאַך שטעלט פאָר די ערשטפּלאַניקע פיגורן אינדערהייך אין גרעסערן פאַרנעם, אינדערצייט ווען די ווייטערדיקע פיגורן גייען אַראָפּצו, פאַרקלענערנדיק זיך ביסלעכווייז. דיזאָזיקע דעפעקטן אָבער פון דער פּלאַסטיק און פּערספּעקטיוו פאַרגיטיקט רייך די כינעזישע מאָלעריי מיטן קאָלאָריט און מייסטערהאַפטער באַנוצונג פון די טענער פון איין און דערזעלביקער פאַרב, בײַ אַ ריזיקער גענויקייט און קפּדנות פון די פּרטים. דיזאָזיקע שטריכן האָבן פאַרזיכערט דער כינעזישער מאָלעריי אויפן מזרח דיזעלביקע שטעלונג, וועלכע ס'האָט צווישן די פעלקער פונם מערב פאַרנומען, הגם פיל שפּעטער, די איטאַליענישע מאָלעריי-קונסט. די סקולפּטור-קונסט האָט נישט און האָט קיינמאָל נישט געהאַט יענע באַדייטונג אויפן ווייטן מזרח וואָס בײַ אונז. זי האָט תּמיד געבילדעט אַ טיילכל פון דער גרויסער דענק-מאָלערישער קונסט, פון וועלכער ס'איז אויפן ווייטן מזרח נישט פאַראַן כּמעט קיין שפּור. מחמת די כינעזער, ווי בכלל די פעלקער פון דער מאָנגאָלישער ראַסע, וועלכע האָבן איבער-גענומען פון זיי די ציוויליזאַציע, האָבן תּמיד געהאַט זייערע געדאַנקען געווענדט צוריק צום עבר — צו די אבות, און נישט צו די קינפטיקע דורות, און האָבן זיך כּלל נישט געקי-מערט וועגן אויפהיטן פאַר די שפּעטערדיקע דורות די געביידצס אָדער דענקמעלער. נישט קוקנדיק דערויף האָט די סקולפּטור עקזיסטירט אין די גאָר אַלטע צייטן, למשל, די סעריע באַרעליעפן פון II-טן י. ה. פאַר קר. אויפן פּאַלאַץ אין היאַאָ-טאַנג-טשאַן אין שאַנטונג. זיי שטעלן פאָר פאַנטאַסטישע סצענעס, ווי צ. ב. מענטשן, אַרויפגעצויגענע אויף באַמבוס-שטעקנס און אַרומגעטראָגענע, אָדער היסטאָרישע סצענעס, ווי דאָס אויפנעמען די געזאַנדשאַפט (אַרום 1100 פאַר קר.) פון פאָלק יוע-שאַנג-שי, וועלכעס דערלאַנגט דעם קיסר אַ מתּנה העלפאַנטן, ווייסע פאַוועס און אַ וואָגן, וואָס ווייזט אָן אויף דרום (קאָמפּאַס). אין ביידע פאַלן זענען די טעמעס געשעפּט פון די

און דער כינעזישער מאָלעריי? סאַראַ שטעלונג פאַרנעמט די כינעזישע מאָלעריי אויף מזרח? פאַרוואָס פעלט אין כינע די דענקמעלעריי-קונסט? פון וואָסער מין איז די סקולפּטור? אַוואָסער איז דער עלטסטער מין

געלערנטע ביכער. די פיגורן זענען געשניצט אויפן זעלביקן אופן, ווי מ׳האָט געמאָלט, ובכן אויפן זעלביקן פּלאַן און אין קאָנטורןמיט אַ דלאָטע אָנגעצייכנטע געשטאַלטן, אַלס סילועטקעס אָדער שאָטנס.

וואָס שייך דער אַלטער דענקמאָלערישער קונסט, איז פון איר אין כינע, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, קיין זכר נישטאָ. קיין שום בנין, וועלכער איז געווען פריער פון XI י. ה׳ נאָך קר. האָט נישט אָנגעהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג. דערפאַר זענען די אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען פאַרבליבן עד היום דיזעלבע, ווי זיי זענען געווען אין IV און V י. ה. פאַר קר. און גרייכן זיכער אין די אומגערעכנטע צייטן.

די כינעזישע אַרכיטעקטור באַנוצט פאַרשידענע מינים מאַטעריאַל ווי: ציגל, שטיין, האָלץ, דאָס לעצטע אָבער, זייענדיק זעלטן אין צפון-כינע, ווו רעגנס פאַלן נאָר איינמאָל אין יאָר, איז זייער פּאָפּולער אויף דרום. די פאָרמען ווידער פון די כינעזישע בנינים זענען אָדער גראָדליניקע, אָדער בויגנאַרטיקע; קיין קאָפּול האָבן די אַלטערטימלעכע כינעזער נישט געקענט אָדער לגמרי נישט באַנוצט. אַקעגן-זשע האָבן זיי אַנטוויקלט באַ זיך איין נייעם עלעמענט, וועלכער איז פאַרבליבן אויף תמיד אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער כינעזישער אַרכיטעקטור. דאָס איז אַ שפּיציקער דאַך מיט איינגעהוילטע זייטן, וועלכע פאַלן אַראָפּ אין דער פאָרם פון געצעלט-פליגל. דערדאָזיקער דאַך דער א. ג. טינג — טיילמאָל צווייפאַכיק, און אפילו דריי-פאַכיק, איז געשטיצט אויף הילצערנע סלופּעס, דערביי האָט זיין דאָזיקע פאָרם געגעבן אפילו אַ סיבה צו די השערות וועגן דעם אויסבילדן זיך פון כינעזישן הויז אויס דעם פאַסטוכישן געצעלט. אַמאָל, וויניקסטנס שוין פאַר די צייטן פון דער דינאַסטיע טשאָו, פלעגן די גבירים און פירשטן אויפשטעלן הויכע פּאַלאַצן אין געשטאַלט פון טורעמס מיט עטלעכע שטאָקן און מיט טרעפּ, א. ג. טאַי, ווי ס׳איז קענטיק פון די כינעזישע מוסטערן, וועלכע דערמאָנען בולט אָן דעם בבלישן זיקוראַט. דער מנהג פון אויפשטעלן טריומפאַלע טויערן אָדער בויגנס,

---

די כינעזישע אַרכיטעקטור? און פון ווען דאַטירט זי זיך? ס׳אַרא זענען די באַשטאַנדטיילן פון דער כינעזישער אַרכיטעקטור? דער מאַטעריאַל?

די א. ג. pai-sang אָדער pai-leu לכבוד דעם קיסר אָדער לזכר פון וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן, איז אויך זייער אַלטערטימלעך; אָבער די איינציקע דענקמעלער פון דאָזיקן מין, וועלכע האָבן זיך אויפבאַהאַלטן, שטאַמען פון די צייטן פון 12 ביזן 15 י. ה. נאָך קר. דאָס זענען די איינציקע כמעט רעשטן פון דער כינעזישער אַרכיטעקטור, אַזאַ טויער, למשל, געפינט זיך אויך פאַר דעם קאָנפוציוס-טעמפל, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין טשו-פו-הסיען אין שאַן-טונג, אין דעם געבורטסאָרט פון דעם חכם. דידאָזיקע כינעזישע אַלטער-טימלעכע אָדער קאָנפוציאַנישע אַרכיטעקטור מיט אירע שפּיציקע דעכער און גראָדליניקע קאָנטורן וואָלט געווען אויסערגעוויינלעך אָרעם און מאָנאָטאָן, ווען עס זאָל זי נישט אָפּראַטעווען דאָס געמעל. די רויטע פאַרב, אַלס איבערוועגנדיקע, און נישט וויניקער די בלאָע, גרינע, געלע (באַגילדונגען), צוגעפּאַסט צו דער באַצירונג פונדרויסן, און אויך אינעווייניק אין די הייזער און בנינים, גיבן צו מאָלערישקייט, טעם און חן דער כינעזישער אַרכיטעקטור, וועלכער בילדעט אַ ספּעציעלן מין, וואָס מ׳וואָלט געקאָנט אָנרופן מאָלערישע אָדער קאָלאָריסטישע אַרכיטעקטור. אָבער אַחוץ דערדאָזיקער אייגנטלעכער ארכיטעקטור און נאַציאָ-נאַלער קאָנפוציאַנישער אָדער טאַאָיסטישער קונסט באַזיצט כינע נאָך אַן אַנדער מין, וועלכער איז אָנגענומען און פאַרשפּרייט צוזאַמען מיט דער נייער בודיסטישער רעליגיע, און וועמעס מקור און וויגל עס איז, פונקט אַזוי ווי פון דער רעליגיע, געווען אינדיע.

§ 15 די געאָגראַפישע לאַגע פון אינדיע

אינדיע בילדעט בלויז איין האַלבאינזל פון דער אַזיאַ-טישער יבשה, אָבער הן בנוגע דעם שטח, הן בנוגע דעם געאָגראַפישן כאַראַקטער, קאָן זי ווערן באַטראַכט פאַר אַ

ליניע? די פאָרם? אוואָסער איז די טינג-אַרכיטעקטור? אוואָסער זענען די טעאָריעס מכּוח איר אָפּשטאַם? אוואָסער איז געווען די אַלטע

באַזונדערע וועלטטייל. בנוגע דעם שטח טרעט אינדיע נישט אָפּ דער אייראָפּעישער יבשה, און דער מרחק פון אירע גרעניצן פאַרגלייכט זיך מיטן מרחק פון די ראַנדן פון אייראָפּע. צווישן דער לעפּצינג פון טייך אינדוס און גאַנגעס איז דער מרחק דערזעלביקער, וואָס צווישן באַיאָן און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און צווישן דער אַמייסטן צפונדיקער קני פון טייך אינדוס און דעם קאַפּ קאָמאָרין גלייכט זיך די ווייטקייט דעם מהלך פון אַר־כאַנגעלסק איבערן ווייסן ים אַזש ביז נעאַפּאָל. וואָס שייך אירע קלימאַטישע אייגנשאַפטן, איז הגם אינדיע ליגט בלויז אין דער טראָפּיקאַלישער סטרעפּע, שטעלט זי אָבער מיט זיך פאָר, אַדאַנק דער פאַרשידנאַרטיקונג פון דער אויבערפלאַך, די אייגנ־טימלעכקייטן פון אַלע קלימאַטישע סטרעפּעס, אָנהויבנדיק פון דער טראָפּיקאַלישער סטרעפּע פון די דזשונגלעס, ענדיקנדיק מיט דעם אייביקן שנייפאַס פון די הימאַלאַיען. נישט קוקנדיק אָבער אויף דערדאָזיקער פאַרשידנאַרטיקייט פון דער אויבער־פלאַך קאָן מען אינדיע טיילן אויף צוויי פּרינציפּיעל אַנדערש־דיקע געאָגראַפישע שטחים. איינער וועט זיין די צפונדיקע טייל פון אינדיע, בעיקר פלייניק — די געגנט פון הינדוסטאַן. דער צווייטער איז די דרומדיקע טייל, אַ בעיקר באַרגיקע געגנט — דער הויכפליין פון דעקהאַן. די ווינדהיא־בערג, וועלכע לויפן מיט עטלעכע פאַסן אינמיטן פון האַלבאינזל, קאָנען דינען פאַר אַ גרעניץ פון דידאָזיקע צוויי טיילן. די מעכטיקע וואַסער־סיסטעמען, פון איין זייט אינדוס און סוטעלדזש, פון דער צווייטער גאַנגעס און בראַמאַפּוטראַ, נעמען־אויף די ריזיקע מאַסן וואַסער פון די שנייאיקע שפּיצן פון די הימאַלאַיען און פירן זיי אָפּ אָדער אויף מערב צו דעם אָמאַן־איינגוס, אָדער אויף מזרח צום בענגאַלישן איינגוס, דערביי בילדעט יעדער פון די־דאָזיקע סיסטעמען אַ כמעט היסטאָרישע גאַנצקייט און אַ באַ־זונדערע פילאָזאָפיע פון דער נאַטור. בראַמאַפּוטרא טראָגט דעם צונאָמען „גאָטס זון", אינדוס ווידער גייט אָן פאַר די נעסט פון דער אַרישער ראַסע. דאָ, אין דאָזיקן צפונדיקן געביט האָבן

פארלוירנגעגאנגענע פארם פון די פאלאצ׳? פון סארא מין איז די אַני־דענק־ארכיטעקטור? און וואס באשטייט די פארביקייט פון דער טינג־

זיך צונויפגעזאַמלט אַלע קעגנזאַצן פון טראָפּיקאַל־טייכיקן און באַרגיק־ווינטערדיקן קלימאַט. די הימאַלאַיען־בערג, וועלכע שטייגן איבער מיט זייער גרויס צווייפאַכיק די אייראָפּעישע אַלפּן, און מיט דער לענג פינפאַכיק די שווייצאַרישע אַלפּן, וועלכע ווירקן שוין דערמיט גופא אויף דער פאַנטאַזיע פון די הינדוסן – דאָ זענען מחמת געאָגראַפישע און קלימאַטישע קאָנטראַסטן זיך מעכטיק צוואַקסן אין „ווינטער־ישובים״ – הימאַוואַט. אַזאַ איז זייער אַלטערטימלעכסטער נאָמען באַ די הינדוסן. דאָ האָט געוווינט קוווערא – דער אינדישער פלוטאָן – דער שומר פון די אונטער־ערדישע אוצרות און רייכטימער. זיי בילדן נישט בלויז די צפונדיקע גרעניץ פון אינדיע נאָר אויך זייער מויער פון דער איבעריקער וועלט. דאָס, וואָס איז פאַרבאָרגן הינטער זיי, איז עפּעס אַ גרויסע אומבאַקאַנטע וועלט, ווו עס וווינט אוטאַראַ־קוראַ, „דער מענטש אויפן ראַנד פון די מענטשלעכע ישובים״. אַפילו דער גרעסטער פון די טאָלן און די האַמאַלאַיען – דער טאָל קאַשמיר – בילדעט איינס פון די אַמייסטן אָפּגעשניטענע און איזאָלירטע לענדער צוגלייך מיט טיבעט אָדער דער הויכע־ניש פון מזרחדיקן טורקעסטאַן. אַזוי איז אויך די זאַך מיט דער הויכעניש פון דעקהאַן. אַרומגעגרעניצט פון דריי זייטן מיט די ראַנדבערג, איז זי אָפּגעשניטן פון ים־ברעג. די ים־שטעט זוכן אַ מקלט אויף דער פרוכטבאַרער ערד צווישן די בערג, ווי דאָס היינטיקע באָמבאַי. דידאָזיקע בערג, אַ. ג. מערבדיקער און צפונדיקער גהאַט, אָדער שטערן, וועלכע האָבן אויסגעשטיגן אויף דער יבשה״ – פאַרשטעלן די יבשה, וועלכע בילדעט איין גרויסן וואַלד, אין די אַלטערטימלעכער צייט אַ באַהעלטעניש פאַר די האַלב ווילדע איינהיימישע שבטים. דערדאָזיקער טראָפּיקאַ־לישער וואַלד אנטהאַלט אין זיך אַלע וווּנדער, מיט וועלכע אינדיע האָט געשמט אין אַלע דורות. טעקאָוועביימער, אַ מין דעמב, וועלכער וואַקסט אויף אַ הויך פון 3—4 טויזנט פוס, וועמעס וואָרצלען פאַרשלינגען יעטוועדע שפּייז אויף אַ ווייטן שטח, טויטנדיק אַרום זיך יעטוועדעס אַנדערע געוויקסנלעבן. זיין

ארכיטעקטור? סאַראַ. איז דער פּינציפּיעלער פּינאַנדערטייל פון דער־דאָזיקער אינזל? וואָסערע זענען די געאָגראַפישע אייגנשאַפטן פון

קאָנקורענט איז אַ מין סאָסנע, וועמען די איינהיימישע האָבן אָנגערופן „געטלעך געשאַנק" – deva daru (פונדאַנען דער פאַרענגלישטער נאָמען Deodar) – וועלכער איז נאָך העכער, מחמת ער גרייכט ביז 6 טויזנט פוס די הויך. 20 ביז 25 פוס אין אומפאַנג – און אַלס בוימאַטעריאַל שטייט ער נישט אָפּ פון די צעדערבוימער. (פון אים האָט אַלכסנדר דער גרויסער געזאָלט בויען זיין פלאָט). און די גרעסטע לסוף מערקווירדיקייט פון דער געוויקסנוועלט פון אינדיע – דער באַנאַן (ficus Indica) – איז אַ בוים וועמעס צווייגן לאָזן אַרויס שפּראָצונגען, וועלכער וואַקסט זיך איין מיט די וואָרצלען אין דער ערד און צעוואַקסן זיך פון איין שטאַם אין אַ גאַנצן וואַלד, אין וועמעס גבול עס קאָנען רוען גאַנצע אַרמעען. דידאָזיקע מערקווירדיקייטן פון דער געוויקסנוועלט, פונקט ווי פון דער חיות-וועלט: דער העלפאַנט, דער לייב און דערהויפּט דער טיגער, וועלכער טראָגט אין אינדיע דעם טיטל „קיניג פון די חיות", פונקט ווי זיין ריוואַל דער לייב – אין אַפריקע, זאָגן מער וועגן די הערלעכקייטן פון דער אינדישער נאַטור, איידער וועגן איר רייכטום. דאָס רייכטום פון אינדיע איז אַנטהאַלטן אין אירע נאַטירלעכע פּרוכטן, ווי תּבואה, רייז, צוקער, באַוול, טיי, גומי און אַ גאַנצע ריי וואָרצלען, פון וועלכע אינדיע איז דאָס פאָטערלאַנד (דער סאַנסקריטישער נאָמען פון צוקער שאַרקאַראַ, דער שפּעטערדיקער סאַקאַראַ; איז איבערגעגאַנגען אין כמעט אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן): אין די נוצלעכע חיות, ווי למשל די אינדישע מיני אָקסן Yák, וועלכע בילדן אַ באַזונדער סאָרט בהמות. גאָלד און זילבער האָט אינדיע קיינמאָל נישט באַזעסן אין אַזאַ מאָס, אין וועלכער די פאַנטאַזיע פון די מערבפעלקער האָבן באַקליידט דערמיט יענץ וווּנדערבאַרע גאָלקאָנדעלאַנד. אָבער דימענטן און אַנדערע טייערע שטיינער, ווי אָניקס, אַגאַט, לאַפּיס-לאַזול, זענען פאַרבאָרגן אין אַ גרויסער שפע אין איר שויס, ווי אויך פּערל, וועלכע ווערן אויפגעכאַפּט באַ אירע ברעגעס, און וועלכע שטייגן איבער מיט זייער ריינקייט און

הינדוסטאַן ? וואָסער איז דער כאַראַקטער און באַדייטונג פון די הימאַלאַיען-בערג ? וואָסער איז די לאַגע פון דעם קאַשמיר-טאָל ? וואָסערע

בליאַסק די פערל פון פערסישן איינגוס. מיט דער שפע פון גרובן-אוצרות האָט געשמט און שמט עד היום דערהויפּט די אינזל ציילאָן. דידאָזיקע אינזל איז נישט קוקנדיק אויף איר טראָפּיקאַלישער לאַגע, באַשאָנקען מיט אַ פּרעכטיקן קלימאַט, וועגן וועלכער ס'זענען דערגאַנגען ידיעות צו די גריכן שוין אין דער צייט פון אַלכסנדרס מלחמה-צוגן, און וועלכע האָט אונטערן נאָמען טאַפּראָבאַנאַ פיגורירט פיל שפּעטער באַ די אַלטערטימלעכע געאָגראַפן, וועלכע האָבן זי תמיד בטעות לאָקירט איף דרום, ערגיץ אין דער נאָענט פון אַפריקאַנישן צינאַם-ברעג, און נישט בשכנות מיט אינדיע.

§ 16 די ראַסן פון אַלטערטימלעכן אינדיע — די אַריער און איינהיימישע

אַנטשפּרעכנדיק צו דעם פאַרנומענעם שטח שטעלט מיט זיך אינדיע עד היום נישט פאַר קיין איינהייטלעכן צוזאַמענשטעל פון באַפעלקערונג. אין עטנישער הינזיכט באַגעגנט מען דאָ אַלע טיפּן פון פעלקערשאַפט, אָנהויבנדיק פון דעם ווייסן, ענדיקנדיק אויף די נעגראָידן, אין אַלע סטאַדיעס פון אַנטוויקלונג פון דעם נידריקסטן ביזן העכסטן. דערפאַר רופן איך די קענערס פון אינדיע אָן דאָסדאָזיקע לאַנד — „דער מוזעום פון די ראַסן" (וו. וו. הונטער). דער נאָמען הינדוסן, וועלכער איז אָנגענומען פאַר די אינדישע איינוווינער פון אַרישן אָפּשטאַם, באַצייכנט אַפילו היינט נאָך אַ גאַנץ קנאַפּע צאָל פון דער באַפעלקערונג פון דאָזיקן טיפּ, אַן ערך 18 מיליאָן (אויף דער אַלגעמיינער צאָל לערך 200 מיליאָן איינוווינער 1872). די איבריקע באַפעלקערונג איז אָדער אויסגעמישט מיט די אַריער, אָדער נישט-אַריש און רעדט אויף פאַרשידענע לשונות און דיאַלעקטן, פון וועלכע מ'האָט ביזאַהער אָפּגעציילט 189. דאָס זענען די אוראייניקלעך פון די השערהדיקע איינוווינער

זענען די אייגנשאַפטן פון דעם הויכפליין דעקהאַן? זיין אינערלעכקייט און די אַרומרינגלענדיקע בערג (Vindhya ווי אויך מזרחדיקע און

פון אינדיע פאַר דעם איבערפאַל פון די אַריער. אין די וועדישע הימנען טראָגן זיי דעם נאָמען „dasyu" וואָס באַ־צייכנט אין אַלגעמיין שונאים אָדער באַרבאַרן, אָבער נישט קיין ראַסע. דידאָזיקע באַפעלקערונג האָבן די אַריער אָנגעטראָפן אויף אַ זייער נידריקער קולטור־מדרגה, אָבער אויך זי איז נישט געווען די אורשפּרינגלעכע באַפעלקערונג. די עלטסטע שפּורן פון מענטשלעכן לעבן אין אינדיע זענען די שטיינער, אַריינ־געשטעקטע אין דער ערד פלאַטשיק אָדער מיטן שפּיץ אַרויף, וועלכע בילדן אַלעעס אָדער ענלעכע קרייזן צו דייענקע, וועלכע זענען פונאַנדערגעזייט, אָנהויבנדיק פון די בריטאַנישע אינזלען איבער מערב־אייראָפּע, צפונדיק אַפריקע, אַראַביע אַזש ביז סאַמע אינדיע. פון יענער צייט אָן איז נישט איין באַפעל־קערונגס־כוואַליע דורכגעשוומען דורך אינדיע און זיך אויסגע־מישט מיט אירע אַלטע איינוווינער, איבערלאָזנדיק אויף די מצבות שפּורן פון איר קולטור אין געשטאַלט פון געצייג, אָנהויבנדיק פון דעם אויסגעגלעטן שטיין אַזש ביזן אייזן און רוימישע מטבעות איינשליסלעך. אָט די אַלטע כוואַליעס זענען אָנגעשוומען פון צפונדיקן מזרח אָדער צפונדיקן מערב. צו אַזעלכע אָנפלוסן ביז די אַריער ווערן פאַררעכנט די צוויי הויפּטשבטים אין היינטיקן אינדיע. איינער איז דער קאָלאַריען־שבט, וועלכער האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט פון בורמא איבער אַסאַם און דער בענגאַל־געגנט (היינטיקע סאַנטאַלן). פון דער קעגנאיבערדיקער זייט איז געגאַנגען דער פיל שפּעטערדיקער, אָבער אויך פיל מעכטיקערער אָנפלוס פון די דראַווידן־שבטים. ס'האָבן זיך צונויפגעשטויסן דידאָזיקע צוויי שטראָמען אויף דער הויך פון די ווינדהיא־בערג, דערביי האָבן די דראַווידן אָפּגעשטופּט די קאָלאַריער און זיך אַליין פונאַנדערגעשפּרייט אויף דער דעקהאַן־הויכעבֿניש ביז צום עק פון האַלבאינזל און אפילו אויף די שכנותדיקע אינזלען. מיט אָט־די דראַווידן האָבן געהאַט אַמייסטן צו טון די אַריער, באַקעמפנדיק און אַרויס־שטויסנדיק זיי אין די וואָס אַמאָל ווייניקער גאַסטפריינטלעכע

מערבדיקע גאטהיי)? וואָסערע זענען די מערקווירדיקייטן פון דער געוויקסן־און חיות־וועלט פון אינדיע? און וואָס ליגט איר הויפּט־רייכטום? וואָס

טיילן פון האַלבאינזל. הגם זיגערס, האָבן זיי זיי נישט פּאַרטיליקט ביז צום גרונט און עד־היום זענען פיל איינהיימישע שבטים אין אינדיע פאַרבליבן אויף דערזעלביקער קולטור־מדרגה, ווי פאַר דעם אָנקום פון די אַריער. די רעליגיע פון דידאָזיקע נישט־אַרישע שבטים האָט זיך אויפגעהיטן ביז צום היינטיקן טאָג אין דער פאָרם פון נאַטור־פאַרערונג, ווי ביימער, וועלכע זיי באַטראַכטן פאַר די זיצערטער פון די געטער און באַהענגען מיט פאַרשידענע חפצים. וויבאַלד דאָס איז אַ באַנאַן־בוים, טאָ דינט ער צוגלייך אַלס פאַנטאַסטישער טעמפּל, וווּ עס פאַרזאַמלען זיך די איינוווינער פון די שכנותדיקע דערפער, וווּ עס פאַרהאַלטן זיך די אָנגעפאָרענע און מכשפים (guru). מחמת די גאַנצע אורטימלעכע אָדער איינגעבוירענע רעליגיע צוזאַמען מיט אַלע אירע כישופן, השבעות, ווי אויך פריסטער־מכשפים שטעקט עד היום טיף פאַרוואָרצלט אין די באַגריפן פון די הינדוסן און בילדעט דעם א. ג. אינדישן פאָלקסטימלעכן רעליגיע־סיסטעם, וועלכער איז לחלוטין אַנדערש פון בראַמאַניזם און בודיזם. פיל רעליגיעזע באַגריפן פון די איינהיימישע זענען איבערגעגאַנגען אפילו אין די גלויבענישן פון די אַריער. אַזוי, למשל, טרעט אויף אין די וועדישע הימנען אַלס הויפּטגאָטהייט פון די איינהיימישע תמיד שישנא אָרער שעש, דערפון פלעגט מען אירע פאַרערער אָנרופן מיט פאַראַכטונג „שישנא־דעוואס". דאָס איז געווען דער גאָט פון דער ערד און אונטערערדישע אוצרות, דער געבער און אפּיטרופּוס פון לעבן. דידאָזיקע גאָטהייט איז אויך אַריינגעגאַנגען אין פאַנטעאָן פון די אַרישע גאָטהייטן אונטערן נאָמען גאָט־שלאַנג אריאַקאַ, און אין דעם היינטצייטיקן הינדויזם ווערט זי פאַרערט אונטערן געשטאַלט פון אַ לעבעדיקן שלאַנג. אָבער די אַרישע גאָטהייט אַגני האָט אויפבאַהאַלטן איר בכורה לגבי דעם גאָט־שלאַנג. די אַרישע קולטור האָט באַזיגט די גלויבענישן און מדות פון די איינהיימישע, און זי האָט עס אויפגעדריקט איר חותם אויף דער געשיכטע פון אינדיע אַזש ביז אויפן היינטיקן טאָג. די אויס־

איז אַזוינס אַלטע־טימלעכע טאַפּראָבאַנאַ ? אַוואָסערע זענען די עטנישע טיפּן אין אינדיע, און וויפל זענען פאַראַן אַזעלכע ? וועלכע באַפעלקערונב

דריקער פון דערדאָזיקער קולטור איז געווען די קאַסטע פּריסטער און לערערס-בראַמאַנער. זי האָט געשאַפן דעם רעליגיעזן און רעכטלעכן סיסטעם. זי האָט אויפגעהיטן די ריינקייט פון דער אַרישער ראַסע מיט דער הילף פון קאַסטעס, פון וועלכע די צוויי ענגערע, בראַמאַנער און ראַדזשפּוטן (אַמאָליקע קשאַטריאַ), גייען אָן פאַר די ריינע פּאָרשטייער פון דער אַרישער ראַסע. די גאַנצע געשיכטע פון אינדיע איז בכן די געשיכטע פון דער בראַמאַנישער מסורה און דעם קאַמף מיט איר פון די רעפאָר-מאַטאָרן.

§ 17 די בראַמאַנישע ציוויליזאַציע

די פריע תקופה פון דעם לעבן פון די אַריער אין פּאַנדזשאַב האָט נישט געקענט קיין טיילונג אויף קאַסטעס, פּונקט ווי זי האָט נישט געקענט דעם אָפיציעלן פּריסטער-שטאַנד. דער ראש פון שטאַם פלעגט אַליין אָפּריכטן תפלות און אַליין אויפּברענגען קרבנות. אָבער מיטן לויף פון דער צייט האָבן זיך בראש פון רעליגיעזן לעבן אַרויסגערוקט דייעניקע, וועלכע זענען געווען די שעפער פון דידאָזיקע תפלות (בראַמאַ) און די קענערס פון ריטואַל. דאָס זענען די באַרדן און פּאָעטן, וועמעס וויסנשאַפט קומט בירושה און ווערט אויפגעהיטן אין זייערע שטאַמען. זיי באַגלייטן די אַריער אין זייערע קריגסצוגן און זיי דערוואַרימען זיי צום קאַמף. דאָס זענען די פון די המנען באַקאַנטע הייליקע — רישי. נישט פון עמיצן אַנדערש, ווי פון זיי, שטאַמען יענע גאָטספּאָרכטיקע טעקסטן און הימנען, וועלכע זענען צונויפגעזאַמלט אין דער ריגוועדאַ. אָבער אין זייער טעטיקייט קאָן מען מער דערבליקן די ראָלע פון מכשפים-שאַמאַנער, איידער וואָרזאָגער אָדער פּאָעטן — אין זייערע תפלות זענען געווען מער השבעות, פעטישן-קולט, איידער סימבאָליק אָדער קולט פון אבסטראַקטע גאָטהייטן. זיי זענען

ווערט באַטראַכט פאַר די איינהיימישע? מיט וועמען קעמפן די אַריער?
סאַראַ איז דער רעזולטאַט פון דאָזיקן קאַמף אין רעליגיעזער און פּאָלי-

דאָס מיט דער צייט געוואָרן די איינציקע באַרעכטיקטע צום דורכפירן רעליגיעזע צערעמאָניעס און אָפריכטן תּפילות. פונ־דאַנען זייער נאָמען בראַמאַנער. אָבער מתּחילת פלעגן אויך די קריגסלייט אַרויסגעבן פון צווישן זיך רישי. אין די וועדישע הימנען איז אַפילו אַ רייד וועגן מלכים רישי (ראַדזשאַרישי). די אָפזונדערונג פון די בראַמאַנער אין איין קאַסטע און די אויסטיילונג פון אַלע אַנדערע שיכטן איז פאָרגעקומען שטופנווייז. אַלס יועצים פון די מלכים און לערערס פון פאָלק האָבן זיי פאַרנומען אַן אָנפירערישע שטעלונג אין פאָלק. — אָבער דער־דאָזיקער פּראָצעס איז נישט פאָרגעקומען מיט דעם ריטערישן קלאַס (קשאַטריער). דערדאָזיקער קאַמף האָט געפונען זיין אָפשפיגלונג שוין אין די וועדישע ביכער אין דער פאָרם פון אַ לעגענדע וועגן וואַסישטאַ ווישוואַמיטראַ, די מלכים־רישי פון צוויי מיט איינאַנד קעמפנדיקע שבטים. איינער האָט געזאָלט אַרויסשטאַמען — לויט דער שפּעטערדיקער אינטערפּרעטאַציע פון די בראַמאַנער — פון דער בראַמאַנישער קאַסטע, דער צווייטער — פון דער מיליטערישער, הגם ער האָט אויך דער־גרייכט צו דער פולקאָמענהייט פון אַ בראַמאַנער. אָבער דער קעגנזאַץ צווישן דידאָזיקע צוויי רישי האָט זיך איבערגעטראָגן שפּעטער אויך אויפן אַנטאַגאָניזם פון די צווישן זיך קעמפנדיקע שולן — איינע אַ קאָנסערוואַטיווע בראַמאַנישע, וועלכע האָט פאַרלאַנגט אַ שטרענג אָפּהיטן פון די קאַסטעס, וועלכע האָט אוזורפירט פאַר איר קאַסטע אַלע פּריווילעגיעס און די ממשלה איבער דער וועלט; די צווייטע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון דער מילדערונג פון די קעגנזאַצן און דער אייסגלייכונג פון די אונטערשידן צווישן די איינוווינער. די ריינסטע בראַמאַנישע אָרדענונג צוזאַמען מיטן פּרינציפּ פון פיר קאַסטעס האָט זיך אָנגענומען און באַפעסטיקט ערשט דאַן, ווען די אַריער האָבן אַריבערגעטרעטן אינדיע און זיך דערקריגן פון פאַנדזשאַב איבערן גאַנגעס. דאָ, אין דעם א. ג. מיטללאַנד (מאַדהיאַדעשאַ) פון דעלהי, אַלס מערבדיקע רעזידענץ, מיט

טישער ה״נזיכטן? ווער האָט דערהאַלטן די ממשלה פון דער אַרישער ראַסע אין אינדיע? סאַראַ זענען די פאַרדינסטן פון ב״אַמאַניזם און דער פאַרלויף

בע׳אַרעס און אייאָדהיאַ – אַלס מזרחדיקע, האָט זיך צעבליט דער בראַמאַניזם, אינדערצייט ווען אַזוי גוט אין פּאַנדזשאַב, ווי אין מיטלאינדיע, האָט ער זיך קוים פראַגמענטאַריש און אויסנאַמווייז דערקריגן און זיך דערהאַלטן. דאָ איז אַנטשטאַנען דער מאַנו־קאָדעקס, דאָ זענען אַנטשטאַנען די צוויי גרויסע עפּישע פּאָע־מעס, מאַהאַבהאַראַטא און ראַמאַליאַנאַ, און דאָ איז אַנטשטאַנען די גאַנצע טעאָלאָגישע ליטעראַטור – די א. ג. בראַמאַנאַ־ספרים, וועלכע זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך בראַמאַנער און דינען צו זייער געברויך. דאָ זענען אויך אַנטשטאַנען צאָלרייכע בראַמאַנישע שולן, וועלכע האָבן אַנטוויקלט די פילאָזאָפישע חקירות (די אופּאַנישאַד־ביכער). דער באַגריף בראהמא, וועלכער האָט אורטימלעך באַטייט תפלה, בקשה, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ קאָסמישן עלעמענט, וואָס דערהאַלט אַלצדינג און איז דער אורקוואַל פון אַלע זאַכן, לסוף האָט ער זיך אויסגעדריקט אין געשטאַלט פון דער העכסטער גאָטהייט, דעם בורא פון אַלע זאַכן – בראהמא. אויף אַזאַ אופן האָט די נאַטור־רעליגיע פון די וועדאַס אָפּגעטרעטן דאָס אָרט דעם טעאָזאָפישן פּאַנטעיזם – דעם בראַמאַניזם. דעם וועדישן דריילינג ווידער, אגני (פייער), אינדרא (וואָלקן) אָדער וואַיו (ווינט), סוּראַ (זון), האָט פאַרטרעטן דער דריילינג בראַהמאַ, ווישנו און שיוואַ, וועלכער איז נאָר די פאַרקערפּערונג פון איין און דערזעלביקער גאָטהייט – די מאַניפעסטאַציע פון איר דרייפאַכיקער קראַפט: דער שעפערישער, דערהאַלטנדיקער און פאַרניכטנדיקער. דידאָזיקע פאַנטעיסטישע דאָקטרין האָט געפונען די אַנטוויקלונג אין פאַרשידענע שולן. אַזוי האָט קאַפּילאַ, דער גרינדער פון דער סאַנקהיא־שול (היינטיקע יאָגאַ), דערבליקט צוויי עלעמענטן: אַ פּלאַסטישן – די „פּראַדהאַנאַ"־מאַטעריע, און אַ גייסטיקן. – „אַטמאַן דעם גייסט" אָדער „פּורושאַ" דעם איך. אַן אַנדערע שול (וועדאַנטאַ אָדער קאָנקלוזיעס פון דער וועדא) האָט זיך מיאש געווען פון צו זוכן דעם אורעלעמענט און האָט פאַרלייקנט די ממשותדיקייט פון דער וועלט, אָנרופנדיק זי

פון זיין געשכטע? סאַ־אַ איז דער אָנהויב פון די בראַמאַנער? ווער זענען עס די רישי? סאַראַ איז דער כאַראַקטער פון דער וועדישער

אילוזיע (מאַיאַ). שוין אין דידאָזיקע שולן איז געלעגן אַ נעגאַציע פון דער בראַמאַנישער דאָקטרין מיטן באַשעפער פון דער וועלט בראַהמאַ. זיי זענען פונדעסטוועגן אַרויסגעגאַנגען פון דער בראַמאַנישער גרונטלערע. כל זמן דידאָזיקע אַמפּעריען זענען נישט אַרויסגעגאַנגען מחוץ דעם תּחום פון דער געלערנטער וועלט און נישט באַרירט די פראַגע פון דער בראַמאַנער-מאַכט האָבן זיי זיך נישט אָנגעטראָפן מיט דער אָפּאָזיציע פון דער אַלמעכטיקער היעראַרכיע אין אינדיע. דער ערשטער, וועלכער האָט נישט בלויז געשטעלט אַ ווייטערדיקן טריט אין דער אַנטוויקלונג פון דידאָזיקע פילאָזאָפישע דאָקטרינעס, נאָר האָט אויך איבערגעריסן מיט דער אָפיציעלער טראַדיציע, ווי אויך מיט די פּריווילעגיעס פון דער פּריסטער-קאַסטע, איז געווען בודדאַ גויטאַמאַ „דער אויפגעקלערטער חכם", וועלכער איז מער באַקאַנט אונטערן נאָמען סאַקריאַ-מוני. ער האָט עס אַרויסגערופן די רעליגיעזע שפּאַלטונג אין אינדישן בראַמאַניזם און געוואָרן דער שעפער פון אַ נייער רעליגיע — בודיזם

§ 18 סידהאַרטאַ גויטאַמאַ און די לערע פון בודיזם

דער אייגנטלעכער בודיזם האָט זיך שוין ביז בודהאַ פונאַנדערגעטיילט אין די פילאָזאָפישע שולן אויף פאַרשידענע סעקטאַרישע ריכטונגען. אַ טייל פון זיי, צונויפגעמישט מיט פאַר-שידענע פּאָליטעיסטישע גלויבענישן, האָט זיך אויפגעהיטן ביז אויפן היינטיקן טאָג אין דער פאָרם פון דער א. ג. הינדויסטישער רעליגיע, אינדערצייט ווען זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויפן יסוד פון בראַמאַניזם, איז די היינטיקע בודיסטישע רעליגיע, וועלכע האָט דאָ אין אינדיע אויפגעבליט, אָבער שוין אין IX י. ה. פון אונזער ערע אַרויס-געטריבן פון כינע, האָט זי זיך אויפבאַהאַלטן בלויז אויף ציילאָן און אין די דערבייאיקע לענדער, ווי בורמאַ, אינדאָ-כינע, לסוף

„בראַמאַ" און דער ווערדישער פּריסטערשאַפט? וואָס האָט באַפעסטיקט דעם בראַמאַניזם? סאָראַ איבערגעשטאַלטונג איז פאָרגעקומען פון

האָט זי זיך פונאַנדערגעשפּרייט מחוץ דעם גבול פון אינדיע און בילדעט היינט די מעכטיקסטע רעליגיעזע קאָנפעסיע, וועלכע נעמט אַרום אַ דריטהלק פון דער מענטשהייט פון דער גאַנצער וועלט. וועגן איר שפּעטער האָבן זיך אויפבאַהאַלטן מערנישט ווי לעגענדעס, אַזוי אַז ער האָט נישט אויס־געמיטן דעם גורל פון אַנדערע רעליגיע-שאַפערס, וועלכע זענען טיילמאָל פאַרמשפּט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפט אויף פול־שטענדיקע היסטאָרישע פאַרניכטונג. אָבער אָפּוואַרפנדיק דעם לעגענדאַרישן אונטערשלאַק, לאָזט זיך פון די רעליגיעזע בודיסטישע ביכער אַרויסציען אויך אַ קערן פון היסטאָרישן אמת. בודהא איז לגמרי נישט קיין צונאָמען, נישט קיין פּער־זענלעכער נאָמען, נאָר באַטייט בכלל „אויפגעקלערטער חכם", ד. ה. איינער פון דייעניקע, וועלכע זענען געווען פיל פאַר אים, און וועלכע דאַרפן קומען אויך נאָך אים — נייע לערערס און שאַפערס פון דער רעליגיע. זיין אייגנטלעכער נאָמען איז געווען סידהאַרטאַ מיטן צונאָמען גויטאַמאַ, און ער האָט אַרויס־שטאַמט פון מיליטערישן נעסט. זיין פאָטער סודהאָדאַנאַ איז געווען פירשט פון קלאַן סאַקיאַ, וועלכער האָט געוואוינט אין צפון-אינדיע אויף דער גרעניצליניע פון נעפאַל מיט דער אַלטערטימלעכער רעזידענץ אין קאַפּילאַוואַסטו. דאָס לעבן פון בודהא, פול מיט פאַרשידענע פאַסירונגען און וווּנדערלעכקייטן, האָט אַן ענלעכן פאַרלויף צום לעבן פון פיל אַנדערע רעליגיע־שאַפערס. תחילת אַ תקופה פון פולשטענדיקן אומגלויבן, אין דאָזיקן פאַל — פון אומוויסן, אין פאַרבינדונג מיט געניוס פון עולם־הזהדיקע תענוגים, דערנאָך אַ תקופה פון אומצופרידנקייט מיט זיך און מיטן לעבן און אַ זוכעניש פון נייע וועגן. דער סקעפּטיקער גויטאַמאַ וואַרפט אַוועק די פרוי, דעם פריש געבוירענעם זון, דעם פּאַלאַץ און זיין פירשטנטום און לאָזט זיך אַוועק נאָך לערע צו די בראַמאַנער, און גיט זיך אויך אָפּ מיט די רעליגיעזע איבונגען. שוין דעמאָלט האָט ער זיינע תלמידים, הגם נישט פיל, וועלכע האַלטן אים פאַר אַ חכם,

---

באַגריף בראַמאַ? וואָס איז אַזוינס וועדישער און בראַמאַנישער דריילינג?
סאַרא אונטערשיד איז פאַראַן צווישן דער וועדישער און בראַמאַנישער

און מיט וועמען זיי פֿאַרבּרענגען שעהן אויף הסתּכּלות: אונטער אַ גרויסן בּאַנאַנעבּוים. אָבּער די אייגנטלעכע איבּער־קערנייש איז נישט געווען בּאַ אים קיין רעזולטאַט פֿון אַסקעטיזם. פֿאַרקערט, בּודהא האָט אַנטדעקט, אַז די אַסקעטישע פּראַקטיק, אָן וועלכער ס׳האָבּן זיך געהאַלטן די בּיזאַהעריקע חכמים און לערער פֿון די הינדוסן, פֿירט נישט אַליין צום אמת, אַז דער איינציקער וועג צום גליק איז די פֿולשטענדיקע בּאַפרייונג פֿון יעטוועדן ווירקלעכן זיין (קאַרמאַ) און דאָס פֿאַרטיפֿן זיך אין דעם נישטזיין אָדער נירװאַנא. מען דערגרייכט דערצו דורך דער בּהדרגהדיקע דערקענטעניש פֿון אמת, און דידאָזיקע פֿיר מדרגות אירע, וועלכע ווערן אָנגערופֿן דורך די בּודיסטן „וועגן״, זענען דאָס איינציקע מיטל צו דערלייזונג. פֿון דעם מאָמענט פֿון דאָזיקן מאָראַלישן איבּערבּרוך האָט בּודהא דער־פֿילט אין זיך דעם כּוח צו פּרעדיקן די נייע תּורה און זיך צוריקגעקערט פֿונדאָסניי צו זיינע תּלמידים, וועלכע האָבּן זיך אַסקעטיזירט אונטער דעם בּאַנאַנעבּוים אין דער נאָענט פֿון בּענאַרעס, כּדי מיט זייער הילף אומצוקערן דאָס קיניגרייך פֿון אמת אויף דער ערד, אויפֿקלערן די פֿאַרזונקענע אין טונקלקייט פֿון אומוויסן און אָפּעפֿענען פֿאַר די מענטשן די טויערן צו דער אומשטערבּלעכקייט. זיין רעליגיע קען נישט קיין שום גאָט, נישט קיין שכר ועונש נאָכן טויט, אָבּער אָנערקענענדיק די מדרגות פֿון וועג צום אמת, נעמט ער אָן דעם בּראַמאַנישן פּרינציפּ פֿון פֿאַרקערפּערן זיך אין וואָס אַמאָל פֿולקאָמערע פֿאָרמען אַזש בּיזן פֿולשטענדיקן פֿאַרזינקען אין דעם נישטזיין. די איינצוימונג פֿון די תּאוות און די ליבּע פֿון דער אַלשאַפֿונג איז די אינערלעכע הויפּטקראַפֿט אויפֿן דאָזיקן וועג, אָבּער נישט קיין תּפֿלה אָדער קרבּן. דערפֿאַר וואַרפֿט דער בּודיזם אָפּ די אַלע פּריסטער, אָנערקענט נישט קיין שום קאַסטעס, און ווענדט זיך צו אַלע מענטשן אָן אונטערשיד פֿון ראַסע, געשלעכט און ראַנג. און דאָס האָט אים פֿאַרזיכערט אַזאַ דערפֿאָלג.

רעליגיע? ווו איז דער אַנטוויקלונגס־צענטער פֿון דער בּראַמאַנער־לערער? סאַראַ איז דער פֿילאָזאָפֿישער כּאַראַקטער פֿון דערדאָזיקער רעליגיע? ווי־

§ 19 די אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע
פון בודיזם. קיניג אַסאָקאַ

במשך פון 45 יאָר, לויט די ווערטער פון דער לעגענדע, האָט בודהא געלערנט אין די גאַנגעס-געגנטן בשכנות פון דער שטאָט בענאַרעס. זיינע אָנהענגער האָבן זיך אָבער נישט פאַרזאַמלט אַרום אים, נאָר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַלע וועלטזייטן, כדי צו באַקערן. איינמאָל אין יאָר אין דער רעגנצייט פלעגן זיי זיך צונויפקלויבן צוזאַמען מיט זייער רבי. הגם די לערע פון בודהא איז געווען אַ נעגאַציע פון יעטוועדן באַזונדערן פּריסטער-שטאַנד, מחמת ס'איז נישט פאַראַן קיין גאָט, נישט קיין פאַרמיטלער צווישן אים און די באַקענער, פאַר יעדן ווידער איז אָפן דער אַלייניקער צוטריט צו דער דערלייזונג — האָבן דאָך דייעניקע, וועלכע האָבן זיך מקדיש געווען אויס-שליסלעך דעמדאָזיקן פאַרפּולקאָמונגס-ווערק, געבילדעט אַ מין אָרדן. אַלע האָבן לויטן ביישפּיל פון זייער רבי געגאָלט די האָר און באָרד, האָבן אויך אָנגעטון אויף זיך מלבושים פון געלן (אייגנטלעך פאָמעראַנצן-) קאָליר. אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ מין ברודערשאַפט אָדער בעטלער-אָרדן — Sangha — וועלכער האָט געדינט צוגלייך די צילן פון פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך דער פלעגונג פון דער בודהא-לערע. (אין 14 י. ה. האָט זיך פון אים אויסגעבילדעט אַ גאַנצע גייסטיקע היעראַרכיע פון לאַמאַיזם). דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע, געשאַפן דורך בודהא, האָט פאַרזיכערט אַ צוקונפט דער לערע זיינער. נאָכן טויט פון בודהא (אַרום י. 480) האָבן זיך 500 תלמידים זיינע צונויפגענומען אין אַ קרייז אין דער נאָענט פון ראַדזשאגריהא. דאָס איז געווען דער ערשטער בודיסטישער קאָנציל, וועלכער האָט צונויפגעשטעלט די לערע און זי איינגעטיילט אויף ביכער לויטן אינהאַלט. אין 100 יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען ווידעראַמאָל אַ קאָנציל

אזוי האָט זיך אַנטוויקלט דער פּאַנטעיסטישער פּרינציפּ ? סארא פילאָ-זאָפישע שולן האָבן מקדים געווען דעם בודיזם ? סארא איבערקערעניש

אין וואיסאַלאַ. דער דריטער איז פאָרגעקומען שוין פאַר דער הערשאַפט פונם קיניג אַסאָקאַ אין פּאַטאַליפּוטראַ (244).

דער בודיזם האָט נישט מיטאַמאָל דערוואָרבן די איבער־געוויכט אַלס רעליגיע אין צפונדיקן אינדיע. ער האָט זיך איינגעפלאַנצט לעבן אַנדערע רעליגיעזע דאָקטרינעס נישט אָן דער הילף, נאַטירלעך, פון די פעאָדאַלע מאַכטהאָבערס. דעם מלוכהשן כוח אָבער און דעם כאַראַקטער פון אַן אָפיציעלער אמונה האָט אים פאַרזיכערט ערשט דער פרומער קיניג אַסאָקאַ 250 יאָר נאָכן טויט פון בודהא. ער איז געווען דער מושל פון דער גאַנגעס־מלוכה מאַגאַדהאַ. דאָ האָט זיך אויסגעבילדעט דער צענטער פון בודיזם — און די צאָל פון די בודיסטישע קלויס־טערס, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר דער הערשאַפט פון דאָזיקן קיניג, האָט געזאָלט זיין אַזוי גרויס, אַז דער נאָמען פון דער בודיסטישער קירך (vihara) איז עד היום דער נאָמען פון דאָזיקן טייל אינדיע (Behar). פון זיינע צייטן שטאַמען דאָס אַרויס נישט בלויז די קירכן, וועלכע געפינען זיך ס׳רוב אין חורבות, נאָר אויך די אויפשריפטן אויף די פעלזן און שטיינער, וועלכע זענען אויפגעהיטן ביז אויפן היינטיקן טאָג, און וועלכע זענען מכריז די תורה פון בודהאַ. איינער פון זיי אויף אַ שטיינערנעם סלופּ, וועלכן מ׳האָט געפונען אין י. 1895 אין דער הייל לומביני, אין דער געגנט פון נעפּאַל צופיסנס פון די הימאַלאַיען־בערג, דערציילט אַז דער קיניג אַסאָקאַ האָט עולה־רגל געווען קיין לומביני, אַלס אין געבורטס־אָרט פון בודהא. לויט דער איניציאַטיוו פון דעמזעלביקן קיניג האָט דער קאָנציל, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט אין פּאַטאַליפּוטראַ, אָדער פּאַטנאַ, צונויפגעשטעלט אין דער ענד־גילטיקער רעדאַקציע די לערע פון בודהא (טריפּיטאַקאַ). און עד היום בילדעט דערדאָזיקער בודיסטישער קאַנאָן, דער א. ג. „קליינער וואָגן", רעדאַגירט אין דער פּאַלי־שפּראַך, וועלכע איז קרוביש מיט דער סאַנסקריטישער (דער השערהדיקער דיאַלעקט מאַגאַדהאַ), דעם יסוד פון דער בודיסטישער רעליגיע אויף

האָט אַרויסגערופן דער בודיזם אין די רעליגיעזע באַגריפן? פון וואָס האָט ער באַפרייט די בראַמאַנישע דאָקטרין? סאַראַ זענען די עיקרדיקע

ציילאָן, אין בורמאַ און אינדאָ-כינע. דעם נייעם אימפּולס אָבער צו דער אינעווייניקסטער-ענדערונג און די נייע ריכטונג פון דער טעריטאָריאַלער פונאַנדערשפּרייטונג האָט דער בודיזם באַקומען אין דעם צונויפשטויס מיט די טערקישע שבטים פון מיטלאַזיע, צוליב דעם איבערפאַל פון די יוע-טשי און סאַקן אויף אינדיע.

§ 20 די אינדאָ-סקיטישע מלוכות. דער קיניג קאַנישקאַ און דער לעצטער עטאַפּ פון דער אַנטוויקלונג פון בודיזם

דער קיניג אַסאָקאַ איז געווען אַן אייניקל פון דעם-זעלביקן אינדישן קיניג טשאנדרא גופּטאַ, דעם גריכישן סאַנד-ראָקאָטאָס, וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם רוקן זיך פון די גריכן אויף מזרח און געגרינדעט אַ מעכטיקע נאַציאָנאַלע מלוכה מיט דער דינאַסטיע מאַוריאַ אין צפון-אינדיע (322 – 298). אַסאָקאַ האָט אים געגעבן אַ נייע רעליגיע. פאַר זיין הערשאַפט (273 – 231) האָבן די בודיסטישע מיסיאָנערן זי פאַרטראָגן אויף דרום קיין ציילאָן, אויף צפון קיין באַלק. אַסאָקאַ האָט אָנגעבונדן באַציונגען מיט דעם סירישן קיניג אנטיאָך טהעאָס, אַן אייניקל פון סעלייקאָס ניקאַטאָר (256). אָבער אין נאָכ-קומענדיקן יאָרהונדערט האָבן דאָס אָרט פון די סירישע מושלים פאַרנומען די גריכיש-באַקטרישע מלכים. אויקראַטידעס, דער קיניג פון באַקטריע, האָט באַצוווּנגען דאָס קיניגרייך פּאַטאַל אין פּאַנדזשאַב, און אַרויסגעשיקט וואַרשיינלעך מלחמהצוגן אַזש קיין גודזשעראַט. מענאַנדער האָט זיך גערוקט נאָך ווייטער אין געביט פון צפון-מזרחדיקן אינדיע, און זיין-אינדישע מלוכה האָט זיך אויסגעשפּרייט פון קבול, נאָענט פון וועלכער ס'איז געווען זיין רעזידענץ, אַזש ביז דזשומנאַ. אָבער אין דער העלפט פון

תנאים פון דער אָפּווייבונג פון דער אמתדיקער לערע פון די בראַמאַנער? וואָס איז אַזוינס הינדוויזם? פון וואָס איז דער בודיזם אן אָפּווייבונג?

וו-טן י. ה. וואַרפן די יוע־טשי אום די ממשלה פון די גריכן אין באַקטריע, וועלכע איז שוין געווען אונטערגעגראָבן פון פריער דורך די אינערלעכע מחלוקתן. שפעטער נעמען זיי איין

כינעזישע סטאַטוע פ'ן בודהא

אַפגאַניסטאַן, קאַבול און צפון־אינדיע. זיי פאַרלייגן דאָס די נייע, באַ די גריכישע שרייבער א. ג. אינדאָ־סקיטישע מלוכה, אינדערצייט ווען אין די אינדישע מקורים רופן זיך אירע

מושלים טורוּסקן אָדער סאַקן. אָבער אויף די איבערפּאַלערישע וואָגלער-שבטים האָט די איינהיימישע — גריכישע, ווי די אינדישע באַפּעלקערונג געהאַט אַן איבערוועגנדיקע השפּעה. די גריכישע השפּעה האָט זיך דערהאַלטן אויפן געביט פון דער קונסט ווי אויך פון די פּאָליטישע איינריכטונגען, אינדערצייט ווען די אינדישע — אויפן רעליגיעזן געביט. דידאָזיקע סקיטישע מושלים טרעטן אויף אויף די מטבעות מיט גריכישע נעמען. קהיען-טסין-קי (וואַרשיינלעך הירקאַדעס) הערשט פון קאַשמיר ביז קאַבול. זיין זון יען-קאָאַ-טשינג (קאַדפיזעס) האָט באַצווונגען צפון-אינדיע אַזש ביז דזשומנא. זיין נאָכפאָלגער קאַנישקאַ איז דער שעפער פון דער מעכטיקער מיטלאַזישער מלוכה און צוגלייך דער העלד פון בודיזם, אויף וועמעס אמונה ער איז איבערגעגאַנגען (אַרום 15 י. פאַר קר.). זיין מלוכה האָט זיך אויסגעשפּרייט פון כאָקאַנד און יאַרקאַנד אַזש ביז גודזשעראַט, און פון אַפגאַניסטאַן אַזש ביז דזשומנאַ. גלייכצייטיק טרעט קאנישקא אויף אַלס פּראָטעקטאָר פון בודיזם, ער רופט צונויף אַ נייעם קאָנציל, וועלכער האָט געגעבן די צווייטע לויט דער ריי רעדאַקציע די בודיסטישע ביכער. דידאָזיקע נייע רעדאַקציע, דער א. ג. „גרויסער וואָגן", איז די סיבה פון דער פונאַנדערשפּאַלטונג פון דער בודיסטישער רעליגיע אויף צוויי אמונות — אויף די צפונדיקע, וועלכע האַלט זיך אָן „גרויסן וואָגן" און די דרומדיקע — אָן „קליינעם וואָגן". די ביכער פון דעם לעצטן זענען אין דעם פּאַלי-דיאַלעקט, און פון דעם ערשטן זענען צונויפגעשטעלט אויף סאַנסקריטיש. פאַר דער הערשאַפט פון קאַנישקאַ, ווי אויך פון זיינע ברידער יושקא און הושקאַ, האָט דער בודיזם אַריבערגעטרעטן אינדיע און אַריין אין מיטלאַזיע. מחמת קיינמאָל, נישט פריער און נישט דערנאָך, איז דער קשר צווישן אינדיע און כינע נישט געווען אַזוי נאָענט, ווי פאַר די צייטן פון די אינדאָ-סקיטישע מלכים. איבער טיבעט און מיטלאַזיע איז פּאָרגעקומען נישט בלויז אַ לעבהאַפטיקער האַנדלס-אויסטויש, נאָר אויך אַ רעליגיעזער. אין דעם קעסל פון טארים, וועלכער איז אַמאָל געווען

סארא זענען די היסטאָרישע און לעגענדארישע שטריכן פון בודהאס
געשטאלט? פון וואָס איז אַרויסגעוואקסן זיין אינערלעכער כוח? אין

פרוכטבאַר און באַוואַסערט, איידער ס'האָבן אים פאַרשאָטן די זאַמדן פון דעם מדבר, איז אויסגעוואַקסן אַ צענטער פון איראַנישער און גריכיש-באַקטרישער ציוויליזאַציע, אויף וועמעס שפורן ס'האָט אָנגעטראָפן סווען העדין אויף זיין נסיעה (1895—1900), און וועמעס פאַרשאָטענע שטעט ס'האָט אָפּגעגראָבן נישט לאַנג מ. א. שטיין (1901). אין יאָר 65 נאָך קר., פאַר דער הערשאַפט פון דער דינאַסטיע מינג, איז דער בודיזם איינגעפירט געוואָרן אין כינע, ווו ער האָט זיך זינט דעמאָלט דערהאַלטן אויף תמיד צוגלייך מיטן קאָנפוציאַניזם און טאַאָיזם. אַרום דערזעלביקער צייט האָט געהאַט אַן אָרט דער קריגסצוג אויף מערב פון גענעראַל פאַן-טשאַאָ. לטובת דער בודיסטישער רעליגיע האָבן זיך דער מערבדיקער גריכישער, דער דרומדיקער אינדישער און מיטלאַזישער עלעמענט צונויפגעמישט מיט איינאַנד. די מטבעות פון לעצטן קיניג פון דערדאָזיקער דינאַסטיע, וועלכע איז אָנגערופן באַ די הינדוסן Çaka-Yavana, טראָגן די אויפשריפטן אויף די קערזייטן אין דער כינעזישער שפראַך. אָבער דידאָזיקע סקיטישע ממשלה איז געוואָרן מיטן לויף פון דער צייט צעבראָכן. די רעשטלעך אירע האָט אָפּגערוימט די דרומדיקע איינהיימישע דינאַסטיע סאַטאַקאַניער אין II י. ה. נאָך קר. דאָס ווערק אָבער פון קאַנישקאַ און זיינע נאָכפאָלגער איז פאַרבליבן אין דער בודיסטישער רעליגיע, וועמעס באַקענער זענען עד היום די טערקיש-טאָטערישע און מאָנגאָלישע שבטים פון טיבעט אַזש ביז דער באַיקאַלישער אָזערע, כינע און קאָרעע.

§ 21 די בודיסטישע קונסט און איר אַלגעמיין-אַזיאַטישער כאַראַקטער

די צוויי עלטסטע ציוויליזאַציעס פון מזרח — די אינדישע און כינעזישע — האָבן נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין

וואָס באַשטייט די דערלייזונגס-דאָקטרין? סאַראַ זענען די פיר עיקרדיקע אמתן? וואָס באַטייטן די בודיסטישע באַגריפן — קאַרמאַ? נירוואַנאַ? סאַראַ איז די סאָציאַלע ראָלע פון בודיזם? און וואָסער זיין אָרגאַניזאַציע-

שום מאָנומענטאַלע שפּורן. נישט פאַראַן קיין שום דענקמאָל פון דער אַרכיטעקטור פון דער תּקופה ביז 300 יאָר פון אונזער ערע, נישט אין אינדיע, נישט אין אינדאָ־כינע, נישט אויף יאַוואַ אָדער ציילאָן, אַנטקעגן די אָנשויונגען, וועלכע האָבן די אינדישע טעמפּלען, די אין פעלזן אויסגעהאַקטע פּאַגאָדעס (למשל, אין די היילן פון עלאָרע) צוגעשריבן אַן עקזיסטענץ־תּקופה כּמעט צוגלייך מיט דער עגיפּטישע אַרכיטעקטור. אינדיע האָט נישט אין דער וועדישער תּקופה, נישט אין דער בראַמאַנישער נישט געקענט קיין שום טעמפּלען, און דאָס אָרט פון די קאָנטעמפּלאַציעס פאַר די הייליקע (גורו), ווי פון דער באַלערונג, זענען תּמיד געוועןביימער, און אַזאַ הייליקער באַנאַנענבוים איז אויך געווען דער מקלט פון בודהאַ. — די לאַנדסלייט האָבן אָבער צוליב רעליגיעזע צוועקן אָדער לזכר פון די פאַרשטאָרבענע אויפגעשטעלט שטיינערנע סלופּעס פון איין בלאָק, טיילמאָל געשניצטע, און וועלכע דערגרייען אַפילו ביז 15 פוס די הויך. די באַקענער פון בודהאַ האָבן איינגעפירט דעמזעלביקן מנהג פון פאַרייביקן די ערטער, וועלכע האָבן געשמט דורכן אויפהאַלטן זיך און פּרעדיקן פון זייער רבי, דורך שטיינערנע סלופּעס מיט אויפשריפטן, וועלכע האָבן געטראָגן עפּעס אַ סענטענץ זיינע. זיי האָבן זיך אויפבאַהאַלטן עד היום מיט דעם אויפשריפט פון דעם קיניג פּידיאַסי, ד. ה. פון אַסאָקאַ אַליין. דידאָזיקע שטיינערנע סלופּעס, אַ. ג. „לאַטי“, זענען באַצירט מיט סימבאָלישע פאָרשטעלונגען. דידאָזיקע אויפשריפטן האָבן דערלויבט איבערצושאַפן נישט בלויז די פאַרצייטיקע געשיכטע פון אינדיע, נאָר אויך דעם אלף־בית פון דער אַלטערטימלעכער, היינט שוין פאַרלוירן־געגאַנגענער פּאַלי־שפּראַך, פון וועלכער עס שטאַמען אַרויס אַלע אַלפאַבעטן פון די היינטיקע אינדישע שריפטן. דידאָזיקע סלופּעס שטייען זעלטן באַזונדער, אַמייסטן צוזאַמען מיט אַנדערע מאָנאָליטן בילדן זיי אַ מין באַלוסטראַדע, אָדער אַ פאַרצוימונג פון די הייליקע ערטער. אָבער אַן אַנדער אַרישער

נעלער קראַפט? ווער האָט אים צוגעגעבן אַ מלוכה־באַטייט? סאַראַ זענען די פאַרדינסטן פון אַסאָקאַ פאַרן בודיזם? ווי אַזוי זענען אַנגעשטאַנען די בודיסטישע רעליגיעזע ביכער? סאַראַ מלוכה און סאַראַ

מנהג, פֿאַרבונדן מיטן קולט פֿון די רעשטלעך אָדער רעליקוויעס פֿון בודהאַ, האָט ער געגעבן דעם אימפּולס נישט בלויז צום בויען טעמפּלען, נאָר אויך צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער גאַנ־צער בודיסטישער אַרכיטעקטור. מחמת באַלד נאָכן טויט פֿון בודהאַ און דער פֿאַרברענונג פֿון זיין גוף לויטן אַרישן מנהג האָבן זיך זיינע תּלמידים צעטיילט לויט דער טראַדיציע מיט די טיילעכלעך פֿון זיין קערפּער. פּונקט אַזוי האָט מען אויך געטון שפּעטער מיט די רעשטלעך פֿון זיינע באַקענער, וועלכע האָבן געשמט מיט זייער גאָטספּאָרכטיקן לעבן. דידאָזיקע רעשט־לעך, איינגעשלאָסן אין אַ רעליקוויאַר — אַ ספּעריִשע כּלי אין געשטאַלט פֿון אַ וואַזע, אָדער אַ צילינדרישע אין געשטאַלט פֿון אַ פּושקע — זענען געוועין פֿאַרגראָבן אין דער ערד. אויפֿן דאָזיקן אָרט פֿלעגט מען אויפֿשטעלן אַ בערגל, אָנגעשאָטן פֿון ערד אָדער אויפֿגעבויט פֿון שטיין, אויפֿן שטייגער פֿון די־זעלביקע אָנגעשאָטענע בערגלעך, קורהאַנעס, וועלכע זענען פֿו־נאַנדערגעזייט עד היום איבער דרום־רוסלאַנד, ווי אויך אין די סטעפּעס פֿון טורקעסטאַן. דאָס איז די א. ג. סטופּאַ, אַ קבֿר און אַ מצבֿה, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן דאָסגלייכן אַ רעליקוויע און אַ רעליגיעזער בנין קודם־כּל. זיינע וועזנטלעכע טיילן, וועלכע האָבן שפּעטער באַקומען אַ סימבאָלישע באַדיי־טונג, זענען געווען: דער פֿונדאַמענט אָדער טאַראַס, דער אויף אים געשטיצטער קאָפּול, און דער סלופּ, וועלכער איז אַרויפֿגעשטעקט אויף זיין שפּיץ. פֿון דערדאָזיקער אורטימלעכער פֿאָרם ביז צום ענד־גילטיקן טיפּ פֿון דעם בודיסטישן טעמפּל זענען נאָר פֿאַראַן די גראַדאַציעס פֿון די גרייסן, פֿון די באַרעליעף־פֿאַרצירונגען און עלעוואַציעס אינדערהויך. די באַרימטע סטופּאַ פֿון פּעשאוואַר, וועלכע איז אויפֿגעבויט געוואָרן לויט דער טראַדיציע דורך קאַנישקאַ, האָט געהאַט 700 פֿוס די הויך, 13 שטאָקיקע באַזע, און אינדערהויך אַ סלופּ, באַצירט מיט גילדענע קרייזלעך (אין געשטאַלט פֿון אַ פּאַראַסאָל — אַן ערנצייכן אויף מזרח) און האָט

דינאַסטיע זענען די פֿראַטעקטאָרן פֿון בודיזם? אוואָסער איז די באַציונג פֿון דער מאוריאַ־דינאַסטיע צו די גריכן און צו די גריכיש־באַקטרישע מושלים? סאַרא פֿאָליטישע שינויים האָט אַריינגעפֿירט דער צפֿונדיקער

גיכער דערמאָנט דעם מגדל בבל, איידער אַ פשוט בערגל, אָנגעשאָטן פון ערד. דאָ באַם פונאַנדערגראָבן די חורבות אין יאָר 1909, האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ שטיינערנעם געוועלב, וואָס האָט אויפבאַהאַלטן אַ רעליקוויאַר מיט ביינער, וועלכע זענען געווען בלי-ספק די רעשטלעך פון בודהאַ. פונקט אַזאַ סטופאַ איז דער עד-היום אויפגעהיטענער טעמפל בודהא-גאַיאַ. געבויט פון ציגל אין געשטאַלט פון אַן אָפגעהאַקטער פיראַמידע, פונדרויסן איז זי באַצירט מיט רייכע באַרעליעפן, און באַם שפּיץ אויף דער 50-מעטערדיקער הויך מיט אַ פינאַקל. פונקט דיזעלביקע, נאָר קלענערע פיראַמידעס הויבן זיך אויף אירע פיר ראָגן. זי שטאַמט געוויס נישט פריער, ווי פון VI-טן י. ה. נאָך קר., הגם די באַלוסטראַדע, וואָס רינגלט זי אַרום, באַציען טייל אויף די צייטן פון קיניג אַסאָקאַ (לע באָן). אַן אַנדער מין בודיסטישע טעמפלען זענען די אונטערערדישע קאַפּליצעס, די א. ג. טשאַיטיעס, אויסגעהאַקטע אין די פעלזן, אַמייסטן אויף דעם מערבדיקן ברעג פון האַלבאינזל, מיט אַ בויגנאַרטיקן געוועלב און געשטיצט אויף רייך געשניצטע זיילן. אָבער אויך דאָ איז אַן אומשיידבאַרע טייל פון דערדאָזיקער קאַפּליציע יענער קאָפּול און פאַראַסאָל, די א. ג. דאַגאַבאַ. אַזאַ איז די טשאַיטיע אין קאַרלי (פּראָווינץ פון באָמבאַי), וואָס דאַטירט זיך אויף זיכער פון I-טן י. ה. פאַר קר. אַרום דידאָזיקע הייליקע ערטער פלעגן זיך צונויפזאַמלען די באַקענער. פאַר אַ וווינונג האָט זיי אורשפּרינגלעך געדינט אַ געוויינלעכע אינדישע קיילעכיקע הייזקע, באַדעקט מיט אַ דאַך פון בלעטער. דאָס איז דער אורמוסטער פון דער שפּעטערדיקער וויהאַראַ אָדער מאָנאַכן-צעלע, אויסגעבויט פון שטיין און באַצירט מיט באַרעליעפן מיט אַ קאָפּולאַרטיקן דאַך, טיילמאָל מיט עטלעכע קאָפּולן, איינער איבערן צווייטן, האָט זי זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין אַן אַנדער אַרכיטעקטאָנישן מין, וואָס דינט אויך פאַר אַ טעמפּל, ווי צ. ב. דעם עד היום אין קאשמיר אָנבאַגעגנטן טיפּ. אָבער דידאָזיקע פשוטע

איבערפאַל ? כאַרא קולטורעלע השפעות מישן זיך צונויף ? וואָסער איז די ראָלע פון קאַנישקאַ אין דער געשיכטע פון בודיזם ? וואָסער איז די פאָרם פון דער צפונדיקער בודיסטישער רעליגיע און איר געביט ?

צעלעס אָדער וויהאַרעס האָבן אויך געגעבן דעם אָנהויב די קירכ-
לעכע בנינים. גרופּירט געווייגלעך אין אַ פּירעק אַרום דער
סטופּע און צו איר געווענדט מיט די טירן, בילדן זיי יענעם
טיפּ בנינים, וועלכער איז זייער פאַרשפּרייט אין דעם היינטיקן
אַזיע (צ. ב. די קאַראוואַנסעראַיען). מען פלעגט זי אויסהאַקן
טיילמאָל פּונקט אַזוי, ווי די טעמפּלען, אין די פעלזן ; דאַן
בילדן דעם איינגאַנג די שאָטנהאַלע, געשטיצטע אויף זיילן, אַ
מין זייער כאַראַקטעריסטישע וועראַנדע, וועלכע מען באַגעגנט
נאָך עד היום כמעט אין יעדן הויז אין אינדיע. דער פונאַנדער-
ווּוקס פון דער קירכן-פאַרזאַמלונג האָט גורם געווען צו דער
פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פון אַזעלכע פירעקן, וועמעס ווענט
ליגן ענג לעבן אייגאַנדער. טיילמאָל פלעגט די בלויזע צונויפ-
זאַמלונג פון די רעליקוויעס אין די מיט דער סטופּא שכנותדיקע
וויהאַרעס געצוווּנגען די איינוווינער צום בויען וואָס אַמאָל
נייערע בנינים-קאָמפּלעקסן אין אַ געשטאַלט, וואָס איז אַנאַלאָ-
גיש צום ערשטן. אַזוי איז אַנטשטאַנען די בודיסטישע קירך —
סאַנגהאַראַמאַ — אַ רייע פאָרהויפן מיט וויהאַרעס באַ די זייטן
און מיט א סטופּא, וועלכע האָט זיך געפונען אין דעם הויפּט-
לעכן ערן-הויף. דאָס איבריקע — די פאַרענדיקונג פון דעם
אויסערלעכן בנין — איז איבערגעלאָזט געוואָרן די קינסטלער,
דערהויפּט די סקולפּטאָרן : מחמת בכלל איז די גאַנצע אינדישע
קונסט אַנטהאַלטן אין דער אַרכיטעקטור, אַנדערע מינים ווידער
אירע, ווי מאָלעריי אָדער סקולפּטור, זענען טראַקטירט דעקאָראַטיוו
און בילדן די טיילן פון אַרכיטעקטאָנישער קונסט. און אָט, אינדער-
צייט ווען דער טיפּ און כאַראַקטער פון דער גאַנצער בודיסטי-
שער אַרכיטעקטור איז דורכויס לאָקאַל אינדיש — שיינען די
אויסערלעכע דעקאָראַציעס צו זיין אָנגערעגט אָדער אויסגעבאָרגט
פון פרעמדער, גריכישער און איראַנישער קונסט. טיפּיש איז
אין דערדאָזיקער הינזיכט די סטאַטוע פון בודהאַ פון סיקראַ,
אין וועלכער, אַחוץ דער אַנאַטאָמישער גענויקייט אין דער פאָר-

אוואָסערע זענען די אַלטערטימלעכע דענקמעלער פון אינדיע ? פון ווען
דאַטירט זיך די מאָנומענטאַלע אַרכיטעקטור ? סאַרא זענען די עלטסטע
רעשטן און אינסקריפּציעס ? סאַרא איינפלוס האָט געהאַט דער בודיזם

שטעלונג פון אַסקעט, פאַראַט זי נישט אין קיין שום פרט דעם אינ־דישן אָפּשטאַם. דער קלאַסישער עלעמענט, וועלכער איז געווען אַזוי בולט הן אין סטיל פון דעם זייל, הן אין געשטאַלט פון די פיגורן, איז אָבער מיטן לויף פון דער צייט אַרוגטערגעפאַלן דער הינדוויזירונג. דידאַזיקע קינסטלער גופא האָבן איבריקנס אַריינגעפירט אין דער דעקאָראַציע פיל מאָטיוון פון דער אָרטי־קער פלאַנצן- און חיות-וועלט — אַפילו אַ געוויסן מין פון דעם בלעטעראַרטיקן קאַפּיטעל. אויפבאַאַהאַלטן אין די חורבות אָדער פראַג־מענטן אויפן שטח פון צפון-אינדיע געפינט פונדעסטוועגן די־דאָזיקע פריע אינדישע קונסט אירע ווייניקער ביזאַהער אויס־געפאָרשטע פאַרצווייגונגען פין אַלע טיילן פון דער אַזיאַטישער וועלט. און אַזוי גוט די כינעזישע פאַגאָדעס, די דיאַגאַבעס אויף ציילאָן, ווי אויך די טיבעטאַנישע טשאָרטענעס און מאָנגאָלישע סובורגהאַנעס ווייזן מיט זייער פאָרם אָן, אַז דידאָזיקע פעלקער האָבן איבערגענומען נישט בלויז די רעליגיע, נאָר אויך די אַרטיסטישע אָנ־רעגונג פון אינדיע. בפרט אויף דער כינעזישער קונסט האָט דער בודיזם געווירקט אויסערגעוויינלעך לעבהאַפטיק, און די כינע־זישע סקולפּטור האָט צום ערשטן מאָל אָנגענומען אין דער שילדערונג פון מענטשלעכע געשטאַלטן אַ ביזאַהער איר אומבאַ־קאַנטן רעאַליזם און קראַפט אין דעם אויסערלעכן אויסדרוק פון געפילן און נשמה-צושטאַנדן — שטריכן, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס די סטאַטועס, צ. ב. פון בודהאַ גופא (אויף כינעזיש פאָ), ווי אויך פון די אַסקעטן און הייליקע.

§ 22 די יבשה פון צפון-און דרום-אמעריקע און די אַמערינדן-ראַסע

די פאַר 400 יאָר אַנטדעקטע יבשה פון אַמעריקע רופן מיר אָן נייע וועלט, הגם איר געאָלאָגישער בוי, ווי אויך די

אויף דער אנטוויקלונג פון דער אינדישער קונסט ? וואָס איז אזוינס סטופא, און פון וואָסערע טיילן באשטייט זי ? ווי אזוי איז אנטשטאַנען איר פארענדערונג פון א קבר אויף א טעמפל ? סארא איז די קדמונית־

שפורן פון די מענטשלעכע וווּינונגען זענען דאָ פונקט אַזוי פּאַרצייטיש ווי אין דער אַלטער וועלט אייראַזיע, אָדער אייראָפּע און אַזיע. דער נאָמען נייע וועלט באַטייט בכן נאָר, אַז זי איז געווען לאַנג אומבאַקאַנט די איינוווינער פון דער אַלטער וועלט, און נישט אַז זי האָט שפּעטער אָנגעהויבן איר אַנטוויקלונג און לעבן. זייענדיק אָפּגעשניטן און איזאָלירט פון צוויי זייטן מיט דעם שטילן אָקעאַן און מיט דעם אַטלאַנטישן פון דער מזרח־דיקער האַלבקויל, האָט זיך די מערבדיקע יבשה אַנטוויקלט אינגאַנצן זעלבשטענדיק און אויף אייגענע יסודות. נישט קוקנדיק אויף די דאָ און דאָרטן צונויפלויפנדיקע דערשיינונגען פון געוויסע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן, איז נישט פאַראַן קיין שום שפּורן פון שייכותדיקייט און ווירקונג פון דער ציוויליזאַציע פון דער אַלטער וועלט אויף דער נייער, הגם ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז שוין פאַר קאָלומבוסן האָבן די קריגסצוגן פון די וויקינגער פון מערב דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן (דער השערהדיקער קריגסצוג פון די נאָרמאַנער אונטער דער אָנפירונג פון עריק דעם רויטן, אין י. 938), ווי אויך פון מזרח די כינעזישע דזשאָנקעס דורך דעם בערינגפּאַס, זיך דערקריגן קיין אַמעריקע. אָבער די געשיכטע ווייסט וועגן זיי גאָרנישט. פאַר דערדאָזיקער אָפּגעשניטנקייט פון דער אַמעריקע־יבשה פון דער רעשט וועלט אין משך פון אַן אומבאַשטימט לאַנגער צייט־תקופה רעדט אויך דער טיפּ איינוווינער, וועלכער האָט זיך אויפבאַהאַלטן איין און דערזעלביקער אומעטום אויף דעם ריזיקן שטח פון צפון־און דרום־אַמעריקע, וועלכער נעמט אַרום הונדערט און עטלעכע צענטליק גראַדוסן פון געאָגראַפישער ברייט. דאָס איז די אינדיאַנער־ראַסע, וועלכע איז אַזוי אָנגערופן געוואָרן דורך די אורשפּרינגלעכע אַנטדעקער שפּאַניער, אָדער אַמעריקאַנער־ראַסע; פונדאַנען שטאַמט איר היינטיקער פאַרקירצטער נאָמען אַמערינדן. אירע פיזישע שטריכן זענען: ברוינע הויטפאַרב פון אַלע שאַטירונגען, פון טונקעלן

דיקע פאָרם פון אן אינדישע כאַטע? סארא פאָרם האָט זי אנגענומען אין דער ווידארא? סארא איז די אורשפּרינגלעכע און שפּעטערדיקע פאָרבא־שטימונג פון דער וויהארא? ווי אזוי איז אנטשטאנען די כינעזישע קירך

בראָנז אַזש ביז געל־אָליוו (קיינמאָל נישט רויט, פונדאַנען דער אומאייגנטלעכער נאָמען רויטהויטיקע), האָר טונקעלע, לאַנגע און גלאַטיקע, אויגן קליינע, נישט קיין שיפע, אָדלער־נאָז און דער וווּקס פון נידריק און מיטל ביז הויך. קיין שום צומיש פון ווייס אָדער שוואַרץ בלוט פון דער תקופה פון פאַרן איבערפאַל פון די אייראָפּעער האָט מען נישט געפונען באַ די אַמערינדן. צוליב דעם נעמט מען אַלגעמיין אָן די לאַנדסלייט פון אַמעריקע פאַר די איינהיימישע. די נייערע פאָרשונגען אָבער זענען נוטה אָנ־צונעמען צוויי פעלקער־וואַנדערונגען קיין אַמעריקע: איינע — פון ווייסע לאַנגקעפּיקע פון אייראָפּע (די היינטיקע באָטאָקודן,

אַנעאַנדער־טיפּן. תושבים פון קעטשואַ פון דער געגנט קוזקאָ (דרום־פּערו)

פּועדיער, די צווייטע — פון געלע קורצקעפּיקע פון אַזיע. דערדאָזיקער לעצטער טיף איבערוועגט אויפן ברעג פון פּאציפיק, פון דער אינזל אַלאַסקא אַזש ביז טשילי. אָבער דידאָזיקעביידע וואַנדערונגען זענען אַזוי אַלטערטימלעך, אַז זיי גרייכן די צייטן, ווען די אייראָפּעישע יבשה איז נאָך געווען פאַרייניקט מיט

סאנגהאַראַטאַ ? סארא זענען די פרעמדע און איינהיימישע עלעמענטן אין דער בודיסטישער קונסט ? וואָסערע פאָרמען פון דער וועלטלעכער און רעליגיעזער בויקונסט האָט איבערגענומען גאַנץ אזיע פון אינדיע ? סארא

אמעריקע (דורכן וועג פון די אינזלען פאַראָע, איסלאַנד און גרענלאַנד), און ווען אייראָפּע און אַזיע האָבן באַוווינט אַנדערע ווי היינט, געלע און ווייסע ראַסן, וועלכע זענען געווען די אבות פון די היינטיקע אייראָפּעער און אַזיאַטן (די א. ג. פּראָטאָ-אייראָפּעער און פּראָטאָ-אַזיאַטן). אפילו די שפּראַכן פון די איינוווינער פון אַמעריקע האָבן זיך אַנטוויקלט לגמרי פאַר-שידן פון די שפּראַכן פון דער אַלטער וועלט. אין דער הינזיכט פון זייער בוי בילדן זיי די א. ג. פּאָליסינטעטישע אָדער האָלאָפראַסטישע גרופּע. דער שטריך זייערער איז נישט די פלעקסיע, נישט דער צוגאָב, נאָר די פאַרבינדונג פון עטלעכע אויסדריקן אין איינעם, דערביי שטרעבט דאָס לשון צו דער אַנטהאַלטונג פון גאַנצן געדאַנק אָדער, לויט אונז, פון זאַץ אין איין אויסדרוק. דערפאַר זענען די אויסדריקן טיילמאָל זייער לאַנגע, און די אונטערשידן צווישן די באַזונדערע דיאַלעקטן אַזעלכע גרויסע, ווי בײַ אונז צווישן די שפּראַכן-גרופּעס. פון דידאָזיקע לעצטע איז פאַראַן טיילמאָל אויף אַ קליינעם שטח אַ געוואַלדיקע צאָל (דערהויפּט אין קאַליפאָרניע, וואָס בנוגע דער פילקייט און פאַרשידנקייט פון דיאַלעקטן שפּילט זי דיזעלביקע ראָלע אין אַמעריקע, וואָס בײַ אונז קאווקאז). אָבער נישט בלויז אין שפּראַכלעכער הינזיכט איז אַמעריקע שטאַרק דיפערענצירט. אויסגעשפּרייט אויף אַ ריזיקן שטח פון צוויי האַלבקוילן, אויפן צפונדיקן און דרומדיקן, האָבן די אמערינדן-פעלקער געהאַט ווייניקער שייכות צווישן זיך, איידער די פעלקער פון דער אַלטער וועלט. דערפאַר זענען אויך פאַרשידן זייערע גראַדן פון גייסטיקער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג, דערביי זענען אייניקע פון דידאָזיקע פעלקער אין מאָמענט פון דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע געשטאַנען שוין אויף יענער הויך, וועלכע מיר רופן אָן ציוויליזאַציע. דידאָזיקע ציוויליזאַציע ציט זיך צום שטילן ים און דערפאַר קאָן מען זי אָנרופן פּאַציפיק-ציוויליזאַציע. דאָ זענען אויף אַ ריזיקן שטח פון 700 אויף צפון דרום (נאָענט

איז געווען די השפעה פון בודיזם אויף דער כינעזישער קונסט ? פון וואנען האָט זיך גענומען דער נאָמען נייע וועלט. און וואָס באטייט ער ? סארא איז די סיבה פון דער אָפגעשניטנקייט פון דער אלטער וועלט פון

פון 8 טויזנט קמ.) פונאַנדערגעזייט עד היום די חורבות פון בנינים און דענקמעלער פון שטיין, אַ טייל ספּאָראַדישע, אַנדערע בילדנדיק גאַנצע שטעט אָדער ישובים. אייניקע פון זיי זענען געווען באַוווינט אין מאָמענט פון דעם איבערפאַל פון די אייראָפּעער, די אַנטשטייונגס-צייט פון אַנדערע קאָן ווערן אָפּגערוקט קוים אויף 5 — 4 יאָרהונדערטער צוריק, אָבער די אַנטוויקלונגס-תּקופה, וועלכע האָט מקדים געווען זייער ענדגילטיקן אויסזען, איז לגמרי אומבאַשטימט. דידאָזיקע רעשטן בילדן — הן בנוגע זייערע פאָרמען, הן בנוגע דעם מאַטעריאַל—אַ פולשטענדיקן אַנדערשדיקן טיפּ, וועלכער איז אומבאַקאַנט די אַנדערע וועלט-טיילן, און שטעלן מיט זיך פאָר דעם אייגנטימלעכן מין ציווי-ליזאַציע פון די אַלטערטימלעכע אַמערינדן.

§ 23 די גרובן-און פעלזן-איינוווינער

דער איינפאַכסטער טיפּ פון די וווין־רעשטן פון צפון-אַמעריקע בילדן די א. ג. גרובנס. דאָס זענען קינסטלעכע בערגלעך (telle) פון פאַרשידנסטער הויך, פון עטלעכע ביז עטלעכע צענטליק מעטער, מיט רעגולערע פאָרמען: סטויגאַרטיקע, קיילעכיקע, קוואדראטאַרטיקע און אָוואַלע, אָדער גאָר משונהדיקע אין געשטאַלט פון חיות: יאשטשערקעס, רייערס, זשאַבעס אָדער שלאַנגען, טיילמאָל אַרומגערינגלט מיט אויך אַזאַ וואַל. אַמייסטן זענען זיי פאַראַן אין טאָל אָהיאָ און אין געוויסע טיילן פון דעם מיסיסיפּי-קעסל, ווו זייער צאָל ווערט אָנגעגעבן אויף צענטליקער טויזנטער. טייל פון דידאָזיקע גרובנס ציען זיך אויף אַ שטח פון אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער, דערביי זענען איינצלנע בערגלעך פונאַנדערגעשאָטן אויף 15 קמ. אין דער סביבה. גאַנצע שטעט, ווי למשל סט. לואיס, זענען אַנטשטאַנען אויף דידאָזיקע קינסטלעכע, אויסגעגלייכטע אָדער ניוועלירטע

דער נייער, און אוואָסערע זענען אירע פאָלגן פאַר דער ציוויליזאַציע ?
סארא איז געווען די ראַסן-אַנטוויקלונג פון די איינוווינער פון אמעריקע ?
וואָס איז אזוינס אמערינדן-ראַסע און פון וועמען שטאַמט זי ? ווי אַלט

היגלען. די צייט פון זייער אַנטשטייונג איז אַ פאַרשידענע. פאַראַן צווישן זיי זייער אַלטערטימלעכע; אָבער זיכער איז, אַז נעוויסע פון זיי דאַטירן זיך פון די צייטן נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. מ'האָט געפונען אין זיי פאַרשידענע געגנשטאַנדן אַפילו פון נישט אַמעריקאַנישן אָפּשטאַם: קיין בראָנז און קיין אייזן באַגעגנט מען אין זיי נישט. דידאָזיקע בערגלעך האָבן געדינט אַלס ישובים, פעסטונגען און קברים פאַר די איינוווינער פון די פלייניקע פּרעריעס. דאָס זענען בלי־ספק די אבות פון די היינטיקע א. ג. רויטהויטיקע. דערזעלביקער אופן פון באַשיבונג באַגעגנט מען אויך ווייטער אויף דרום־מערב. דאָ אָבער האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו די באַזונדערע תּנאים פון קלימאַט און קרקע. אויף די טרוקענע הויכענישן פון ניי־מעקסיקע און אַריזאָנע, צווישן מיטלסטן לויף פון טייך זשילאַ (Gila) און פּעקאָס (Pecos), האָבן דאָס אָרט פון יענע קינסטלעכע ערד־גרובנס פאַרנומען פונקט אַזעלכע שטיינערנע בנינים. אייניקע פון זיי דערהויבן זיך אויף פלאַכע הויכענישן, א. ג. טישן (mesas). זיי בילדן אַ גאַנצן קאָמפּלעקס הייזער, א. ג. pueblos, וועלכע באַשטייען פון פירקאַנטיקע שטובן (estufas) און זאַלן, ערטער פאַר די זקנים־פאַרזאַמלונגען און צוגלייך טעמפּלען (kivas). דידאָזיקע שטובן, וועלכע ליגן לעבן איינאַנד, זענען איין־אָדער עטלעכשטאָקיקע, דערביי דערהויבט זיך איין שטוב איבער דער צווייטער אין געשטאַלט פון אַ פּיראַמידע אָדער שטיגן אויף אַזאַ אופן אָבער. אַז די הינטערשטע וואַנט קומט תּמיד אויס גראָדווינקלדיק. די דעכער זענען פלאַכע און האָבן אַן עפענונג, וועלכע דינט צוגלייך פאַר אַן אַרויסגאַנג. אויף צפון אין שטאַט אוטאַה און קאָלאָראַדאָ, צווישן די פעלזיקע בערג און דער קאַליפאָרנישער סיעררא נעוואַדאַ, דאָרט ווו די מעכטיקע צופלוסן פון קאָלאָראַדאָ־טייך בילדן טיפע באַרג־דורכגענג (קאַניאָנען), באַגעגנט מען אַן ענלעכן מין וווינונגען אין די פעלזן. דאָס זענען פונקט אַזעלכע pueblos,

---

איז דער פונאנדערטייל צווישן די איינוווינער פון דער אלטער און נייער וועלט ? סארא איז דער שפּראַכן-אונטערשייד ? סארא איז דער פּאָליסינטעטישער בוי פון די שפּראַכן ? סארא זענען די שפּראַך־ און

נאָר אויסגעהוילט אין זאַמדשטיין. עס געפינען זיך דאָ גאַנצע שטעט מיט פּירקאַנטיקע טורעמס, מיט אונטערערדישע קאַזאַמעטן, טעמפּלען און פּאַלאַצן, ווי צ. ב. דאָס באַרימטע Mesa Verde – אין אַ קאַניאָן, וועלכן ס׳האָט אויסגעהוילט דער טייך מאַנקאָס. די איינוווינער פון דידאָזיקע געגנטן, וועמעס אָפּשטאַמלינגען עס זענען די היינטיקע פּועבלאָ, אינדיאַנער האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און דערהאַלטן אַ ברייטן איריגאַציע-סיסטעם, אויף וועמעס שפּורן מ׳האָט אָנגעטראָפן ערשט אינמיטן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. איבריקנס בילדעט דער קאָלאָראַדאָ-טייך באַ דער לעפצונג צו דעם קאַליפאָרנישן איינגאַנג אַ דעלטע, וועלכע איז אין דער הינזיכט פון פרוכטבאַרקייט נישט הינטערשטעליק לגבי דער דעלטע פון פּרת אָדער נילוס. אָטאָ-די פּעלזיקע שטעט און שטיינערנע הייזער (pueblos) בילדן דעם אייגנטלעכן דורכגאַנג פון דעם גרובן-סיסטעם ביז צו די גרויסע פּיראַמידעס אויף דער הויכעניש פון דער אייגנטלעכער מעקסיקע, הגם דער צוזאַמענהאַנג צווישן די לאַנדסלייט פון פּועבלאָ און פון די פּעלזיקע בערג און מיט די איינוווינער פון מעקסיקע איז נישט גענוי באַצייכנט און דער מהלך פון איין ציוויליזאַציע ביז דער צווייטער איז באַדייטנדיק גרעסער, איידער אין דער אַלטערטימלעכער וועלט צווישן דעם טאָל פון נילוס און פּרת, ווייל ער מאַכט אויס העכער 1600 קמ.

§ 24 די אַלטערטימלעכע מעקסיקע. טאָלטעקן און אַצטעקן

מיטלאַמעריקע מיט איר סעריע פון גרויסע אָזערעס בילדעט דעם ריזיקן א. ג. אַנאַהואַק-פּליין, אָדער „לאַנד אין שכנות פון וואַסערן״, אויף וועלכן עס ליגט דאָס היינטיקע

ציוויליזאַציע-אונטערשידן פון די אַמערינדן ? ווו זענען די שפּורן פון דער ציוויליזאַציע, און וואָסער איז איר שטח ? וואָס איז אַזוינס אַמערינדן-ציוויליזאַציע, און פאַרוואָס באַצ׳ט מען זי אויפן געביט פון

מעקסיקע. דאָס איז אַ געגנט, וואָס איז אין אַלגעמיין טרוקן און מדבּרדיק; דערפֿאַר אָבער דאָרט ווי זי איז דורכגעשניטן מיט טאָלן און באַפּייכט מיט טייכוואַסערן, שטעלט זי מיט זיך פֿאָר אַ רייך לאַנד, וואָס פּראָדוצירט באַוול, אַגאַווע — אַ פּלאַנץ, וועלכע שפּילט אין מיטלאַמעריקע דיזעלביקע ראָלע, וואָס די טייטלפּאַלמע אויף די ברעגעס פֿון אַפֿריקע, אָדער וואָס דער איילבירט אין די מיטל-ים-לענדער. דער קלימאַט אויף דער הויכעניש איז אַ געזונטער, אויף די ברעגעס אַ טראָפּיקאַלישער און מאַלאַרישער. דאָס מינעראַל-רייכטום פֿון מעקסיקע, ווי: גאָלד, זילבער, קופּער א. ד. ג., איז באַקאַנט עד-היום, און דאָס האָט טאַקע אין דער ערשטער ריי אַהערגעצויגן די אינוואַזיע פֿון די אייראָפּעער. די שפּאַניער האָבן אין מאָמענט פֿון זייער אָנקום קיין מעקסיקע אָנגעטראָפֿן דאָרט די לאַנדווירטשאַפֿט און האַנטווערקערײַ אין אַ בליענדיקן צושטאַנד, אַן אָרגאַניזירטן, רעכטלעכן און פּאָליטישן סיסטעם, צאָלרייכע אַרמעען און מעכטיקע פֿעסטונגען, און איבער אַלעם אַזעלכע הערלעכע דענקמעלער, וועלכע זיי האָבן נישט באַגעגנט בײַ זיך אינדערהיים אויף דער אַלטער יבשה, און וועלכע האָבן, נישט קוקנדיק אויף דער טיילווייזער צעשטערונג דורך די איבערפֿאַלער, זיך אויפֿבאַהאַלטן עד היום און דערוועקן פֿאַרווּנדערונג מיט זייער ריזיקייט. דאָ איז געווען דאָס קיניגרייך פֿון די אַצטעקן מיט דער רעזידענץ טענאָכטיטלאַן (היינטיקע מעקסיקע), וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1325. דידאָזיקע אַצטעקן, אַן אָרעם, ווילד, אָבער ק״יגעריש פֿאָלק, זענען געווען אייגנטלעך בלויז אײַנוואַנדערער פֿון צפֿון, וועלכע האָבן אַרויפֿגעלייגט זייער יאָך אויף די טאָלטעקן, אַ רעטענישפֿול און טונקל פֿאָלק, וועמעס הערשאַפֿט האָט זיך געזאָלט אַמאָל אויסשפּרייטן פֿון אַטלאַנטיק אַזש ביזן פּאַציפֿיק, און וועמעס ישוב-צענטער איז געווען די שטאָט טעפּיק (Tepic) בײַם אָקעאַן, הגם די אייגנטלעכע הויפּטשטאָט טאָלאַן אָדער טולאַ איז געלעגן אויף

פּאַציפֿיק? סאָראַ איז דער עלטסטער טיפּ פֿון די[illegible]בוי-רעשטן אין צפֿון-אַמעריקע? וואָס זענען אַזוינס גרובן-וווינונגען? זייער פֿאָרם? ווער זענען געווען זייערע אײַנוווינער און וואָסער איז די מדרגה פֿון זייער

אַ מרחק פון 80 קמ אויף צפון פון דער היינטיקער מעקסיקע. וויבאַלד ס׳זאָלן זיך באַשטעטיקן די לעצטע אויסגראָבונגס-אַנטדעקונגען (סטאַטועלע פון ליים פון זיבן צאָל די הויך, 3 און א האַלבן צאָל דעם אומפאַנג — אַ טיפּ פון אַ מענטש מיט שיפּע אויגן לעבן אַ סקעלעט פון ריין מאָנגאָלישן טיפּ), דאַן וועט מען דעם אָפּשטאַם פון דאָזיקן רעטענישפולן פאָלק דאַרפן אַרויספירן פון אַזיע (אפשר פון כינע). אָטאָ-דאָס פאָלק איז געווען דער אייגנטלעכער שעפער פון דער ציוויליזאַציע פון מעקסיקע, וועמעס אָנהויב מ׳האָט צוגעשריבן דעם העלד פון דער לעגענדע און צוגלייך דער גאָטהייט Quetzal-cohuatl. דאָס איז געווען דער גאָט פון דער אַטמאָספער. די לעגענדע פירט אים אַרויס פון צפון און שטעלט אים פאָר, אַלס פון אַ באַזונדערער ראַסע, מיט אַ באָרד, ווי באַ די ווייסע. ער איז געווען אַ הייליקער, געזעצגעבער און לערער פון זיין פאָלק, צווישן וועלכן ער האָט געלעבט 20 יאָר, דערנאָך איז ער אומגעקומען אין די וואַסערן פון מזרח, איבערלאָזנדיק נאָך זיך די נבואה, אַז פון דאָרטן וועט אַרויסגיין אַ ראַסע מענטשן, וועלכע וועלן זיין, פונקט ווי ער, ווייסע, בערדיקע, און וועלכע וועט דערנאָך הערשן. דעמדאָזיקן נביאות האָבן די שפּאַניער פאַרדאַנקט די לייכטקייט פון באַצווינגען דאָס לאַנד, מחמת מאָנטעזומאַ, דער לעצטער קיניג פון די אַצטעקן, האָט אָנגענומען זייער איבערפאַל אַלס שיקזאַל. הגם דער סוף פון די טאָלטעקן דאַטירט זיך אויף 4 ביז 5 יאָרהונדערטער פאַר דעם איבערפאַל פון די שפּאַניער, ווערן דאָך אַלע דערפינדונגען, די גאַנצע וויסנשאַפט, דערהויפּט די אַסטראָנאָמישע, און די רעליגיע פון מעקסיקע אַרויסגעפירט פון דאָזיקן אומבאַקאַנטן פאָלק. זיי האָט אויך די היינטיקע מעקסיקע צו פאַרדאַנקען דעם איבערוועגנדיקן טייל פון די איבערגעבליבענע בנינים און דענקמעלער.

קולטור ? ווי אזוי האָט זיך צוגעפּאסט די גרובן-בויקונסט אויף דרום-מערב ? ווי איז דאָס געשטאַלט פון די פועבלאָס? ווער האָט זיי באוווינט ? סאָרא איז זייער באַשטימונג? ווי אזוי האָט זיך די ארכיטעקטור צוגעפּאסט

§ 25 די טעאָקאַלי. די רעליגיע און ציוויליזאַציע פון מעקסיקע

די טאָלטעקן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך פּיראַמידעס, וועלכע קאָנען מיט זייער ריזיקייט ריוואַליזירן מיט די פּיראַמידעס פון עגיפּטן, הגם זיי זענען צום אונטערשייד פון די לעצטע נישט קיין קברים, נאָר טעמפּלען. אַזאַ פּיראַמידע רוט אויף אַ לענגלעכער אָדער פּירעקיקער באַזע און דערהויבט זיך מיט די טעראַסן אינדערהויך; איר שפּיץ איז אָפּגעהאַקט, און אויף דער אויבערשטער פּלאַטפאָרם געפינט זיך אַ טעמפּל, א. ג. טעאָקאַלי אָדער גאָט-הויז. די פּיראַמידע פון Huitzilopochtle, דעם הויפּט-גאָט פון די אַצטעקן, וועלכער איז געווען צוגלייך דער גאָט פון מלחמה, האָט זיך דערהויבן אויף אַ ריזיקן פּלאַץ, וועלכער איז געלעגן אינמיטן פון הייַנטיקן מעקסיקע; זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן א. ג. שלאַנגישן וואַל, צוליב די אים באַצירנדיקע סקולפּטן; איר באַזע האָט געהאַט 360 קוו. פוס, און דער שפּיץ 70 פוס; זי איז באַשטאַנען פון 5 טעראַסן און פון 113 טרעפּ. דער טעמפּל אויבן אין געשטאַלט פון אַ דריישטאָקיקן טורעם האָט אַנטהאַלטן די פּאָרשטעלונגען פון די געטער, ווי אויך קרבנות-טישן. דאָ איז געווען די מאָנסטרועלע טראַכיט-פיגור פון 8 און אַ האַלבן פוס די הויך פון דער געטין קאָאַטליק, וועמעס קאָפּ און הענט זענען צונויפגעפלאָכטן פון שלאַנגען, ווי אויך די קליידער באַנייט מיט שלאַנגען, וועלכער איז געוואָרן אָפּגעגראָבן אויפן זעלביקן פּלאַץ, און אויך פונקט אַזאַ רייך געשניצטער קרבנות-טיש, אויף וועלכן מ'פלעגט טויטן די חיות, און אַפילו מענטשן (קריגס-געפאַנגענע); דאָס פון זיי אַרויסגעריסענע האַרץ פלעגט מען ברענגען אַ קרבן דעם גאָט פון מלחמה, אינדערצייט ווען דער קערפּער איז געוואָרן אָפּגעגעבן צום אויפפרעסן דעם זיגער און

צום לעבן אין די קאַניאָנען? וואָס זענען אַזוינס פּעלזן-הייזער? אויף סאַרא אַנט-וויקלונג-שטופע זענען זייערע איינוווינער? סאַרא איז די לאַגע פון מעקסיקע? סאַרא איז די הו בעניש? די קרקע? דער קלימאַט? ווער

זיין פאַמיליע (קאַניבאַליזם). מחמת די אצטעקן זענען געווען אַ קריגעריש און אכזריותדיק פאָלק, להיפך צו די טאָלטעקן, וועמעס אַטמאָספער־גאָט Quetzacoatle האָט פאַרבאָטן מענטשלעכע קרבנות און זיי פאַרטרעטן מיט בלומען און פּראָדוקטן פון דער נאַטור. שפורן פון קאַניבאַליזם האָבן זיך אויפבאַהאַלטן ביזן סוף אין דער רעליגיע פון די אַצטעקן, הגם זיי האָבן געהאַט אַ באַגריף וועגן איין גאָט, וועלכער איז העכער איבער אַלע אַנ־דערע. דערהויפּט האָבן זיי פאַרערט די זון. אויך טייל פּיראַמי־דעס, ווי טעאָטיהואַקאַן, זענען געווען גענוי אָריענטירט לויט דער ריכטונג פון די וועלטזייטן. מחמת די אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט פון די טאָלטעקן און אַצטעקן איז געשטאַנען אויף אַ זייער הויכער אַנטוויקלונגס־מדרגה. זיי האָבן באַצייכנט די צייט פון דעם הויבן זיך פון דער זון מיט דער הילף פון אַ גנאָמאָן, און דער באַרימטער „זונשטיין", וואָס האָט זיך אויפבאַהאַלטן, אַנטהאַלט די טיילונג פון דער צייט אויף טעג, חדשים און יאָר־תקופות, דערביי מאַכט דער טעות אויס קוים איין טאָג אויף טויזנט יאָר אין פאַרגלייך מיט אונזער היינטיקן גרעגאָריאַנישן קאַלענדאַר. זיי זענען געווען אויסגעצייכנטע מעטאַלורגיסטן, און אין דער וועב־קונסט, גאַרן־פלעכטונג, האָבן זיי דערגרייכט אַ מדרגה פון פּאָלקאָמענהייט, אויף וועלכער עס שטייען עד היום בלויז די לאַנדסלייט פון מעקסיקע אין דער גאַנצער וועלט. זייער דענקמאָלערישע סקולפּטור איז פון איינהייטלעכע שטיינ־בלאָקן, וואָס איז נאָך מער וווּנדערבאַר, ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז די אַצטעקן און טאָלטעקן, ווי בכלל די פעלקער פון אַמעריקע, האָבן נישט געקענט קיין אייזן, און זייערע אַרבעטס־מכשירים זענען געווען אויך פון שטיין, דאָס זאַמד ווידער האָט געדינט צום אויסגלעטן און פּאָלירן. די ווענט פון די בנינים זענען באַדעקט מיט געאָמעטרישער אָרנאַמענטאַציע, טיילמאָל מיט היעראָגליפן, ביזאַהער נישט פונאַנדערגעשיפרירטע, מחמת די אַלטערטימלעכע פעלקער פון מיטלאַמעריקע האָבן פאַרמאָגט זייער

זענען געווען די אלטערטימלעכע איינוווינער טאָלטעקן ? ווער איז געווען דער ציוויליזאטאָר ון מעקסיקע ? סארא איז די אטמאָספערישע הויפּט־גאָטהייט, און כ ארא לעגענדעס זענען מיט איר פארבונדן ? וואָס זענען

אייגענע שריפט און אַפילו אַן אייגענעם שרייבמאַטעריאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גאַנץ אָריגינעלן פּאַפּיר, אויסגעאַרבעט פון די פעדים פון אַגאַווע-געוויקס. דאָסדאָזיקע פּאַפּיר, איינגעוויקלט אין אַ ראָלקע אין געשטאַלט פון אַ פעכער און אַוועקגעלייגט צווישן צוויי ברעטלעך, האָט עס געבילדעט די אמתדיקע קאָדעקסן פון די איינהיימישע, וועלכע זענען אויפבאַהאַלטן ביז צום היינטיקן טאָג. אין איינעם פון זיי איז אַפילו פאַרגעשטעלט די לעגענדע וועגן מבול, וועלכער האָט לויט די טאָלטעקן געזאָלט ווערן אַראָפּגעשיקט דורכן גאָט פון רעגן אָדער דעם גאָט פון ים פיר טויזנט יאָר נאָך דער באַשאַפונג פון דער וועלט, און 17 טויזנט יאָר פאַר דער קריסטוס-ערע. אָבער דידאָזיקע אַלטערטימלעכע, א. ג. קאַטונישע שריפט, באַשטייט אייגנטלעך פון בלויז בילדער (אַ מין רעבוס) און איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צום פאָרשטעלן מיט דער הילף פון איינע און דיזעלביקע צייכנס די אייגנטלעכע טראַפן, און נאָך ווייניקער די אותיות (קלאַנגען).

§ 26 די פעלקער פון יוקאַטאַן און שיאַפּאַס.
די ציוויליזאַציע פון די מאַיער און קוויטשער

אין די געדיכטע טראָפּיקאַלישע וועלדער פון האַלבאינזל יוקאַטאַן האָבן זיך אויפבאַהאַלטן די רעשטן פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע די נאַטור אַליין האָט בעסער באַהאַלטן פאַר דעם אויג פון די באַצווינגער און מער פאַרהיט פון פאַרניכטונג, איידער אויף דער אַנאַהואַק-הויכעניש. די באַרימטסטע פון זיי זענען די חורבות אין Chichen Itza. זיי באַשטייען פון געשניצטע פּאַסאַדן פון פּאַלאַצן, פון פונקט אַזעלכע פּיראַמידעס, טיילמאָל פון ציגל, אַמייסטן פון געהאַקטן שטיין מיט אַ טעמפּל אינדערהויך, ווי אויף דער הויכעניש פון מעקסיק; פונקט אַזעלכע

אַזוינס טעאָקאַלי? סאַראַ איז די פּאָ״ם פון די פּיראַמידן, ווי אויך זייער באַשטימונג? סאַרא איז די אַסטראָנאָמישע אָריענטאַציע? אוואָסער איז געווען דער מעקסיקאַנישער קאַלענדאַר? סאַרא קונסט-מינים האָבן זיך

טרעפּ, פּעדערהייזער און קאַפּליצעס, אינעווייניק אַלטאַרן, סלופּעס און קרבנות־טישן. אויף ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט אַ באַזונדערער מין בנינים, וועלכע בילדן לענגלעכע גאַלעריעס מיט טירן, וועלכע גייען אַרויס אויפן הויף, אַרום וועלכן עס ליגן אין אַ פּירעק שטובן, פאַרשלאָסענע דורך אַ פאַרצוימונג. דידאָזיקע חורבות זענען היינט פאַרלאָזן, אָדער פאַרנומען דורך האַלב־ווילדע לאַנדסלייט אלס וווינונגען. אין מאָמענט פון איבערפאַל האָבן די שפּאַניער דאָ געטראָפן דאָס מאַיאַ־פאָלק, וועמעס ציוויליזאציע איז פּונקט אַזוי אַלט, ווי פון די טאָלטעקן. מיט דיזעלביקע חורבות זענען באַזייט די דרום־מזרחדיקע זייטן פון מעקסיקע, אָאַקסאַאַקאַ, שיאַפּאַס און טאַבאַסקאָ (די חורבות אין פּאַלענק). נידריקער צו דרום, אין די רעפּובליקעס האָנדוראַס און גואַטעמאַלאַ אַזש ביזן פּאַנאַמישן דורכפאַס, זענען די חורבות פון זעלביקן כאַראַקטער, וואָס פון די מאַיער, איבערבלייבענישן פון דער ציוויליזאַציע פון דעם קוויטשע־פאָלק אין מאָמענט פון דער באַצווינגונג. באַזונדערס אין קוויריגואַ און גואַטעמאַלאַ, אויף דער גרעניץ פון האָנדוראַס, באַגעגנט מען געשניצטע סלופּעס, באַדעקטע מיט היעראָגליפן, פיגורן פון מענטשן און חיות, ווי אויך פּאַלאַצן און טעמפּלען, באַדעקטע מיט באַרעליעפן און אויפשריפטן. דידאָזיקע ביזאַהער ווייניק אויסגעפאָרשטע חורבות, וועמעס אַ באַדייטנדיקע טייל איז נאָך פולשטענדיק פאַרהוילן פאַרן אויג פון פאָרשער, רעדן וועגן דער אַמאָל איינהייטלעכער ציוויליזאַציע אַזוי גוט פון די פעלקער קוויטשע, מאַיאַ, ווי אויף דער הויכעניש פון אַנאַהואַק. אָבער לעבן דערדאָזיקער ציוויליזאַציע פון מיטלאַמעריקע שטייט אַ גאַנץ באַזונדערע, ווייל אָפּגעטיילט פון איר דורכן שטח פון אַ פּאָר טויזנט קילאָמעטער, די ציוויליזאַציע פון די באַרגפעלקער פון דרום־אַמעריקע, די אַנדעאַנער און זייערע לעצטע הערשער די אינקער.

אנטיויקלט ? סארא איז געווען דער שרייבמאַטעריאל ? סאַרא איז די לעגענדע וועגן מבול ? אוואָסער איז דער כאראקטער פון דער האלבאינזל יוקאטאן, און סארא זענען אירע רעשטן ?; פון סארא צייט און אויף

§ 27 די הויכעניש פון די אנדן און די אַלטער־טימלעכע פעלקער פון די אַנדעאַנער

דרום־אַמעריקע שטעלט מיט זיך פאָר דיזעלביקע באַזונ־דערקייט אין פרט פון ווערטיקאַלן בוי, וואָס מיטלאַזיע. אויך דאָ זענען די קאָרדיליערן־בערג אויפן שטייגער פון די הימאַלאַיען אין טראָפּיקאַלישן פּאַס און באַדעקט מיט אייביקן שניי; פּונקט אַזעלכע אומעטיקע, פלאַכע און מדברדיקע הויכענישן, וועלכע פאַלן אַראָפּ אין טעראַסן. צווישן זיי איז די פּערו־הויכעניש אין געוויסע הינזיכטן דאָסזעלביקע, וואָס טיבעט אין מיטלאַזיע, אַ לאַנד פון מדבריות און בערג, אָדער דער „וועלטדאַך" פון דער מערבדיקער האַלבקויל. פּונקט אַזאַ איז אויך די אומצוטריטלעכקייט און אָפּגעשניטנקייט פון דער וועלט פון דערדאָזיקער הויכעניש. דער ברעג פון פּאַציפיק בילדעט אויך אַ זאַמדיקן מדבר, וועלכער איז באַרויבט פון איינגוסן און האַפנס. באַלד הינטער אים דערהויבן זיך די שטיילע שפּיצן פון די קאָרדיליערן, מיט זעלטענע נאָר דורכגענג. דאָס זענען בערג פון אַ פרישער פאָרמאַציע; צוויי עלעמענטן: פייער און וואַסער, ווירקן אין זיי אומאויפהערלעך, פּונקט ווי אויך שנייאיקע פעלדער און טעטיקע קראַטערס בילדן זייער עיקר־כאַראַקטער. אָבער אַדאַנק דער הויכער לאַגע, הגם אין טראָפּיקאַלישן פּאַס, איז דאָ דער קלימאַט טרוקן און געזונט; אינערגיץ האָט זיך טאַקע ווי דאָ נישט אַנטוויקלט אין דרום־אַמעריקע אַזאַ געדיכטע און צאָלרייכע באַפעלקערונג און אַ רייך ווי אויך ציוויליזירט לעבן. איר צענטער איז די טיטיקאַקאַ־אָזערע, וועלכע ליגט 3854 מ. איבערן ים־שפּיגל, ווענמעס מעכטיקע וואַסערן האָבן נישט קיין שום אָפּפלוס, אַחוץ די השערהדיקע אונטערערדישע לעפצונגען. פונדאַנען האָט זיך

ווען באַציען זיי זיך? וואָס איז אַזוינס מאיער־ציוויליזאַציע? אַוואָסערע זענען די פעלקער פון גואַטאַמאַלאַ און האָנדוראַס? סאַראַ איז דער צוזאַ־מענהאַנג צווישן דער ציוויליזאַציע פון די לענדער מאיאַ, קיטשואַ און

פוגאַנדערגעשפּרייט די ציוויליזאַציע: אויף צפון קיין קוצקאָ, (Cuzko) דער הויפּטשטאָט פון די אינקער (וועמעס אויסדרוק באַטייט אין דער אָרטיקער שפּראַך „נאָפּל פון דער וועלט״), און קיין קוויטאָ (Quito), דער הויפּשטאָט פון עקוואַדאָר, הגם זי האט זיך אַראָפּגעלאָזט אויך צום אָקעאַן, קיין רימאַק (דער היינטיקער הויפּטשטאָט פון פּערו לימאַ). די אַמאָל געדיכטע באַפעלקערונג האָט זיך דערהאַלטן אָן ענדערונג כמעט ביז אויפן היינטיקן טאָג און רעדט מיט פאַרשידענע דיאַלעקטן; פון זיי איז אויף דרום, אין דער געגגט פון דער טיטיקאַקאַ-אָזערע, דער הויפּטדיאַלעקט די איימאַרן-שפּראַך, אויף מערב אין עקוואַדאָר, פּערו, פּאָליוויע און טשילי איז דער הערשנדיקער דיאַלעקט קוויטשואַ (quichua), וואָס האָט אויך געגעבן אַמייסטן אויסדריקן אויף די טערמינען, וועלכע זענען אויסגעבאָרגט דורך די אייראָפּעער, (ווי: לאַמאַ, פּאַמפּאַ, קאָנדאָר, גואַנא, כינאַ א. ד. ג). דידאָזיקע איינוווינער פון די אַנדן אָדער אַנדעאַנער האָבן אין דער תקופה פון דעם שפּאַנישן איבערפאַל געבילדעט אַ מעכטיקע מלוכה אונטער דער רעגירונג פון זייער מושל, וועמעס אָפיציעלער טיטל אינקאַ האָט באַטייט „זונעגזון״. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט דערעיקר מיט ערדאַקער, הגם קיין תבואה האָבן זיי אינגאַנצן נישט געקענט, פונקט ווי זיי האָבן אויך נישט באַנוצט קיין וועגנס, און די איינציקע משא-חיה איז געווען די לאַמאַ, אויף וועלכער מען פלעגט טיילווייז גיין אויף יאַגד, טיילווייז האָדעווען זי צוליב דער וואָל. צו אַזאַ קאָמוניקאַציע-אופן זענען אויך געווען צוגעפּאַסט די וועגן, וועלכע דערפילן נאָך עד-היום זייער באַשטימונג, און וועלכע די ערשטע באַצווינגער האָבן זיי עטוואָס גוזמאדיק פאַרגליכן צו די רוימישע וועגן. דידאָזיקע וועגן צוזאַמען מיט די בריקן און איינפאָרן זענען דערעיקר שטעגן פאַרן דורכגאַנג פון די לאַמען: טייל פון זיי לויפן מיט די שפּיצן, אַנדערע מיטן טאָל פאַזע דעם קאָרדיליערן-פּאַס. זיי ווייזן אָבער אָן אויף דער אייסגעצייכנטער אָרגאַניזאַציע פון דער אינקער-מלוכה.

§ 28 די סאָציאַלע און מלוכהשע אָרגאַניזאַציע פון די אינקער. די רעליגיע און דענקמעלער

דער געזעלשאַפטלעכער סדר פון די אַלטערטימלעכע איינוואוי־נער פון פערו איז געווען אָרגאַניזירט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. די גאַנצע באַפעלקערונג איז געווען פונאַנדערגעטיילט אויף קלאַסן לויטן עלטער. פון דיראָזיקע האָט די וויכטיקסטע קלאַס, א. ג. puric, אַרומגענומען אַ באַפעלקערונג צווישן 28 און 50 לעבנסיאָר. אָפּהענגיק פון דער קלאַסן-צוגעהעריקייט האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט די געזעצן און פליכטן פון די איינוואוינער. יעדער האָט נאָכן דערגרייכן די פוליעריקייט באַקומען זיין אָנטייל אין ערד, א. ג. טופו, אָבער דידאָזיקע ערד האָט ער נישט געטאָרט פאַרקויפן אָדער אַוועקשענקען און נאָכן טויט איז זי צוריק איבערגעגאַנגען צום מלוכה-אייגנטום. אויך די מינעראַל-אוצרות, ווי מעטאַלן, גאָלד, גואַנאָ (אַ ספּעציעלער פּראָדוקט פאַר פעלדאַקער), זענען געווען בשותפיש אייגנטום. די אַרבעטס-פּראָדוקטן זענען געווען געטיילט אויף דריי טיילן: איינע פון זיי איז געגאַנגען לטובת דעם קיניג אינקאַ, די צווייטע לטובת דער קירך (huaca), די דריטע לטובת דעם פאָלק (huaccha). די אַקעריי איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ הייליקע באַשעפטיקונג, און דער אינקאַ אַליין האָט פאַראַקערט יעדעס יאָר די הייליקע אומגעבונג מיט די אייגענע הענט, פונקט ווי אויך דער כינעזישער קיסר. לסוף האָט זיך די באַפעלקערונג געטיילט אויף שטאַמען (ayllas), דערביי האָט יעדער שטאַם געהאַט אַ באַזונדערן פאַרערונגס-געגנשטאַנד, דעם עמבלעם פון זייער אורפאָטער, טיילמאָל די מומיע זיינע (huacas). די טויטע פלעגן די פערואַנער באַגראָבן און אויפבאַהאַלטן קינסטלעך אויפן שטייגער פון מומיעס אין די קברים, אָדער

אַנאַהואַק? וואָסערע זענען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די בערג און הויכעניש פון דער דרום-אַמעריקע? ווו איז דער צענטער פון אַלטער-טימלעכן לעבן? וואָסער איז די הויפּטבאַשעפטיקונג פון די איינוואוינער?

אויף דער אָזערע אין טיִרעמס (chulpas), אָדער ווי אין קווינטאָ אין אָנגעשאָטענע בערגלעך (tola). דער אינקער-שטאַם האָט געהאַט פאַר די פאָרשטעלונג פון זיין קולט – huaca – די זון. מחמת די רעליגיע פון די אינקער איז, פונקט ווי די רעליגיע פון די אַצטעקן, באַשטאַנען דערהויפּט אין דער פאַרערונג פון די הימלישער קערפּער. וואָס דערקלערט זיך לייכט דורכן ענגן קשר פון די אַקעריי-באַשעפטיקונגען מיט די צייטן פון יאָר. די רעליגיעזע פייערלעכקייטן האָבן אויך אַנטשפּראָכן די ענדערונגען פון דער זון-הויכקייט (איר שטייגן אָדער נידערן) און אויף יעדן חודש, וועלכע זענען געווען צוועלף, איז אויסגעפאַלן אַ באַזונדערער יום-טוב. לכבוד דער זון האָט מען אויך אַוועקגעשטעלט שטיינערנע סלופּעס, פונקט ווי אין עגיפּטן אָבעליסקן. אַזוי איז געווען אין טעמפּל פּיאַסק דער באַרימטער סלופּ אינטיהואַטאַנאַ, וואָס באַטייט אין דער קוויטשוא-שפּראַך „זון-טראָן", אָדער מקלט פון די זונענשטראַלן. דערדאָזיקער סלופּ עקזיסטירט נאָך עד היום, אויפן שפּיץ פון טורעם צווישן די רעשטלעך פון דער פעסטונג, וועלכע האָט פון די אַנדן-שפּיצן געשיצט אַמאָל דעם איינגאַנג פון דעם אַמאַזאָנען-טאָל צום צענטר פון דער אינקער-מלוכה. דאָס איז געווען אין תוך אַן אַסטראָנאָמיש געצייג. וועגן גרינדער אַליין פון דער אינקער-דינאַסטיע, דעם ערשטן אינקער און ציוויליזאַטאָר פון פּערו, דערציילט די לעגענדע, אַז ער איז געווען געבוירן פון דער פרוי מאַמאַ הואַקאַ און פון פאָטער זון אין דער הייל אויף איינער פון די אינזלען פון דער טיטיקאַקאַ-אָזערע, און אַז באַלד נאָכן געבוירן האָבן אים אָפּגעגעבן כּבוד די שוועסטערן און מוטער. חתונות פלעגן די אינקער תּמיד שליסן נאָר אין דער פאַמיליע מיט אייגענע שוועסטערן. יענער ערשטער אינקער האָט זיך אָנגערופן מאַנקאָ קאַפּאַק אָדער „אַלמעכטיק קינד", און די צייט פון זיין הערשאַפט האָט מען באַצויגן אויף דעם IX י. ה. און ווירקלעך שטאַמט די ציוויליזאַציע פון די אינדער פון איבער

די אַקעריי? די קאָמוניקאַציע-מיטלען? מיט וואָס צייכנט זיך אויס דער סאָציאַלער סדר פון די אינקער. וואָסער איז דער ווירטשאַפטלעכער סיסטעם? די טיילונג אויף קלאַסן? דאָס אייגנטום-רעכט? וואָסער

די ברעגעס פון דערדאָזיקער אָזערע, און די דאָרט געפונענע דענקמעלער פון די איימאַרן זענען מיט 4 אָדער 5 יאָרהונ-דערטער פריערדיקע, איידער די דענקמעלער פון די אינקער. דאָ אויף די שפּיצן פון די קאָרדיליערן האָבן זיך אויפבאַהאַלטן די טעראַסנארטיק געבויטע פעסטונגען מיט ציקלאָפּישע מויערן, מיט אַ ריי כאַראַקטעריסטישע טראַפּעזאָידאַלע נישעס אין די ווענט, ווי די פעסטונג אָלאַנטאַיטאַמבאָ אין דרום-פּערו. נאָענט פון דרומדיקן ראַנד פון דערדאָזיקער אָזערע אין באָליוויע, צווישן די איימאַרן-פעלקער, ליגן די חורבות פון דער שטאָט טיאַהואַנאַקאָ, וועלכע שטאַמט בלי-ספק פון דער תקופה פאַר די אינקער, ובכן פון פאַר דעם IX י. ה. נאָך קר. עס שטייען גרויסע געשניצטע מאָנאָליטישע סלופּעס, וואָס בנוגע זייער פאַרנעם קאָנען זיי פאַרגליכן ווערן נאָר מיט די עגיפּטישע אָבעליסקן, ווי אויך סטאַ-טוען, וועלכע שטייגן מיט זייערע גרייסן צווייפאַכיק איבער דעם מענטשלעכן ווּקס. אָבער דער באַרימטסטער דענקמאָל פון דערדאָזיקער אַלטערטימלעכער ציוויליזאַציע איז די טירפוטרינע, וועלכע באַשטייט פון שטיין-בלאָקן. דער קווערער אויבערשטער שטיין בילדעט אַ מין פריז, וועלכער איז באַצירט מיט באַרע-ליעפן. דער צענטער שטעלט פאָר עפּעס אַ פיגור, וועלכע האַלט איןביידע הענט אַ סצעפּטער, פאַרענדיקט מיט די קעפּ פון אַ טיגער און אַ קאָנדאָר. אַרום איר זענען סימעטריש גרופּירט אַנדערע, קלענערע פיגורן, פון וועלכע אַ טייל האָבן מענטשלעכע געשטאַלטן, אַנדערע צונויפגעמישט מיט חיהשע, ווי צ. ב. מיט אַ קאָפּ פון אַ קאָנדאָר; טייל האָבן אַ קרוין אויפן קאָפּ און האַלטן אַ סצעפּטער אין האַנט. עס דערגאַנצט דידאָזיקע מענטשלעכע און פאַנטאַסטישע געשטאַלטן אַ געאָ-מעטרישער אָרנאַמענט. די צענטראַלע פיגור פון דאָזיקן פריז זאָל פאָרשטעלן די אַלטערטימלעכע גאָטהייט פון דעם איימאַרן-פאָלק Huiracocha אָדער Viracocha, „דער אומבאַקאַנטער גאָט", פון ים און וואַסערן אויפן שטייגער פון סומערישן

איז געווען דער שטאַט-סדר און אויך וואָס האָט ער זיך געשטיצט? וואָס זענען אַזוינס היאַקאָס? אַוואָסער איז געווען די באַציונג צו די געשטאָר-בענע? ווו און ווי אַזוי האָט מען זיי באַגראָבן? אין וואָס באַשטייט די

אָנעס. יענער Viracocha „דער אומבאַקאַנטער גאָט”, איז געווען פאַרערט אויך דורך די אינקער. זיין אַנדערער נאָמען פאַטשאַקאַמאַק (Pachacamac) באַטייט „דער, וואָס גיט לעבן דער גאַנצער וועלט”. עס האָט זיך אויפבאַהאַלטן דער הימן צו אים אין דעם קוויטשואַ-דיאַלעקט, וועלכער ווייזט אָן אויף די העכערע השגות פון דער גאָטהייט בא די אינקער איידער די געוויינלעכע נאַטור-באַגריפן. צוויי שטעט אויפן ברעג, רימאַק און פאַטשאַקאַמאַ, האָבן געהאַט צוגלייך טעמפלען, וועלכע האָבן געשמט מיט זייערע אָראַקלען. דאָ האָט געוווינט אַ פאָלק, וואָס איז ראַסיש און שפּראַכלעך דערזעלביקער, וואָס אויף דער הויכעניש. בא די אין י. 1911 דורכגעפירטע אויסגראָבענישן אין דעם טשיקאַמאַ-טאָל נאָענט פון טרוילאַ אויף די מערבדיקע שיפועים פון די אַנדן האָט מען דאָ אַנטדעקט שפּורן פון אַ זייער אַלטערטימלעכער (מחמת זי גרייכט 5 ביז 10 טויזנט יאָר צוריק) ציוויליזאַציע אין געשטאַלט פון טעפּער-אויסאַרבעטונגען. אויך דידאָזיקע אַנדעאַנער-פעלקער האָבן געהאַט זייער שריפט, אָבער פון אַן אַנדער מין, ווי די בילדשריפט, דאָס איז די א. ג. קנופּנשריפט, מחמת זי באַשטייט פון קניפּן פון פאַרשידענער לענג, גרעב ווי אויך באַפאַרבונג. זי האָט געדינט צו פאַרגעדענקען די דאַטעס, פאָרפאַלן, ווי אויך די צאָלן און דערמאָנט אָן אַן אַנאַלאָגישן מין שריפט בא די כינעזער. די געשיכטע פון די אינקער, הגם זי באַזיצט נישט קיין שום שריפטלעכע דענקמעלער, איז איבערגעגעבן אין י. 1572 דורך דעם שפּאַניער סאַרמיענטאָ אויפן יסוד פון אַ מינדלעכער מסורה פון די מיטגלידער פון דעם אַמאָל הערשנדיקן אינקער-שטאַם, וועמעס נאָכקומער לעבן נאָך אפילו היינטצוטאָג.

זון-רעליגיע? אויאָסערע זענען געווען אירע פאָרשטעלונגען? ווי זענען פאַרבליבן די רעשטלעך פון דעם זון-טעמפּל? סאַראַ ראָלע האָבן ג״י שפּילט די אַסטראָנאָמישע חשבונות אין דעם לעבן פון די איינוווינער?

§ 29 אויסטראַלאַזיע און די אָקעאַנישע ראַסן

דער גאַנצער שטח פון אָקעאַן אויף דרום-מזרח פון אַזיע איז באַזייט מיט אינזלען, אָנהויבנדיק פון מאַדאַגאַסקאַר אַזש ביז דער א. ג. מזרח-אינזל, וועלכע ליגט אויף אַ מהלך פון 3200 קמ. פון דרום-אַמעריקע. דערדאָזיקער שטח אינזלען מיט דער גרעסטער צווישן זיי ניי-האָלאַנד אָדער אויסטראַליע, וועלכע מאַכט אויס לויט איר פאַרנעם אַ פינפטהלק פון דער וועלט, איז נישט לאַנג, מחמת ערשט מיט דריי יאָרהונדערטער צוריק אַנטדעקט געוואָרן און איז נאָך עד-היום געאָגראַפיש נישט פולשטענדיק אויסגעפאָרשט. זי האָט אַמאָל געטראָגן דעם נאָמען אָקעאַניע, הגם איר אייגנטלעכער נאָמען, וועלכער איז איינגעפירט געוואָרן דורכן ענגלישן געלערנטן וואלאס וואָלט געווען אויסטראַלאַזיע. דערדאָזיקער לעצטער טערמין אַנטשפּרעכט דער טאָפּעלער אייגנשאַפט פון דאָזיקן שטח: ראשית בילדן זיינע אינזלען דעם דרומדיקן המשך פון אַזיע, והשנית גרופּירן זיי זיך אַרום דער באַרימטסטער צווישן זיי. אויסטראַליע. אַ גענויער פונאַנדערטייל פון דאָזיקן אינזלדיקן געביט אונטערשיידט אין אים פיר הויפּט-גרופּעס: מאַלאַיזיע — די אינזלען צווישן אַזיע און אויסטראַליע, צוזאַמען מיט די גרויסע אינזלען אויפן אינדישן אָקעאַן, ווי יאַוואַ, סומאַטראַ, באָרנעאָ, פיליפּינען; מיקראָנעזיע — די אינזל-גרופּע אויף דרום-מזרח פון יאַפּאַן און כינע ווי מאַריאַנישע, מאַרשאַלישע און קאַראָלינישע אינזלען. דעם רעשט פון דאָזיקן פּאַציפיק-געביט בילדן צוויי גרופּעס: די מערבדיקע — מעלאַנעזיע און די מזרחדיקע — פּאָלינעזיע. פיל פון דידאָזיקע אינזלען זענען שאַפונגען פון דער וואולקאַנישער קראַפט, וועלכע ווירקט אומאויפהערלעך אויף די ברעגעס פון פּאַציפיק. אייניקע פון זיי האָבן זיך פריש דערהויבן פון דער

אוואָסער איז געווען דער סיסטעם פון בויען פעסטונגען? סאַראַ איז די לעגענדאַרישע געשיכטע פון די אינקעד? פונוואַנען שטאַמט דער גרינדער פון זייער דינאַסטיע? סאַראַ חורבות זענען פאַרבליבן אין די געגנטן פון דער טיטיקאַקאַ-אָזערע, און ווען שרייבט מען זיי צו? אוואָסער איז געווען

טיפּעניש פון אָקעאַן, אַנדערע קומען אום אין אים און ווערן פאַרפאַלן. אין געאָלאָגישער הינזיכט שטעלן מיט זיך אָט די אינזלען פאָר נאָך דידאָזיקע איינע אייגנשאַפט, וואָס פיל פון צווישן זיי פאַרדאַנקען זייער אַנטשטייונג דער אַרבעט פון די ברואימלעך (מאַדריפּאָרן), וועלכע בילדן די א. ג. קאָראַלן-בענק. וויבאַלד די ווינטן, רעגנס, ים-שטראָמען טראָגן-אָן אינמיטן פון דידאָזיקע בענק אַביסל ערד און צמחים דאַן ווערט דאָ געבוירן לעבן. דאָס זענען אָבער נידריקע אינזלען, באַוואַקסן פון וואַסער און קאַרגע אין צמחים. טיילמאָל אָבער רינגלען אַזעלכע קאָראַלן-בערג אַרום אין געשטאַלט פון אַ קראַנץ אַ טעטיקן אָדער אויסגעלאָשענעם ווולקאַן. דאַן אַנטשטייען הויכע אינזלען, וועלכע קאָנען בנוגע זייער פּרוכטבאַרקייט און שפּעדיקייט ריוואַליזירן מיט די פּרעכטיקסטע אָקעאַן-אינזלען, ווי די אַנטילן. אומעטום אויף דידאָזיקע אינזלען איז דער קלימאַט אונטערן איינפלוס פון דער אָקעאַן-שכנות אַ מילדער; און די איינציקע צייט אין יאָר איז דער פרילינג. עס וואַקסן דאָ פּאַלמעס און פּרוכטביימער פון כלערליי מינים, פון זיי זענען די באַרימטסטע דער ברויטבוים, וועלכער דערגרייט צו אַ הויך פון 15–16 מ, וועמעס פּרוכט באַזיצט אַ מעליקע דערנערנדיקע סובסטאַנץ, וועלכע טויג פּונקט אַזוי צום באַלדיקן עסן, ווי צום טרוקענען. די חיות-וועלט דערקעגן איז פיל אָרעמער. אין אַלגעמיין איז וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון די ברעגעס פון אַזיע צו דרום, אַלץ מער לאָזט זיך באַמערקן דער מאַנגל אין פאַונע, בפרט אין זויגחיות; אָקעגן-זשע איז דאָ פאַראַן אַן איבערגעוויכט פון אָרכאַישע אורפאָרמען, וועלכע עס בילדן, ווי אין אויסטראַליע, מערקווירדיקע באַשעפענישן, אַשטייגער ווי דער קאַנגור, אָרניטאָרינקס א. ד. ג. די מענטשן-ראַסע אויף דידאָזיקע אינזלען באַגעגנט מען אויך נישט ערגיץ אַנדערש. אירע צוויי הויפּט-מינים זענען: די טונקעלע ראַסע — מעלאַנעזיער, וועלכע ווערן אויך אָנגערופן

די ציוויליזאַציע אויף די ברעגעס, און ווי אַלט זענען אירע שפּורן? סאַראַ מין שריפט איז געווען? וואָס איז אַזוינס קנופּן-שריפט? און וועמעס איז די עלטסטע געשיכטע פון די אינקער? וועלכער וועלט-שטח איז צום שפּעטסטן אַנטדעקט געוואָרן? ווי איז זיין נאָמען? וואָס באַטייט

אויף מאַלאַיִש פּאַפּואַסן, און די ברוינע ראַסע — די פּאָלינעזיער. די דריטע, כמעט געלע מאַלאַיער-ראַסע, איז נאָר אַ מין מאָנגאָלישע ראַסע און באַווינט די אינזלען אין דרומדיקן המשך פון אַזיע אָדער מעלאַיזיע. די מעלאַנעזיער, וועלכע גייען אָן פאַר די אורערשטע איינוווינער פון די אינזלען, כמעט שוואַרצע מיט פלאַטשיקן נאָז, דיקע ליפּן און געקרייזלטע האָר, ובכן דערזעלביקער טיפּ, וואָס די נעגערס אין אַפריקע, מיט וועלכע זיי זענען אוודאי פאַרקרובישט. דער צענטער פון זייער באַישובונג איז ד' אינזל פון ניי-גווינעאַ. די פּאָלינעזיער, אַ ברוינע ראַסע, הויך און פּראָפּאָרציאָנעל געבויט, קאָנען אָנגיין פאַר דעם אַמייסטן ציוויליזירטן עלעמענט פון פּאַציפיק. די טיכטיקע שיפער בויען שיפן, וועלכע נעמען אין זיך אַריין צו 200 מענטשן, און פלעגן פאַרצייטנס אונטערנעמען נסיעות, אָריענטירנדיק זיך לויט די שטערן אָדער וואַסער-שטראָמען. זיי האָבן זייערע אָפּגעטער, אַ הויך געפיל פון רעליגיע, די טאַנגאַלאָאַ-גאָטהייט, וועלכע זיי רופן אָן „פאָטער פון אַלע געטער און באַשאַפער פון אַלע זאַכן": זיי פּראַווען פונקט אַזוי, ווי אַמאָל די אַצטעקן, אַ רעליגיעזן קאַניבאַליזם. צו זיי געהערן די מאאָריסן אויף ניי זעלאַנד, די איינוווינער פון די מארקיזן-סענדוויש- און סאַמאָאַ-אינזלען און די טאַטער. די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע האָט באַלד אויף זיי פאַטאל געווירקט אַזוי, אַז זיי זענען מתחילת אויסגעשטאָרבן; די ייעניקע אָבער, וואָס זענען ניצול געוואָרן, זענען אַרויפגעטרעטן אויפן וועג פון נאָרמאַלער אייראָפּעישער אַנטוויקלונג. אָטאָ-די טאַקע פּאָלינעזיער באַטראַכטן טייל פאַר אַ צווייג פון דער ווייסער ראַסע, וועלכע האָט פונקט ווי די מאַלאַיער, אַ צווייג פון דער געלער ראַסע, אַרויסגעוואַנדערט אַמאָל פון אַזיע מיטן וועג אויף אינדאָ-כינע און מאַלאַישן אַרכיפּעלאַג (אויסגאַנגס-פונקט סומאַטראַ), אין פאַרנומען די אינזלען פון פּאַציפיק ביז צו דעם ווייטסטן מורחדיקן ראַנד, אינדערצייט ווען די מאַלאַיער, אַ מאָנגאָלישער-

---

אויסטראַלאַזיע? וואָסער איז די לאַגע פון די אינזלען און סאַרא גרופּעס בילדן זיי? סאַראַ איז דער געאָלאָגישער אונטערשלאַק פון דער מערהייט אינזלען? וואָס זענען אַזוינס אַנטילן? סאַראַ איז דער קלימאַט? וואָסער איז די געוויקסן- און חיות-וועלט? וואָסער איז די באַפעלקערונג און ווי-

טיפּ, זענען אָנגעקומען שפּעטער און פאַרנומען דעם מערבדיקן
ראַנד. די מעלאַנעזיער, פּאַפּואַסן און אויסטראַליער וואָלטן בכן
געווען די אורשפּרינגלעכע באַפעלקערונג, וועלכע ס'האָבן אָנגע-
טראָפן די איינוואַנדערער, און מיט וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעמישט.
טייל זענען אין דידאָזיקע קדמוניתדיקע איינוואוינער פון די אינזלען
די רעשטלעך פון דער אַרכאַישער ראַסע, די א. ג. פּראָטאָמאַ-
לאַיער. דידאָזיקע דרומדיקע וואַנדערונג פון דער ווייסער ראַסע,
ווי אויך די איר אַנטשפּרעכנדיקע צפונדיקע פון דער טיף פון
אייראָפּע, איבער סיביר, מאָנגאָליע, קאָרעע ביז יאַפּאַן, ווו די
רעשטלעך פון דעם ווייסן טיפּ זענען די איינאָסן, די אוראיינ-
וואוינער פון יאַפּאַן, וואָלט אויסגעפאַלן אין אַ זייער פריער
תקופה פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, אין דער א. ג.
שטיין-תקופה. קיין שום שפּראַכלעכער קשר צווישן דערדאָזיקער
אַלטערטימלעכער ווייסער ראַסע און דער היינטיקער איז נישט
פאַראַן. פאַרקערט, די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטילן און אינ-
דישן אָקעאַן, אָנהויבנדיק פון מאַדאַגאַסקאַר אַזש ביז דער מזרח-
אינזל, אַפילו די מאַלאַיער, האָט איצט אַן איינהייטלעכן שפּראַכלעכן
טיפּ. דאָס איז אַ פּילטראַפּיקע שפּראַך, וועלכע אונטערשיידט זיך
דערמיט פון דער איינטראַפּיקער כינענישער, וואָס די אויסדריקן
באַשטייען פון פיל, דערהויפּט אָבער פון צוויי טראַפּן, און אַז
די פאַרטאָפּעלונג פון דעם טראַף באַטייט אָפט אַן ענדערונג פון
דער באַדייטונג פון אויסדרוק. און אָט באַגעגנט מען אַפילו דאָ
אויפן שטילן ים, אויף די אינזלען ,אָנהויבנדיק פון דער מזרח-
ז׳יקער אַזש ביז די קאַראָלינען, אויף אַ שטח פון פיל טויזנטער
מײַלן (אויף די אינזלען פּיטקערן, טאַהיטי, מאַרקיז, טאָנגאַ
אָדער פריינטלעכע, קאַראָלינען, מאַריאַנישע און גזלנישע) מעגאַ-
ליטישע דענקמעלער, וועמעס אָפּשטאַם סקאָנען צומאָל די איינהיימישע
אַליין נישט באַצייכענען, און וועמעס פאַראַנזיין איז אַ לאַנגע
צייט געוואָרן פאַרלייקנט, אָבער איז היינט פעסטגעשטעלט מיט

לאַנג באַווינט? סאַראַ זענען די שאַטירונגען פון דער אינזל-ראַסע?
וואָסערע זענען די השערהדיקע וואַנדערונגען פון די אָקעאַנישע פעלקער?
סאַראַ צומיש ; פון דעם געלן און ווייסן טיפּ? אויף סאַראַ צייט-תקופה
פאַלן אויס די וואַנדערונגען פון דער ווייסער ראַסע? סאַראַ איז דער

דער גאַנצער זיכערקייט און בילדעט איינס פון די אינטערעסאַנטסטע רעטענישן פון דער פּאַציפיק-ציוויליזאַציע.

§ 30 די מעגאַליטישע דענקמעלער פון פּאַציפיק

שוין די ערשטע אנטדעקער פון די פּאָלינעזיע-אינזלען, די רייזנדער קוק און לאַ-פּערוז, אין דער צווייטער העלפט פון XVIII י. ה. האָבן אָנגעטראָפן אויף דער מזרח-אינזל אָדער ראַפּאַנוי, וועלכע ליגט אויף מערב פון פּערו און טשילי, און באַשריבן זייערע דענקמעלער. דאָס זענען קאָלאָסאַלע מענטשלעכע סטאַטועס, אויסגעשניצט פון גראָער טראַכיט-לאַווע. ס'רוב פון זיי שטייען אויף אַ פּלאַטפאָרם אַקעגן דעם אָקעאַן, גלייך ווי מיטן צוועק אָפּצושרעקן די איבערפאַלער. די גרעסטע פון זיי דערגרייכט צו אַ הויך פון 70 פוס, און טייל פון זיי וועגן ביז 250 טאָן. דאָ באַגעגנט מען שפּורן פון טעראַסן פון מעגאַליטישע שטיינער, ווי אויך בנינים באַצירטע מיט באַרעליעפן אין געשטאַלט פון חיות אָדער מיט געאָמעטרישע אָרנאַמענטן. די גרעסטע ענלעכקייט פאַרראַטן דידאָזיקע איבערבלייבן צו די סקולפּטורן און דענקמעלער פון די איימאַרן אין פּערו, הגם קיין שום פאַרקער-מיטלען, אפילו די היינטצייטיקע, וואָלטן נישט גענוג געווען אויף זייער איבערפירונג, און הגם קיין שום באַציונגען צווישן די פעלקער פון פּאַציפיק און דרום-אַמעריקע, וועלכע ליגט אויף אַ מהלך פון 3200 קמ. זענען היסטאָריש נישט באַקאַנט. די איינוווינער פון דערדאָזיקער אינזל זענען די פּאָלינעזיער, וועלכע האָבן אויפגעהיטן די מסורה וועגן זייער אָנקום אויף צוויי שיפן: אין איינער איז געווען דער

שפּראַך-טיפּ? וואָס זענען אַזוינס פּילטראַפיקע שפּראַבן? אַוואָסערע זענען די מעגאַליטישע דענקמעלער אויף די אינזלען פון פּאַציפיק? וואָסער איז דער כאַראַקטער פון די סטאַטועס אויף דער מזרח-אינזל? סאַראַ זענען די מעגאַליטישע בנינים אויף די קאַראָלינען? מיט וואָס שטעלן זיי פאָר אַן אַנאַלאָגיע? וואָס איז אַזוינס

קיניג האָטו מעטוא, וואָס באַטייט אין דער שפּראַך פון די איינהיימישע „קינדערוייכער פּאָטער", און אין דער צווייטער — די מוטער פון די מלכים. וועלכע האָבן אָנגערופן דידאָזיקע אינזל: "Te pito fenua„ ד. ה. דאָס „לאַנד אינמיטן ים".

מאָנאָליטישע סטאַטועס אויף דער מזרח־אינזל

אָבער אויך זיי וויסן נישט, דורך וועמען דידאָזיקע דענקמעלער זײַנען אויפגעשטעלט געוואָרן. פונקט אַזעלכע מעגאַליטישע בנינים באַגעגנט מען אויפן קעגנאיבערדיקן ראַנד פון פּאַציפיק, אויף אַ מרחק פון 3600 קמ פון יאַפּאַן אין דער גרופּע פון די

קאַראָלינען-אינזלען: אויף דער אינזל לעלע אַ ציטאַדעל מיט ציקלאָפּישע מויערן, צאַלרייכע קאַנאַלן און ים-האַפנס. אויף דער צווייטער אינזל פּאָנאַפּע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „ווענעציע פון פּאַציפיק” „זענען דידאָזיקע בנינים נאָך מער כאַראַקטעריסטיש, מחמת מ'פלעגט זיי אויפשטעלן אויפן וואַסער, נישט אויף דער יבשה. אַ מעכטיקער וואַל פון באַזאַלט-בלאָקן 25 פוס די לענג און 8 פוס אין אומפאַנג, אויף אַ שטח פון 4 קמ פאַרהיט פון דער ים-זייט די שטאָט, וועלכע איז פונאַנ-דערגעלייגט אויף אינזעלעך, אויך באַפעסטיקטע, אין דער צאָל פון לערך 50 צווישן די לאַגונעס; אויך דאָ זענען פאַראַן שפּורן פון אַ פעסטונג. טעראַסן און אפילו פּיראַמידעס מיט אַ פלאַט-פאָרם אינדערהויך אויפן שטייגער פון די מעקסיקאַנישע טעאָ-קאַליס, און די פּאָנאַפּעער גיבן אָפּ, אויפן שטייגער פון די פּערואַנער, כבוד די גייסטער פון די אבות (ani) אין געשטאַלט פון חיות, ביימער און פייגל, וועמעס קערפּערס דינען זיי פאַר וווינונגען (tan-waar) אויפן שטייגער פון די פּערואַנישע הואַקאַס, און דעם אַלטערטימ׳, עכן נאָמען פון דעם קיניג אָדער פון דער דינאַסטיע טשאַו-טע-לער פירן טייל אַרויס פון דעם אויסדרוק „טשאו”, וועלכער באַטייט קיניג און זון. די בוימייסטער פון דידאָזיקע מויערן האָבן לויט זייערע מסורות געזאָלט זיין צוויי ברידער אָלאָ-סיפּא און אָלאָ-סאָפּאַ, דערביי ווערט דער לעצטער פאַרערט אין געשטאַלט פון אַ געוויסן פיש (קיטאַל), וועלכע איז הייליק און אומבאַרירלעך (טאַבו). אָטאָ-די אַלע בנינים ווערן צוגעשריבן נישט די פּאָלינעזיער, נאָר עפּעס אַן אויס-געשטאָרבענער ראַסע, וועלכע האָט פריער געהאַט פאַרנומען דידאָזיקע אינזלען אפשר אין דער שטיין-תקופה. מחמת גלייכ-צייטיק מיטן דאָזיקן רעטעניש פון פּאַציפיק איז פאַרבונדן אויך דאָס צווייטע רעטעניש פון דער קדמוניתדיקער אַנטוויקלונג פונם מענטש,

---

ווענעציע פון פּאַציפיק? אַוואָסער איז דער קולט פון די איינוווינער פון דער פּאַנאַפּע-אינזל און די לעגענדעס בנוגע דער אַנטשטייונג פון די ציקלאָפּישע מויערן? וואָס איז דאָס רעטעניש פון פּאַציפיק, און סאַראַ זענען די וויס:שאַ:טלעכע היפּאָטעזעס וועגן אורמענטש און וועגן וויגעלע פון דער ציוויליזאַציע?

וועמעס כלומרשטע רעשטלעך (pilhecantropus erectus) זענען אַנטדעקט געוואָרן אויף דער אינזל יאווא אין י. 1892, און דאָס רעטעניש פון דער ציוויליזאַציע-התחלה בכלל, פאַר וועמעס וויגעלע טייל געלערנטע זענען נוטה צו באַטראַכטן טאַקע דעמדאָזיקן שטח מאַלאַיזיע-אינזלען, וועלכע ליגן אויפן אינדישן און שטילן אָקעאַנען, אין די צייטן, ווען דידאָזיקע אינזלען האָבן נאָך אויפבאַהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דער אַזיאַטישער יבשה.

ביבליאָגראַפיע

צו דער אַלטערטימלעכער געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע פון מיטלאַזיע

T. Richthofen: China. Ergebnisse eigener Reisen und darauf gegründeten Studien. Berlin 1879.

K. E. Ujfalvy: Aus dem westlichen Himalaya. 1884

A. Szelągowski: Rasa zółta i cywilizacya środkowo-azyatycka.

צו דער געשיכטע פון כינע:

E. K. Parker: China, her history, dyplomacy and commerce.

A thousand years of the Tartars. 1895

R. Kennaway Douglas: China.

I. Legge: Confucius and Lao-tse. ארט. אין בריט. ענציקל. 10 אויפלאַגע.

H. Giles: China, her history ארט. אין בריט. ענציקל. לעצטע אויפלאַגע 1911.

W. Gilbert Walshe: China (Hartings Encyklop. of Religion and ethics.

Abel Rêmusat: Mélanges Asiatiques. 1852.
" Nouveaux mélanges asiatiques. T. I.
M. Brandt: Die Philosophie und der stadtsconfucianismus. 1898.
Fr. Hirth: Chinesische Studien. 1890.
J. M. de Groot: Die Religion der Chinesen,
W. Grube: Die chinesische Literatur (Hinneberg. Die Kultur der Gegenwart) 1909.

צו דער געשיכטע פון מיטלאַזיע און אירע באַציונגען מיטן מזרח:

E. B. Bunbury: A history of ancient geographie. 1879
W. Tomaschek: Kritik der ältesten Nachrichten über die skythischen Norden, T. I Über das Arimaspische Gedicht des Aristeas (Sitzber. Ak. in Wien. 1888).
A. v. Gutschmid: Die skythen (Kleine Schriften) B. III, 1892.
O. Franke: Beiträge aus chineschen Quellen zur Kenntniss der Türkvölker und Skythen Zentralasiens (Abh. Berl. Ak. 1904).
Vidal la Blanche: Les Vois de commerce dans la géographie de Ptolommée. (Compte rendu de l'Académie des inscriptions. T. 34).
A. Szelągowski: Daleki i blizki wschód w dziejach. (Ateneum polskie r. 1907).

צו דער געאָגראַפיע און געשיכטע פון אַלטערטימלעכן אינדיע:

W. W. Hunter: India. (אַרט. און ענציקל. 10 אויפלאַגע)
Z. A. Ragozin: Vedic India, 5 אויפל.
M. Elphinstone: The history of India, 3 Edit.
A. W. Smith: Asoka. Hastings. Encycl. of. religian anb ethics

צו דער געשיכטע פון דער רעליגיע:

J. Eggeling: Brahmanism. T.W. Rhys Davids: Buddhism (Brit. Enc.)

A. Hillebrandt: Brahman, H. Jacobi: Brahmanism, A. S. Geden: Buddha. (Hastings. Encycl. of religion and ethics.

H. Oldenberg: Buddha, sein Leben, seine Lehre, seine Gemeinde. 1881.

„ Indien und die Religionswissenshaft. 1906

„ Die Indische Religion.

R. Pischel: Die indische Literatur (Hinneberg, Die Kultur der Gegenwart) 1906

S. Beale: Travels of Fah-hian and Sung-yun, buddhist pilgrims from China to India.

צו דער געשיכטע פון אַמעריקע און פּאַציפיק:

Th. Waitz: Antropologie der Naturvölker B. III–IV

A. Réville: L'histoire de réligion I. Les réligions des peuples noncivilizés. T. II. 1883.

E. H. Keane: Asia. America. Australia. C. R. Markham: Andeans. Hastings. Enc. of rel. and ethics.

E. B. Taylor: Civilisation of Mexico (Brit. Enc.).

C. R. Enock: The secret of the Pacific. 1912.

צו דער געשיכטע פון קונסט:

S. Lévi: La Gréce et l'Inde (Rev. des ètudes grecques). 1891.

M. A. Matheus: The history of architecture, V. A. Smith: Hindu art and architecture, L. H. Gray: American art und architecture. Hastings. Enc. of rel. and ethics.

A. Foucher: Les bas reliefs grèco-bouddhiques du Gandhara. 1905

M. Palèologue: L'art chinois. 1910.

M. Maindron: L'art indien. 1898.

L. de Milloué: Guide illustré au musée Guimet 1905

אינהאַלט

זייט

הקדמה 5

אריינפיר

§ 1 די לערע פון געשיכטע 7
„ 2 פּראַגמאַטיזם . . . .
„ 3 הילפס-לערעס פון דער געשיכטע . . . 8
„ 4 דענקמעלער און היסטאָרישע מקורים . . 9
„ 5 ציוויליזאַציע 10
„ 6 די איינטיילונג פון דער געשיכטע אויף תקופות . 10
„ 7 די תקופות פון דער אַלגעמיינער געשיכטע . . 11
„ 8 אַלטערטום. 12
„ 9 מזרח און מערב 12

עגיפּטן

§ 1 געאָגראַפישע לאַגע 16
„ 2 דער טייך נילוס. 16
„ 3 די אויספלייצונג פון טייך נילוס . . . 17
„ 4 די גאַטור און באַפעלקערונג 19
„ 5 דער אָנהויב פון לעבן אין עגיפּטן און די איינטיילונג פון לאַנד אויף טיילן . 21
„ 6 די אַלטערטימלעכע עגיפּטער און די גאָטהייט פון נילוס . 22
„ 7 דענקמעלער פון עגיפּטן און עגיפּטאָלאָגיע . . 23
„ 8 די עגיפּטישע שריפט 24
„ 9 די געשיכטע פון עגיפּטן 26
„ 10 די עלטסטע דענקמעלער. די פּיראַמידעס . . 26

§ 11 די אַלטערטימלעכע עגיפּטישע קברים. . . 29
" 12 די רעליגיע און דער גלויבן אין אַ לעבן אויף יענער וועלט . 30
" 13 די נאָטהייט פון עגיפּטן 32
" 14 דער זון-מיטאָס 35
" 15 דער מיטאָס וועגן אָזיריס 36
" 16 דאָס לעבן אויף יענער וועלט . . . 37
" 17 די מעמפּישע מאָנאַרכיע. . . . 39
" 18 די פּאָליטישע אָרדענונג פון עגיפּטן . . . 41
" 19 טעבאַנשע מאָנאַרכיע 43
" 20 טעבן און אויבער-עגיפּטן 43
" 21 די מיטלעלטערלעכע טעבאַנישע מאָנאַרכיע . . 45
" 22 דער איבערפאַל פון די היקסן 46
" 23 די נייצייטיקע תקופה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע 47
" 24 די 18-טע דינאַסטיע 48
" 25 די 19-טע דינאַסטיע 51
" 26 די 20-טע דינאַסטיע און די ירידה פון דער טעבאַנישער מאָנאַרכיע . 52
" 27 די טעבאַנישע קברים (היפּאָגעען) . . . 55
" 28 די טעמפּלען אין לוקסאָר און קאַרנאַק . . 56
" 29 די תקופה פון פונאַנדערפאַל 59
" 30 די סאַיטישע תקופה 60
" 31 דער סוף פון עגיפּטנס זעלבשטענדיקייט . 61
ביבליאָגראַפיע 62

בבל און אשור

§ 1 דאָס לאַנד פון די צוויי טייכן. . . . 64
" 2 די טייכן פרת און חדקל 67
" 3 דאָס לאַנד מעסאָפּאָטאַמיע. דרומדיקע טייל . . 68
" 4 דאָס לאַנד מעסאָפּאָטאַמיע. צפונדיקע טייל . . 70
" 5 בבלי-אשורישע דענקמעלער 72
" 6 אַשוראָלאָגיע 73
" 7 קלינעסשריפט 75

§ 8	באפעלקערונג און שפראך	76
„ 9	סומערער	77
„ 10	בבלישע רעליגיע	79
„ 11	בבליש-אשורישע טעמפלען	81
„ 12	בבלישע מיטן	82
„ 13	אסטראלע גאטהייטן	83
„ 14	בבליש-אשורישע רעליגיעזע קונסט	84
„ 15	די עלטסטע היסטארישע לעגענדעס	85
„ 16	לעגענדע וועגן מבול	86
„ 17	די לעגענדעס וועגן גילגאמעשן	87
„ 18	די פירשטן-כוהנים אין כשדים	89
„ 19	דאס קיניגרייך סומער און אכד	90
„ 20	די בבלישע אלטערטימלעכע מאנארכיע	92
„ 21	די התחלות פון אשור	94
„ 22	דער איינטייל פון דער היסטאריע פון אשור	96
„ 23	די אורערשטע אשורישע מאנארכיע	96
„ 24	ארגאניזאציע און קריגס-קונסט בא די אשורים	98
„ 25	די מיטלאלטערישע מלוכה	99
„ 26	די סרגונישע מלוכה	101
„ 27	די אשוריש-בבלישע קונסט	105
„ 28	דאס ניי-בבלישע אדער כאלדעישע קיניגרייך	107
	ביבליאגראפיע	109

סיריע און פאלעסטינע

§ 1	אלגעמיינער כאראקטער פון לאנד	111
„ 2	די פעלקערשאפטן	115
„ 3	די סעמיטישע קולטור	116
„ 4	די רעליגיע פון די סעמיטן	118
„ 5	פעניציע און פעניציאנער	122
„ 6	פאליטישער און געזעלשאפטלעכער סדר	124
„ 7	די מיטאלאגישע געשיכטע פון פעניציע	127
„ 8	דאס קיניגרייך צידון	129
„ 9	די הערשאפט פון צור	130

§ 10 פעניצישע קאָלאָניעס 134
" 11 פעניצישע שריפט 137
" 12 דאָס לאַנד כנען און זיינע איינוואוינער . . 139
" 13 דער שבט בני-ישראל 140
" 14 די היסטאָרישע התחלות פון ישראל . . . 141
" 15 געזעצגעבונג און דת-משה 142
" 16 די יידן אין לאַנד כנען 144
" 17 די תקופה פון די שופטים — די העלדישע . . 145
" 18 די פלשתים און זייערע מלחמות מיט די יידן . 147
" 19 דאָס יידישע קיניגרייך. דוד 148
" 20 דער קיניג שלמה 150
" 21 דער בית-המקדש אין ירושלים. . . . 150
" 22 די פאָלגן פון שלמהס הערשאַפט . . . 154
" 23 די ירירה פון יידישן קיניגרייך . . . 154
" 24 די מלחמות פון אשור און עגיפטן וועגן דער
הערשאַפט איבער סיריע און פאַלעסטינע . 155
" 25 מלכות ישראל 156
" 26 דער נביא עמוס און דער יידישער דת . . 158
" 27 דער סוף פון מלכות ישראל 159
" 28 מלכות יהודה. דער נביא ישעיה . . . 160
" 29 דער אונטערגאַנג און חורבן ירושלים . . . 162
" 30 די שריפטן פון די כוהנים. די נביאים עזרא און נחמיה 164
ביבליאָגראַפיע 166

קלײנאַזיע

§ 1 געאָגראַפישע לאַגע 168
" 2 די חתים 171
" 3 חתישע דענקמעלער 173
" 4 חתישע שריפט און שפראַך 175
" 5 די חתישע רעליגיע 176
" 6 די באַצווינגונגען און דער האַנדל מיט די חתים . 179
" 7 די ערשטע פעלקער-וואַנדערונג . . . 183
" 8 די קעפטן און די פעלקער פון „איבערן ים" . 185

§ 9 די פריגיער און די טאַלאַסאָקראַציע פון מינאָס . 187
„ 10 די דענקמעלער פון פריגיע און די רעליגיע פון
אירע איינוווינער 188
„ 11 לידיע און די מלוכה פון די מערמנאַדן ; . 191
„ 12 די קונסט אין קליינאַזיע 194
ביבליאָגראַפיע. 197

איראַן און טוראַן

§ 1 דאָס הויכלאַנד איראַן 199
„ 2 דאָס נידערלאַנד טורקעסטאַן 202
„ 3 די אַריער 205
„ 4 די אַרישע אַלטערטימלעכע שפּראַך-דענקמעלער . 206
„ 5 שפּראַכנקענטעניש און פאַרגלייכנדיקע פילאָלאָגיע . 209
„ 6 דער סאָציאַלער אוןווירטשאַפטלעכער סדר פון
די אַריער . 211
„ 7 די אַרישע רעליגיע 213
„ 8 אַרישע גאָטהייטן 215
„ 9 בראַמאַניזם און אינדישע קאַסטעס . . . 218
„ 10 מאַזדעיזם און זאַראַטהוסטראַ . . . 221
„ 11 די סקיטן און די טוראַנישע פעלקער . . . 224
„ 12 די איבערפאַלן פון די סקיטן און קימריער . . 227
„ 13 די מעדיער 229
„ 14 כורש און די פערסער 230
„ 15 די באַצווינגונגען פון כורשן און די פערסישע מאָנאַרכיע 232
„ 16 קאַמביזעס און די באַצווינגונגען פון עגיפּטן . . 234
„ 17 דער פערסישער אויפשטאַנד. גאַוטאַמאַ און דריוש.
בעהיסטונישער אויפשריפט . 236
„ 18 די אָרגאַניזירונג פון דער פערסישער מלוכה
דורך דריושן . 238
„ 19 דער פערסישער הויף און די דערציונג פון דער יוגנט. 241
„ 20 דער מלחמהצוג פון דריושן אויף די סקיטן און די
באַצווינגונגען פון די פערסער אויף מערב . 243
„ 21 די חורבות פון פאַסאַרגאַד און פערסעפּאָליס . . 245

§ 22 די פערסישע קונסט. קאַלימנע און מאַיאָליק . . 248
ביבליאָגראַפיע 252

אינדיע, כינע און דער פאַציפיק

§ 1 דריי ציוויליזאַציע-טיפּן. 255
" 2 די מיטלאַזישע הויכעניש און אירע דורכגענג. . 259
" 3 די געלע אָדער מיטלאַזישע ראַסע . . . 262
" 4 כינע אָדער די צענטראַל-מלוכה . . . 264
" 5 אַלטערטימלעכע געשיכטע פון כינע . . . 266
" 6 די מיטלעלטערישע כינעזישע מאָנאַרכיע . . 269
" 7 קאָנפוציוס, דער שעפער פון דער כינעזישער אָפי-
ציעלער רעליגיע . 270
" 8 לאָא-טסע און דער כינעזישער טאאָיזם . . 273
" 9 דאָס ערשטע כינעזישע קיסרטום. די דינאַסטיעס
טסין און האַן . 276
" 10 די כינעזישע ציוויליזאַציע און די עלטסטע באַצי-
אונגען מיטן מערב . 279
" 11 היונג-נו און די אַלטערטימלעכע פעלקער פון מיטלאַזיע 281
" 12 די וואַנדערונג פון די אַלטערטימלעכע טערקישע
שבטים און די אינדאָ-סקיטישע מלוכות . 283
" 13 די עלטסטע וועגן פון מערב קיין כינע . . 285
" 14 די כינעזישע קונסט און ארכיטעקטור. . . 288
" 15 די געאָגראַפישע לאַגע פון אינדיע . . . 292
" 16 די ראַסן פון אַלטערטימלעכן אינדיע — די אריער
און איינהיימישע . 296
" 17 די בראַמאַנישע ציוויליזאַציע 299
" 18 סידהארטא גויטאמא און די לערע פון בודיזם . 302
" 19 די אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פון בודיזם.
קיניג אַסאָקאַ . 345
" 20 די אינדאָ-סקיטישע מלוכות. דער קיניג קאַנישקאַ
און דער לעצטער עטאַפּ פון דער אַנטוויקלונג
פון בודיזם . 307
" 21 די בודיסטישע קונסט און איר אַלגעמיין-אַזיאַטישער
כאַראַקטער . 310

2062

§ 22 די יבשה פון צפון- און דרום-אמעריקע און די
אמערינדן-ראסע . 315
" 23 די גרובן- און פעלזן-איינוואוינער . . . 319
" 24 די אלטערטימלעכע מעקסיקע. טאלטעקן און אצטעקן 321
" 25 די טעאקאלי. די רעליגיע און ציוויליזאציע פון
מעקסיקע . 324
" 26 די פעלקער פון יוקאטאן און שיאפאס. די ציווי-
ליזאציע פון די מאיער און קוויטשער . 326
" 27 די הויכעניש פון די אנדן און די אלטערטימלעכע
פעלקער פון די אנדעאנער . 328
" 28 די סאציאלע און מלוכהשע ארגאניזאציע פון די
אינקער. די רעליגיע און דענקמעלער . 330
" 29 אויסטראלאזיע און די אקעאנישע ראסן . . 334
" 30 די מעגאליטישע דענקמעלער פון פאציפיק . . 338
ביבליאגראפיע . . . . . .

פארבאנד ... יוניווערס... ארכיוו

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

MAY 30 '58
JAN 20 '75
MAY 28 '78
AUG - 9 1988
AUG 29 1989

2062

פּראָפ. א. שעלעצאַווסקי

אייצמ״ן געשיכטע

2062

ספריה עממית בטורונטו

יידישע
פאלקס ·· ביבליאטעק
א אנשע

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO